STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00318

MAYN LEKSIKON

Melech Ravitch

Permanent preservation of this book was made possible by
Morris Gould
in memory of
Lillian Plotkin Gould

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיין לעקסיקאָן

27

געזעצט און געדרוקט:

נאָרטערן פרינטינג און סטיישאָנערי

4844 סט. לאָרענס בלווד. — מאָנטרעאל

מלך ראַוויטש

מײַן לעקסיקאָן

II

יידישע
פּובליציסטן, זשורנאַליסטן,
אַקטיאָרן, מאָלער,
פּאַרטײַפירער, קולטורטוער
אין פּוילן
צווישן די צוויי גרויסע וועלט-מלחמות

★

מיט א וואָרט פון מחבר

אַרויסגעגעבן פון א קאָמיטעט אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע
1 9 4 7

פרעזידיום פון בוך-קאָמיטעט:

ל. ראָסקעס . . . . . פאָרזיצער
פ. ליפשיץ . . . . . סעקרעטאַר

* * *

די גאַנצע ברוטאָ-הכנסה פון ערשטן באַנד פון דעם בוך איז פאַרווענדעט געוואָרן אויף ארויסצוגעבן דעם דאָזיקן צווייטן באַנד. און די גאַנצע ברוטאָ הכנסה פון ביידע ביכער (נאָכן אראָפּרעכענען בלויז די פּאַפּיר, דרוק, בינד, פּאָרטאָ-קאָסטן) וועט—לויט דעם ווונש פון מחבר און איינווילּיקונג פון קאָמיטעט — אוועקגעגעבן ווערן אויף פאָנדן צו העלפן די יידישע שרייבער מעבר לים.

* * *

אדרעס פאר די ענינים פון דעם בוך:

P. LIPSHITZ (M.R.-BOOK)
4099 Esplanade Avenue
Montreal, Canada

איך וויל ביי דער געלעגנהייט דאנקען דעם קאָמיטעט, וואָס האָט מיר צוגעהאָלפן ארויסצוגעבן דאָס בוך, באזונדערס דער פרוי מאַשאַ ראָסקעס, א טאָכטער פון ווילנער ביכער־פארלעגער, וואָס א דאנק איר איניציאַטיווע איז בכלל דער גאנצער פלאן צושטאנדגעקומען.

זוכצעטל

★

זײַט

7 א וואָרט פון מחבר

* * *

פובליציסטיק, װיסנשאַפט,
ליטעראַטור־קריטיק, פּעדאַגאָגיק

* * *

9 פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן
12 אברהם גאָלאָמב
15 שלמה גילינסקי
18 דר. אברהם גליקסמאַן
21 דר. אברהם יהושע העשל
24 נפתלי װײַניג
27 דר. מאַקס װײַנרײַך
30 יוסף יאַשונסקי
33 אַלעקסאַנדער כאַשין
36 שמואל לעהמאַן
39 אהרן מאַרק
42 מתתיהו מיזיש
45 נחמן מײַזיל
48 שלמה מענדעלסאָן
51 מאַקס עריק
54 יצחק יוסף פּויזנער
57 דר. שמחה פּיעטרושקאַ
60 לעאָ פינקעלשטײַן
63 שמואל לייב ציטראָן

זײַט

66 קאַװאַ
69 חיים שלמה קאַזדאַן
72 ב. קאַרליניוס
75 יהושע ראַפּאַפּאָרט
78 בנציון רובשטײַן
81 זלמן רייזען
84 דר. עמנואל רינגעלבלום
87 דר. יצחק שיפּער

* * *

פּראָזע

* * *

90 רחל אויערבאַך
94 מנשה אונגער
96 אימ״ן
98 יאַקוב אַפּענשלאַק
100 פּאָולינאַ אַפּענשלאַק
103 שלמה ביבער
105 דר. יהושע גאָטליב
107 אברהם גאָלדבערג
110 א. גראַפּמאַן
112 שמואל הירשהאָרן
115 יוסף העפּטמאַן
118 ש. זאַקס
121 בערנאַרד זינגער

זײַט

124 שמואל יעקב יאַצקאַן
127 א. ל. יאַקובאָוויטש
130 א. ס. ליריק
133 שאול י. סטופּניצקי
136 צבי פּרילוצקי
139 לאזאר קאהאן
142 בערל קוטשער
145 משה מיכל קיטאַי
148 נאטאן שוואלבע
151 ברוך שעפּנער

* * *

פּאַרטײַ, געזעלשאַפטלעכקייט

* * *

154 נתן בוקסבוים
157 יצחק גרינבוים
160 אַרטור (שמואל זיגעלבוים)
163 דר. משה זילבערפאַרב
166 זרובבל
169 א. ליטוואַק
172 יוסף לעשצינסקי (כמורנער)
175 ביינוש מיכאַלעוויטש
178 נח
181 הענריק ערליך
186 דר. יוסף קרוק
189 פּראָפעסאָר משה שאָר

* * *

טעאַטער, מוזיק מאָלעריי

* * *

192 אַברהם אָסטשעגאַ
195 יוליוס אָסקאַר
198 משה אַפּעלבוים
200 מרים אָרלעסקאָ
203 הענריק בערלעווי
206 יצחק ברוינער

זײַט

208 יוליוס גוטמאַן
211 הערץ גראָסבאַרט
214 רחל האָלצער
217 דוד הערמאַן
220 דר. מיכאל ווייכערט
224 יעקב ווייסליץ
227 זלמן זילבערצווייג
230 די פיר ברידער טורקאָוו
233 אַברהם מאָרעווסקי
236 מאוריצי מינקאָווסקי
239 א. סאַמבערג
242 קלאַרא סעגאַלאָוויטש
245 אסתר רחל קאַמינסקאַ
248 הענעך קאָן
251 יעקב ראָטבאַום
254 מ. שניאור

* * *

אין דער סביבה

* * *

257 דר. גרשון לעווין
260 דר. לייב לאַנדוי
263 דר. יוסף מיזעס
266 זעליג מלמד
269 חיים בזשאָזאַ
272 באָריס אַרקאַדיעוויטש קלעצקין
275 לילי פרישמאַן
278 די משפּחה שטאַבזיב
281 הענעך איש
284 אַברהם זיינפעלד
287 א. ברעסלער
289 מ. ד. ווידרעוויטש
291 יאַנקעלע דאַנציגער
294 אַרנאָלד
297 מיכל ריבייזן

א וואָרט פון מחבר

איך גיב מיר נאַטירלעך אָפּ א קלאָרן דין וחשבון וועגן די אומאַנגענעמ־ליכקייטן מיט וועלכע עס איז פאַרבונדן אַרויסצולאָזן אין א צערייצטער יידישער וועלט א זאַמלונג אינדיווידועלע פּען־פּראָפילן פון 187 יחידים (88 אין ערשטן באַנד, 99 אין צווייטן), וואָס יעדער פון זיי — אָדער כמעט יעדער — האָט געהאַט, אָדער האָט, זיין גרופּע אָנהענגער און חסידים, קעגנער און שונאים. און דאָך טו איך עס. איך טו עס ווי א חוב. אין דער הקדמה צום ערשטן באַנד האָב איך דאָס גענויער אויפגעקלערט. צען יאָרן לאַנג (1925־1934) בין איך געוועזן דער סעקרעטאַר פון דעם יידישן וואָרט־בינשטאָק, וואָס האָט זיך גערופן „פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן" אין וואַרשע אויף טלאָמאַצקיע 13. „טלאָמאַצקיע 13" איז היינט א שם דבר. אויך אַנדערע חברים האָבן שוין דעם חוב דערפילט און דערפולט. איך וויל באַזונ־דערס דערמאָנען דעם האַרציקן דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש.

אַז דאָס ערשטע בוך פון „מיין לעקסיקאָן" איז דערשינען האָט נאָך א גרויסער טייל פון איראָפּע געשמאַכט אונטער דעם שטיוול פון דעם נאַצי און אַסך ביטערע אמתן זענען נאָך געוועזן פאַרהוילן, חוץ דעם האָט דאָס ערשטע בוך אַריינגענומען בלויז בעלעטריסטן, ממילא מענשן וויניקער עקספּאָנירטע אין געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן, קינסטלער. דאָס בוך אָבער נעמט דאָך אַפילו אַריין א גאַנצע רייע אויסגעשפּראָכענע פּאָליטיקער. אוודאי פיל איך צו דעם אָדער יענעם פון די יחידים, וואָס זענען דאָ געצייכנט, אַן אידיאָסינקראַזיע, קיינמאָל אָבער נישט און צו קיינעם קיין האַס. עס ווילט זיך מיר נאָר אַלעמען פאַרשטיין און אַלעמען העלפן אָט די יחידים צו פאַר־שטיין און דורך פאַרשטיין די יחידים העלפן פאַרשטיין דאָס גאַנצע לעבן פון איבער־דריימיליאָניקן יידישן יישוב אין פּוילן צווישן די צוויי גרויסע וועלט־מלחמות. האָבן דאָך די אַלע יחידים, ווי די בינען געפלאַטערט איבער די פעלדער און וועלדער פון פּויליש־יידישן לעבן און צוזאַמענגעטראָגן אין זייער בינשטאָק דעם האָניג פון אָט די פעלדער־וועלדער. און בינען טראָגן דאָך סם אויך, ווען מען דאַרף זיך פאַרטיידיקן. דאָס באַלאַנגט דאָך צו דער נאַטור. כ'האָב זי נישט געוואָלט פעלשן.

איך האָב פאַרלאָזן פּוילן סוף 1934 — און דאָס בוך וויל רעקאָנסטרואירן א לעבעדיקע און פאַרצוויגטע משפּחה פון יידישע שעפערישע מענשן און נישט שטעלן א מאָנומענט אויף אַזויפיל קדושים־יחידים, אָדער בלויז זאָגן קדיש איבער א טויטער, הערליכער סביבה. און, אגב, א גרויסער טייל פון די דאָ באַשריבענע איז ביים לעבן, הגם נאָר יחידים, אויף די פינגער פון איין האַנט אויסצוציילן, געפינען זיך צווישן די נייבויער פון פּויליש־יידישן יישוב.

אייניקע פון די פּען־פּראָפילן האָבן — צוליב אלערליי סיבות — געמוזט קאָמפּלעטירט ווערן מיט פּאָסט־סקריפּטומס און איך האָב עס טאקע געטון.

אז עמיצער וועט קומען און וועט פאַרשטעלן דעם יישוב אין פּוילן ווי א יישוב פון לויטער מלאכים — וועט ער פעלשן. דעריבער טאקע איז מיר צום הארצן וואָס מען האָט גראד איצט איבערגעדרוקט אלחנן צייטלינס, וואָס איז אליין א קדוש, „אין א ליטעראַרישער שטוב" און אויך אין יענעם בוך ווערן די באשריבענע באהאנדלט ווי מענשן, מיט מעלות און חסרונות.

דאָס דאָזיקע בוך רופט זיך „מיין לעקסיקאָן", עס איז נישט מער ווי א בוך פון פערזענליכע זכרונות אין אן אלפאבעטישן סדר. איך האָב געשריבן נאָר און אויסלישסלעך וועגן מענשן, וואָס איך האָב אליין געקענט, אָדער עס האָט זיך מיר געדאכט, אז איך — זינדיקער — קען זיי. אין די צענדלינקער זענען די יחידים, באדייטיקע פּובליציסטן, זשורנאַליסטן, קינסטלער, פּאַרטיי־פירער (און אין ערשטן בוך איז עס אזוי געוועזן מיט דיכטער, דערציילער, דראמאטורגן), וואָס איך בין געוועזן מיט זיי באקאנט, אָבער אז איך האָב מיך געזעצט שרייבן וועגן זיי, האָב איך מיך איבערצייגט, אז איך קען זיי ווייניק. אסך נעמען פעלן דאָ. חלילה וחלילה נישט צוליב גרינגשעצונג צו קיינעם, אָדער באטראכטן ווער מען פאר נישט ראוי פאר אָט דער באשיידענער פּראָפילן־זאמלונג, נייערט צוליב צו ווייניק קענען דעם באטרעפנדיקן יחיד. איך האָב אפילו בדעה געהאט אויסצורעכענען דאָ די אלע נעמען, איך האָב אָבער אויפגעגעבן דעם פּלאַן, מחמת דאָס וואָלט נאָך מער פאַרקאָמפּליצירט דעם דעליקאטן ענין. און איך בעט טאקע דאָ אנטשולדיקונג ביי די טייערע לעבעדיקע חברים און פריינט און מחילה ביי די, וואָס ווייסן שוין דעם גרויסן אמת, פאר נישט געפינען זייערע נעמען אין דער רשימה פון דעם בוך. עס איז מיין שולד, מיין אומפעיקייט. איך בעט נישט אנטשולדיקונג און נישט מחילה ביי קיינעם פאר אלץ, וואָס איך האָב דאָ יאָ געשריבן, מחמת איך האָב אלץ געשריבן לויט בעסטן וויסן און געוויסן.

דער גאנצער „מיין לעקסיקאָן" איז באַרעכנט אויף אן ערך 400 נעמען. נאָך 125 פּען־פּראָפילן, חוץ די וואָס זענען אנטהאלטן אין די צוויי בענד, זענען שוין אָנגעשריבן, צום גרעסטן טייל אויך שוין געדרוקט אין צייטונגען. אפשר וועל איך זיי אלע אמאָל זאמלען אין ביכער. צוזאמען פיר בענד.

איך מוז אויך אין דער הקדמה באמערקן, אז בשעת די דאטעס איבער יעדן פּאָרטרעט זענען אלעמאָל די לעצטע לויט מיין וויסן — זענען די פּראָפילן גופא איבערגעלאָזן פונקט אזוי ווי זיי זענען לכתחילה געשריבן געוואָרן. אונטער יעדן פּראָפיל איז דאָ די באטרעפנדיקע דאטע.

מערץ 1947. מ. ר.

פובליציסטיק, וויסנשאפט, ליטעראטור-קריטיק, פעדאגאָגיק

פראָפעסאָר מאיר באלאבאן

1877 אין לעמבערג, זינט 1920 אין ווארשע, געבליבן און געשטאָרבן, אין נאָוועמבער 1942, מיט א נאָרמאלן, א „לוקסוק־טויט" אין געטאָ.

ער איז געווען אן אינטעגראלער טייל פון פוילישן יידנטום, פראָפעסאָר מאיר באלאבאן. ער איז געווען אין יעדן דור פון דעם דאָזיקן יידנטום און אין יעדן דור פונקט אזוי בכבודיק, ווי אן אלטער בוים טיף פארוואָרצלט אין דער ערד און ברייט־פארצווייגט אונטערן הימל. אז איך האָב ערגעץ אויף דער וויטער וועלט ארומרייזנדיק אין יאָר 1937 געלעזן אין פויליש־יידישע צייטונגען, אז מען פראווע באלאבאנס זעכציקסטן געבורטס־טאָג איז מיר געווען א חידוש, וואָס באלאבאן איז אמאָל געווען יונג און ווערט עלטער. אן אינטעגראלער טייל איז! זיין איז פאר אים כאראקטעריסטיש און נישט זיך באוועגן פון יונג צו אלט. איך האָב אים געקענט צענדליגקער יאָרן לאנג, פון מיין קינדהייט ממש און איך געדענק נישט, אז ער זאָל זיך ווען עס איז בייטן.

אָט אזוי האָט ער אלעמאָל אויסגעזען: בלאָנד, דיק, לענגלעכע, כאָטש דיקע פנים־שטריכן, אויך די שפיץ־באָרד זיינע איז געווען דיקער ווי אלע שפיץ־בערד און די וואָנסעס אויך עפּיס זאטער און צופרידענער ווי אלע אנדערע לאנגע וואָנסעס. א הארציקע צופרידנקייט מיט אלץ און מיט אלעמען האָט אייביק געווייעט פון דעם פנים. און אָנגעטון אייביק אין פולן שטאט און זעלטן אָן שירעם. א גייענדיק נייַנצנט יאָרהונדערט פון גאליצישן יידנטום. קומט ער אריין ווערט פול די שטוב מיט זיין פערזאָן, מיט זיין פערזענליכקייט און מיט די טויזנט און איינס מעשיות, וואָס ער ברענגט מיט זיך.

איך אליין האָב נאָך א באזונדערע סיבה געהאט צו האָבן דעם איינדרוק, אז באלאבאן איז א מין אייביקע אינסטיטוציע אין פוילישן יידנטום. אז איך בין אלט געווען ארום זעכצן יאָר און האָב מיך פארמאָסטן צו שרייבן א גרויסע ראָמאנטישע פּאָעמע פון דעם לעבן פון די ערשטע פוילישע יידן אין דריי־צעטן יאָרהונדערט בין איך נאטירלעך געגאנגען צום פראָפעסאָר באלאבאן נאָך עצות וועגן געשיכטלעכע קוואלן. געווען איז עס אין לעמבערג, העט ווייט פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה און עס דאכט זיך מיר, אז באלאבאן

האָט דעמאָלט פּונקט אַזוי אויסגעזען ווי ער האָט אויסגעזען אין יאָר 1934, ווען איך האָב אים געזען צום לעצטן מאָל. פּונקט אַזוי דיק, אַזוי גוט־מוטיק, אַזוי בלאָנד און גרוי צוזאַמען.

איך טראַכט מיר הײַנט: ווען איך וואָלט הײַנט צו מיר, דעם איבער-פּופּציק-יעריקן, אַרײַנגעקומען אַלס זעכצניעריקער ייִנגל נאָך אינפאָרמאַציע וועגן דרײַצעטן יאָרהונדערט ווײַל איך וויל שרײַבן אַ פּאָעמע פון יענע יאָרן, וואָלט איך מיר אַליין געגעבן אַ קיפּע אין יענעם אָרט, אויף וועלכן מען זיצט ווען מען שרײַבט אַזעלכע פּאָעמעס און וואָלט מיך אַרויסגעוואָרפן פון שטוב. נישט אַזוי אָבער האָט געהאַנדלט מיט מיר פּראָפעסאָר באַלאַבאַן. ער האָט מיך אויפגענומען מיט גרויסן ערנסט און מיר אויסגערעכנט אַזויפיל קוואַלן צו יענער געשיכטע, אַז איך בין ממש דערטראָנקען געוואָרן אין די בלויזע טיטולן — און אַלץ פון אויסנווייניק. געדאַרפט האָט עס זײַן אַ ליבעס־און קריגס־פּאָעמע און אין מײַן פאַנטאַזיע האָב איך שוין געזען ביקסן און האַרמאַטן . . . און אַזוי ווי דער קלוגער באַלאַבאַן וואָלט דורכגעבליקט דורך מײַן מוח . . . שוין ביי דער טיר, שוין בײַם אַרויסשווימען מיט מזל פון די געשיכטלעכע קוואַלן, זאָגט ער מיר: יונגער מאַן, נאָר פאַרגעסט נישט אין אײַער קריגס־ און ליבעס־פּאָעמע, אַז אין יענעם יאָרהונדערט זענען נאָך קיין ביקסן און האַרמאַטן נישט געווען, מאַכט נאָר נישט קיין געשיכטלעכן טעות . . . דעם גוטן פּראָפעסאָר, דעם וווּנדערלעכן היסטאָריקער, וואָס האָט די ייִדישע יאָרהונדערטער אין פּוילן נישט נאָר געזען ווי לעבעדיקע איבּיק פאַר זיך, נאָר אויך זיי געהערט ממש מיט די לעבעדיקע אויערן, האָט ווייניקער געקימערט די „קונסט" פון דעם זעכצניעריקן „פּאָעט", נאָר דער עיקר די געשיכטלעכע פּינקטלעכקייט . . .

דער עפּיזאָד איז בכלל כאַראַקטעריסטיש פאַר פּראָפעסאָר באַלאַבאַנס אופן פון שרײַבן געשיכטע. ער זעט דורך די פּרטים דאָס גאַנצע. ער איז אַ בעלעטריסטישער געשיכטע־שרײַבער. און עס איז אַ גרויסער שאָד וואָס כאָטש זײַן גאַנצע אַרבעט ווייקט ממש אין ייִדישן לשון, זײַן ספּעציאַליטעט זענען אַלערליי מאָנאָגראַפיעס פון ייִדישע שטעט אין פּוילן, ייִדישע פערזענלעכקייטן, נאָר ער אַליין ווייקט שפּראַכלעך אין פּויליש און אין דייטש. ייִדיש האָט ער כמעט נישט געשריבן, און נישט קיין סך איז געוואָרן איבערגעזעצט אין ייִדיש. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ גאַליציאַנער פּראָפעסאָר.

אַ הערלעך באַרעדעוודיקער ייִד איז ער געווען, מאיר באַלאַבאַן. דער אויסדערוויילטער שמועסער פון אויסדערוויילטן פּאָלק. טאָמער באַגעגנט מען אים אויף דער גאַס און עס איז ווינטער, ווערט מען שוין פאַרפרוירן ווערן, טאָמער רעגנט ווערט מען זיך זיכער פאַרקילן, טאָמער שײַנט די זון

וועט איר זיך אָפּברענען ווי א נעגער איידער באלאבאן וועט אייך אָפּלאָזן פון זיין קליינעם שמועסל אויף איין פוס . . . טאָמער הויבט איר אָן מיט דעם פראָפעסאָר צו רעדן אויפן טעלעפאָן קענט איר שוין זיין זיכער, אז דער שמועס וועט זיך נאָר דעמאָלט ענדיקן ווען די טעלעפאָן־צענטראלע וועט אים איבערייסן. און אינטערעסאנט זענען די שמועסן געווען, אוי ווי וואונדערלעך אינטערעסאנט. די שעהן זענען געפלויגן ווי מינוטן . . . ביים דריטן זאָץ פון שמועס נעמט אייך שוין באלאבאן ערגעץ אין א ווינקל פון זיבעצעטן יאָרהונדערט פון יידישער געשיכטע אין פוילן, און אין יעדן ווינקל איז ער אין דער היים, זעט אים לעבעדיק פאר זיך. און יעדן זאץ חזרט ער איבער און פאַסמאקעוועט זיך אין דייטש, אין פויליש און אין פיינסטן, געווירציקסטן יידיש פון לעמבערגער אונטער דער שיל. אָט מאָלט ער אן אינקוויזיציע־סצענע ווי ער האָט זי ערשט היינט שטודירט אין א פראָטאָקאָל פון אוראלטע ארכיוון. א ייד, וואָס איז באשולדיקט אין עלילת־דם. אן אויספּאָרש־סצענע אין א קעלער. נאָך היינט גייט מיר א סקרוך איבערן לייב פון אָט דער סצענע.

איך געדענק א לעקציע אין ליטעראטן-פאריין: יידן קומען קיין פוילן, הייסט זי. באלאבאן שילדערט אמאָליק געטאָ: אז א וואָגן פלעגט ארײנפאָרן אין געטאָ איז ביים טויער שטיל געוואָרן דאָס געקלאפּער פון די רעדער. אזוי געדיכט איז דאָרט אלעמאָל געווען אָנגעוואָרפן שטרוי און אלערליי קערעכץ . . . און ער מאָלט, און ער מאָלט, ער זיצט בשעת זיין לעקציע, שעהן גייען אומבאמערקט.און אָט ענדיקט ער: אָט אזוי זענען מיר יידן געקומען קיין פוילן. און אָט אזוי זענען מיר מיט העכער הונדערט יאָר צוריק געקומען אויף די נאַלעווקעס, צו בלייבן דאָ אויף אייביק . . . צי האָט ער זיך דעמאָלט פאָרגעשטעלט וויאזוי ער אליין וועט דאָרט אייביק בלייבן . . .

1943

אברהם גאָלאָמב

1888 אין א דאָרף אין טראָקער קרייז. זינט זיין קינדהייט אין ווילנע. געוווינט אין אייניקע פון די גרעסטע שטעט אין רוסלאנד. אין די דרייסיקער יאָרן א צייטלאנג אין ארץ ישראל. 1938 וויניפעג, 1945 — מעקסיקאָ.

א רייע פון יאָרן, די סאמע געבענשטע, שעפערישע יאָרן פון יידישן שול־געדאנק אין פוילן, די סאמע האָפּערדיקסטע, ווען עס האָט זיך געדאכט, אז אָט, אָט און עס וועט דערגרייכט ווערן און ניט געוווּסט האָט קיינער, אז דאָס אין בלויז א פאטא־מאָרגאנא — בין איך געווען באשעפטיקט אין דער קאנצעלאריע פון דער צענטראלער יידישער שול-אָרגאניזאציע אין ווארשע. קיין ארבעטס־שעהן זענען כמעט נישט געווען אויסגעזעצט, מען פלעגט ארבעטן 24 שעה אין מעת לעת — 7 טעג אין דער וואָך און אלע 12 חדשים אין יאָר. יעדנפאלס אזא איינדרוק האָט מען געהאט און קיין טענה האָט קיינער דערפאר נישט געהאט. אדרבא. קלאָגט זיך דען א פויער אויף אסך ארבעט אין די טעג פון פרילינגס־פארזיי? אין יענע צייטן — 1920־1924 — פלעגט אברהם גאָלאָמב אָפט אראָפּפאלן פון ווילנע קיין ווארשע. כאָטש ער אליין איז אלעמאָל פארנומען און טעטיק אקוראט ווי א בין, צו ארבעטן אין זיין קעגנוואָרט איז נישט פון די לייכטע זאכן. ער איז באריידעוודיק און ער האָט נישט ליב צו רעדן צו זיך אליין. היות ווי זיינע אידעען זענען אָפט אזעלכע עקסטראוואגאנטע — קומט אים יאָ אויס צו רעדן פון צייט צו צייט צו זיך אליין בלויז — און ער שרעקט זיך נישט פאר דעם — אָבער דאָס איז אין גייסטיקן זינען. פיזיש האָט ער ליב צו זען זיין צד שכנגד, איך זאָג בפירוש צו זען, ווייל צו רעדן אין גאָלאָמבס בייזיין איז שווער, שווער זיך צו לאָזן הערן ווען ער האָט אָנגעהויבן עפּיס אויפצוקלערן. און ער האָט אלעמאָל עפּיס אויפצוקלערן.

די שולאָרגאניזאציע אין ווארשע איז געווען אין א פריוואטער דירה נאָוואָליפקי 41 אויפן דריטן גאָרן. געארבעט האָט מען אין קליינע שטיבלעך און אויך אין קיך מיטן אייביק קאלטן אויוון. די שטובן זענען נישט אלעמאָל געווען באהייצט. און אָט איז א פינסטערלעכער ווינטערטאָג און עס פאלט אריין סאמע אין דער פרי גלייך פון וואקסאל — גאָלאָמב. מיטן גאנצן ווילנער אימפעט און ווילנער פראָסט זעצט נאָך פון זיין מאנטל. אין איין מינוט איז ער שוין געזעסן ביי אלע טישן, אויפגערודערט אלע שטובן, צעקריגט זיך מיט די פעדאגאָגן, באשולדיקט זיי אז זיי ברענגען אום די נשמה פון די יידישע שולן אין פוילן און צעקריגט זיך מיט די אדמיניסטראטאָרן און זיי ווידער בא־

שולדיקט, אז זיי דערהרגענען בפועל ממש דעם גוף פון די יידישע שולן. איידער וואָס ווען איז באשטימט געוואָרן — אן אסיפה און דאָס האָט גאָלאָמב געוואָלט, אין אן אסיפה שווימט ער באלד אריין ווי א פיש אין א שיסל וואסער און זי ווערט זיינע. לויט זיינע טעאָריעס איז ער דער גרעסטער קעגנער פון עגאצענטריזם, ער פּרעדיקט טאָטאלע אומפּערזענליכע באהאנדלונג פון גייס־טיקע ווערק, דער עיקר פון יידישע ווערק, מחמת אזוי לערנט אוראלטע יידישע טראַדיציע. ביי יידן רופט מען די מחברים לויט די נעמען פון זייערע ווערק — דערמאָנט כסדר גאָלאָמב. אָבער לויט זיין פּראַקטיק קען מען זיך נישט אלע־באַל באפרייען פון איינדרוק, אז גאָלאָמב איז עגאצענטריש. ווארום עגאצענטריש הייסט א מענש, וואָס צענטראַליזירט באוווסטזיניק ארום זיין עגאָ די אויפמערקזאמקייט פון אנדערע.

א. גאָלאָמב שבעל פּה און א גאָלאָמב שבכתב זענען איינס. נישט אָפּ־צוטיילן. אז דו קענסט אים פּערזענליך און דו לעזט זיינס אן ארבעט איז אזוי ווי דו וואָלסט אים געהערט עסריידן צו דיר. און אז דו הערסט אים רעדן — איז אזוי ווי דו וואָלסט אים געלעזן.

ווי יעדער מענש, וואָס האָט אויף אן אמת וואָס צו זאָגן, קען צוזאמענ־נעמען זיין גאנצע תורה און זאָגן זי שטייענדיק אויף איין פוס, אזוי קען דאָס גאָלאָמב אויך. זיין תורה איז, אז צווישן יידישער טראַדיציאָנעלישקייט און יידישער וועלטליכקייט איז נישטאָ קיין סתירה. און די שול, די יידישע שול דאַרף זיין (דאָס בילד איז מיינס אין איצטיקן מאָמענט, אָבער גאָלאָמב האָט עס זיכער שוין ווען עס איז אויך באנוצט) די פאַרפלעכטערין פון די ביידע ליכט־לעך, אז זיי זאָלן ברענען פאַרייניקט ווי א הבדלה־ליכט און אריינלייכטן אייביקן יום טוב אין אונזער אייביקער יידישער וואָך. יאָ דאָס איז גאָלאָמבס גאנצע תורה און די פיל רייד זיינע בכתב און בעל פּה זענען נאָר פּירושים . . . און אז די תיו איז דיר שוין קלאָר געוואָרן און גאָלאָמב האָט עס באמערקט הויבט ער אָן שפּאָגל פריש און אויף דאָס ניי פון אַלף.

ער איז געבוירן געוואָרן א פופצן־אכצן הונדערט יאָר צו שפּעט — גאָלאָמב. ער האָט גאָדאַרפט לעבן אין דער צייט פון די גרויסע חתימות פון תלמוד — איי וואָלט ער דעמאָלט ארומגעשוועמען.

ער איז א געבראָטענער ליטוואק — גאָלאָמב, כאָטש אויסזען זעט ער אויס — איך ווייס אליין ניט צו וועלכער ראסע ער געהערט. א הויכער און א בלאָנדער, א ביינערדיקער און שפּיציקער, מיט בלויע אויגן און מיט אן אייביקן שמייכל אויפן פּנים. א געשטאלט און א פּנים, וואָס זענען ביידע נישט סעמיטיש נאָר פון א מייל די ווייט דערקענסטו אין אים דעם ייד, אפילו ווען

ער האָט נאָך א וואָרט נישט ארויסגערעדט (כאָטש דאָס איז אביסל שווער־ליך) און זיך נישט א ריר געטון; מחמת זיין זשעסטיקולאַציע איז אזוי יידיש, אז ווען ער גיט נאָר א ריר איין פינגער דערקענסטו שוין דעם ייד. פונקט אזוי פּארקאָכט מיטן גאנצן וועזן אין די פּראָבלעמען פון דער יידישער דער־ציאונג ווי גאָלאָמב איז אין פוילן געוועזן די אידעלע ראָזע סימכאָוויטש. אלץ אין איר אנדערש ווי ביי גאָלאָמבן. אויך זי שמייכלט אייביק. גאָלאָמבס שמייכל איז דער שמייכל פון א ליטוואק בשעת ער הערט זיך צו ווי יענער לע־רנט גמרא, ווארום ער קען דאָך בעסער...און ראָזעס שמייכל איז א שמייכל פון אומענדליכן אומעט — וויינען, וויינען, וואָלט מען געדארפט, אָבער וויינען קען מען דאָך נישט אייביק, איז לאָמיר שמייכלען . . . ביידע, גאָלאָמב און סימכאָוויטש, שטייען אין דער שפּיץ פון יידישן לערער־סעמינאר אין ווילנע און ביידע ווערן ממש פארגעטערט פון די תלמידים און תלמידות. גאָטגע־בענשטע לערער. יאָ מסכּים — נישט מסכים — לערער זענען זיי גאָטגע־בענשטע. פאכלייט זאָגן, אז גאָלאָמב איז אויך א גאָטגעבענשטער נאטור־פאָרשער, אז ער וואָלט פארנומען אן אָרט אין דער וועלט אין אָט דעם פאך, אָבער אים גייען אָן יידן. און ווי הויך ער זאָל נישט שרייען, מיט באַ־גומענע קולות אפילו, אז ער איז נישט קיין שאָוויניסט, און ער טוט עס טאקע; זאָגט מיר, ליבע לייט, וואָס איז א שאָוויניסט אויב אזוי?

1945

שלמה גילינסקי

1888 אין לינגמיאַני, ווילנער געגענט. זינט 1910 אין וואַר־שע. אין 1941 — נאָך לאַנגע וואַנדערונגען — אָנגעקומען ווי א מלחמה־פּליט קיין ניו יאָרק.

ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז שלמה גילינסקי געווען איינער פון דעם האַלבן טוץ — אָדער מער — שלמה׳ס, וואָס האָבן אָנגעפירט די יידיש־וועלטליכע שול־באַוועגונג אין פּוילן: שלמה קאַזדאַן, שלמה מענדעלסאָן, שלמה זוסמאַן, שלמה אבראַמסאָן, שלמה גילינסקי א.א.וו. און ער איז געווען דער גלויביקסטער צווישן די אַלע שלמה׳ס. איינגעשטעלט מיט זיין גאַנצן מהות אויף היינט און אויף ווירקלעכקייט האָט ער אין דעם אומענדליך אומעטיקן איצט פון די געמוטשעטע יידישע שולן געזען די דער־גרייכונג פון דעם אידעאַל. אוודאי האָט ער געוווּסט, אַז דאָס אַלץ דאַרף נאָך פאַרבעסערט ווערן, אָבער נור פאַרבעסערט וואָרום דער עיקר איז שוין דאָ.

ער איז א וועלטליכער יידישער פּעדאַגאָג אין יעדן אָטעם. מיט דעם האָט ער געלעבט. קיין זאַך איז אים מער נישט אָנגעגאַנגען. אין דער פּאַרטיי — דעם „בונד״ — צו וועלכער ער באַלאַנגט, האָט ער געוואָלט בלייבן נאָר א זעלנער. איך האָב אים איינמאָל — שלמה גילינסקין — געזען אין אָט דער בפירושער ראָלע פון א זעלנער. דאָס איז געווען אַרום 1925, אין איינעם פון די טרויעריקע ערשטע מאַיען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט רויטע פּענער איבער די קעפּ, רויטע בלימלעך אין די לאַצן און האָבן זיך געענדיקט מיט רויטן בלוט פאַרגאָסענע פּנימער. איינזאַם, אָ ווי איינזאַם איז דעמאָלט געווען דער יידישער פּראָלעטאַריאַט. פון איין זייט פּלעגט מען אויפן טעאַטער־פּלאַץ האַלטן רעדעס וועגן אַרבייטער־פאַרברידערונג און פון דער אַנדערער זייט האָט מען אָט די ברידער־אַרבייטער געשלאָגן און די ברידער־אַרבייטער פון דער גרויסער פּאַרטיי האָבן זיך נישט א ריר געטון צום שוץ. אָבער אויך דעמאָלט האָט גילינסקין דער גלויבן נישט פאַרלאָזן. אויסגע־פּוצט איז ער אַוועק צו דער דעמאָנסטראַציע, כאָטש כמעט אַלע האָבן געוווּסט, אַז צוריק פון די דעמאָנסטראַציעס גייט מען מיט אַנצוגער בלוט באַפּלעקט — און שוין אין בעסטן פאַל אַרומגעריסענע. אָבער כל זמן עס איז יום טוב — איז יום טוב. אָט זע איך אים גיין אין דער רייע. ער שטראַלט מיט גלויבן. אַן אונטער־מיטל־הויכער, א פעסט־געבויטער, א קוואַדראַטיש־פעסטער קאָפּ, קורץ געשוירן, אין דער געזונטער, שטאַרקער, רעכטער האַנט א שטאַרקער שטעקן. צוליב עפּיס א טריק פון דער נאַטור איז גילינסקיס לינקע האַנט אסך קלענער, אביסל פּרוּיאיש אפילו. דערפאַר איז טאָפּלט שטאַרק די רעכטע.

ער רופט מיך צו צו גיין אין דער רייע. און אָט איז שוין דער טעאַטער-פּלאַץ, די דעמאָנסטראַציע פון בונד שטעלט זיך אויף אין פולער אָרדנונג. די רעדנער-טריבונעס זענען שוין צוגעגרייט, די ערשטע רעדנערס הויבן אָן צו רעדן — יידיש. דאָס יידישע וואָרט איז דער שלאַכטרוף פון די כוליגאַנעס. פון איין זייט שיצט זיי די מאַכט, וואָס זיי ווייסן פריער, אַז זי וועט פּראָגראַם-געמעס פאַרשפּעטיקן . . . פון דער אַנדערער זייט די וואַנט פון דער גלייכגילטיקייט פון דער ברודער-פּאַרטיי . . . איידער וואָס ווען איז שוין אַ פולע בהלה. קיין שלעגער בין איך נישט, קיין שטעקן האָב איך נישט געהאַט, נאָר אין דער בהלה, אין עטליכע בליץ־רגעס האָב איך נאָך באַוויזן צו זען אַ דועל צווישן גילינסקין און אַ כוליגאַן. און אָט זע איך ווי אַ רייע ריטשקעלעך דינע און רויטע לאָזן זיך פון אַלע זייטן פון גילינסקיס קאָפּ, אַזוי ווי אַ שפּין וואָלט זיך אויף זיין שפּיץ־קאָפּ געשטעלט און אַראָפּגעלאָזן דינע רויטע פּיס פון אַלע זייטן פון זיין קאָפּ . . .

נאָך האַלבן טאָג איז ער געווען ציכטיק פאַרבאַנדאַזשירט, די וווּנד איז נישט קיין שווערע געווען, ציכטיק איבערגעטון און ווידער גלויביק ווי אַלע־מאָל. אין דער פּאַרטיי — אַ זעלנער בלויז, אין דער שול־באַוועגונג האָט מען אים איבערגעגעבן די אָנפירונג פון דער שענסטער פון די אינסטיטוציעס, דער באַרימטער מעדעם־סאַנאַטאָריע, אין סאָסנע־ביימער־דערפל מיעדזעשין ביי וואַרשע.

אָפט פלעג איך די אינסטיטוציע באַזוכן, אָפט מיט איר פּאַרוואַלטער, שלמה גילינסקי, אויף די וואַלד סטעזשקעס אַרום דעם אַנשטאַלט שפּאַצירן. איין פאַרנאַכט האָט זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון. שפּעט־זומער איז געווען, ווינטיק-רויטער זון-פאַרגאַנג. פון דער ווייטן איז געלעגן די גרופּע געביידעס פון דער סאַנאַטאָריע, דער גליקלעכער היים פון עטליכע הונדערט אומגליקלעכע קינדער. פון דאָרט האָט זיך געטראָגן געזאַנג פון קינדער, וואָס האָבן זיך געזאַמלט צום נאַכטמאָל. און פון צייט צו צייט האָט דער ווינט אָנגעטראָגן וואַרעמע ריחות פון פרישע, דאָרפישע עסנס, וואָס האָבן זיך געקאָכט אין די גרויסע קיכן. די פענסטער פון ערשטן שטאָק פון דער צענטראַלער געביידע האָבן געברענט אין דער אונטערגייענדיקער זון. די סאָסנע־ביימער האָבן געשמעקט מיט פייכטליכער, פרישער לופט, אויפן זעניט פון הימל האָבן זיך געזאַמלט קליינע, ראָזיקע וואָלקנדלעך, ווי אַ סטאַדע שעפעלעך פאַרן אַהיימטרייבן זי פון פעלד . . . און שלמה גילינסקי האָט פּלוצלונג אויסגע־שטרעקט זיין רעכטע, שטאַרקערע האַנט און האָט מיר באַוויזן, וואָס איך האָב סאַי ווי געזען: — זעט די שיינקייט, עפנט די אויגן און זעט. קוקט אויף אונזער סאַנאַטאָריע, ווי זי באָדט זיך אין גרינע ביימער. אָט דאָ פיל איך די דער־גרייכונג. דאָ קען זיך אַ מענש אויסלעבן ביזן דנאָ. אַז איך בין יונגערהייט

ארויס אין קאמף, האָב איך נישט געגלויבט, אז איך וועל אליין דערלעבן די דערגרייכונג, אליין דערלעבן דעם ציל. אָט אָ דאָ — הינטער דיביימער — פיל איך ווי איך לעב מיך אויס. מיר פעלט דאָ גאָרנישט מער. גאָרנישט. פארשטייט איר מיך?

אים, שלמה גילינסקין, פערזענליך האָב איך פארשטאנען, אָבער דעם גאנצן ענין האָב איך שוין אנדערש פארשטאנען ווייל איך האָב געקוקט און געזען אביסל ווייטער — דאָרט ווו עס ענדיקט זיך דער וואלד פון מיעדזעשין און עס הויבט זיך אָן די שרעקליכע ווירקלעכקייט פון דעם דעמאָלטיקן אייראָפּע. עס איז געוועזן זומער 1934.

גילינסקי איז געווען דער אָנהענגער און פארטיידיקער פון די סאמע מאָדערנסטע לערן־מעטאָדן. לערנען דורך שפּילן. ער איז דער מחבר פון עטליכע מאטעמאטישע לערן־ביכער פאר די ערשטע קלאסן. איך האָב אים איינמאָל געבעטן מיר צו דערציילן די דראמאטישסטע פעדאגאָגישע איבער־לעבונג זיינע. ער האָט מיר דערציילט ווי ער האָט אמאָל א פּאטש געטון א שילער, וואָס איז, א פארשפּעטיקטער, געקומען צו אים מיט דעם אויסרייד, אז זיין מאמע איז געשטאָרבן . . . א בליץ פון פעדאגאָגישער אינטואיציע האָט אים אונטערגעזאָגט, אז דאָס איז א שווערער ליגנט, און ער האָט געהאנדלט דראסטיש. עס האָט געשטימט, אָבער די איבערלעבונג האָט ער קיינמאָל מער נישט פארגעסן. — אמאָל וועט זי ווידער אויפשטיין, די וועלטליכע יידישע שול אין פוילן. איינער פון אירע פעסטסטע פונדאמענט־עקשטיינער איז שלמה גילינסקי. ער האָט זיך ארייַנגעבויט אונטער אָט דער שול.

1944

דר. אברהם גליקסמאַן

1883 געב. אין קוטנע. געווינט אין דייטשלאַנד, שווייץ, פראַנקרייך. זינט 1922 אין וואַרשע. נאָך 1939 אַלערליי ווי־דערשפּרעכנדיקע ידיעות וועגן אים.

א הויכער, א דיקער, דיק אפילו אין די צייטן פון גרעסטער נויט, א זון פון א יידישן גביר בן גביר. א שוואַרצער מיט אביסל פאַרמרוזשעטע אויגן, א פּנים, א געמיש פון מאַנגאָליש און סעמיטיש. ווען ער וואָלט געבליבן אין שטעטל און געוואָרן פונקט אזא גביר ווי זיין טאַטע איז געוועזן, וואָלט ער מסתמא געהאַט א ברייטע און צעקעמטע באָרד, אזא ספּעציעלע באָרד, וואָס גייט אין דער ברייט.

דר. גליקסמאַן איז א קוטנער און א בן עיר און בן דור פון שלם אַשן. ער איז אויף דו מיט אים. נאָר זיי רעדן זייער זעלטן איינער מיטן אַנדערן, ווען זיי באַגעגענען זיך. א נביא אין זיין שטאָט, אָדער ביי זיינע בני עיר איז קיין נביא נישט. ביידע האָבן זיי א סופּעריאָריטעטס-קאָמפּלעקס אין באַצוג צו זיך. אַש צוליב די דערגרייכונגען זיינע און דר. גליקסמאַן צוליב דעם, וואָס ער איז געוועזן — כאָטש א פּאָר יאָר יינגער — ממש א לערער פון אַשן. אַריינ־צוקומען צו די גליקסמאַנס אין שטוב איז פאַר אַשן אין יענער צייט געוועזן א דערגרייכונג און דר. גליקסמאַן האָט דאָס אַלץ נאָך ליב צו לאָזן פילן — מיידן זיי זיך דעריבער איינס איינער דעם אַנדערן.

אין דער צייט פון אויסברוך פון ערשטן וועלט-קריג איז דר. גליקסמאַן שוין געוועזן אַן אייביקער סטודענט אין דייטשלאַנד ערגעץ און איז שוין דאָרט געבליבן ביז א פּאָר יאָר נאָך דעם ערשטן קריג. גאָט איז זיין עדות, אַז ער האָט נישט געוואָלט אומקערן זיך אין געטאָ, צו די יידישע צייטונגען מיט זייער דלות און קולטור־לאָזיקייט אין פאַרגלייך מיט די גרויסע בלעטער פון דייטשלאַנד, מיט זייערע יידישע רעדאַקטאָרן און אולטראַ־דייטשן ליבעראַלן פּאַ־טריאָטיזם. דר. גליקסמאַן איז אַן אַלץ־קענער און אַלץ־ווייסער. עקאָנאָמיע איז עקאָנאָמיע און ליטעראַטור איז ליטעראַטור און פילאָזאָפיע איז אים אויך נישט פרעמד. און ווייל ער איז אַן אַלץ־ווייסער און דער סטיל פון יידיש־שרייבן איז אים געלעגן אין דער לינקער פּיאַטע, האָט ער זיך בשום אופן נישט געקענט אריינפּאַסן אין די רעמלעך פון די יידישע צייטונגען אין וואַרשע. אַז מען האָט אים צוריקגעוויזן אַן אַרטיקל אין איינער פון די יידישע רעדאַק־ציעס אין וואַרשע, פלעגט ער אָפּט אַריינקומען צו מיר, ווידער און ווידער פּריוון אָנצינדן דעם צעווייקטן און צעפּלעטשטן ציגאַר, אַרויסקריגן אביסל רויך פון אים און זיך פאַרטיפן אין זכרונות פון אַמאָל, פון פראַנקפורט, אָדער

בערן, אָדער צירוך, ווען מען פלעגט אים מיט אזויפיל רעספעקט אויפנעמען אין די רעדאקציעס פון די גרויסע דייטשע צייטונגען און גוט באצאָלן פאר די ספעציעלע ארטיקלען, וואָס ער פלעגט שרייבן.

אָבער האלטן זיך אין דייטשלאנד האָט ער פאָרט נישט געקענט. סיס־טעמאטיש ארבעטן האָט ער נישט געקענט, און די סיסטעמאטישע געלט־בריוולעך פון דער פוילישער גבירישער היים צום אייביקן סטודענט, וואָס שטודירט אויף פראָפעסאָר אין אויסלאנד, זענען אלץ שיטערער געוואָרן, האָט מען זיך געמוזט אומקערן אהיים.

אז עס האָט זיך געמאכט עפּיס א טעמע אויף אָנצושרייבן אן ארטיקל און פארקויפן אים אין דער יידישער פּרעסע, לאָמיר זאָגן דער טויט פון עפּיס א בארימטער פּערזענליכקייט אָדער עפּיס א נייע דערפינדונג, פלעגט דר. גליקסמאן פארשווונדן ווערן פון ליטעראטן־פאריין, ווו ער פלעגט געוויינטלעך זיצן אן אכצן שעה אין מעת לעת. באלד פלעגט ער אויסוואקסן אין די רעדאקציעס מיט זיין ארטיקל. אָבער שטאט אויפצושרייבן אן ארטיקל אויף א פאַרהונדערט צייטונגס־שורות, פלעגט ער אויפשרייבן א טראקטאט אויף א פּאָר צענדלינק זייטן. צוערשט פלעגט ער זיך דינגען, אז מען קען פון דעם ארטיקל א וואָרט נישט אראָפּנעמען, נאָר נאָך א פינף מינוט דינגען האָט ער איבערגעגעבן דער רעדאקציע דעם ארטיקל אויף גאָטס באראט. פלעגט מען קירצן דרייפערטל — און דאָס צופעליק איבער־געבליבענע פערטל האָט שוין געוויינטלעך קיין ריכטיקן טעם נישט געהאט.

אז עס איז אויפגעקומען די פּרויד־מאָדע אין יידישן פוילן האָט אויפ־געשיינט די זון פאר דר. גליקסמאן, שטעט און שטעטלעך פלעגן אים ממש צערייסן מיט איינלאדונגען צו האלטן לעקציעס וועגן גרויסן פּסיכאָלאָג. היות ווי דר. גליקסמאן האָט נאָך ווייניקער געקענט רעדן פּאָפּולער ווי שרייבן פּאָפּולער — האָט דער אינטערעס צו די לעקציעס אָנגעהויבן צו פאלן. האָט עמיץ געגעבן אן עצה ארייננצופלעכטן א פּאָר ווערטער אין די רעפעראטן. גליקסמאן האָט געפאָלגט און עס איז ווידער גוט געוואָרן. האָט אָבער אין איין שטעטל פּאסירט, אז דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פונאנדערצוזויגן און לאכן — איז אויפגעשטאנען דער פּאָרזיצער און א קלאפּ געטון אין טיש: גראָבע יונגען, בעל עגלהס, דער דאָקטאָר האלט פאר אייך אן ערנסטע לעקציע און עץ לאכט גאָר, גראָבע יונגען — — און דער עולם איז געוואָרן רויק, ווי אויס־געשטאָרבן, און אלע איבעריקע וויצן זענען אוועק שוין אָן א שמייכל אפילו.

אין אלערליי ליטערארישע און ווארשעווער אויסגאבעס, אויך אין די מייסטע צייטונגען פון די פופצן יאָרן, פון 1925 ביז 1939 וועט מען אָפּט געפינען

דעם נאָמען פֿון דר. אבֿרהם גליקסמאַן אַלס מחבר פֿון װיסנשאַפֿטלעכע און ליטעראַרישע אַרטיקלען אויף אַלערלײ געביטן, קײן ביכער־לײַדנשאַפֿט האָט גליקסמאַן נישט געהאַט און, װי מיר דאַכט זיך, קײן אײן בוך נישט אַרויסגעגעבן. די לעצטע יאָרן האָט זיך דער אײביקער סטודענט געסטאַטקעװעט, חתונה געהאַט און געהאַט אַ סטאַבילע שטעלע אין װאַרשעװער „מאָמענט‟.

1939

דר. אברהם יהושע העשל

1907 אין וואַרשע געבוירן. געלערנט און געוווינט אין ווילנע, בערלין, פראַנקפורט. קנאַפּ פאַר דער צווייטער מלחמה ווידער אין וואַרשע. 1939 לאָנדאָן. 1940 סינסינעטי. 1945 ניו יאָרק.

צוויי סצענעס: 1925 — וואַרשע. איך זיץ ביי מיין שרייבטיש מיט דער גרויסער גלעזערנער טאַפּלע טלאָמאַצקיע 13. שוין שעהן לאַנג ווי איך ווענד אָן אַלע מיינע רעכנקענטשאַפטן, דערוואַרבן אין אַ צענדלינג יאָרן באַנק־אַרבעט אין וויִן, אויף צונויפצובינדן אָן עק מיט אָן עק פון קאַרגן בודזשעט פון ליטעראַטן־פאַריין. הינטער דער וואַנט איז דער קלוב און דער גאַנצער טומל פון יידישן ציַיטונגסוועזן און דער יידישער ליטעראַטור אָין פוילן צווישן די צוויי מלחמות. אין מיין קאַנצעלאַריע איז שטיל און אויפגערוימט. אַלע שטולן אויף זייער פּלאַץ, אַלע פּאַפּירן ליגן גלייך ווי צוגעקלעפּט איינס צום אַנדערן. מיין קאָפּ פאַרזונקען אין די חשבונות. אָבער פּלוצלונג הויבט זיך מיר אָן צו דאַכטן, אַז עמיץ איז דאָ אַריינגעקומען און קוקט אויף מיר. איך שענק נישט קיין אויפמערקזאַמקייט. פינף מינוטן פאַרגייען. עס איז פאַרט עמיץ אין צימער. איך הויב אויף די אויגן און דערשרעק מיך אויף אַ רגע. אין ווינקל ביי דער גרינער טיר שטייט אַ הויך און שלאַנק בחורל, וואַרשעווער חסידישע טראַכט. אַ לאַנג, שוואַרץ בגד, כמעט ביז דער ערד, קוים וואָס מען זעט די שטיוולעטן אַרויס, אַ קיילעכדיקע דענקע מיט אַ — צום שטערן צוגעקוועטשטן קליינעם דאַשעק — אויפן קאָפּ. אַ שטרענג פּנים און כאָטש ער קוקט אויף מיר זייער מילד און שולדיק, קוקט ער אויך בייזלעך. די אויגן שוואַרצע, טיפע, גרויסע, די הויט ברוינלעך־טונקל, באַהויכט מיטן ערשטן, יונגען שפּראָץ פון אַ טונקעלער באָרד. די ליפּן פולע, ליידנשאַפטלעכע, טונקל־רויטע. עפּיס אַ צוק און אַ דינער גרימאַס אַרום מויל, עפּיס אַזוי ווי קאַפּריזנער פאַרוואורף. כאָטש דאָס פּנים איז נישט צו שטאַרק יידיש, עס איז צו ווייניק קלאַסיש־סעמיטיש — אָט דער צוק מאַכט עס באַלד אי יידיש, אי חסידיש, אי רבניש אפילו. דער בחורל ווייסט, אַז עס גרייט זיך אַ ליטעראַרישער אַלמאַנאַך — האָט ער געבראַכט עטליכע לידער. איך געדענק, באַלד אין ערשטן מאָמענט האָט אַ בליץ געטון אין מיין מוח: אַ נייער שלום אַש . . . ווייל אַלץ איז עפּיס ענליך געווען צו דער סצענע פון אַש׳ס אַריינקומען אין אונזער ליטעראַטור — אויך דאָס פּנים פון בחורל צום פּנים פון יונגען אַש.

1946 — מאָנטרעאַל. פּורים. אין אַ האָטעל־צימער פון אַ ניו־יאָרקער

גאַסט. א באַקאַנטער פֿון װאַרשע. איך באַזוך דעם גאַסט. נאָך א פּאָר שעה רעדן — עס איז פּאַרמיטאָג — בעט ער מיך איבער. ער דאַרף לײענען די מגילה, מיר װעלן זיך װידער קענען זען אין א שעה אַרום — סײַדן איך װיל בלײַבן. איך בין געבליבן, האָב מיר געבאָרגט דעם הוט פֿון גאַסט, ער האָט אָנגעטאָן א יאַרמלקע און געלײענט די מגילה מיטן טראָפּ און מיט א װאַר־שעװער אַקצענט און דעם באַװוסטן ניגון, װאָס איך האָב שױן נישט געהערט נאָענט צו א האַלב יאָרהונדערט. אַזױ װי קײן סך זיך פּאַרטיפֿן און קאָנ־צענטרירן בײַם הערן די מגילה דאַרף מען נישט, אַפֿילו װען מען הערט זי בלױז אײנמאָל אין פֿופֿציק יאָר — האָב איך אָבסערװירט און געטראַכט װעגן גאַסט, װעגן מײַן ערשטער באַגעגעניש מיט אים מיט 21 יאָר צוריק. אַלץ אין זײַן פּנים איז װי עס דאַרף צו זײַן נאָך 21 יאָר. חוץ דער באָרד, װאָס איז גלאַט ראַזירט מיט אַן עלעקטרישן אַפּאַראַטל. אױך דער ציגאַר, דער ברױנער און דופּטיקער, װאָס דער גאַסט רײכערט פֿון צײַט צו צײַט איז אין רבנישן סטיל, אין רבישן אַפֿילו.

די באַגעגענישן זענען מיט אַברהם יהושע העשל, הײַנט דאָקטאָר און פּראָ־פֿעסאָר אין ײדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו יאָרק, מחבר פֿון ײדיש־פֿילאָזאָפֿישע װערק אין עטליכע שפּראַכן און — און דאָס איז פֿאַר מיר דער עיקר — מחבר פֿון א קלאַסישן עסײ אין ײדיש „די מזרח־אײראָפּעישע תקופֿה אין דער ײדישער געשיכטע‟, װאָס ער האָט אים געלײענט אױף דער 1945־ייװאָ־קאָנפֿערענץ אין ניו יאָרק.

װען עמיץ װאָלט אונדז, די רעדאַקטאָרן פֿון די „װאַרשעװער שריפֿטן‟ אין יאָר 1925, געפֿרעגט אױף א האָראָסקאָפּ פֿאַר דעם דאָזיקן ײנגסטן דיכטער אונדזערן, א. העשל, װאָלטן מיר אים אַלערלײ צװעלף מאָל צװעלף מזלות פֿאָרױסגעזאָגט חוץ דעם, אַז גראַד ער װעט זײַן דער דיכטער פֿון אַן עסײ, װאָס איז אין דער אמתן א ליד אין פּראָזע, א קלאָג־ליד נאָך דעם ײדנטום אין מזרח אין אַלע זײַנע גײַסטיקע לענגען און ברײטן און טיפֿן און הײכן.

איך האָב אַברהם יהושע העשל'ען װײניק אין װאַרשע געקענט, זעלטן און אפֿשר קײנמאָל נישט מיט אים קאָרעספּאָנדירט. נאָר א טײל פֿון זײַנע װערק געלעזן. זײַן אײנגעשפּאַרטע פֿרומקײט האָב איך קײנמאָל נישט פֿאַר־שטאַנען און אױך נישט מיטגעפֿילט. אָבער גראַד דערפֿאַר װײל ער איז זײַן לעבן לאַנג געגאַנגען אױף דער גרעניץ־ליניע צװישן די צװײ װעלטן פֿון מזרח־ײדנטום האָט ער זײַן נשמה, זײַן גאַנצע נשמה דערזען; דעפֿינירט זי אַלס תּורה שבלב. תּורה שבלב אין אַלע, אַלע דערשײַנונגען פֿון ײדישן לעבן אין פּױלן.

אַז א. י. העשל האָט מעײן געװעזן אין דעם ערשטן באַנד פֿון דעם דאָזיקן לעקסיקאָן מײַנעם האָט ער מיר געשריבן מיט גרױס אומצופֿרידנקײט,

אז איך האָב געטון א גרויסן פעלער למאי איך האָב אין די אינטימע פּאָרטרעטן נישט געשריבן וועגן די ווערק פון די שרייבער, וואָס איך באמי זיך צו מאלן זייער לעבן, זייער פּערזאָן און פּערזענלעכקייט, זייער טאָג, זייער וואָך. איך האָב אין דער טענה געזען א סתירה צו העשלס אייגענע רייד אין זיין קלאסישן עסיי, וואָס זוכט „די געלייטערטקייט אין לעבן פון א פאָלק, גייסטיקע סובסטאנץ אין דער טאָגטעגליכקייט". ער האָט דערזען דעם פּאַטאָס אין כלל, ער האָט אָבער נישט געוואָלט זען דעם פּאַטאָס אין פּרט און אין יחיד. און אפשר בין איך שולדיק, וואָס האָב נישט געקענט ארויסברענגען דעם פּאַטאָס אין דער טאָג־טעגליכקייט פון די יחידים פון דעם לעקסיקאָן.

פון מיין יוגנט אָן קעמף איך זיגרייך אין מיר קעגן רעליגיעזע פאָרמען און אנטראָפּאָמאָרפישער גאָט־באנעמונג, וואָס דאָס איז אין תוך דער וועג פון די פרומע, און ווייל א. י. העשל איז א פרומער, אינטערעסירט ער מיך אלס אנטיפּאָד פון דער ערשטער באגעגעניש אָן. דאָ אנומלט האָב איך גע־לעזן זיינע פּאַטעטישע לידער אין פּראָזע (אין ענגליש) וועגן תפילה און וועגן גלויבן. און מיט טיפן צער האָב איך געטראכט, אז ווען גלויבן אין תפילה וואָלט ביים פּוילישן יידנטום נישט אזוי הויך געשטאנען (אפילו ביי די פּויליש־יידישע סאָציאַליסטן . . .) וואָלט אים די אומגעריכטע טראגעדיע נישט אזוי טיף און פלוצלונג א וואָרף געטון. די פרומע איז געגוג ווען זיי רעדן זיך איין, אז גאָט הערט זיי. די אומגלויביקע ווילן, אז גאָט זאָל זיי אויף אָן אמת דערהערן. תורה שבלב אין א הארצלאָזער וועלט איז גוט צו באַ־זינגען פון ווייטן, נישט מיטצולעבן נאָענט. און עכטע אור־יידישקייט מיינט מעשה היינט און אויפן אָרט.

1946

נפתלי ווייניג

1897 געבוירן אין טאַרנע. דערצויגן און שטודירט אין קראָקע. געוווינט אין ווין, אין ווארשע און זינט די ניינצנ־הונדערט עטליכע און צוואַנציקער יאָרן — אין ווילנע. לעצטע ידיעות וועגן אים פון א לאגער אין עסטלאנד אין יאָר 1945. אומגעקומען ארום דער צייט.

פונקט אזוי ווי אמאָל פלעגן די גאליציאנער יידן אנטלויפן פון זייערע יידישע נעמען, קוים האָט מען נאָר די גוישע תורה געכאפט אויפן ניכטערנעם מאָגן, אזוי פלעגט א גאנץ היפשער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ פאר, אין און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, צוריקלויפן צו פאָלקסטימלעכער יידישקייט און פלעגן אויך צוריק מיט ליבע אָנטון זייערע יידישע נעמען. נפתלי ווייניג — דער קריטיקער, עסאיסט און ליטעראטור־פאָרשער איז געוועזן איינער פון זיי.

אמאָל האָב איך צופעליק געזען נפתלי ווייניגס פאספאָרט און דאָרט איז געוועזן שיין און קלינגענדיק פארשריבן „נאָרבערט ראָזע״, אָבער ער האָט זיך מיט דעם נאָמען געשעמט צווישן יידישע לייטן און האָט זיך גערופן פשוט און פראָסט: נפתלי ווייניג. עפּיס האָט זיך אים אויך נאָכגעשלעפּט א צווייטער פאמיליע־נאָמען. אין גאליציע האָבן יידן נישט געטאָרט חתונה האָבן פארן 24טן לעבנס־יאָר, פלעגט מען חתונה האָבן יידיש צו 16־18 יאָר און שפּעטער איז שוין קיינעם נישט אין זינען געלעגן דורכצופירן די פאָרמאַליטעטן, אז סך הכל איז מען צו 24 שוין געוועזן א מטופל מיט קינדער. זענען די קינדער פארן געזעץ געבליבן ממזרים און זיך גערופן אויף דער מאמעס נאָמען. אָבער פארשרייבנדיק דעם דאָזיקן „ממזר״ אין די מעטריקע־ביכער האָט מען דאָך נישט פארגעסן איבערצובייטן נפתלי אויף נאָרבערט און חיים אויף הילאַרי. גאליציע . . .

אן איבערמיטלהויכער איז ער געוועזן נפתלי ווייניג, אלץ אין זיין פּנים שמאָל און לענגליך און די אויגן אזעלכע, וואָס האלטן אין איין אונטער־שפּרינגען אונטער די דעקלעך און האלטן אין איין אונטערווינקען צו די רייד זיינע.

זיין אמביציע איז אמאָל־אמאָל געוועזן צו זיין דער באפליגלטער קריטיקער־באגייסטערער פון דער יידישער ליטעראטור. אין דער ווינער צייטשריפט „קריטיק״ פון יאָר 1920 האָט ער אָפּגעדרוקט אן ארטיקל „אין די טריט פון א נייעם יידישן סטיל״ — און געחלומט האָט ער נישט נאָכצוגיין נאָך די טריט, נאָר פאָרויסצוגיין . . .

ווען מיר זענען נאָךביידע אין די צוואָנציקער געוועזן האָב איך אַמאָל עטליכע טעג לאַנג מיט ווייניגן פאַרבראַכט אין קראָקע, דער שטאָט וווּ ער האָט זיין גאַנצע קינדהייט און יוגנט פאַרלעבט. קראָקע איז געווען אַ הערליכע קולטור־שטאָט סײַ פאַר פּאָלאַקן און סײַ פאַר יידן. קראָקע איז געוועזן די לעגענדאַרע פוילישע קרוינשטאָט, די הויפּטשטאָט איז שוין לאַנג געווען וואַרשע. אָבער די מלכים זענען דאָ געלעגן אין דער וואַוועל־קירכע. קראָקע איז געוועזן די פוילישע גייסטיקע מעטראָפּאָלע. דאָ האָט מען גע־חלומט פון אַ פוילישער דערוואַכונג פון אַ „שקלאַפערייי״, וואָס איז אין דער אמתן געוועזן אַ שקלאַפעריי אין פאַרפּומירטע קייטן פון זיידענע בענדער. קראָקע האָט געראַיעט מיט פוילישע דיכטער און מאָלער און כמעט יעדער איינער פון זיי האָט געחלומט פון אַ יידישער ראַכעלאַ אָדער עסטעראַ. און די ראַכעלאַס און עסטעראַס האָבן געחלומט וועגן די צעשויבערטע קעפּ פון די קינסטלער און חתונה געהאַט מיט די זיידענע יונגע־לייט וואָס פלעגן אַנטון שטריימלען. אָבער אין די שטריימלען און זיידענע זשופּיצעס פלעגן זיי רעדן אין פיינסטן פויליש וועגן פוילישער קונסט. נאַטירלעך האָט זיך אין אַזאַ אַטמאָספערע זייער גיך פאַרשפרייט די השפעה פון פרץ׳ס חלומות, וואָס ממש דער ווינט האָט אַהער דערטראָגן פון וואַרשע, פון יענער זייט צאַרישער גרעניץ פאַר דער ערשטער מלחמה. דאָ האָבן דער עיקר אימפּאָנירט פרץ׳ס שוואַכסטע זאַכן — זיינע דראַמעס. וואָס מער אומפאַרשטענדליך, אַלץ מער באַפליגלט.

אויף די הערליכע פּלאַנטן זיצן מיר, ווייניג און איך. אַנטקעגן הויבט זיך אין הימל אַריין דער וואַוועל־באַרג מיט זיינע דעכער פון די קעניגליכע פּאַלאַצן, מיט זיינע קירכן־שפּיצן און דעם באַרימטן דאַך פון עכטן גאָלד געשמידט. עס איז פריילינג אויסערליך און אינערליך אין דער נשמה. ווייניגס לאַנגע הענט פלאַטערן ווי פליגלען אַרום מיר, אין זיינע גרינלעכע אויגן מיניעט זיך דער בלויער הימל מיט די פאַרבייפליענדיקע ווייסע וואָלקנס און ער פּינ־טלט מיט זיי באַגייסטערט און ער דערקלערט מיר—מיינע אייגענע לידער...
און וואָס מער ער דערקלערט און זיין שמאָל פנים ציטערט ממש און זיין — אייביק אַביסל פאַרכלינעטע, שטימע הויבט זיך העכער און העכער, אַלץ ווײ־ניקער פאַרשטיי איך. אָבער איך האָב עס ווייניגן נישט אויסגעזאָגט; אדרבא, איך האָב אים צוגעשווירן צו גיין אין די טריט פון זיין קאָנצעפּציע פון אַ נייעם יידישן סטיל און ווערן מיט דער צייט אַזוי אומפאַרשטענדליך, אַז אויך ער זאָל מיך שוין מער נישט קענען פאַרשטיין . . .

אַז ווילנע איז פאַרייניקט געוואָרן מיט פוילן, אַז דאָרט אַהין האָט זיך אַריבערגעטראָגן דער ארון קודש פון דער יידישער ליטעראַטור אין מזרח־אייראָפּע — האָבן זיך די גאַליציאַנער קאָנקוויסטאַדאָרן (שמואל יעקב אימ־

בערס וואָרט) א טראַג געטון קיין ווילנע. צווײ מינים. פון אײן זײַט דאָק־טוירימלעך אויף צו פארשפרייטן פוילישע אסימילאַציע און פון דער אנדערער זײַט פארבענקטע־אסימילירטע, וואָס האָבן געבענקט נאָך א פול יידיש אויס־לעבן זיך. ווייניג איז אוועק קיין ווילנע מיט א קאָפּ פול מיט חלומות. אָבער שטאָט צו לעבן אין א יידישן חלום־לאַנד, האָט ער דאָ אויך סוף כל סוף געמוזט ווערן א פּראָפעסאָר פון פויליש אין יידישע גימנאַזיעס. און אזוי ווי די יידישע ליטעראַטור איז אין זײַנע טריט נישט אוועק האָט ער זיך אומגעקערט פון איר אויסגעחלומטן ראָמאַנטישן איבערמאָרגן צו איר פשוטן, בייערדישן, הארציק־היימישן איינעכטן און איז געוואָרן א פאָלקלאָר־פאָרשער.

איינמאָל האָב איך אים צופעליק געטראָפן אין דער פינסטערניש ביי א קינאָ־פאָרשטעלונג. צופעליק האָט ער פארבראַכט א טאָג אין ווארשע. שוין שטאַרק סטאַטעטשנע, דער קאָפּ שוין שטארק ליסע און באלד נעמט ער מיר דערציילן זײַנע נייע פאָלקלאָר־פּלענער אזוי ענטוזיאסטיש, אז מען האָט אונז ביידע פון קינאָ ארויסגעשיקט . . .

עס איז נאָר נאַטירלעך, אז די גרינטלעכסטע סטודיע וועגן פּרץ׳ס ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור, אין דער פוילישער שפּראַך, געהערט צו ווייניגס פעדער. ווער נאָך האָט אזוי גרינטלעך געקענט באלייכטן יענעם טונקעלן ווינקל אין פּרץ׳ס נשמה זוי ווייניג וואָס האָט זײַנע פריע יאָרן פארחלומט אין א סטודענטיש מונדירל אויף די קראָקעווער פלאַנטן?

1945

דר. מאקס ווײַנרײַך

1894 — גאָלדינגען, קורלאַנד. אײראָפּעיִשע רײזעס, אמע־ריקאַנישע, 1940 באַזעצט אין אַמעריקע. מיטגרינדער און מיט־דירעקטאָר פון ייִוואָ אין ווילנע, איצט וויסנשאַפט־לעכער דירעקטאָר פון ייִוואָ אין אַמעריקע.

אז איך וועל אייך זאָגן, אז איך האָב נישט ליב און איך האָב נישט קיין אכטונג פאר פּאָעטן, וועט איר דאָך מיר נישט גלויבן. אז איך וועל אייך זאָגן, אז איך האָב יאָ ליב און איך האָט יאָ אכטונג פאר וויסנשאַפטסלײַט — וועט איר דאָך מיר אויך נישט גלויבן. אָבער דאָס איז פּאָרט אזוי. איך האָב מיך מיט דר. ווײַנרײַך געטראָפן אסך מאָל. אפילו עטלעכע מאָל געוועזן ביי אים אין שטוב אין ווילנע צו גאַסט. אָבער די געשפּרעכן זענען אלעמאָל גע־וועזן עפּיס אזעלכע אָנגעצויגענע, אזעלכע אָן-טעמדיקע. ווי אָפט דר. ווײַנ־רײַך האָט געמערקט, אז איך האָב די, אָדער די אנדערע ארבעט זײַנע גע־לעזן האָט ער אלעמאָל אויסגעדריקט פאַרוווּנדערונג. (דאָס האָט ער גענע־ראַליזירט, געמיינט, אז אלע פּאָעטן לעזן נישט קיין וויסנשאַפט, לעזן אפשר בכלל נישט. דאָס האָב איך געמוזט לײַדן פאר מיין פּאָעטישן פאַך). און ווי אָפט איך האָב געמערקט, אז דר. ווײַנרײַך האָט די, אָדער די אנדערע ארבעט מיינע, ליד מיינס געלעזן, האָב אויך איך אויסגעדריקט פאַרוווּנדערונג: טאַקע? — דאָ האָב איך שוין גענעראַליזירט, אז די וויסנשאַפט־לײַט אונזערע האָבן אין דער לינקער פּיאַטע אלץ, וואָס עס שרײַבן דאָרט פּאָעטן . . .

א מיטלוווּקסיקער איז דר. ווײַנרײַך, האָט שפּיציקע, שאַרפע פּנים־שטריכן — די בעלמע אויפן אויג, וואָס איז אים פאַרבליבן פון דער אויג־פאַרווונדונג בשעת א פּוילישן פּאָגראָם אין ווילנע — מאכט דאָס פּנים נאָך ערנסטער און נאָך שפּיציקער. ער לאכט זעלטן, כאָטש ער איז א קלוגער, מאכט ער זעלטן א וויץ, גיכער האָט ער ליב א גלײַכווערטל אין וועלכן עס קומט צום אויסדרוק די חכמה פון דער ייִדישער שפּראַך, וואָס דאָס איז ווײַנרײַכס ספּעציאַליטעט. ער רעדט מיט א מאָדנעם אקצענט, א שפּיציקן און א שאַרפן און עפּיס אזוי ווי עס וואָלטן זיך ארום יעדער ריש א שאָט געטון א פּאָר שטיינדלעך אויף א ברעט. וואָס דאָס איז פאר אן אקצענט ווייס איך נישט, קיין קורלענדער אקצענט איז דאָס נישט, ווייל די קורלענדער רעדן חצי־ייִדיש — פּאָלאָווינע דײַטש, און דר. ווײַנרײַך רעדט נאַטירלעך מיט ריינסטן, ייִדיש, וואָס איר קענט זיך פּאָרשטעלן, אזוי ווי ער וואָלט נישט גערעדט, נאָר ער וואָלט געלייענט פון א כתב יד.

אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין ארבעט לטובת דעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן

אינסטיטוט, פון װעלכן דר. װײַנרײַך איז דער מיטגרינדער — אויב נישט דער גרינדער — און דער מיטדירעקטאָר — אויב נישט דער דירעקטאָר — איז עס מיר אָפּט אויסגעקומען צו לעזן קאָפּיעס פון דער קאָרעספּאָנדענץ פון ייװאָ מיט אלערלײ פּערזאָנען. איך רעד דאָ נאַטירלעך װעגן בריװ פון דר. װײַנרײַכס דיקטאט. די בריװ זענען אזױ פּערפעקט אין זײער קלאָרקײט און אין זײער פּשוטקײט און אין זײער שפּראַך, אז דו האָסט דעם אײַנדרוק, אז דאָס לעזטו ניט א בריװ, נאָר דו הערסט רעדן א מענטש. פּונקט דאָס פאר־קערטע פון דעם אײַנדרוק, װען מען הערט װײַנרײַכן רעדן, דעמאָלט האָט מען דעם אײַנדרוק, אז ער לעזט פון א כתב יד.

דורך א צופאל איז װײַנרײַך אין דער צײַט פון אויסברוך פון צװײטן װעלט קריג נישט געװעזן אין װילנע און אין מערץ 1940 איז ער געקומען קײן אמעריקע. אָבער עס ציט אים צוריק קײן װילנע. און זײַן האָפענונג איז, אז דער שטורם װעט אריבער, אומצוקערן זיך צום װילנער װיסנשאפטלעכן װאַרשטאַט. אָט דאָס אלץ, װאָס ער זעט ארום זיך אין אמעריקע, אָט די אלע װאַקסנדיקע מיליאָנען נפשות פון יידישן יישוב אויף דער זײַט ים, האָבן בײַ אים קײן האָפּט נישט. יידיש לשון איז פאר אים נישט נאָר יידישע פאָרם, נאָר אויך יידישער אינהאלט, אָדער ריכטיקער געזאָגט: אן אינטעגראלער אומצעטײלבארער טײל פון יידישן אײביקן אינהאלט. אויב יידיש װאָלט גע־זוכט איר יידישיסט נומער אײנס, און נישט אין לײַכטן, נאָר אין שװערן זינען פון אָט דעם װאָרט, װאָלט איך דעם כבוד געגעבן דר. מאקס װײַנרײַכן — יידישיסט נומער אײנס. נאָר פאַרװאָס דער יידישיסט נומער אײנס האָט אזא מאָדנעם נאָמען װי מאקס — דאָס װעל איך קײנמאָל נישט װיסן. און אפשר איז דאָס אויך יידישיסטיש, װי עס לערנט אונז די געשיכטע פון די יידישע נעמען װאָס האָט זיך אלעמאָל צוגעפּאסט צו דער סביבה, פּונקט װי די מלבושים.

דר. װײַנרײַך האלט, אז יידיש שאַפן אין יידיש איז צו װײניק עקזאקט, צו װײניק פּינקטלעך. עס איז דאָ אסך טאלענט, נאָר װײניק אָרגאניזאציע, עס איז דאָ צװיפל פליגלדיקײט, אפשר אפילו צופיל פליגלמאנישקײט און צו װײניק מעטאָדיק. ער האָט עס געמאַכט פאר א לעבנס־אויפגאבע צו דער־ציען א דור פון יידישע מעטאָדישע װיסנשאפטלער. זײַן גײסטיק קינד איז געװעזן די אספּיראנטור פון יונגע װיסנשאפטלער בײַם ייװאָ אין װילנע. ער האָט די עטלעכע צענדליק יונגע מענשן דערצױגן מיט אזױפיל ליבע װי א טאטע. ממש װי א טאטע. זײ זענען דאָך טאקע געװעזן זײַנע גײסטיקע קינדער. ער פילט אָבער, אז דאָס װערק איז ערשט אָנגעהויבן, קוים די ערשטע שריט געשטעלט. מיט דעם שפּיציק־רישיקן אקצענט רעדט ער אזױ ליריש

וועגן דער אספּיראַנטור ביים ייוואָ, נישט ווי א וויסנשאַפטסמאַן וועגן א דראַמאַטיש-איבערגעריסענער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, נאָר ווי א פּאָעט וועגן צעטרעטענע רויזן.

1940

יוסף יאַשונסקי

1881 אין גראָדנע, שטודירט אין פּעטערסבורג און אין דייטשלאַנד, געווױנט אין פּעטערסבורג ביז 1920, ווילנע ביז 1927, וואַרשע ביז צום סוף — לויט קלאַנגען גע־שטאָרבן פון אייגענעם ווילן אַרום אויגוסט 1942. לויט שפּעטערדיקע דעפיניטיווע ידיעות אומגעקומען אין טרעבלינקע אין יאָר 1943.

אינזשעניער יוסף יאַשונסקי האָט ליב געהאַט צו וויסן, אַלץ גרינטלעך צו וויסן, אַלץ אָן אויסנאַם, די געביטן פון זיינע פּאַראינטערעסירונגען זענען געווען אַזוי ברייט ווי דאָס וויסן אַליין. אמת, אַז ער האָט זיך אויסגעלעזן אַ פּאָר אויגן, געווען שטאַרק קורצזיכטיק, אָבער ער האָט די אויגן זיינע נישט אויסגעגעבן אומזיסט, זיין וויסן איז געבליבן אין מוח ביי אים. ער האָט טאַקע וועגן אַלץ געוווּסט און אַלץ גרונטיק פאַרשטאַנען. אָבער דו האָסט אים געקענט קענען יאָרן און נישט וויסן, אַז ער ווייסט אַזויפיל. ער האָט זיך נישט באַרימט מיט זיין וויסן און זיך נישט געוואָרפן דערמיט. ער איז נישט געווען קיין טיפּישער בעסער־ווייסער, וואָס כאַפּט אַלעמען כסדר ביי גרייזן. עס האָט אים נישט געאַרט, אַז יענער מאַכט גרייזן. אדרבא — אויך דאָס איז אינטערעסאַנט געווען צו וויסן ווי וויט מענשן קענען זיין גראָבע יונגען. אויך דאָס איז וויסן . . . ער האָט פאַריכט נאָר דעמאָלט ווען מען האָט אים געפרעגט. און דעמאָלט איז אים גוט געווען, גוט ווי די וועלט. ווייל נאָך מער ווי אַליין וויסן האָט יוסף יאַשונסקי ליב געהאַט מסביר צו זיין, פאַרטייטשן, אויפקלערן, לאָזן יענעם וויסן דאָס אַלץ, וואָס ער ווייסט. דאָס איז געווען זיין ליידנשאַפט ממש — און ווי יעדע עכטע ליידנשאַפט איז דאָס געווען אַ שטילע ליידנשאַפט ביי אים. אַ שטילע און אַן אומבאַצווינגבאַרע. ער האָט געבראַכט קרבנות פאַר דעם.

טאַקע, צו וואָס זאָל איך דעם גאַנצן מענש — יוסף יאַשונסקי — פאַר־גלייכן? איך וועל אים פאַרגלייכן צו אַ בוך. ווי אַ בוך האָט ער געדולדיק אַלץ אַריינגענומען אין זיך, ווי אַ בוך האָט ער געדולדיק און שטיל געוואַרט ביז מען איז געקומען צו אים — און ווי אַ בוך האָט ער אַלץ געגעבן יעדן, וואָס איז נאָר געקומען צו אים און ווי אַ בוך האָט ער אַלץ געדענקט, וואָס מען האָט אין אים אַריינגעשריבן, און ווי אַ בוך איז ער קיינמאָל נישט מיד געוואָרן אַלעמאָל אויפסניי און מיט דער זעלבער געדולד יעדן איבערצוגעבן וואָס ער אַליין ווייסט.

נישט געקוקט אויף יוסף יאַשונסקיס וויסנשאַפטלעכן סטאַזש, נישט גע־

קוקט אויף דעם, וואָס ער האָט ממש אומצאָליקע וויסנשאַפטלעכע ווערק פאַר־יידישט, נישט געקוקט אויף זיין ריין זשורנאַליסטישן סטאַזש—זיין לאַנגיאָרי־קער מיטאַרבעט אין דער בעסטער אפשר און ריינסטער פון די יידישע צייטונגען דעם „פריינד״, וואָ ן בלויז דער נאָמען פון דער צייטונג קלינגט איינעם אין די אויערן ווי א פרילינגס-ליד פון דער יידישער ליטעראַטור — נישט געקוקט אויף זיין פירנדיקער מיטאַרבעט ביי דער גרויסער רוסישער בראָקהאוז־עפראָן־ענציקלאָפּעדיע, נישט געקוקט אויף יאַשונסקיס חלום צו פאַרנעמען זיך בלויז מיט וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, האָט ער אָבער כמעט שטענדיק געמוזט אַרבעטן אויף אַדמיניסטראַטיווע פּאָסטנס. אָט האָט ער געמוזט נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו זיין דער דירעקטאָר פון דער יידישער גימנאַזיע אין ווילנע, און אָט האָט ער געאַרבעט אין וואַרשעווער „אָרט״, צוערשט אַלס וויצעדירעקטאָר אונטער דר. זילבערפאַרב און נאָך יענעמס טויט — אַלס דירעקטאָר אַליין. און אין געטאָ האָט ער ווידער געהאַט אַן אַדמיניסטראַטיוון פּאָסטן אין דער קהילה — דעם שווערסטן, דעם פאַראַנטוואָרטלעכסטן, דעם פּאָסטן אָן אַן אויסוועג אין דער וועלט . . .

אָבער יאַשונסקיס אויפגאַבע אין לעבן איז געווען מסביר צו זיין דאָס וויסן פון דער וועלט צו די יידישע מאַסן. האָט ער דעריבער מער ווי א יאָר־צענדלינג געשריבן פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אין דער „פאָלקס־צייטונג״. און די לעזער האָבן זיינע אַרטיקלען ליב געהאַט און דורך די אַר־טיקלען דעם מחבר. יאָ, ממש ליב געהאַט האָט מען אים פאַר זיין לייכט מאַכן די שווערסטע פראַגן און פּראָבלעמען פון וויסן. און ער האָט די אַרבעט געטון ווי א הייליקן דינסט. אָפט פלעגט ער זיך מיט פרייד „באַקלאָגן״, אַז די ביכער צו יעדן אַרטיקל קאָסטן אים מער ווי דאָס, וואָס די צייטונג צאָלט אים, אַז אָפט קאָסט עס אים וואָכן פון מי, דאָס וואָס גיט דעם לעזער א פערטעל שעה נחת. אָבער די לעזערשאַפט האָט עס אָפּגעשאַצט, מען האָט אים ליב געהאַט ווי א באַליבטן פּאָליטישן פירער, כאָטש צו דער פּאָליטיק האָט ער זיך נישט געמישט.

א פנים פון א יידישן למדן, מיט א בערדל אפילו, אָבער נישט פון קיין למדן א חלוש, האָט יאַשונסקי געהאַט, א פנים פון א וועלטלעכן יידישן למדן, און נישט געקוקט אויף דער קורצזיכטיקייט, וואָס מאַכט פנימער בייז — א גוט פנים. און אַז ער הויבט אָן צו רעדן צו דיר, איז באַלד קלערט ער דיר עפּיס אויף, שוין די שטימע זיינע איז געווען אַזאַ גוטע און געדולדיקע שטימע וואָס האַלט אין איין אויפקלערן עפּיס.

ער האָט געוווסט, יאַשונסקי, אַז איך לעז אַלץ, וואָס ער שרייבט: זיינע אַר־טיקלען, זיינע ביכער, איך האָב אפילו אַמאָל געוואַגט ווי א לעזער אויפצושרייבן מיינע איינדרוקן פון זיינס א פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעך בוך און אָפּדרוקן ווי א

רעצענזיע, האָט ער געפֿילט — אין זײַן װוּנדערבאַרער תמימות פֿון אַן אמתן תּלמיד חכם, אַזאַ אָן שום קנאה־שׂנאה, אַז ער דאַרף מיך אַמאָל חבֿריש מהנה זײַן. אָבער לידער זענען פּאָרט נישט זײַן געביט. מאַכט זיך אַמאָל אין 1931, אַז איך שרײַב אָן אַ שלעכטע דראַמע מיטן נאָמען „דרײַ פֿרױען, װאָס האָבן ליב געהאַט", און דער העלד פֿון אָט דער דראַמע איז אַ װיסנשאַפֿט־לעכער פֿאָרשער, װאָס האָט אַ טעאָריע, אַז מען קען אױסנוצן די ענערגיע פֿון דער זון און גליקלעך מאַכן די מענטשהײט, נאָר די דרײַ פֿרױען, װאָס האָבן אים ליב, לאָזן נישט. אַ טראַגעדיע. — און װי בין איך איבעראַשט, איך בין דעמאָלט געװען אין דרום־אַפֿריקע, צו לײענען אַ רעצענזיע װעגן דער שלעכטער דראַמע מײַנער פֿון — — יוסף יאַשונסקי . . . נישט װעגן דער דראַמע האָט ער געשריבן, נישט װעגן איר ליטעראַרישן אומװערט, נאָר װעגן די װיסנ־שאַפֿטלעכע פּראָבלעמען פֿון מײַן־הױפּט העלד, און ער האָט מיר אַפֿילו צו־געשריבן װיסנשאַפֿטלעכע אינטואיציע . . . איך בין געװען אין זיבעטן הימל.

פֿאַרבונדן אַ צײַטלאַנג מיט דער „אָרט"-אַרבעט אין 1934 האָב איך אָפֿט מיך באַגעגנט מיט יאַשונסקין פֿאַר מײַן אָפּפֿאָרן פֿון פּױלן. ער האָט געװוּסט, אַז איך פֿאָר אַװעק אױף שטענדיק, זאָגט ער מיר, אַז ער װאָלט נישט געקענט אַװעק, ער מוז כּסדר מסבּיר זײַן און אין אױסלאַנד זענען נישטאָ ײדישע מאַסן. ביז געקומען איז אַ מאָמענט, װען דער אײביקער בעל מסבּיר האָט נישט גע־קענט מער מסבּיר זײַן די ײדישע מאַסן אין געטאָ דעם װילן פֿון דער געסטאַפּאָ . . .

1942

אלעקסאנדער כאַשין

1886 אין בערעזינע — 1914־1917 אין אמעריקע, שפּעטער אין מערב־איראָפּע, זינט 1922 צוריק אין ראטן־פארבאנד. דאָרט ווארשיינלעך געשטאָרבן ארום 1938.

א הויכער, א בלאָנדער, א דינער, מיט לאנגע הענט, לאנגע פיס, א לאנג פנים, א לאנגע נאָז און א נאָמען, וואָס כאָטש ער באשטייט נאָר פון זעקס זילבן צוזאמען, קלינגט ער זייער לאנג — א — לע — קסאנ — דער —כא — שין.

ער איז א קלוגער געוועזן, אזוי קלוג, אז ער האָט זיך נישט געקענט העלפן און ער איז געוועזן אביסל א ציניקער. די קליינע דאָזע פון ציניזם אין זיין טון און אין זיין רעדן האָט אפשר געשטאַרקט אויך זיין קרענק. ער איז געוועזן א לונגען־קראנקער, א טובערקלאָזער, פלעגט לאנג און שווער הוסטן, אָט פונקט אזוי ווי די פּאָעטן פון סוף נייַנצענטן יאָרהונדערט, ווען דאָס זיין טובערקולאָז האָט באלאנגט צו דער מאָדע ביי פּאָעטן.

אז אלעקסאנדער כאַשין (זיין אמתער נאָמען איז געוועזן צבי אווערבוך) פלעגט רעדן פלעגט ער ציען לאנגע, אָבער זייער קאָרעקטע זאצן, ווייל ער האָט גוט באהערשט די יידישע שפּראך, דערביי פלעגט ער זייער ווייט און ברייט געסטיקולירן מיט זיינע לאנגע הענט, עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אז ער שטייט אויף שטשודלעס און געסטיקולירט נישט בלויז מיט זיינע אייגענע הענט, נאָר די הענט זענען פארלענגערט מיט קאטשערעס. און גערעדט האָט כאשין מיט דערזעלבער אויטאָריטעט אין אינהאלט און פאָרם — וועגן האַרשפּאלטערישע פּראָבלעמען פון לינקען פּועלי ציוניזם פּונקט ווי וועגן אבסטראקטע ליטערארישע פראגן פון דעם עקספּרעסיאָניזם קאָנטרא אימ־פּרעסיאָניזם, וואָס האָבן דעמאָלט פּונקט אזוי ווייניק געוווסט וואָס זיי ווילן ווי זיי ווייסן עס היינט. נאָר, אז כאשין האָט גערעדט וועגן דעם, האָט זיך גע־דאכט מיט גרויסער זיכערקייט, אז ער ווייסט, אז ער איז דער איינציקער אויף דער גאנצער וועלט, וואָסט ווייסט.

א ראציאָנאליסט ווי ער איז געוועזן, האָט ער אין גרונט פיינט געהאט אין דער טיף פון זיין נשמה די אומפארשטענדלעכקייט פון דער „כאליאסטרע״־פּאָעזיע און די געשרייען־צוליב־געשרייען פון פּרץ מארקיש. אָבער ער האָט דעם מין פּאָעזיע פארטיידיקט מיט אלע פייערן פון זיין טעמפּעראמענט. אמאָל האָט ער זיך אויף א פארזאמלונג אין ווארשעווער ליטעראטן־פאריין שטארק צעקאָכט אין א דיסקוסיע וועגן מאָדערנער ליטעראטור. דערצו איז ער דעמאָלט אין ווארשע געוועזן נישט לעגאל און מען האָט אים געמוזט רופן

מיט עפּיס אַן אויסגעטראַכטן נאָמען, איינעם פון די צענדליקער נעמען מיט וועלכע דער אומרויקער כאַשין האָט זיך באַנוצט. ער האָט זייער אָפט אַליין נישט געוווּסט וויאַזוי ער הייסט אין געגעבענעם מאָמענט. שטייט ער אַזוי און קאַכט זיך און עפּיס האָט ער גראַד זיך פאַרנומען אויף די נאַרוועגער און גאַנץ באַזונדערס האָט ער אַלעמאָל אַ שאָס געטון אַ האַרמאַטן־קויל אויף הענריק איבסאָן. איבסאָן און איבסאָן — ביז מיר האָבן אים אונטערגערוקט אַ צעטל, אַז דער נאָרוועגער האָט נישט געהייסן איבסאָן, נאָר פּשוט איבסען, טעותן האָט ער געמאַכט אַסך, פאַר אים איז געווען גענוג צו לעזן איין זייטל פון אַ שרייבער און באַלד צו מאַכן (זייער איבערצייגנדיק — ווייל ער איז געווען זייער אַ גוטער אָראַטאָר) אש און בלאָטע פון אים.

מיט פּאַרטיי־מענטשן — אַ פּאַרטיי־מענש, און ער האָט אָפט געביטן זיינע פּאַרטייאישע איבערצייגונגען, אַלעקסאַנדער כאַשין, כאָטש תמיד האָט ער זיך באַוועגט אין לינקסטן פליגל פון אַלע פּאַרטייען, אים האָט עס געצויגן פון לינק צו נאָך לינקער, מיט ליטעראַטן איז ער געווען אַ ליטעראַט, אָט אַזוי ווי פּאַרטיי וואָלט אים קיינמאָל גאָרנישט אָנגעגאַנגען. מיט די פּאָעטן פלעגט ער איראָניזירן פון די פּאַרטיי־מענטשן און מיט די פּאַרטיי־מענטשן פלעגט ער איראָניזירן די צעפלאָכטענע פּאָעטן. און דער אומרו האָט אים געטריבן און געטריבן כסדר.

דאָס איז געווען אַרום 1919 און 1920 אין ווין, ווען לינקס מיט רעכטס האָט זיך דאָרט גאַנץ בלוטיק אַרומגעשאָסן. כאָטש נישט קיין פּאַרטיימענטש — פלעג איך דאָך גיין צו די לינקע דעמאָנסטראַציעס. און קיין העלד בין איך נישט. קום איך אַמאָל נאָך אַזאַ דעמאָנסטראַציע, וווּ איך האָב ערשט געזען מענטשן ליגן אויפן טראָטואַר און שאַרן מיט די שטאַרבנדיקע, קאָנוווּל־סירנדיקע פיס די קאַלוזשעס בלוט אונטער זיך, אין קאַפע. איך בין געווען נאָך מתים־בלייך און האָב נאָך געציטערט פון דער אויפרעגונג. נאָך מער — ווייל עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איינער פון די מענטשן, וואָס איך האָב געזען אין אַ קאַלוזשע בלוט איז געווען כאַשין. אָבער צו מיין פרייד איז כאַשין געזעסן אין קאַפע און געמאַכט וויצן און אַליין געלאַכט און געזאָגט: אָט גייט ראַוויטש, אונזער פּאָלק, ער וועט אונז, די גענעראַלן פון הויפּט־קוואַרטיר, שוין געבוי דערציילן, וואָס עס איז פאָרגעקומען; קיינער האָט נישט געלאַכט און כאַשין אַליין האָט געפּילט, אַז דער וויץ איז נישט געווען אויפן פּלאַץ.

ער האָט ליב געהאַט אַראָפּצורייסן—כאַשין—אָן שום באַזונדערער כוונה—אַראָפּרייסן. אויסצוגעפינען אַ שוואַכע שטעלע אין אַ ווערק פון אַ שרייבער און פון דאָרט שוין מער נישט אָפּטרעטן. דער עיקר איז דאָך טאַקע געווען דאָס אַראָפּרייסן. עס איז דאָך געווען אַ צייט פון אַראָפּרייסן. וויסן

און באַלעזנקייט האָט ער געהאַט אָנגעזאַמלט פון אַמאָל — איצט פלעגט ער נאָר בלעטערן. ער האָט דערפון נישט געמאַכט קיין סוד.

וואָס כאַשין האָט געוואָלט — ווער ווייסט. וווהין ער האָט געצילט? האָט ער דען אַליין געוווּסט? און דאָך האָט אים עפּיס אַן אינערלעכע ער־לעכקייט געטריבן צו פאַרלאָזן די וואַרימע נעסט פון אַמעריקע און פאָרן איבער האָנאָלולו קיין רוסלאַנד צוריק — צוריק צום לאַנד פון די רע־וואָלוציעס. עטלעכע מאָל איז ער פון דאָרט ווידער אַוועק און עטלעכע מאָל צוריק. קורץ פאַר דער ידיעה וועגן זיין טויט אין טורמע האָט זיך באַ־וויזן די ידיעה, אַז ער איז באַשטימט געוואָרן פאַר דעם עקספּערט פון העברעיש־לערנונג ביים יידישן בילדונגס־קאָמיסאַריאַט פון דער יעווּ־סעקציע. דאָ און דאָרט איז אַן אַרטיקל פאַרבליבן, דאָ און דאָרט אַ בראָשורע, וואָס איז שוין לאַנג פאַרעלטערט, דאָ און דאָרט אַ דערינערונג ביי גוטע פריינט, און אַמאָל איז עס געוועזן אַ נאָמען, וואָס האָט געקלונגען און אפילו געדונערט גאַנץ שטאַרק סאַי אין פּאַרטיי קרייזן און סאַי אין ליטעראַרישע קרייזן — אַלעקסאַנדער כאַשין. אָט שטייט ער אַזוי דייטלעך פאַר די אויגן, אַלעמאָל מיט אַ קאָפּ העכער, אָט הער איך זיין שטימע, אַלעמאָל הייזעריק.

1941

שמואל לעהמאַן

1886 אין וואַרשע — געשטאָרבן אין געטאָ פון וואַרשע 1940.

א קליינער און א דאַרער, מיט א פאַרשפּיצט פּנים און זייער א לאַנגער, שפּיציקער נאָז, דער אַנצוג הענגט אויף אים, אַן אָפּגעטראָגענער און אַלעמאָל א צו גרויסער און אַזוי אויך דער מאַנטל, דער קאַפּעלוש פאַלט אַריבער איבערן שטערן אין די גרויסע, טיף זיצנדיקע אויגן, וואָס זענען אַלעמאָל פאַרצויגן מיט א גוטמוטיקן שמייכל — און רעדן רעדט ער זייער שטיל און רעדן רעדט ער נאָר וועגן צוויי זאַכן, אָדער וועגן זיין נויט אָדער וועגן יידישע פאָלקס־שאַפונגען. אָט דאָס איז געווען שמואל לעהמאַן, דאָס עכטע וואַרשעווער קינד, איינער פון די טעטיקסטע זאַמלער פון יידישן פאָלקלאָר. קוים האָט ער אויף א פּאָר חדשים אָפּגעבעטן דעם באַלעבאָס זיינעם, אַז מען זאָל אים נישט אַרויסשטעלן פון דער איינצימערדיקער דירה ערגעץ אויף שיעננע גאַס — האָט ער זיך באַלד מיט דער גרעסטער התמדה גענומען צו זיינע זאַמלונגען, וואָס האָבן קיין גרעניץ און קיין ברעג נישט געהאַט, און קוים האָט ער אַזוי ביי אָט דער אַרבעט אָפּגעאַרבעט מיט א זעלבס־פאַרגעסנקייט א פּאָר חדשים, האָט זיך דער באַלעבאָס ווידער גענומען צו אים און צו זיין פאַרלעגענעם דירה־געלט־חוב. אַז ער איז אַלט געווען דרייצן יאָר — פלעגט ער אונז דערציילן — האָט ער זיך שוין גענומען צום זאַמלען פאָלקסלידער און אַז ער איז אַלט געווען 54 יאָר האָט ער אויפגעהערט צו זאַמלען ווייל ער איז געשטאָרבן. איך בין זיכער, אַז אין זיינע זאַמלונגען געפינען זיך שוין — אויב זיינע זאַמלונגען זענען נאָר נישט פאַרפאַלן געוואָרן — לידער וועגן געטאָ. געלעבט האָט ער — שמואל לעהמאַן — פון וואָס עס האָט זיך געלאָזט. צום ליבסטן איז אים געווען די מלאכה פון א קאָלעקטער פון ראַטעס, ווייל דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו זיין אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיטן פאָלק און כסדר פאַרצוזעצן זיין אַרבעט. וועגן לעהמאַנען פלעגט מען דערציילן אַזא מין אַנעקדאָט: אַמאָל איז ער אַריינגעקומען צו א בייזן ייד איינצומאָנען א ראַטע, דער ייד, חוץ דעם, וואָס ער איז סתם געווען א בייזער, האָט געהאַלטן פּונקט אינמיטן קריגן זיך מיט זיין ווייב און אַז לעהמאַן איז אַריינגעקומען האָט ער אים באַגעגנט מיט א פאַמויניצע פון די סאַמע ווילדסטע קללות. לעהמאַן האָט זיך אַזש מחייה געווען. אויף אַזא פאָלקס־אוצר פון חרמות אין מיטן א פּראָסטן, וואָכעדיקן טאָג, אינמיטן זיין לאַנגווייליקער אַרבעט, האָט ער זיך גאָרנישט געריכט און דער ייד האָט געשאָלטן און געשאָלטן און זיך געזידלט און אין לעהמאַנען האָט עס

ממש געזונגען פאַר שמחה. זיינע זאַמלונגען פון פאָלקס־קללות און חרמות זענען לעצטנס געווען אַביסל פאַרנאַכלעסיקט און דאָ אַזאַ מין אוצר. ער האָט אַרויסגענומען פון די אייביק אָנגעפּילטע קעשענעס אַ בלייפעדער און אַ נאָטיצבּיכל און מיט אַ שמייכל געבעטן דעם צעיושעטן ייד: ווי האָט איר געזאָגט? זאָגט עס נאָכאַמאָל, איך האָב פאַרהערט, איך וויל עס דייטלעך פאַר־שרייבן . . . (וואָרום לעהמאַן איז געווען וויסנשאַפטלעך פּינקטלעך ביי זיינע פאַרשרייבונגען) דער ייד האָט געמיינט, אַז לעהמאַן וויל אים קלאָגן צום געריכט פאַר באַליידיקונג און האָט זיך גענומען פאַרענפערן און האָט זיך גאָר אָפּגעטראָגן. לעהמאַן איז אומעטיק געוואָרן — אַזאַ אוצר געפונען און דער אוצר איז אַזוי אומגעריכט אויסגערונען ממש פון אונטער די הענט . . .
אַמאָל האָט מען לעהמאַנען געפּראַוועט אַ יובל. ער איז געזעסן אויף דער בינע, דאָס פאַרשפּיצטע, לאַנגע פּנים האָט געפלאַמט, די גרויסע, פאַר־שאָטנטע אויגן זענען געווען אַראָפּגעלאָזן, אויפן פּנים האָט געשפּילט דער אייביקער שמייכל און עס איז אים אומעטיק געווען פון די רעדעס. די רעדעס זענען געווען אַזוי ליטעראַריש, אַזוי סטיליסטיש געטאָקט און קיין ברעקל פאָלקס־טאָן. ער האָט נישט שטאַרק ליב געהאַט די קינסטלערישע ליטעראַטור. צו וואָס דאַרף מען דאָס, אַז דאָס פאָלק האָט דאָך שוין אַלץ אויפגע־שריבן. לויט זיין מיינונג האָט מען דער עיקר געדאַרפט זאַמלען, אַז אַלץ איז דאָך דאָ אין פאָלק. לידער און באַלאַדן און דערציילונגען און לעגענדעס און דראַמעס און פילאָזאָפיע און מוזיק — אָן אַ שיעור מוזיק. אַז די יובל־רעדעס האָבן זיך געענדיקט, האָט מען לעהמאַנען געבעטן, אַז ער זאָל דערציילן אַביסל פון זיין זאַמלערישער פּראַקטיק. און ער האָט גענומען דערציילן און כאָטש די רעדע זיינע האָט געדויערט שעהן, האָט מען געהערט און געהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. ער האָט דערציילט וויאַזוי ער האָט זיך אַמאָל איינ־געשפּאַרט אויסצוגעפינען אַ לעבעדיקן מחבר פון די באַרימטע וואַרשעווער יידישע גנבים־לידער. אַזוי ווי אַ געניטער בערן־יעגער איז ער נאָכגעגאַנגען נאָך די שפּורן פון די טריט פון דעם גנבים־ליד, געקראָכן אין די סאַמע געדיכטענישן פון דער וואַרשעווער יידישער אונטערוועלט ביז ער האָט דעם פאָלקס־דיכטער געפּאַקט. און אַז ער האָט אים געפּאַקט, האָט ער ערשט קיין נחת נישט געהאַט, ווייל דער גנב־דיכטער האָט בשום אופן נישט געוואָלט באַגרייפן וואָס דער ייד וויל פון אים, ער האָט אים חושד געווען, אַז ער — לעהמאַן — איז אַ פאַרשטעלטער ציווילער „מענטע" (אַ פּאָליציאַנט, אויף גנבים־לשון) און מער ווי איינמאָל האָט ער דעם דיכטער שוין נישט געזען. יענער איז אויסגעטרונקט געוואָרן . . .

נישט איינמאָל פלעג איך אַזוי קוקן אויף לעהמאַנען און טראַכטן, אַז ער איז עפּיס אַ מין מענשלעכע בין, וואָס זאַמלט דעם האָניג פון די לאָנקעס פון

פֿאָלקס־לעבן, פֿולע מיט די הערלעכסטע, פֿאַרביקסטע בלומען — נאָר ער אַליין, אָט די מענטשלעכע בין, וועט קיינמאָל דעם האָניק אַליין נישט געניסן. און דאָך האָט אים ממש עפּיס אַזוי ווי אַן אינסטינקט געטריבן צו זאַמלען, צו זאַמלען אָן אַ סוף. אין די לעצטע יאָרן פֿון לעהמאַנס לעבן האָט אים דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט געשטיצט מיט אַן אַספּיראַנטור — האָט זיך אָבער די וועלטגעשיכטע אַרײַנגעמישט און געמאַכט אַ סוף פֿון לעהמאַנס גן עדן אויף דער וועלט און אים אָפּגעשיקט אויף יענער וועלט. דאָרט זיצט ער אוודאי צווישן די מלאכים און זאַמלט פֿון זייערע קלינגענדיקע צינגלעך און זילבערדיקע שטימעלעך ייִדישן מלאכים־פֿאָלקלאָר.

1941

אהרן מאַרק

1904 אין לאָמזשע, געװױנט אין ביאַליסטאָק, װאַרשע, גע־שטאָרבן אין װילנע — 1938.

װער עס זײעט װינט — שטורם װעט ער שנײדן — —

מיר פון דער גרופּע פון דער „כאַליאַסטרע" אין װאַרשע, װאָס איז גע־װעזן טעטיק א גאַנץ קורצע צײט, אַן ערך פון יאָר 1921 ביז 1926, האָבן בלי שום ספק געזײעט װינט . . . װאָרום װינט איז געװעזן אַסך פון דעם, װאָס מיר האָבן געשריבן און װאָסער איז געװעזן אַסך פון דעם, װאָס מיר האָבן געשטױסן מיט אונזערע פּעדערס און אַסך, אַסך פון דעם, װאָס מיר האָבן דע־מאָלט געטון איז געװעזן געשריבן אויף'ן װינט און דער װינט האָט באַלד אויס־געטרוקנט. און סוף כל סוף זענען מיר זיך פונאַנדערגעלאָפן אין אַלע פיר װינטן פון דער װעלט. אַזוי איז עס אַלעמאָל מיט אַזעלכע גרופּעס. מען שאַצט אונז איבער און מען שאַצט אונז אונטער און עס איז שוין — װען די װערטער װערן געשריבן אין יאָר 1942 — נישטאָ מער קײנער, װאָס זאָל זיך אננעמען אונזער קריװודע.

און נישט דאָס בין איך אויסן — שרײבנדיק װעגן אהרן מאַרקן, װאָס װען אונזער גרופּע איז אויפגעקומען — און מיר זענען געװעזן אַרום דרײסיק־יעריקע מענער דעמאָלט — איז ער און זײן גרופּע באַשטאַנען פון קוים „צן"־יעריקע ײנגלעך.

און װער עס זײעט װינט — שטורם װעט ער שנײדן — —

און נאָך װאָס פאַר א שטורם — — —

א טײפון — —

און װוּ? — אין לאָמזשע.

און איר װײסט, װאָס א טײפון איז? טײפון איז נישט א ליאַדע שטורם, א טײפון איז א שרעקלעכער װירבלשטורם, װאָס פאַרניכטעט אַלץ, װאָס ער באַגעגנט און ער קומט פאַר נאָר אין די כינעזישע װאַסערן אין װײטן מזרח . . .

דאָס איז געװעזן אַזוי אַרום 1923. אַנונגסלאָז איז נאָך דעמאָלט די גאַנצע װעלט געװעזן, אַנונגסלאָז די ײדישע װעלט פון פּױלן, אַז בלויז אין זעכצן יאָר אַרום האָט געדאַרפט קומען דער אמתער טײפון, טאַקע דער טײפלישער טײ־פון. בין איך אײנגעלאַדן געװאָרן צו קומען קײן לאָמזשע אויף א פאָרלעזונג. און אײנגעלאַדן האָט מיך נישט קײן פאַרײן נאָר א גרופּע פון פּערזאָנען, װאָס זײערע נעמען זענען מיר געװעזן אומבאַקאַנט, נאָר װעמען אַרט דאָס. אָנגע־קומען בין איך קײן לאָמזשע אין דער טיפער נאַכט. די גרופּע האָט מיך

אָפּגעזוואַרט. עס איז געווען אַ קליינע גרופּע פון אַ זעקס־זיבן. אַלע נאָך נישט קיין צוואַנציק־יעריקע און אַ געמיש פון האַלב־אַסימילירטע גימנאַזיום־סטודענטן און רעוואָלטירנדיקע ישיבה־בחורים, וואָס אַ ליאַדע טאָג וועלן זיי אויסטון די קאַפּאָטע. מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַן אַלטן, גראַבמויערדיקן, קליינשטעטלדיקן האָטעל פון מלך סאָביעסקיס צייטן. עס איז געווען הערבסט און קאַלט און גליטשיק. אין צימער איז קיין אויוון נישט געווען, נאָר אַן אַלט־מאָדישער קאַמין אָן אַ ברעקל האָלץ אָדער פייער און אויפן קאַמין איז געשטאַנען אַן אַלטער לייכטער. מיר האָבן געקויפט אַ ליכט, אָנגעצונדן און חברה האָט אַרויסגענומען אַ נאָר וואָס דערשינען העפט און טאַקע אין לאָמזשע. און דאָס העפט האָט געהייסן „טייפון" . . .

פול מיט רעזיגנאַציע שוין דעמאָלט האָב איך געטראַכט: אַזוי איז דער גורל און אַזוי איז עס פאַרשריבן:

ווער עס וועט זייען ווינט — דער וועט שניידן שטורם.

דאָס העפט איז געווען פול מיט אויסרופצייכנס און אויסגעשרייען. די יונגע לייט זענען אין דעם העפט געווען אַלע פּאָרטראָטן און חוץ דעם, וואָס זיי זענען געווען פּאָרטראָטן מיט זייערע נעמען און לעגאַלע פּסעודאָ־נימען זענען זיי געווען פּאָרטראָטן מיט קריפּטאָנימען אויך. פאַרגע־דענקט האָב איך: אהרן מאַרק, שמואל זאַראָמב און, אויב איך מאַך קיין טעות נישט, אויך ה. וואָלף. די אַלע דריי האָבן זיך שפּעטער געמאַכט אַ נאָמען אין דער בעלעטריסטישער און עסאיסטישער יידישער ליטעראַטור.

און אהרן מאַרק איז געווען זייער אַ שיינער, שוין אַביסל צו שיין. אַ געטאַקט פּנים פון אַ ברונעטן יונגען מאַן, אַ געשניצט מויל פול מיט זייער שיינע ציין און ווערטער און מיט בלוט־רויטקייט, און גרויסע שיינע אויגן און אַ גלאַטער שטערן און אַ צעכוואַליעטע, געקרייזלטע שעוועליורע. ער איז—מערווייניקער — געווען דער פירער פון דער גרופּע.

מיט מיין לעקציע סאַי אין דער נאַכט פון אָנקומען קיין לאָמזשע און סאַי אויף צו מאָרגנס האָט זיך די גרופּע ווייניק וואָס פאַרנומען. אַזויפיל זיך אָנגערעדט צום פּובליקום בין איך דאָס מאָל, ווייזט אויס, איינגעלאַדן געוואָרן צו שפּילן די ראָל נישט פון אַ לעקטאָר נאָר פון אַן איין־מענש־פּובליקום . . . די פאַרלעזונג האָט מען מיר געהאַלטן, אויסגעשטורעמט דעם טייפון איבער מיר. און עס איז דווקא געווען וואָס צו הערן.

און אַסך, אַסך גיכער ווי עס איז צעפאַלן געוואָרן די „באַליאַסטרע"־גרופּע איז צעפאַלן געוואָרן די „טייפון"־גרופּע. דער ווינט איז אַלעמאָל דויערנדיקער ווי דער שטורעם — זיין קינד . . .

אָפּט האָבן מיר זיך געזען שפּעטער מיט אהרן מאַרקן אין וואַרשע, שיין איז ער געבליבן, נאָר אַביסל עלטער געוואָרן און זייער סטאַטעטשנע. און פאַר

דעם געדעכעניש פֿון „טײַפֿון" האָט ער אַזוי מורא געהאַט, אַז ווען מען האָט פֿאַר אים דערמאָנט דאָס וואָרט „טײַ" איז ער שוין בלײַך געוואָרן, טאָמער דערמאָנט מען אים זײַן יוגנט־זינד . . . ער איז געוואָרן אַ דערפֿאָלגרײַכער לערער אין גימנאַזיעס און אַ דערפֿאָלגרײַכער שרײַבער פֿון גוט דורכגע־טראַכטע, ליטעראַרישע אַרטיקלען, שפּעטער פֿון ביכער אַפֿילו, האָט אויפֿ־געשריבן אַ גאָר גרונטיקע שלום אַש־מאָנאָגראַפֿיע. און, ווײַזט אויס, אַז מײדלישע הערצער האָט ער נאָך אַלץ באַצווונגען טײַפֿוניש. אָפּטמאָל זענען צו מיר יונגע מײדלעך ווײנענדיק געקומען, איך זאָל רעדן אַ גוט וואָרט פֿאַר זײ צו מאַרקן. נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר און אָט באַזוך איך מאַרקן אין ווילנע. ער איז שוין אַ באַלעבעסל אַלײן, האָט שוין אַ קינד און איז אַ לערער אין דער רעאַל־גימנאַזיע, אַ דערפֿאָלגרײַכער לערער. און פּלוצלונג דערגרײַכט מיך ערגעץ אויף עק־וועלט אַ ידיעה, אַז מאַרק איז קראַנק אויף אויסבלײַכונג . . . און עס דערמאָנען זיך מיר זײַנע בלוט־רויטע ליפּן אין שײנעם, צו שײנעם פּנים. און גאָר באַלד: מאַרק איז געשטאָרבן. אין מאַנוסקריפּט זענען גע־בליבן עטלעכע גרונטיקע ליטעראַרישע סטודיעס.

1942

מתתיהו מיזיש

1885 אין פשעמישל, מיטל־גאַליציע, געוווינט אין פשע־
מישל לרוב, צייטנווייז אויך אין ווין און אין וואַרשע. גע־
בליבן אין פוילן און אומגעקומען.

מתתיהו מיזישן — אַזוי שרייבט מען אַרויס דעם נאָמען, אַרויסרעדן רעדט מען „מיזעס״ — האָב איך געטראָפן דאָס ערשטע מאָל אין יאָר 1910. ער האָט זיך זינט דעמאָלט ווייניק וואָס געביטן ביז יאָר 1934, ווען איך האָב אים געזען דאָס לעצטע מאָל פאַרן שרייבן פון אָט די ווערטער. א מיטלוווקסיקער, מיט זייער א שטרענג, אַדלעריש איינגעשטעלט פּנים, כאָטש נישט צו טונקל די האָר. א שפּיציק צוגעשוירענע באָרד און זייער געדיכטע וואָנסעס און די ברילן צו די אויגן ווי צוגעוואַקסן זינט דער געבורט. אויגן וואָס האָבן איבערגעלעזן א העלפט פון די ביכער פון דער וועלט און א פערטל פאַרגעדענקט אויף אויסנווייניק, אַזוי ווי זיי וואָלטן דאָס אַלץ פאָטאָגראַפירט, אַזעלכע אויגן קען מען זיך גאַרנישט פאָרשטעלן אָן דיקע ברילן. אז איך האָב דאָס ערשטע מאָל געטראָפן מיזיש׳ן אין יאָר 1910 איז עס געווען אין לעמבערג אין א קאַפעהויז, און איך בין געווען אין דער געזעלשאַפט פון שמואל יעקב אימבער, וואָס האָט דעמאָלט זייער פיל דערפאָלג געהאַט מיט זיין קלאַנגפולער און לירישער פּאָעמע „אסתרקע״. מיזיש האָט געהאַט א טבע צו רעדן צו מענשן פון אויבן אַראָפּ, זייער אַגרעסיוו און זייער זעלבסט־זיכער. אָט אַזוי ווי מען רופט א משרת — העי! נו זעט ער אימבערן, זאָגט ער אים אין פּויליש: — (מיזיש האָט זעלטן גערעדט יידיש, כאָטש ער איז איינער פון די גרעסטע, נישט נאָר יידיש־טעאָרעטיקער, נאָר אויך יידיש־קעמפער גע־ווען שוין אין יענער צייט, ווען דאָס איז נאָך געווען א זעלטנקייט. און געקעמפט האָט ער פאַר יידיש נישט אין יידיש, נאָר אין דייטש, העברעיש און פּויליש.) — העי, איך האָב געלעזן אייער בראָשורקעלע, ס׳איז דאָ אין דעם גאַנץ פיינע לידעלעך . . . מער האָט נישט געפעלט. אימבער האָט עפּיס שוין פון לאַנג געהאַט א בייז הארץ אויף מיזישן. אין פינף מינוט אַרום איז דאָס גאַנצע קאַפעהויז געגאַנגען כאַדאַראַם.ביידע האָבן זיך נישט געלאָזט אָפּ־שפּייען אין קאַשע און ביידע האָבן זיי געהאַט לשון און ביידע זענען זיי גרויסע ערודיטן און ביידע האָבן איינער דעם אַנדערנס ווערק גרונטיק גע־לעזן. און ווען נאָר איך האָב מיזישן געטראָפן, אָדער געזען מיט אַנדערע מענשן — גלאַט איז עס נישט אַראָפּ. עפּיס אַזוי ווי ער וואָלט כּסדר אַרום זיך געשאָטן מיט באַנאַנע־שאָלעכץ, אָדער ער, אָדער זיינע מיטשמועסער האָבן זיך געמוזט אויף זיי אויסגליטשן און עס האָט שוין געמוזט קומען צו א שטיקל

סכסוך. און שטרענג איז ער געווען, אוי ווי שטרענג. אַן אײַביקער פּראָפעסאָר, וואָס עקזאַמינירט אײַביק אַלץ און אַלעמען. קיין שמייכל אויף מיזישס פּנים האָב איך — נאַטירלעך — קיינמאָל נישט געזען. האָט ער געהערט אַ וויץ, האָט ער אים אויסגעהערט זייער ערנסט און באַלד אַנאַליזירט עטימאָלאָגיש און פּסיכאָלאָגיש און פילאָזאָפיש און היסטאָריש און עקאָנאָמיש אפילו. אַז אַ וויץ איז געמאַכט געוואָרן צום לאַכן, צום אַמוזירן זיך, צום שמייכלען כאָטש — דאָס איז אים, מתּתיהו מיזישן, גאָר קיינמאָל נישט אײַנגעפאַלן. און מה דאָך אַ וויץ איז געמאַכט נאָר צום אויספאָרשן און שטודירן — אַ פּשיטא שוין אַלץ איבעריקע, וואָס האָט צו טון מיטן מענטשלעכן וואָרט.

מען זאָגט יאַקבי, איך קען פאַר דעם נישט גאַראַנטירן, אַז פּרץ, וואָס איז געווען פול מיט ענטוזיאַזם צום יונגן מתתיהו מיזיש נאָך זײַן מײַסטערהאַפטן רעפעראַט אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ אין 1908, האָט אויף דעם געניאַלן, יונגען פילאָלאָג געזאָגט, אַז ער איז אַזוי אָנגעפילט מיט וויסן ווי אַ זאַק מיט טשוועקעס. אי עס איז זייער נוצלעך און אי מען קען זיך נישט צורירן דערצו. — אַ באַרימטער געלערנטער אין וואַרשע פלעגט מיר אַלעמאָל אויף מיזישן זאָגן, אַז ער איז אַ טיפּיטשנער „צעטל־געלערנטער". ער נעמט זיך צו עפּיס אַ געביט. טראָגט צוזאַמען אַ מאַסע וויסן מיט דער הילף פון אַ קאַר־טאָטעק און דערנאָך כאַפּט ער אַלעמען ביי נישט וויסן און באַשולדיקט אין גראָב־יונגשאַפט. מיזיש האָט פאַרפאַסט ממש אַ גאַנצע פּיר־שפּראַכיקע ביב־ליאָטעק פון האַלב־טויזנט־זײַטיקע פאָליאַנטן איבער שפּראַך, שריפט, רעליגיע און וואָס דען נישט. אָבער געלעזן האָט מען עס לאַוו־דווקא. און אַז עס איז אים נמאס געוואָרן צו זיצן אין פּשעמישל און צו זײַן דער פּאָרזיצער אין סוח־רים־פאַריין איז ער געקומען קיין וואַרשע און האָט זיך געוואָלט אײַנאָרדנען אין דער פּרעסע, געשריבן די סענסאַציאָנעלסטע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, און יעדע סענסאַציע, אָבער טאַקע סענסאַציע, מינדעסטנס צווייהונדערט יאָר אַלט. ער האָט שווער דערפון געליטן, ער איז בייז געווען אויף דער היינ־טיקער וועלט הלמאי זי איז אַזוי נאַריש און פאַרנעמט זיך מיטן היינט שטאַט מיטן אײַנעכטן, אָבער געהאָלפן האָט עס אים נישט. זײַן פּנים איז נאָך ערנסטער געוואָרן. אײנמאָל האָב איך מיזישן געבאָרגט אַ פּעקל סאָוויעטישע יידישע צײַטונגען. דאָס איז געווען אין דער פרי. ער האָט נאָך קיינמאָל ביז דאַן נישט געזען צײַטונגען מיט דער נײַער אויסלייגעכץ. פאַרנאַכט איז ער געקומען און מיר געבראַכט דאָס גאַנצע פּעקל. ער האָט עס איבערגעלייענט וואָרט אין וואָרט, זײַן פּנים איז געווען רויט ווי בוריק פון פילאָלאָגיש־עטימאָלאָגישער אויפרעגונג. פּאָליטיש און קולטור־פּאָליטיש איז אים דער ענין נישט אָנגעגאַנגען. נאָר עס איז געווען פאַר אים אַזאַ פילאָלאָגישע

איבערלעבונג . . . אז ער האָט אוש פארגעסן צו עסן אין יענעם טאָג. אין זיין תמימות האָט ער עס מיר אליין געזאָגט.

די שטאָט פּשעמישל האָט זיי גוט געקענט די מיזישס. עטלעכע ברידער און עטלעכע שוועסטערן זענען זיי געווען און אלע ארום א גרויס קאַלאַניאַל־געשעפט, געפירט פון פאָטער און יעדער פון זיי אויף אַן אנדערן אופן געניאַל און אויף אַן אנדערן אופן א טשודאק. מיט זייערע ווייבער און זייערע מאנען האָבן זיי זיך קיינס לאנג נישט געהאלטן. אויך מתתיהו מיזיש האָט לרוב געלעבט אַן איינזאם לעבן. און אלע האָבן זיי געהאט טיטולן, דאָקטאָרן, פּראָ־פעסאָרן, ראבינער, און נאָר מתתיהו האָט דווקא צוליב עפּיס א טעכנישער סיבה מיט אלע זיינע פּאָליאנטן אפילו קיין טיטל דאָקטאָר נישט געהאט, כאָטש יעדער צווייטער גאַליציאַנער האָט עס. און נישט געקוקט אויף זיין שם אין דער וועלט פון וויסן האָט ער שטילערהייט זיך דערפּאר געשעמט און געליטן. טשיקאַווע איז געווען צו הערן אים רעדן מיט זיין ברודער, דעם דר. יוסף מיזיש, פּולקאָווניק און אויבערראבינער פון דער פּוילישער ארמעע. זיי האָבן גערעדט לרוב פּויליש, און וועגן די קליינסטע זאכן גערעדט אין סטיל פון די פּלאַטאָנישע דיאַלאָגן און זיך גערופן פּאטעטיש „יוזעפּיע" און „מאַ־טעאושו" . . . זיי האָבן פיינט געהאט צערטלעכקייטן, דימינוטיוון, הומאָר און געלעכטער, די מיזישעס. די וועלט איז פאר זיי געווען א שווערער, ערנסטער, וויסנשאפטלעכער טראקטאט.

1942

נחמן מייזיל

1888 אין א שטעטל ביי קיעוו. פון 1921 אין װאַרשע. רייזעס אין אייראָפּע און אין נאָענטן מזרח. 1937 געקומען קיין אמעריקע.

א הויכער און א שטאלטנער איז ער, נחמן מייזיל, אן אָפּן פנים, א הויכער שטערן, ארויף פארקעמטע, געדיכטע האָר, אמאָל טונקל־בלאָנד־רויטלעך, היינט — 1942 — שוין שטארק גרוי, כמעט א הדרת פנים. וואָלט נחמן מייזיל געוועזן א פּאָעט, וואָלט שוין דאָס געהייסן א הדרת פנים, אָבער אזוי ווי ער איז נאָר א קריטיקער און פובליציסט און רעדאקטאָר און ארויסגעבער און ליטעראטור־פאָרשער, און ביבליאָגראף איז דאָס נאָך זוייניק אויף הדרת פנים. נחמן מייזיל איז א רויקער מענש, אָבער א ים מיט ענערגיע איז דאָ אין אים אָט אזוי שטילערהייט. אָפּט איז אים — אזוי דאכט זיך עס — קיין חילוק נישט וואָס ער טוט, אבי געטון. מיר האָבן יאָרן לאנג — כמעט צענדלינקער יאָרן לאנג — מיטגעארבעט אויף אלערליי אופנים אין וואַרשע, צוזאמען רעדאגירט א צייט לאנג די „ליטערארישע בלעטער" — מייזילס רעדאקטאָריש הויפּטווערק — און אז עס האָט זיך אמאָל געמאכט, אז א נומער איז אין רעדאקציע פריער פארטיק געוואָרן און צו טון איז נישט געוועזן וואָס פאר דער רגע, פלעגט נחמן אלעמאָל אריינגיין אין דער עקספּעדיציע פון פארלאג, פארקאטשען די ארבל און פאקן די פעקלעך. און ער קען די מלאכה גוט, ער איז א שטארקער און א פלינקער אין די הענט. און כאָטש ער האָט נישט פיינט קיין כבוד — ווער פון אונז האָט עס דען פיינט — בלאָזט ער אָבער נישט פון זיך, אן אמתער גוטער ברודער. אייגנטלעך האָט נחמן מייזיל, דעם אמת זאָגנדיק, קיין כבוד טאקע נישט ליב, ער האָט נאָר ליב א קאָמפּלימענט פאר דער קוואנטיטעט פון זיינע ליטערארישע אויפטועך. און דאָס קען אים דאָך קיינער נישט פארלייקענען. דאָס איז דאָך סטאטיסטיק, אפילו זיינע גרעסטע שונאים קענען דאָס נישט פארלייקענען. און שונאים האָט מייזיל אויפן טוץ און אסור אויב איך ווייס פארוואָס. אויך מייזיל ווייסט עס נישט. דער עיקר האָבן אים פיינט די שטשיפּיטילנע יידן אין אונזער ליטעראטור, די עקרדיקע, די פון דער סולת, ווייל מייזיל — כאָטש א גוטמוטיקער — איז ער אָפּט נישט צארט צו די פּאַוואָליעדיקע יידן. ער איילט זיך, ער האָט ליב שטראָם, באַוועגונג, גאנג, רירעוודיקייט, כאָטש ער האָט נישט ליב קיין טומל.

מייזיל האָט זייער א גוטן זכרון און זייער א גיכע תפיסה, ער איז גייך גרייט צו שרייבן און איז נאָך גיכער גרייט מיטן אויפגעשריבענעם און נאָך, נאָך גיכער גרייט מיטן אָפּגעדרוקטן. עס שאפט זיך אָפּט דער איינדרוק, אז מייזיל

שרײַבט גאָרנישט זײַנע אַרטיקלען נאָר ער דרוקט זיי באַלד אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן. אַז מען גרייט זיך אַרויסגעבן אַ צײַטשריפט — למשל — און מען מאַכט אַ זיצונג מיט מײַזילן און מען באַשליסט דאָס און דאָס און מען נעמט אויף זיך צו שרײַבן דאָס און דאָס — און מען קומט אויף צו איבער־מאָרגנס אין פאַרלאַג טרעפט מען שוין די ערשטע פּאָר בויגנס אָפּגעדרוקט מיט מײַזילס אַרבעט, אָפּט אַ גאַנץ גרינטלעכער פאָרשונג, און ער מאָנט שוין בײַ אײַך מיט אַביסל געריכטן כעס פאַרוואָס איר האָט נאָך אײַער בײַטראָג נישט צוגעשטעלט . . . ווי אָפט פלעגן מיר אין וואַרשע בטלענען וועגן פלענער ליטעראַרישע. קומט אָבער צו נחמן מײַזיל, איז שוין געווען אויס בטלענען, ער האָט געכאַפּט פון טיש אַ שטיקל פּאַפּיר, אָדער אָפּגעריסן אַ ראַנד פון אַ צײַטונג און געמאַכט דערויף אַ „סמעטע" (בודזשעט אין אונזער לשון) און אַזוי׳ גיך מײַזיל האָט נאָר געמאַכט אַ סמעטע און די סמעטע איז זיך ווי נישט איז צוזאַמענגעקומען מיט אַ נישט גרויסן היזק, זענען שוין די ביכער געוואָרן און די צײַטשריפטן אַנטשטאַנען. זײַן אַמביציע איז צו דערציען ביז טויזנט די צאָל פון די שער־בלעטער, וואָס זענען אונטער זײַן האַנט דערשינען אין יידיש. ער האַלט שוין נישט ווײַט דערפון.

מײַזיל איז אַלעמאָל פול מיט שפּעדיקער וואָכעדיקייט, מיט דער הייטער־קייט פון אין דער וואָכן און האָסט אַ באַגריף, אַז בײַ אַ יום־טוב פילט ער זיך שלעכט. ווערסטו אָבער איבעראַשט צו זען נחמנען בײַ אַ חבריש קערמעשל; ער איז גאָר אַ מנגן, אַ קענער פון מוזיק און ער זינגט גאָר ניט שלעכט. נאָך מער איבעראַשט ביזטו ווײַל מײַזיל רעדט אַלעמאָל גיך, טאַנלאָז און פּלאָנטערט אָפט אײַנצלנע ווערטער. אָבער אויף דער בינע איז ער אַ גוטער אָראַטאָר און אויף אַ קערמעשל — די ערשטע פּידל.

פאַרוואָס איטשע מאיר ווײַסענבערג האָט מײַזילן געדרודפט עד חרמה, פאַרוואָס ער האָט אין אים געזען אַ קאָנדענסירטן ליטוואַק, בשעת מײַזיל איז עס נישט לויט זײַן געבורט און נישט לויט זײַן כאַראַקטער, ווייס איך נישט. קיינער ווייסט נישט. האָט טאַקע ווײַסענבערג געהאַלטן אין אײן ליאַרעמען און די מײַזילשע ביכער־קאַראַוואַנע איז געגאַנגען אַלץ ווײַטער און ווײַטער איבערן מדבר פון אונזער לעבן אין וואַרשע. איך ווייס נישט צי איך וועל ווײַט זײַן פון אמת אויב איך וועל מאַכן אַ חשבון, אַז מינדעסטנס פיר צענטל פון אַלע יידישע ביכער, וואָס זענען דערשינען אין וואַרשע אין פאַרלויף פון די „גאָלדענע" יאָרן (אומשטיינס־אומז־געזאָגט) פון1920 ביז 1935, זענען דער־שינען אונטער מײַזילס האַנט.

מײַזיל איז אײַנגעטונקט אין יחוס פון טאַטנס צד און דער מאַמעס צד און פון רעכטס און פון לינקס — בערגעלסאָן איז זײַנער אַ קרוב — אָבער ער פילט זיך גוט אין דער ראָל פון האָרעפּאַשניק און איז ער נישט קיין אַרבעטער־

האָרעפּאַשניק, אַרבעט ער אין דער ליטעראַטור כמעט ביז צו טיפער פּיזישער מידקייט. אַמאָל בין איך אַריין צו מייזילן און געזען אויף זיין טיש אַן אַרטיקל וווּ מען האָט אים שווער אַטאַקירט. מיר האָבן זיך שטום אָנגעקוקט און מייזיל האָט זיך אָנגערופן: איך ווייס נישט וואָס זיי ווילן פון מיר, איך טו מיין שליחות אַזוי גוט ווי איך קען, איך האָב נישט קיין שום פּרעטענסיעס, איך בין אַן איבערגעגעבענער טשאַרנאָראַבאָטשי אין דער יידישער ליטעראַטור און איך האָב זי ליב ווי דאָס לעבן . . .

אין די קריזיס־צייטן פון אויגוסט־סעפּטעמבער 1939 בין איך אַמאָל אַרומגעגאַנגען מיט מייזילן אויף דער ניו־יאָרקער שטילער, ביינאַכטיקער פּיפּט־עווענין, ער האָט מיר דערציילט ווי ער שלאָפט ממש נישט אין די נעכט און מעדיטירט מיט אַ בליישטיפט אין האַנט וואָס צו טון וואָס שייך דעם „איקוף״. זיין אומבאַצווינגבאַרע תאווה צו אַרבעט ביי יידישע ביכער און זשורנאַלן האָט גובר געווען און ער איז געבליבן. ווי אַ פיש קען לעבן און זיך באַוועגן נאָר אין וואַסער,אַזוי קען מייזיל לעבן נאָר אין דעם טייך פון יידישע ביכער.

1942

שלמה מענדעלסאָן

1894 אין וואַרשע, אייראָפּעישע און אמעריקאַנישע רייזעס,
זינט 1941 אין ניו־יאָרק.

שלמה מענדעלסאָן — דאָס איז א שטיק יידישיסטיש וואַרשע. דאָס איז א לעבעדיק שטיק פון דער בעסטער פּראָגרעסיוו־יידישער טראַדיציע. דאָס איז א מישונג פון וואַרשעווער יידישן פאָלק פון עמך־שטייגער און וואַרשעווער רעוואָלוטירנדיקער יידישער יוגנט, וואָס שטאַמט אליין פון דער רעליגיעזער פּלוטאָקראַציע. מיט איין וואָרט ייחוס אין אלע זייטן אויף רעכטס און אויף אויף לינקס . . . מענדלסאָן איז נישט נאָר געבוירן געוואָרן אין וואַרשע, נאָר ער איז געבוירן געוואָרן אויפן גזשיבאָוו, נישט ווייט פון דער יידישער קהילה, אין סאמע צענטער פון די גרויסע יידישע סקלאַדעס און געשעפטן, אין דער סאמע נאָענט פון די האַלעס און אין דער סביבה פון די באַרימטע וואַרשעווער יידישע טרעגערס, מיט די ברייטע, פּאַרמעליקטע פּלייצעס, מיט די שווער־באַשטיוולטע פיס, וואָס זענען געשטאַנען אין די ראָגן פון די גאַסן ווי צוגע־מויערט. אָט די טרעגערס זענען נישט נאָר געווען די טרעגערס פון די שווערע פּעק פון די סקלאַדעס אַרום — און אזא טרעגער האָט דיר געקענט א מויער א נעם טון און א גאַרטל אַרום מיט דעם שטריק און א טראָג אוועק טון — נאָר זיי פלעגן אויך זיין אין איין צייט די יידישע אַרמיי, וואָס האָט געשיצט פאַר פּאָגראָמען און זיי זענען אויך די טרעגער פון דער וואַרשעווער יידישער פאָלקס־קולטור. און אָט אין דער סביבה איז ער געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן — שלמה מענדעלסאָן. לאַנגע, בלאָנדע פּאות פלעגט ער טראָגן אין דער יוגנט און א שוואַרץ דענקעלע אויפן קאָפּ און אז ער פלעגט גיין אין שולע, פלעגט ער די פּאות באַרבינדן מיט א קניפּ הינטער די אויערן. און די ענערגיע האָט אין אים געזאָטן און זיינע יונגע יאָרן זענען דאָך צו־זאַמענגעפאַלן מיט די שענסטע פּרץ־יאָרן אין וואַרשע. און ער האָט מיט דעם געלעבט און געאָטעמט, און אויך פּרץ האָט דאָך געוווינט און געאַרבעט נישט ווייט פון גזשיבאָוו, ניין טאָקע אויפן גזשיבאָוו. ער איז א קליין־געוואוקסיקער, שלמה מענדעלסאָן, א בלאָנד, פול פּנים פון איינעם, וואָס האָט אין דער יוגנט קיין נויט נישט פאַרזוכט, א פּנים פון איינעם, וואָס איז אלע מאָל פול מיט וויץ, ווייל ער ווייסט, אז אפילו דער גרעסטער ערנסט מוז דערלאַנגט ווערן מיט וויץ געמישט.

מענדעלסאָנס הויפּט־פאַך איז פּעדאַגאָגיק, מאָדערנע יידישע פּעדאַגאָגיק. כאָטש ווער האָט דאָס נישט ליב די שיינע יידישע ליטעראַטור, און אויב מען האָט דאָס אזוי ליב, ווער קען זיך איינהאַלטן צו שרייבן וועגן דער ליטעראַ־

טור, בפרט אז שפּראַך פאַרמאָגט מען און די שפּראַך דינט איינעם און וויסן פעלט נישט. אין צוויי פּאַרטייען איז מענדעלסאָן ביז איצט געווען טעטיק אויף דער יידישער גאַס. אין דער פּאָלקס־פּאַרטיי און אין בונד. אָבער דער צוזאַמענהאַנג איז אַ נאָענטער, עס איז נישט קיין אַריבערלויפערײַ געווען. די פּאָלקספּאַרטיי איז אין אַ געוויסן זינען געווען אַ פּרוזדור פאַר אַסך שפּעטער־דיקע בונדיסטן. עס איז לאָגיש.

אָבער מער פון אַלץ איז מענדעלסאָן אַ רעדנער. נישט קיין רעדנער — אַ טריבון. מיר האָבן אים יאָרן־לאַנג באַטראַכט פאַר דעם בעסטן רעדנער אין וואַרשע צווישן יידן. און ער רעדט אַ קליין ביסל אונטערן צונג, בּרענגט נישט דייטלעך אַרויס די ס און די צ. און אז דו האָסט אים נאָך נישט געהערט רעדן — ווערסטו, אַז דו ווערסט דיך מיט אים באַגעגענען אויג אין אויג, אַלץ פון אים דערוואַרטן, נאָר נישט, אַז ער איז אַזאַ טריבון, אַזאַ רעדנער. — אונ־זער ציצעראָ, אונזער וואַרשעווער יידישער ציצעראָ — — פלעגן מיר אים פאַרשטעלן פאַר די אומצאָליקע געסט, וואָס פלעגן באַזוכן וואַרשע. און אַלע פלעגן זיך וווּנדערן: אַזוי גאָר? . . . נאָר אַזוי פלעגן זיי זיך וווּנדערן ביז זיי האָבן מענדעלסאָנען געהערט רעדן. ער האָט געהאַט אַ מאָדנע טעכניק — אַזוי אין רעדן און אַזוי אין שרייבן. קורצע זאַצן. דאָס האָט ער פון פרץ געירשנט. און נישט נאָר קורצע זאַצן — די גאַנצע רעדע איז געווען אַ קורצע. איין געדאַנק אַרויסגעבראַכט, אָבער דעם געדאַנק אַרויסגעבראַכט גרינטלעך. און באַפעפערט מיט דריי אַנעקדאָטן און אַריינגעפּאַסט אַ פּאָר שוואַ־כּערע קלינגווערטער שוין ביים סוף פון דער פופצנמינוטיקער רעדע און געענדיקט מיט אַזאַ קלינגוואָרט וואָס מוז נאָכקלינגען אין געדאַנק, בלייבן אין זכרון. אָט דאָס איז מענדעלסאָנס טעכניק. — און מיר זענען אַלע לאַנג־אָטעמדיקע רעדנער געווען און ער פלעגט אַלע רעדנער־לאָורען ביי אונז צונעמען אָט אַזוי ווי אַ גוטער שפּילער נעמט אַלעמאָל די בעסטע קאָרטן אַוועק. גאַנץ נאַטירלעך.

מענדעלסאָן האָט געהאַט עטלעכע ברידער און שוועסטער און יעדער אַן אָריגינעלע פּערזאָן פאַר זיך און די מאַמע — אַן אמתע יידישע מאַמע פון גזשיבאָוו. און די זין פלעגן רעספּעקטירן איר שבת־יומטובדיקע פרומקייט און זי האָט שטילערהייט הנאה געהאַט פון דער אָפענער און דרייסטער און קעמפערישער אפּיקורסות פון אירע באַקאַנטע זין, און דער עיקר פון איר ליבלינג־זון שלמהלע. און אָט אַזוי פלעגט זי אים אַ רוף טון מיטן טעלעפאָן אין מיטן פון די היציקסטע זיצונגען, פון די גרעסטע פאַרזאַמלונגען אַרויס און פלעגט אים אָנזאָגן, אַז אַזוי ווי ער וועט היינט אויך אויף מיטאָג נישט קומען וועט זי אים שיקן מיטן משפּחה־משרת עפּיס איבערצובייסן. און באַלד פלעגט זיך באַווייזן דער האַלב־געלעמטער מאָטעלע — דאַכט זיך, אַז אַזוי האָט

ער געהייסן — וואָס האָט ליב געהאט די „פאניטשעס" פון זיינע באלעבאטים אָט אזוי ווי די דינסט פון דעם קרעטשמער האָט ליב געהאט דבורהלען אין אשעס קידוש השם. אויף טויט און אויף לעבן. און כאָטש ער איז געווען אומפעיק צו וועלכער נישט איז ארבעט האָט אים די משפחה געהאלטן ווי א מצווה־לאסט צענדלינקער יאָרן.

כאָטש מענדעלסאָן האָט אסך בילדונג, יידישע און אלגעמיינע, האָט ער אָבער נישט ליב די ברייטע אנאליזע און די טיפע דיאגנאָזע פון דערשיי־נונגען — זיין סטיכיע איז גלויבן, ער איז א חסיד געווען און געבליבן. אין דער קינדהייט און יוגנט א חסיד פון גער און שפּעטער א חסיד פון דער מאָדערנער יידישער קולטור. דער עיקר איז גלויבן. און אָט אזוי גלויבנדיק און טוענדיק זענען אָט די מענדעלסאָנס געווען די שטיץ־זיילן פון א גאנצן דור פון יידישן קולטור־שאפן.

און א ראָמאנטישע נשמה דערצו — נאטירלעך. די שיינע קלאָרע סע־גאַלאָוויטש, די באקאנטע אקטריסע די פריער־דיקע פרוי פון ז. סעגאַלאָוויטש, איז געווען אויך א רייע פון יאָרן די פרוי פון שלמה מענדעלסאָן — — בכדי אויך ווארשע זאָל זיין מיט לייטן גלייך און אונזער יידישע גאס זאָל אויך האָבן אירע פאריזער ראָמאנטישע פלאָטקעס. די זאכן זענען באשריבן אין ראָמאנען — מעג מען זיך דערלויבן זיי מיט ליבשאפט אויך דאָ צו דערמאָנען.

1943

מאַקס עריק

1898 אין סאָסנאָוויץ. געוווינט אין דאַנציק, וואַרשע, ווילנע. מערב אייראָפּעישע רייזעס. זינט אַרום 1930 אין ראַטן־פאַרבאַנד. געשטאָרבן בשעת א 5־יעריקער פאַרשיקונג. מעגלעך — 1938.

ער האָט זיך געשניטן אויף דעם געשיכטע-שרייבער פון דער יידישער ליטעראַטור. כאָטש ער איז געשטאָרבן צו זיינע 40 און ערך — איז ער נאָך נישט געווען רעכט פונאַנדערגעוויגט אין זיין שרייבן. מאַקס עריק איז געבליבן פראַגמענט אין אונזער ליטעראַטור. דער פראַגמענט וועט זיך דערהאַלטן — ווי א פראַגמענט אין א ליטעראַטור: פאַר וויסנשאַפטלער בלויז.

ער פלעגט האָבן א גרויסן דרך ארץ פאַר יידישע שרייבער — מאַקס עריק. אָבער אין דער זעלבער צייט פלעגט ער זיי עפּיס מבטל זיין. ער האָט געהאַט זייער א סאָלידע וויסנשאַפטלעכע באַזיס. ער האָט געשטאַמט פון יוסטע באַ־לעבאַטים פון סאָסנאָוויץ. אין רייזענס לעקסיקאָן באַרימט זיך זיין ביאָגראַ־פיע, אַז ביאַליק איז בשעת זיין וווינען אין סאָסנאָוויץ געווען א העברעישער לערער ביי די מערקינס אין שטוב. עריקס ריכטיקער נאָמען איז געווען זלמן מערקין. און אַז עריק האָט בשעת א שמועס מיט א יידישן שרייבער — פאַר וועלכן ער האָט געהאַט א גרויסן דרך ארץ — פעסטגעשטעלט, אַז יענער איז נישט געניגנד באַהאַוונט אין דער ליטעראַטור פון די יידישע שפּיל־מענער, ווייסט נישט וועגן דעם בבא־בוך און וויניק וואָס וועגן אליהו בחור, האָט ער עס עפּיס נישט געקענט פאַרשטיין ווייל עס איז קוים דאָ א פּוילישער שריי־בער, וואָס זאָל נישט וויסן וועגן יאַן קאָכאַנאָווסקי . . . עריק איז אַביסל גע־וועזן פון יענע ליטעראַטור־געלערנטע, וואָס נישט ווילנדיק און נישט וויסנדיק אליין דערפון מיינען זיי, אַז ליטעראַטור איז ניטאָ פאַר זיך אַליין, נאָר פאַרן צוועק פון שטודירן און פאָרשן זי . . . אַזוי מיינען דאָך אויך די אַסטראָנאָמען, אַז די שטערן קאָנסטעלאַציעס האָט גאָט אריינגעשרויפט אין הימל כדי זיי זאָלן האָבן איבער וואָס זיך צו האַמפּערן . . . און צו באַשטימען די ליכטיאָרן פון די מרחקים ווו זיי שטעקן ערגעץ אין שוואַרץ־סאַמעטענעם טעפיך פון די הימלען . . .

ער איז געווען א בלאָנדער, א מיטלוווקסיקער, א פעסט־געבויטער—עריק—מיט א פעסטן, זייער נאָרמאַל־צעשטעלטן פּנים, וואָס האָט געמאַכט אַן איינ־דרוק פון פּירעקעכדיקייט. דאָס צוליב דער פעסטקייט. און האָר פלעגט ער טראָגן קורצגעשוירענע און דאָס פלעגט נאָך פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק פון דער פּירעקעכדיקייט. און רעדן האָט ער גערעדט יידיש אַזוי שאַרף, אַז עס האָט

זיך געדאַכט, אַז שטײנדלעך שיטן זיך. אַזוי שאַרף ייִדיש רעדן מענטשן, וואָס קע־נען אַסך אײראָפּעיִשע שפּראַכן. וואָס קענען נישט ייִדיש אַזוי ווי מען קען מאַמע־לשון, נאָר ווי מען קען אַ שפּראַך. און ייִדיש האָט נישט ליב, אַז מען זאָל עס קענען גלאַט ווי מען קען אַ שפּראַך. ייִדיש פּילט זיך נישט באַקוועם אין אַזאַ מויל.

עריק איז געווען אַן אָפיצער אין דער פּוילישער אַרמיי. ער פלעגט אָפט דערמאָנען וועגן דעם און נישט געוווּסט, אַז דאָס וועט סוף כּל סוף ווערן זײַן אומגליק. אומגליקן האָבן ליב זיך צו מעלדן פריער צום אומגליקלעכן, צו וואָרענען אים. אָבער זעלטן באַמערקט די וואָרענונג דער געוואָרנטער. עריקס אַ ברודער אין אַרגענטינע דר. משה מערקין, האָט מיר דערציילט די סיבה פון עריקס אַרעסט אין ראַטן־פאַרבאַנד. געקומען אַהין פון פּוילן זײַנער אַ גע־וועזענער קאָלעגע, אַן אָפיצער פון די אָפיצירישע צײַטן נאָך, אַ פּאָלאַק, עריק האָט אים רעקאָמענדירט, באַשטעטיקט זײַן געוועזענע לינקשאַפט. אַרויסגע־שטעלט האָט זיך, אַז יענער איז געקומען קיין רוסלאַנד אַלס שפּיאָנער אַגענט פון זײַן מלוכה. עריק איז האַרב באַשטראָפט געוואָרן פאַר זײַן אומפאַרזיכטיקייט. פינף יאָר. אַלטע קראַנקהייטן האָבן זיך אָפּגערופן און די פאַרשיקונג איז געוואָרן דער סוף. נישט באַשערט געווען דער ייִדישער ליטעראַטור עריק אַלס איר היסטאָריקער.

איך האָב עריקן געקענט פון וואַרשע פון 22טן יאָר, שפּעטער אים באַזוכט אין ווילנע אין זײַן דירה אין אַן אַלטן ווילנער הויז, 1924 אַן ערך, אַ ווײַב — אַ קינד נאָך כּמעט, זײַן שילערין, און אַ קליין קינד שוין אין שטוב און אַסך ליבע און זײער אַסך צוקונפט. פון צײַט צו צײַט קומט ער קיין וואַרשע. רודערט אויף מיט שאַרפע רעפעראַטן־פאָרשונגען. זײַן שטים, ווי שטײנדלעך וואָלטן זיך געשאָטן, איז תּקיפדיק, די באַמערקונגען פּונקט אַזוי. ער לאַכט זײער זיכער און חבריש באַנעמט זיך אָראַגאַנט קעגן חברים. אָבער נאָר אין דער דיסקוסיע — נישט ביים חברישן טיש. געוויינטלעך זענען בעלע־טריסטן — און דערצו פּאָעטן — געוווּנט, אַז מען לעזט זיי נישט. זיי שרײַבן און דרוקן זײערע לידער, אָבער די לידער גײען דורך דורך די אויגן פון די לעזער ווי פאַרשלײערטע געשטאַלטן, ווי פרויען אין אָריענט . . . מען זעט זיי פאַרבײַגײן, מען זעט זײערע געשטאַלטן, נאָר זײערע פּנימער זעט מען נישט, ווײסט מען נישט ווער זיי זענען. אָבער אַז עריק קומט און צערעדט זיך מיט אַ ייִדישן פּאָעט, קען ער יעדעס ליד, וואָס יענער האָט געשריבן. און די צוזאַמענהאַנגען פון דעם ליד קען ער אָפט בעסער ווי דער מחבר אַליין. אָט אַזוי ווי אַן אַסטראָנאָם ווײסט אַלעמאָל בעסער ווו דער שטערן געפינט זיך ערגעץ — ווי דער שטערן אַליין . . .

עריק איז שוין געווען גוט אײַנגעפעסטיקט אין פּוילן, גוט אײַנגע־

פעסטיקט אין ווילנער ייוואָ, ווען ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין ראַטן־פאַרבאַנד. עס האָט אים אימפּאָנירט דאָס זאָרגלאָזע לעבן פון אַ וויסנשאַפט־לעכן פאָרשער און אין פוילן האָט מען עס נישט געקענט דערגרייכן. עריק, רעזאָלוט אין אַלץ, זיכער אין אַלץ, זאָגט זיך אָפּ פון זײַן בירגערשאַפט, שיקט צוריק זײַן אָפּיצערישן דיפּלאָם, הויבט אָן שאַרפער און שאַרפער אַרויסצו־טרעטן קעגן זײַנע חברים ביז נעכטן און אײַנעכטן און פאָרט צוזאַמען מיט זײַן משפחה. און שוין אויף יענער זײַט, אַ יאָר און צוויי פאַרשטאַרקט ער אַפילו זײַנע אַטאַקעס. ביז — — עס איז געקומען וואָס עס איז געווען פאַרשריבן אין די הימלען אויבן.

עס געדענקט זיך אַ שמועס בײַ אַ חברישן טיש מיט עריקן אַלס גאַסט. ער צערעדט זיך, צעוואַרעמט זיך, גייט אַרײַן אין זײַן עלעמענט פון אַ ליטעראַטור־היסטאָריקער און הויבט אָן צו קוואַליפיצירן די טיש־געזעלשאַפט, דער באַלאַנגט צו דײַטשע ראָמאַנטיקער, יענער צו די רוסישע מיסטיקער, דער דריטער צו די פראַנצויזישע רעאַליסטן, דער פערטער צום העברעישן מיטל־אַלטער. אַז אַלע זענען שוין געווען קלאַסיפיצירט און ריכטיק אײַנגעטיילט אין פאָליצעס פון דער פאַרגאַנגענהייט — און מאַנכע זענען ערשט איצט געוואָר געוואָרן ווו זייער ריכטיקער אַדרעס איז . . . האָב איך אַ פרעג געטון: און וועד באַלאַנגט צו דער הײַנטיקער יידישער ליטעראַטור? — האָט זיך עריק זייער האַרציק צעלאַכט און געזאָגט, אַז דאָס אינטערעסירט אים נישט, ער איז אַ ליטעראַטור־היסטאָריקער . . .

1943

יצחק יוסף פּויזנער

1881 אין ריאַזנע, א שטעטל אין מאָהילעווער גובערניע, זינט 1908 אין ווארשע — און געבליבן ערגעץ אין פּוילן. קיינמאָל האָט קיינער נישט דערמאָנט וועגן זיין פּערזאָן נאָך 1939.

אָט אזוי ווי י. י. פּויזנער האָט אויסגעזען, אָט אַזוי דארף אויסזען א מיסטיקער — און אזוי דארף זיך א מיסטיקער באַנעמען, ווי ער.

ער איז געווען זייער א פּינקטלעכער, אז מען האָט אים ערגעץ-ווו צוליב עפּיס א סיבה באַשטעלט. ער פלעגט אריינקומען אזוי שטיל, אז עס איז אומ־מעגלעך געווען צו באמערקן ווען ער איז אריינגעקומען. מילא, אז מען האָט נישט געהערט זיינע טריט — קען מען אויך אויף א נישט מיסטישן אופן אויפקלערן — אפשר האָט ער געהאט גומענע זוילן און אָבצאסן, אָבער וויאזוי האָט ער געקענט אויפמאכן אזוי שטיל די טיר — און דער עיקר די מוראדיק סקריפּענדיקע טיר פון טלאמאצקיע 13, ווו עס איז געווען דער ווארשעווער פאריין פון יידישע ליטעראטן און זשורנאליסטן. און נאָר דאָרט פלעג איך מיך באַגעגענען מיט י. י.פויזנער. אז דו האָסט זיך פּלוצלונג ארומגעקוקט און א טראכט געטון, אז מען דארף א פרעג טון צי י. י. פּויזנער איז שוין דאָ און אים טאקע מיטן בליק פון דיין געדאנק געזען שוין זיצן און קוקן גלייך אויף דיר . . . איז אזש אומהיימלעך געוואָרן . . . און געקוקט האָט ער מאָדנע, אָדער לחלוטין נישט אויף דיר, בשעת ער האָט גערעדט צו דיר, ווי דער שטייגער פון די קלאסישע ישיבה־בחורים, און ער איז געווען א מין אייביקער ישיבה־בחור, אָדער ער פלעגט דיר קוקן אזוי גלייך אין די אויגן אריין, אז א דראזש האָט דיך אזש דורכגענומען.

און אָט אזוי ווי י. י. פּויזנער האָט אויסגעזען, אזוי דארף אויסזען א מיסטיקער.

א איבערמיטלהויכער — און זייער א דארער — אָט אזוי ווי ער וואָלט אייביק ערשט נעכטן זיך אויפגעהויבן פון א שווערער קרענק, א מאָגער פּנים און א בלאס. נישט קיין יידיש פּנים — עפּיס אזא מין אינטערראסיש פּנים פון א מיסטיקער. און אויגן בלוי־גרוי־גרינע און טיף אריינגעזעצטע און א דינע נאָז און א ביינערדיקן, נישט צו הויכן שטערן האָט ער געהאט און א מויל, עפּיס אזוי ווי עס וואָלט געווען אריינגעזעצט באַזונדער, נישט קיין אינ־טעגראלער טייל פון פּנים. האָט מען אים אָבסערווירט, האָט זיך דאָס מויל זיינס באַזונדערס פאָרגעדענקט. און אויף דעם מויל איז אייביק געווען א גרימאסע, וואָס האָט דערמאָנט די גרימאסע פון די מיילער פון די האָלצערנע

דערלייזער־געשטאַלטן אויף מיטלאַלטערלעכע צלמים. און אויב אָט די דער־לייזער געשטאַלטן וואָלטן געקענט עפּענען זייערע מיילער וואָלטן זיי ארויס־געברענגט אזא מין מאָדנע שטימע ווי י. י. פּויזנער האָט געהאַט. די שטימע איז געווען אי דייטלעך און אי אביסל כריפּענדיק און הייזעריק, אי עס איז געווען גערעדט, אָט אזוי ווי א מענש רעדט און אי עס איז געווען גע־שעפּטשעט.

און גערעדט האָט ער אלעמאָל זייער זאכלעך, זייער פּראקטיש, אומ־היימלעך פּראקטיש. און דערצו אלעמאָל זייער עגאָצענטריש. נישט נאָר עגאָ־צענטריש — נאָר עגאָיסטיש אפילו.

און זיין באשעפטיקונג איז געווען צו זיין איינער פון די קאָרעקטאָרן פון דער גרויסער טאָגצייטונג „מאָמענט". כאָטש ער פלעגט זיך קיינמאָל נישט מישן אין קיין שום קהילהשע זאכן, איז ער אָבער געווען אלעמאָל זייער פאראינטערעסירט אין דער פּראָפעסיאָנעלער זשורנאליסטישער אָרגאניזאציע. קיינמאָל און אונטער קיין שום אומשטענדן האָט מען אים נישט געזען אויף א חברישער ליטערארישער אונטערנעמונג — סאידן ווען גאָט אליין וואָלט אראָפּגעקומען אויף דער ערד, וואָלט ער שוין געמוזט, אלס מיסטיקער, קומען — אָבער צו דער סעקונדע פלעגט ער קומען אויף די פּראָפעסיאָנעלע פאר־זאמלונגען. און אלעמאָל מיט א שעה פריער. ווארום, אז מען האָט גערופן אויף 8 האָבן דאָך אלע געוווסט, אז מען מיינט אויף 9, אָבער פּויזנער האָט נישט אויפגעגעבן זיין גלויבן, אז ווען מען רופט אויף 8 — מיינט מען טאקע 8. פלעגט ער זיצן און אָפּשווייגן די שעה און — אָדער האלטן די אויגן אראָפּ־געלאָזט, אָדער גלייך ארייננגעזעצט אין עמיצן.

און אזוי פלוצלונג — אָט אזוי ווי ער פלעגט דאָ זיין אין א שטוב, נישט אויפמאכנדיק די טיר און נישט טרעטנדיק אויף דער פּאָדלאָגע, און זאָגנדיק גוט־מאָרגן צו זיך אליין — אָט אזוי איז פלוצלונג דאָ געווען אין יאָר 1925 זיין דרייהונדערטזייטיק בוך מיט נישט קיין קלענערן טיטל ווי „מלכות משיח — רעליגיעזער מאניפעסט". דאָס בוך איז אָנגעפּיקעוועט מיט אן אמתן בארג מיט וויסן — כאָטש עס איז נישט קיין וויסנשאפטלעך ווערק, נאָר א פילאָ־זאָפיש, ווייל פּויזנער איז נישט קיין געלערנטער נאָר א פילאָזאָפיש־מיסטישער דענקער. און דערצו איז דאָס בוך געוואגט. אלע האָבן אלעמאָל געמיינט, אז פּויזנער איז זייער אָרטאָדאָקס־רעליגיעז, אָבער דאָס בוך האָט דאָס אלץ אָפּגעלייקנט. און דער סטיל — זייער פארפלאָנטערט, און דער קעגנשטאנד א צו הויכער פאר דער וואַרשעווער טאָגטעגלעכקייט פון יעמאָלט און דערביי איז ער געשטאַנען מן הצד פון אלץ און אלעמען און דאָס בוך, דאָס שווערע און אינטערעסאנטע בוך, דער מאניפעסט, איז אראָפּ ווי א שטיין אין וואסער. איין הלל צייטלין האָט זיך אָפּגערופן מיט א לויבליד, נאָר צייטלין פלעגט זיך

דאָך וועגן אלע ביכער, וואָס האָבן נאָר אָנגערירט רעליגיעזע מאָטיוון, אזוי אָפּרופן. האָט מען נישט געלייגט קיין אכט. און זיין איז דאָס בוך אזא — וואָס אָדער מען באמערקט עס גאָרנישט, אָדער עס ווערט טאַקע א מאַניפעסט פון א באוועגונג. עס איז איינס פון יענע ביכער וואָס האָבן צייט, צען יאָר, הונדערט יאָר, דרייהונדערט אפילו. און איך וועל גאָרנישט זיין איבעראשט, אז איך וועל אמאָל אין מיין גילגול אין יאָר 2200 זען ווי מען דרוקט דאָס בוך איבער, ווי מען לעזט עס אין אלערליי שפּראכן, ווי פון בוך וואקסט ארויס א באוועגונג, א פּאַרטיי — ביי יידן און אפילו ביי גוים. ווארום דאָס בוך איז נישט נאָר א יידיש בוך, עס איז אוניווערסאַל און עס איז זייער קריסטלעך. און וויאזוי פּויזנער איז נישט אריינגעוואָרפן געוואָרן אין חרם, ווייס איך נישט. אפשר דערפאר וואָס צייטלין האָט אים, ווי אונטער די פליגלען פון א מַלאך ארונ־טערגענומען אונטער די שיצנדיקע פליגלען פון זיין נביא־שער באָרד. — —

פּויזנער פלעגט נישט גערן געבן זיין בוך צו רעצענזענטן, האָט מען אים גע־בעטן האָט ער א שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ־ניין און געבראכט דאָס בוך האָט ער נישט. אגב איז ער זייער קארג געווען, פלעגט לאנג ציילן יעדן גראָשן, וואָס ער האָט אריינגענומען און אויסגעגעבן פון אלטפרענקישן בייטל. און מען פלעגט אויף אים זאָגן, אז ער האָט שוין אזוי אָפּגעשפּאָרט אן אייגן הויז. אָבער אלע האָבן א גרויסן אָפּשיי פאר אים געהאט: אן עכטער מענש.

1942

שמחה פּיעטרושקאַ

1893 אין פּראַגע־וואַרשע, 1925 ארץ ישראל, 1926 רייזע קיין אַמעריקע, 1939 — מאָנטרעאַל. באַקומען דאָקטאָראַט אין ניו־יאָרק אין יאָר 1946.

א מוסטער פון דעם גאון פון פּוילישן יידנטום. אפילו דער נאָמען אזוי טיפּיש פּויליש־יידיש און דאָך אזוי אנדערשדיק, אז ווען דו האָסט אים איינמאָל געהערט קענסטו שוין מער נישט פארגעסן — שמחה פּיעטרושקאַ. און טאָמער האָסטו זיך פּערזענליך מיט אים אמאָל באגעגנט קענסטו שוין אוודאי קיינמאָל נישט פארגעסן. אויב ער וועט נאָר זיין אין שטימונג און ער וועט דיך באַ־מערקן. ער וועט עפּיס זאָגן אזוינס, וואָס איז נישט צו וויציק און נישט צו אָריגינעל און דאָך וועסטו פארגעדענקען. ער האָט א ים מיט חכמה אין זיך — שמחה פּיעטרושקאַ — נאָר ער מאכט דערפון גאָר קיין רעזון נישט. דערפאַר באמערקט מען עס אזוי שטאַרק. ער מאכט אויף אַן אמת דערפון קיין רעזון נישט. נאָר קלוגע מענשן, וואָס זענען גלייכצייטיק א קאַפּיטשקע נאַריש, שטופּן פאָרויס זייער חכמה. ער האָט עפּיס אין זיך פון דער הכמה פון הערש דוד נאָמבערג, פון זישא לאנדוי, ביידע טיף פּוילישע יידן. פּיעטרושקאַ איבער־טרעפט יענע ביידע מיט זיין אוניווערסאַלן און דער עיקר יידישן וויסן, וואָס האָט ממש נישט קיין דנא און נישט קיין דאָך און נישט קיין ווענט, וואָס איז ממש אָן גרעניצן. אז מען רעדט מיט אים ווערט ער זייער אומגעדולדיק, ער שטרענגט זיך אָן אויסצוהערן ביזן סוף, אָבער אין געדאַנק האָט ער שוין לאַנג געענטפערט. אָפט פארגלייזט ער ממש די אויגן פון אומגעדולד. וואָס דאַרף מען אזויפיל רייד — טראַכט ער — אז מען רעדט צו אים. ער האָט דאָך אזא תפיסה, אז ער כאַפּט זיבן געדאַנקען מיט אמאָל ווי א גוטער זשאָנגלער כאַפּט זיבן שפּילבאַלן מיט צוויי הענט בלויז. אז ער רעדט, רעדט ער נישט, נאָר ער לערנט, כאַטש אָן א ניגון, ער איז אלץ דער „פּראַגער עילוי", וואָס ער איז געוועזן אין זיין יוגנט. אגב איז ער געוועזן א חדר־חבר פון י. י. זינגער. ער האלט אין איין לערנען און אזוי ווי ביים לערנען רעדט מען האלבע ווערטער, האלבע זאַצן אפילו, אזוי ווי אין דער סטענאָגראַפיע, רעדט אויך פּיעטרושקאַ אָפט אזוי. אויך דאָס רעדן מאכט אים אומגעדולדיק, עס באַפאַלט אים א שרעק, טאָמער רעדט ער גאָר „צו דער וואַנט", אזוי וויניק מענשן האָבן דאָך אַן אינטערעס צו די הויכע גייסטיקע ענינים מיט וועלכע פּיעטרושקאַס גאַנצע לעבן איז אויסגעפּילט ממש מיטן אויג. און דאָך האָט ער ליב ווי ס'לעבן מסביר צו זיין א הארבן ענין. און טאָמער דערפּילט ער, אז דער מיטשמועסער

װײַל טאַקע הערן און װיסן — װערט ער פֿול מיט געדולד, װײַל אוראַלטע חכמה לערנט, אַז מער װי דאָס קאַלב װיל זױגן װיל די קו געבן זױגן.

נישט חלילה מחמת ער איז אַ קאַריערסיסט, אָדער גאָר אַ געלטגײַץ, נאָר מחמת אַ חכם דאַרף אַלץ קענען באַװײַזן האָט פּיעטרושקאַ אָפּט אין װאַרשע גע־װאָלט אײַנבעמען און טאַקע אײַנגענומען די װעלט און יענע װעלט, אַזױצו־זאָגן. דעם הײַנט מיט דער אײביקײט. און מחמת אומגעדולד פֿלעגט ער אַלץ מאַכן אײַנענקער אַלײן; אײַנענקער אַלײן פֿלעגט ער רעדאַגירן צײַטונגען, װאָס האָבן געהאַט אַ ריזן־טיראַזש און אײַנענקער אַלײן האָט ער זיך פֿאַר־מאָסטן אױפֿצושרײַבן די ייִדישע ענציקלאָפּעדיע. ער האָט אַזױ גוט גע־קענט די נשמה פֿון דעם ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר פֿון גאַנץ פּױלן, ער האָט אַזױ צוגעטראָפֿן צו זײַן מענטאַליטעט, אַז זײַנע צײַטונגען פֿלעגן װאַקסן ממש װי אױף הײַוון. כּישוף? נײַן — בלױז לעבנס־חכמה. מיט דער „אײביקײט" איז עס אין װאַרשע צוגעגאַנגען אַביסל שװערער און נאָר אײן באַנד פֿון יענער ענ־ציקלאָפּעדיע איז דערשינען. זי איז אין פֿאַרקירצטער און פֿאַרפֿאַלקסטימלעכ־טער פֿאָרם פֿאַרענדיקט געװאָרן ערשט אין מאָנטרעאַל בשעת דער צװײטער װעלט־מלחמה.

כאָטש ער האָט ליב פֿון צײַט צו צײַט צו מאָטלען האָט ער אָבער פֿײַנט איבעריקע רײד, פּיעטרושקאַ. אין יעדער סיטואַציע דערזעט ער מאָמענטאַן דעם קערן און אין טאָגטעגליכן לעבן האָט ער ליב די ליניע פֿון לײַכטסטן װי־דערשטאַנד. נאָר פּונקט אַזױ האָט ער אין זײַנע אײביקײטס־אינטערעסן ליב די ליניע פֿון שװערסטן װידערשטאַנד. אָט האָט ער זיך פֿאַרמאָסטן — און ער פֿירט אױס — אַ מאָנומענטאַלע משניות־אױסגאַבע מיט אַ גרינטלעכן ייִדיש־טײַטש. זעענען געזעסן ייִדן יאָרהונדערטער לאַנג איבער גאַנץ אײראָפּע און האָבן געלערנט משניות אױף ייִדיש, ארײַנגעטײַטשט און אַרײַנגעזונגען, אָבער עס איז אַלץ געװעזן בעל פּה און צוזאַמען מיט דעם דערהרגעטן הײליקן ייִדישן מױל װאָלט עס אַװעק אין תהום פֿון פֿאַרגעסן. האָט פּיעטרושקאַ דער־פֿילט אַז איצט איז געקומען דער מאָמענט פֿון זײַן גרױסן חוב און ממש װי אַטלאַס האָט ער אונטערגעשטעלט די אַקסלען פֿון אַ יחיד אונטער אָט דער הערלעכער ייִדישער װעלט פֿון יאָרהונדערטער משניות־לערנען און ער הױבט זי אַרױף צו אַן אײביק לעבן. און װער װײסט נאָך בעסער, אַז דאָס אמתע אײבי־קע לעבן איז נאָר אין אות, און דער עיקר אין ייִדישן אות — װי פּיעטרושקאַ.

אַ קאָפּ שװאַרצע, געדיכטע האָר, נישט געקרײַזלט, קורץ געשױרן, אי יאָ און אי נישט קײן טיפּיש ייִדיש פּנים, גיכער אַפֿילו אַביסל אַריש־אינדיש, אַן אײביק בלאַס פּנים, װאָס לאַכט זעלטן, כאָטש אַן אײביקער שמײכל בלאָנזשעט דאָרט אונטער דער הױט, אַ נידעריקער שטערן — און דאָס איז דאָס גרעסטע װוּנדער װײַל פּיעטרושקאַ איז נישט נאָר אַ גײענדיקע ענציקלאָפּעדיע, נאָר

צען גייענדיקע ענציקלאָפּעדיעס, און אז ער זעצט זיך אוועק ביי אזא ענציקלאָ־פּעדיע, פּאַרלייגט א פּוס אונטער זיך און הויבט אָן צו שפּיזן מ׳ט די אויגן די בלעטער וועט ער שוין דאָרט געפינען גרייזן אויף גרייזן. אָט אָ די אויגן פּיעטרושקאַס זענען א גאַנצע וועלט פאַר זיך, זיי ווערן מוראדיק אומרויק ווען זיי שווימען נישט אין א בוך, זיי הויבן זיך אָן וואַרפן ווי פיש אויף דער טרוקעניש, פאַרזשמורען זיך, פאַרגלעזן זיך, זוכן א וועג צו זייער עלעמענט צוריק, אָט אָ די אויגן וואָס זענען ווי פּרעציזע פאָטאָגראַפישע אפּאַראַטן — אפשר דערפאַר נוצט פּיעטרושקאַ נישט קיין ברילן אפילו ביים קלענסטן דימענט־רשי־כתב, וואָס אנדערע מוזן לייענען נישט נאָר מיט ברילן נייערט מיט פאַרגרעסער־גלעזער.

ווי יעדער אמתער תלמיד חכם וועט פּיעטרושקאַ חלילה וחלילה קיין בייז וואָרט אויף א חבר נישט זאָגן, נאָר ווי יעדער אמתער תלמיד חכם האָט ער ליב צו כאַפּן איינעם ביי א גרייז, נישט חלילה ביי א זינד, נייערט בלויז ביי א גרייז. אביסל תענוג פון עולם הזה דאַרף דאָך א מענש האָבן איז דאָס שמחה פּיעטרושקאַס ביסל תענוג פון עולם הזה. און ער כאַפּט, אוי כאַפּט ער, אפילו די סאַמע ריזן. אלץ אין אלעם — איינער פון די לעצטע הערליכסטע מאָהיקאַנער פון פּויליש־יידיש געניוס.

1946

לעאָ פינקעלשטיין

געב. 1895 אין ראַדאָם, שטודירט אין קראָקע, קלײנע אײראָפּעיִשע רײזעס — האָלאַנד — כּל ימיו אין װאַרשע געװױנט. 1939 זיך געראַטעװעט אין ראַטן פאַרבאַנד. 1946 צוריקגעקומען קײן פּױלן.

אַזױ האָבן אױסגעזען אַלע יידישע יונגע לײט פון דער שטאַרק פאַר־שפּרײטער אין פּױלן מיטעלער בורזשואַזיע — אָט אַזױ װי לעאָ פינקעלשטײן. מיטל־בורזשואַזנע דאָס אױסזען, מיטל־בורזשואַזנע דער נאָמען. קבצנים האָבן זעלטן געהײסן פינקעלשטײן, אָדער גאָלדשטײן אָדער גאָר דימענטשטײן צי קראַנשטײן. אַזעלכע שײנע נעמען האָט מען זיך אין פּױלן אין דער צײַט פון קײזער יאָזעף געקױפט און מען האָט שױן געמוזט זײַן אַ יורד און הײסן למשל פינקעלשטײן, נאַטירלעך איז דאָס געװען, אַז אַ קבצן זאָל הײסן מיט אַ סלאַװישן נאָמען און אַ גבֿירישער מענטש מיט אַ דײַטשן נאָמען.

פון מיטעלן װוּקס איז ער — לעאָ פינקעלשטײן נישט קײן ברונעט און נישט קײן בלאָנדין, אַזױ װי די מײסטע ייִדן, אַ לײַטיש אױסזען, אַלעמאָל קאָרעקט אָנגעטון און טראָגט אַ דינעם, זײער דינעם „צװיקער" אױף דער נאָז און ער איז זײער געבילדעט. ער װײַזט עס נישט אַרױס בײַ יעדער געלעגנהײט, אָבער ער באַהאַלט עס נישט בײַ קײן שום געלעגנהײט.

פּאָליטיק און דיפּלאָמאַציע האָט ער ליב ס'לעבן — לעאָ פינקעלשטײן — און ליטעראַטור האָט ער נישט מינדער ליב. עס ציט אים צו די בירגערלעכע יידישע דעמאָקראַטן, צו דער יידישער פאָלקס־פּאַרטײ מיט נח פּרילוצקי בראש, און עס ציט אים נישט װײניקער צו די יידישע סאָציאַליסטן מיט הענריק ערליך בראש. ער איז אַ פּױלישער פון דור דורות, אַ פּאַטריאָט פון יידישער פּױלישקײט און פון פאַרבלײַבן אױפן אָרט און בױען אַן אױטאָנאָמ ייִדיש לעבן און אַן אױטאָנאָמע יידישע קולטור און עס ציט אים אַבסאָלוט נישט צו די ציוניסטן. עס ציט אים אָבער אָפּט נאָך לינקער װי די יידישע סאָציאַליסטן, נישט אָפיציעל. ער איז נישט קײן פּאָליטיקער פון די אָרגאַנישע פּאָליטיקער, װאָס זענען נישט עפּיס אַנדערש. אין דער פּראַקטישער װעלט פון דער פּאָליטיק האָט מען דאָס נישט ליב, נאָר די פאָלקספּאַרטײ מאַכט קאָמ־פּראָמיסן מיט לעאָ פינקעלשטײנען, װײל אַזאַ ס'גאַל מענטש װי ער קומט צונוץ. ער איז אַ גוטער און אַ גלאַטער רעדנער און קען רעדן אױף אַלע טעמעס פון דער װעלט. גיב אים נאָר דרײַ טעג צײַט און ער װעט רעדן אױף יע־דער טעמע. פילאָזאָפיע איז אפילו זײַן ספּעציאַליטעט, ער איז—אַלס רעדנער— אַ מין דאָקטאָר חיים זשיטלאָװסקי אין אַ טאַשן־אױסגאַבע. ער קען רעדן צװײ

שעה אויפֿן זייגער, און מיט א שמייכל אריבער, און מען הערט אים אויס. ער איז כמעט מער רעדנער ווי שרייבער. ער מאכט א קליינע פּאָליטישע קאריערע, ווערט א „דאָזאָר" פֿון דער ווארשעווער קהילה. דאָס ערשטע טרעפֿל צו דער קאריערע פֿון א דעפּוטאט אין פּוילישן „סעים". א קורצע צייט פֿארן אויס-ברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה בײַט פֿינקעלשטיין איבער דעם פּאָ־ליטישן זאָטל, וואָס איז שוין סאַי ווי אינגאנצן צעפֿליקט געוואָרן און אין וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל נישט איבעריגס גוט געפֿילט און ער טרעט אריין אין ייִדישן־פּוילישן סאָציאליסטישן „בונד".

דאָס איז געווען אין די ערשטע יאָרן נאָך 1920, ווען עס האָט געגרענגט מיט אלערליי צײַטשריפֿטן און צײַטונגען און זאמלביכער אין פּוילן און אין יעדער אזא מין צײַטשריפֿט, אָדער זאמלשריפֿט איז געווען פּלאַץ אויף א סאָלידן ליטערארישן ארטיקל אויף אן אײראָפּעישער טעמע און נישט געווען ווער עס זאָל זיך נעמען די צײַט דערצו (און — אויף'ן אויער — טאקע באַזיצן דאָס וויסן דערצו) און דעם ארטיקל אויפֿשרײַבן. אָט אין יענע יאָרן האָט זיך געפֿונען איינער, וואָס האָט אין כמעט יעדער צײַטשריפֿט און זאמל־שריפֿט אין ווארשע פֿארנומען דאָס ליידיקע אָרט פֿון א קענער פֿון דער אײראָפּעישער קולטור. זײַן נאָמען איז געווען אזא, וואָס כאָטש קיין מער פּאָפּולערער נאָמען איז שוין נישט מעגלעך, פֿאַרגעדענקט ער זיך אָבער נישט. מען איז אזוי זיכער, אז מען וועט געדענקען פֿינקעלשטיין, אז בשעת מען דארף זאָגט מען גאָלדשטיין. אָדער דימענטשטיין. אָבער אין א קורצער צײַט ארום האָט מען שוין געוווסט גענוי דעם נאָמען לעאָ פֿינקעלשטיין און מען האָט טאקע מיט גרויס התמדה געלעזן זײַנע ארטיקלען, ווײַל — צווישן אונז זאָל עס בלײַבן — מען איז פֿון זיי טאקע עפּיס געוואר געוואָרן, און מען האָט עס געדארפֿט אין יענע יאָרן פֿון פּוסטן געשריי און קאטשען דאָס אייגענע פֿאס מיטן דינעם טאלענט גראָשן, אָדער רענדל איבערן צעקרימטן ווא־שעווער גאסן־ברוק.

לייוויק'ס „גולם", שפּענגלער'ס „אונטערגאנג דעס אבענדלאנדעס" און זשעראמסקיס „פּשעדוויאשניע" (ערב פֿרילינג) דאָס זענען געווען דאָס אָדלער, פֿיש און ראק־טריאָ, וואָס לעאָ פֿינקעלשטיין האָט אײַנגעשפּאנט אין זײַן ליטערארישער קארעטע אין דער ערשטער צײַט פֿון זײַן קאריערע, דער־פֿאר האָט זיך עס טאקע פֿון אָרט נישט גערירט. צענדלינקער, אפשר הונדער־טער רעפֿעראטן וועגן די דריי האָט ער געהאלטן אין די פּויליש־ייִדישע שטעט־לעך, אפשר האָבן זיך דערפֿאר טאקע די שטעטלעך אויך פֿון אָרט נישט גע־רירט . . . וואָס שווערער פֿינקעלשטיינס רעד־טעמעס זענען געווען אלץ מער איז דער עולם צו זײַנע פֿאָרלעזונגען געקומען. מען מוז מודה זײַן, אז ער

פלעגט גוט מסביר זיין, און אויב די טעמע איז נאָר בכלל געווען צו פאַר־שטיין, האָט מען זי שוין דורך זיין פאַרמיטלונג פאַרשטאַנען.

פאַרוואָס דאָקטאָר יהושע גאָטליב האָט אזש געציטערט, אז פינקעלשטיין האָט זיך נאָר באַוויזן, און דאָס נעמלעכע אויך פינקעלשטיין, וואָס איז בכלל געווען זייער העפלעך צו מענטשן, האָב איך קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען. און ביידע האָבן מיר עס קיינמאָל נישט געקענט אויפקלערן. קיין אָפענע אײַנ־צידענטן זענען צווישן זיי נישט פאָרגעקומען. נאָר פון צייט צו צייט פלעגט איינער דעם אנדערן קאַריגירן עפּיס אַן ענציקלאָפּעדישע אומפּינקטלעכקייט. אָבער אין אָט דער קאָרעקטער קאָרעקציע איז אלעמאָל געווען אָפּלייקענונג פון גאַנצן וויסן פון דעם צד שכנגד . . .

סוף 1941 האָבן צייטונגען געבראַכט א ידיעה, אז פינקעלשטיין איז באַ־פרייט געוואָרן פון סאָוויעטישער אינטערנירונג אין אסטראַכאַן און פאָרט קיין מאָסקווע. לעאָ פענקעלשטיין איז א גוטער ספּינאָזאַ־קענער און דער פּען־קלוב האָט אים דעלעגירט אין יאָר 1932 קיין האאַג אויף די ספּינאָזאַ־פייערונגען. דורך ספּינאָזא זענען מיר געווען — פּ. און איך — גייסטיקע ברידער־זין, אזויצוזאָגן און איך האָב אלעמאָל געהאַט מיט אים וואָס צו רעדן. אָבער אמאָל אין 1934 האָבן מיר שוין־לאַנג גערעדט וועגן עמיגראַציע פון פוילן. ארויסגעוויזן האָט זיך, אז דער שפּענגלעריסט האָט דאָך נישט גע־גלויבט אין א צווייטער מלחמה . . .

1942

שמואל לייב ציטראָן

1860 אין מינסק, זינט 1904 שטענדיק אין ווילנע, גע־שטאָרבן אין יאָר 1930.

ער איז גאָרנישט אזוי אלט געוועזן און אויסזען האָט ער אוודאי נישט אויסגעזען אזוי אלט ווי עס האָט זיך געדאכט, אז ער איז אלט. דאָס איז גע־וועזן צוליב דעם ווייל ער — שמואל לייב ציטראָן — האָט אזויפיל זכרונות געשריבן און אלץ מיט אזא אויטענטישקייט, אז עס האָט זיך געדאכט און ער האָט, אגב, געוואָלט מאכן אן איינדרוק, אז דאָס אלץ שרייבט ער פון דער ערשטער האנט. זינט זיין פריער יוגנט האָט ער געשריבן און אז מען שרייבט אזוי זינט דער פריער יוגנט, מען שרייבט און מען דרוקט, קען מען טאקע א וועלט פארשרייבן. און געשריבן האָט ער אין יידיש און אין העברעיש, קיין רגע פון טאָג נישט פארלוירן.

פארשידן האָט מען אויסגעטייטשט דעם סוד פון ציטראָנס פילשריי־בעריי. איינע האָבן געטענהט, אז דאָס איז גאָר קיין סוד נישט, אז עס איז דער סוד פון צוויי־מאָל־צוויי. אז מען האלט אין איין צוגעבן און צוגעבן, יעדן טאָג ווערט מיט דער צייט אסך. און פון אסך אסדן ווערט גאָר אסך, ווערט אזויפיל וויפיל ציטראָן האָט אין פארלויף פון זיין לעבן אָנגעשריבן. אנדערע האָבן געזאָגט, אז דער סוד ליגט אין דעם, וואָס ער איז א גוטער סוחר מיט זיין אָנגעשריבענער סחורה, ער לייגט זי אויס אינגאנצן אין די פענסטער און זי זעט זיך שטארק אָן. אין דער אמתן איז עס גאָרנישט אזויפיל. נאָך אנדערע האָבן באהויפטעט, אז ער שרייבט ענדלאָזע סעריעס. איין ענדלאָזיקייט איז שוין נישט ווייניק נאטירלעך — נאָר עטליכע ענדלאָזיקייטן דאָס איז דאָך שוין גאָר אסך. און ציטראָן האָט געצויגן אין די צייטונגען עטליכע ענד־לאָזע סעריעס. אָט האָט ער — למשל — געהאט א סעריע פון משומדים. פאָלג מיך א גאנג — קען מען דאָס אויסשעפן ווען נישט איז? און יעדער משומד האָט דאָך געהאט א לאנגע געשיכטע. אָט איז אים גאָר איינגעפאלן צו שרייבן א סעריע שתדלנים — נו פאָלג מיך א גאנג. דער ערשטער שתדלן איז דאָך געוועזן אברהם אבינו מיט זיין שתדלותביים רבונו של עולם פאר סדום. אָבער, אויב איך האָב קיין טעות נישט האָט ציטראָן אזוי פרי נישט אָנגעהויבן, ער האָט אָנגעהויבן מיט שפּעטערדיקע יידישע שתדלנים. און אָט איז גאָר א סעריע פון בארימטע יידישע פרויען. און אָט איז א סעריע פון ציוניסטן און סתם ליטעראטן זענען א הונט? און אָט איז א סעריע פון דורות. דריי ליטעראַ־רישע דורות. און אז מען וויל דאָס אלץ אויפשרייבן מוז מען שרייבן אסך.

דער אמתער סוד פון ציטראָנס פיל־שרייבעריי איז געלעגן אין גאָר

עפּיס אנדערש. ער פלעגט נישט זיצן ביים שרייבן נייערט שטיין. ער האָט געהאט א גרויסן, בייכיקן שטיי־טיש, אזא ווי מען פלעגט אים טרעפן אין אמאָליקע קאנטורן אין רוסלאנד. אין גאַרדינס דראַמען פלעגט מען אמאָל זען א דעקאָראציע פון אזא מין שטיי־טיש. אזא טיש פלעגט אביסל דערמאָנען א זשיראף. און ביי אזא טיש פלעגט שטיין שמואל לייב ציטראָן און שרייבן. קליין איז ער געווען האָט ער אויסגעזען נאָך קלענער ביי זיין גרויסן, בייכיקן טיש. און איצט איז שוין קלאָר דער סוד. אנדערע שרייבער, וואָס שרייבן זיצנדיק, קענען זיך אמאָל פארגונען אָפּצורוען אויף א רגע, א כאפּ טאָן א בליק אין א ספרל, א צייטונג און אמאָל גאָר זיך צושפּארן און כאפּן א דרימל, און עס דרימלט זיך זיס ווען מען לייגט אונטער אן אייגענעם כתב יד. אָבער גיי כאפּ א דרימל ביי א הויכן שטיי־טיש. אָדער שטעל דיך אוועק ביי א שטיי־טיש מעיין צו זיין אין א ספר. משוגע דארף מען זיין . . . האָט דעריבער טאקע ציטראָן געמוזט כסדר שרייבן און שרייבן. האָט זיך א וועלט פארשריבן. און אז עס האָבן זיך אויף א רגע אויסגעלאָזט די סעריעס, עס איז געווען אזויצוזאָגן א בין הזמנים צווישן צוויי סעריעס, נו האָט מען פארפילט די ליידיקע טעג מיט א פּאָר איבערזעצונגען. און אז עס איז נישט געווען וועמען צו איבערזעצן נו האָט מען זיך אליין איבערגעזעצט אמאָל פון יידיש אויף העברעיש און אמאָל פון העברעיש אויף יידיש. קיין ארבעט האָט נישט געפעלט.

איינס איז זיכער, נעמט מען אין האנט אריין א ציטראָנישן משומד, אָדער שתדלן, אָדער בארימטע יידישע פּרוי, אָדער סתם א שרייבער — מוז מען שוין אויסלעזן ביזן סוף. ס'איז אזוי ווי מיט יענעם געכאפּטן קאָזאק. ער לאָזט נישט אָפּ . . . ער איז פול מיט טעמפּעראַמענט געווען דער ציטראָן. די ווערק פון די שרייבער, ווען ער האָט וועגן שרייבער געשריבן, זענען אים גאַנץ ווייניק אָנגעגאַנגען, דער עיקר די מענשן, די עפּיזאָדן און אנעקדאָטן און פּערזענלעכע כאראקטעריסטיקעס. ווען נישט דאָס וואָס ער איז גע־שטאָרבן אין 1930 און איך האָב אָנגעהויבן דעם דאָזיקן לעקסיקאָן מיינעם אין 1936 וואָלט איך געזאָגט, אז ער האָט ביי מיר אנטליען די גאַנצע אידעע. איצט וואָלט לאָגיש געווען צו זאָגן — פאַרקערט. אָבער דאָס איז אויך נישט ריכטיק. ער האָט געהאט א וואונדערליכן כוח זיך אריינצוגלוּיבן און ארייַנצוגעדענקען אין עפּיזאָדן וואָס ער האָט זיי קיינמאָל נישט געקענט מיטלעבן צוליב געאָגראַ־פישע און קאַלענדאַרישע סיבות. אָבער וואָס איז דער חילוק, אמת איז נישט דאָס פאקטיש פאַרגעקומענע נייערט דאָס גלויבווערדיקע און ציטראָנס ענדלאָזע שילדערונגען פון פּערזענליכקייטן זענען גלויבווערדיק.

אָט האָט ער עפּיס א סכסוך מיטן „מאָמענט" און ער באָמבאַרדירט מיט קליינע, אָנגעפּראָפּטע בריוולעך, אזעלכע ליטווישע און קאַרגע און ער סטראַ־שעט, אז א לאָדע טאָג וועט ער קומען קיין וואַרשע אליין צוצוזען דעם ענין.

עפּיס האָט מען אים א פּאָר װאָכן נישט געדרוקט און א קאַטאַסטראָפע האָט געקענט געשען, װײַל די כתב ידלעך זענען געװאָקסן אין בױך פֿון דעם זשיראַף־טיש. און אָט איז ער: א זשװאַװער און א קלײנער און א מאָגערער, אַלץ איז שפּיציק, אױך דאָס בערדל, דערמאָנט אַביסל מענדעלען, א קלײן מענדעלע. און צײַט איז נישטאָ. אױף א רפֿואה נישט. און אַלץ מוז געטון װערן שױן, באַלד, הײַנט, אײדער די לעצטע נאַכטבאַן גײט אָפּ קײן װילנע. עס איז װינטער און שטאַרק קאַלט, און מען לײגט פֿאַר צו בלײַבן א פּאָר טעג, אָן אָונט אַראַנזשירן, װי, װאָס, װען. נישטאָ קײן צײַט. און פֿאַר קעלט האָט א װילנער נישט קײן מורא און ער באַװײַזט נאָך טאַקע צו כאַפּן די לעצטע באַן און אין דער פֿרי איז ער שױן זיכער געשטאַנען בײַ זײַן זשיראַף־טיש. אָפּגעזעסן א גאַנצע נאַכט אין באַן קען מען שױן א גאַנצן טאָג אָפּשטײן בײַם שרײַבטיש.

אײנער פֿון דער אַלטער גװאַרדיע. א װעטעראַן. און אַזױ װי די אױפֿגאַבע פֿון א װעטעראַן איז צו דערצײלן װעגן אַמאָליקע העלדן און שלאַכטן — האָט טאַקע ציטראָן א האַלב לעבן מיט אָט דעם שרײַבערישן זשאַנר אױסגעפּילט.

1944

קאַוואַ

1889 אין קאָצק, רײַזע אין מערב אײראָפּע, דער עיקר א צײַט אין לאָנדאָן, שטענדיקער װױנאָרט — װאַרשע. נאָך 1939 אװעקגעקומען. אין קײן געטאָ־רשימות — נישט אױסגערעכנט.

זײַן פּולער נאָמען איז שלמה לײב קאַוואַ. אָבער דאָס איז נור א פּסעודאָנים. זײַן אמתער נאָמען: משה יוסף דיקשטײַן. מען קען אים אױך גאַנץ גוט אונטערן פּסעודאָנים מ. װאַנװילד. חוץ דעם האָט קאַוואַ געשריבן אונטער צענדלינקער פּסעודאָנימען, אײנער װילדער פון אנדערן, װאַנװילדער . . . אָבער קײנער האָט קײנמאָל אין װאַרשע נישט געװוּסט װי ער הײסט, אלע האָבן געװוּסט, אז קאַוואַ איז קאַוואַ. אונטער דעם פּסעודאָנים, אָן שום פּאַר־נעמען האָט מען אים סטאביליזירט. דאָס איז נישט נאָר געװאָרן זײַן נאָמען, דאָס איז געװאָרן א שם דבר אין די ליטעראַרישע קרײַזן אין װאַרשע. קײן גרױסע פּאָפּולאַריטעט בײַם עולם האָט קאַוואַ נישט געהאַט. נישט געקוקט אױף די צענדלינקער נעמען און פּסעודאָנימען זײַנע, נישט געקוקט אױף צענדלינ־קער אָנהױבן אױף צענדלינקער געביטן, האָט ער זײער װײניק געשריבן און דער עיקר זײער װײניק, כמעט גאָרנישט נישט צוזאַמענגענומען אין ביכער.

א קלײן־געװאַקסענער, נישט קײן גרױסער גיבור, אָבער א גאַנץ עם קשה עורף פאַר זיך. ברילן אױף א דין מעשן שנירעלע פאַרזיכערט, זײ זאָלן נישט אראָפּפאַלן. אין דער לינקער באַק איז געװען א סימן פון א טיפער װוּנד, פון א קינבאַק־אָפּעראַציע. דאָס האָט אױך אפעקטירט אביסל זײַן אױסשפּראַך. ער האָט זיך שטאַרק געמיט דאָס גובר צו זײַן. זײַן פּנים־מום האָט אים שטאַרק װײ געטון, געלײגט א חותם אױף זײַן גאַנצן װעזן. דער עיקר האָט אים געאַרט די סיבה פון דעם מום און די סיבה איז גע־װעזן אָרימקײט אין דער פריער יוגנט. א קלײנע אָפּעראַציע װאָלט דאָס אלץ אױסגעמיטן, אָבער א קלײנע אָפּעראַציע האָט מען געמוזט אלײן באַצאָלן, האָט מען שױן געמוזט װאַרטן ביז עס איז נױטיק געװען א גרױסע אָפּעראַציע כדי דאָס שפּיטאָל זאָל עס מאַכן. קאַוואַ האָט דאָס קײנמאָל דער געזעלשאַפט נישט פאַרגעסן. אײביק גענומען נקמה פון עפּיס אָן אומזיכטבאַרן פאַנטאָם.

קאַוואַ האָט אײביק געהאַט זײער אסך צײַט. פון װאַנעט ער האָט אַזױפיל צײַט גענומען װײסט קײנער נישט. ער פלעגט אסך לעזן, נישט װײניק פון דעם געלעזענעם — פאַרגעדענקען. דער עיקר פלעגט ער לעזן ענציקלאָפּע־דיעס. אָט האָט ער למשל הײַנט גרינדלעך געלעזן און פאַרגעדענקט דעם ענציקלאָפּעדיע־אַרטיקל װעגן פירדוסי, דעם פּערסישן דיכטער. און אז

געלעזן האָט ער שוין געלעזן אין עטלעכע ענציקלאָפּעדיעס און אין עטלעכע שפּראַכן. אַרום די ערשטע שעהן פון נאָכמיטאָג האָט ער זיך באַוויזן אין שרייבער־פאַריין. מען פלעגט גערן פאַרברענגען אין זיין געזעלשאַפט ווייל אין זיינע רייד, וואָס האָבן אייביק אַטאַקירט אַלץ און אַלעמען האָט מען זיך געקענט אַביסל קילן די געבליטן. אָנגעלאָדן היינט — למשל — מיט פירדוסי־וויסן האָט שוין קאַוואַ אַזוי געדרייט דעם שמועס, אַז מען זאָל רעדן וועגן פירדוסי. און דאָ איז ער פּלוצלונג אַרויס מיט זיין גאַנצן פרישן פירדוסי־וויסן. קיינער האָט זיך נאַטירלעך אויף דעם טריק נישט געכאַפּט — סאַידן, ווען עמיצער וואָלט צופעליק אויך פונקט היינט געלייענט אין דער ענ־ציקלאָפּעדיע וועגן פירדוסי . . . אָבער דאָס וואָלט געדאַרפט זיין אַ הויפּט־טרעפער. קאַוואַ האָט רויק געקענט ריזיקירן. נו, נו — מער האָט נישט גע־פעלט. קאַוואַ האָט יעדן, וואָס האָט נישט געוווּסט גענוג וועגן פירדוסי אָנגע־רופן פלאַכקאָפּ און פערד־יונג און גראָבער קאָפּ. אויף צו מאָרגנס איז אָנ־געגאַנגען די זעלבע שפּיל מיט לי־טאַי־פּע. ענציקלאָפּעדיעס האָבן אַ שפע פון אַזעלכע זאַכן. איינמאָל האָט קאַוואַ אַ זאָג געטון, אַז די אַראַבישע דיכטער פון מיטל־אַלטער זענען גאָרנישט ווערט, פלאַכקעפּ . . . דערביי איז געשטאַנען דער געלערנטער מתתיהו מיזיש, וואָס האָט שוין לאַנג געהאַט אַ בייז קאָנ־קורענץ־האַרץ אויף קאַוואַן. פאַר שמחה און שאָדן־פרייד איז ער אַזש רויט געוואָרן ביז אין דער גרויליכער באָרד אַריין. ווי אַ קאַלטער גזלן איז ער צו צו קאַוואַן און אויפגעפאָדערט אים — אין פאַרטיידיקונג פון דעם כבוד פון די אַראַבישע פּאָעטן פון מיטל־עלטער — אַז קאַוואַ זאָל שוין אויף דער שטעל אָנרופן צען נעמען פון אַזעלכע פּאָעטן, וואָס ער זאָגט זיי אָפּ ס׳פּאָעטישע לעבן. ער האָט באַלד רעדוצירט ווי אין באַרימטן דיאַלאָג צווישן גאָט און אברהם. קאַוואַ זאָל אָנרופן בלויז דריי נעמען, קאַוואַ שווייגט. אַלע האַלטן דעם אָטעם איין, פונקט ווי ביים ציילן ביז צען בשעת אַ נאָק־אַוט ביי באָקס. דער געלערנטער פאָדערט ענדלעך פון קאַוואַן בלויז איין איינציקן נאָמען פון אַן אַראַבישן פּאָעט. (קאַוואַ האָט אָבער געמאַכט זיין דערקלערונג אָן געהעריקער ענציקלאָפּעדישער צוגרייטונג) קאַוואַ שווייגט. דער נאָק־אַוט איז פאַרטיק געוועזן. און טריומפירנדיק זאָגט מיזיש: פלאַך־קאָפּ . . . קאַוואַ פאַרלירט זיך נישט, גיט אויך צוריק: פלאַך־קאָפּ . . . אָבער ער ווייסט, אַז ער איז באַזיגט.

אויף אַלץ איז קאַוואַ געוועזן — אַזוי האָט ער געזאָגט — אַ גרויסער פאַכ־מאַן. אויף קונסט, אויף פילאָלאָגיע, אויף פאָלקלאָר, אויף טעאַטער, אויף לי־טעראַטור דאָך אוודאי און אוודאי. און אַז ער האָט זיך פאַרלייגט, האָט ער געקענט אימפּאָנירן. אין איין שיינעם טאָג — און ער איז שוין דעמאָלט קיין יונגערמאַנטשיק נישט געווען — האָט ער אַזוי אימפּאָנירט אַ בילד־שיינער

שוואַרצחנעוודיקער מיידל, זיינער אַ ווייטער קרובה, אַז זי האָט מיט אים זיך אויף אייביק פאַרבונדן און אים געקוקט אין די אויגן אַריין ווי אין די אויגן פון אַ גאָט. יעדעס וואָרט קאַוואַס — באַפעל, און אַ קלוגער באַפעל דערצו.

קאַוואַ איז נישט אַזויפיל געווען אַ שרייבער בכתב וויפיל מער בעל פה. זיין שניידנדיקע קריטיק האָט געהאַט איר ווירקונג — הינטער די קוליסן. מען האָט אַביסל מורא געהאַט פאַר אים. און אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט איז ער אויך נישט געווען, נאָר ער האָט נישט געשריבן, ער האָט כמעט נישט געשריבן. ער האָט דער עיקר געפּלאַנעוועט. אין רייזענס לעקסיקאָן איז אויס־גערעכנט אַ גאַנצע געניאַלע ביבליאָטעק, וואָס קאַוואַ פּלאַנט אויפצושרייבן . . . קאַוואַ האָט געצויגן זיין שרייבערישן יחוס צו דער פּרץ־גאָלדענער תקופה. אַ טשודאַטשנע ווילדגראָז פון פּרץ׳עס וווּנדערלעכן גאָרטן. און דאָך האָט ער באַלאַנגט צו פּרץ׳עס גאָרטן. פאָרשטעלן זיך די וואַרשעווער ליטעראַרישע סביבה אָן קאַוואַן איז גאָרנישט מעגלעך.

1940

חיים-שלמה קאַזדאַן

1883 אין כערסאָן, 1920 וואַרשע, 1940 לאָס אַנדזשעלעס, שפּעטער פילאַדעלפיא און ניו-יאָרק — רייזעס אין מערב אייראָפּע, צפון־אַמעריקע, געקומען צום צווייטן מאָל קיין אַמעריקע דורך סיביר, יאַפּאַן.

אונזער זיסע מאַמע־יידיש איז מזלדיקער ווי סערוואַנטעס׳ס שפּאַנישע דולצינעאַ, די געליבטע פון דעם איידעלען ריטער דאָן קישאָט. ער — דער איידעלער ריטער — האָט זיין דולצינעאַ נאָר אין איין לאַנד אַדאָרירט און ליב געהאַט און זיך מקריב געווען פאַר איר — אָבער די ריטערס פון אונזער לעבנס פאַרזיסערין, אונזער דולצינעאַ, געליבטע און מאַמע, שטעלן זיך פאַר קיין שום גרעניץ נישט אָפּ, נישט אַבסטראַקטע גרעניצן פון דער צייט, די גרעניצן פון געשיכטלעכע תקופות און נישט די פּאַקטישע גרעניצן פון לענדער און קאָנטינענטן אפילו.

און איינער פון די איינגעשפּאַרטסטע ריטער פון אונזער מאַמע־יידיש איז חיים שלמה קאַזדאַן. און ער געהערט נישט צו יענע ריטער, וואָס פּרעדיקן נאָר שיינע ווערטער און אַז עס קומט צו קרבנות־פּולע מעשים זענען זיי נישטאָ אין דער היים. ער פּרעדיקט יידיש און ער איז אַ לערער פון יידיש — און 99 פון הונדערט פון זיין טעטיקייט איז לערעריי און פּע־דאַגאָגיק. און אויב ער שרייבט וועגן ליטעראַטור איז עס לרוב פון פּעדאַגאָ־גישן שטאַנדפּונקט. ער איז געווען אַ בויער פון יידישע שולן נאָך אין צאַרישן רוסלאַנד, שפּעטער עטליכע יאָר אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד, שפּעטער כמעט צוויי צענדליגק יאָרן אין פּוילן און צום סוף איז ער נאָך דערזועלבער ריטער פון יידיש אין אַמעריקע. און דאָ — ווי באַוווסט — ווערט אויף דעם געביט ערשט קלאָר דאָס איידל דאָן־קישאָטישע אין דער גאַנצער זאַך. נאָך אַלעמען זענען דאָך אַלע בויער פון גייסטיקע באַוועגונגען אין אַלע שפּראַכן און לענדער — צוביסלעך דאָן־קישאָטן.

אויף אַלע אָרימע ווענט פון די שולעס פון דער צענטראַלער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע זענען געהאָנגען אַלערליי פּאָרטרעטן פון יצחק לייבוש פּרץ — דעם סעניאָר פון די דאָן קישאָטן, וואָס האָט דער ערשטער צוגעלייגט אַ האַנט צום בוי פון דער יידישער שול אין פּוילן, ממש אַ טאָג פאַר זיין טויט. און אַז עס האָט זיך אַרום 1920 באַוויזן אין די שולעס חיים שלמה קאַזדאַן און ער האָט אויך געטראָגן אַזעלכע איבערן מויל אַריבער־געוואָרפענע וואָנסעס ווי פּרץ, האָבן די קינדער באַלד אין איין קול און אין אַלע שולעס באַשלאָסן, אַז אָדער דאָס מוז זיין פּרץ אַליין אָדער כאָטש אַ ברודער

זײנער. און אז קינדער באשליסן העלפט שוין גאָרנישט — האָבן זײ קאזדאנען געװאָרפן לערער פּרץ . . . אָבער קאזדאן האָט נאָר א װײטע פּרץ־ענלעכקײט געהאט. אסך דינערע פּנים־שטריכן און לחלוטין גאָרנישט פון די שטריכן פון פּרץ׳ס ברױזנדיקער נאטור.

איך האָב אין דער אױבן דערמאָנטער שול־אָרגאניזאציע, װוּ קאַזדאַן איז געװעזן פּאָרזיצער פון פּעדאגאָגישן דאט, עטלעכע יאָר אינעװײניק מיטגע־ארבעט. דאָס איז געװעזן א מין מיל פון דער ײדישער שול־באװעגונג, די צענטראלע װעלט־מיל, חוץ דעם סאָװיעטישן טײל פון דער װעלט. דאָ אהער איז מען געקומען זיך לערנען װיאזוי אײנגעשפּארט צו זײן, װיאזוי אזא מין אײנגעשפּארטע װינטמיל קען קעמפן מיט אלע אנדערע װינטמילן. פון דאנעט האָבן אפילו די אמעריקאנער און ארגענטינער שולעס געשעפּט באגײסטערונג, אפילו די ײדישע שולעס פון אפריקע און אױסטראליע. און קאַזדאַן איז דאָ געװעזן דער פּעדאגאָגישער הױפּט־מילנער. און די רעדער האָבן זיך אױף א רגע נישט אָפּגעשטעלט, בײטאָג און בײנאכט האָבן זײ זיך געדרײט, זיצונג ארױס און זיצונג ארײן. די לערערס און געזעלשאפטלעכע טוערס ארום די שו־לעס פלעגן אָפּט אזױ מיד זײן, אז זײ זענען ממש אײנגעשלאָפן בײ די זיצונגען, אָבער קאזדאַן איז אלעמאָל װאך געװעזן און אלעמאָל געמונטערט די אונטער־מילנערס: נו, חברים, נו — — אָט אזױ װי אין דרױסן װאָלטן געװוארט רײען מיט פּורלעך אױפן פּריש־געמאָלענעם מעל אױף צו באקן דאָס גײסטיקע ײדיש־ברױט . . . נאָר אין דרױסן האָבן קײן פּורלעך נישט געװוארט, אין בעסטן פאל א פּאָר פּאָליציאנטן, װאָס פלעגן האלטן אין אײן חתמנען דאָס מזל פון די ײדישע שולעס דאָ אין אײן עק, דאָ אין א צװײטן עק פון פּױלן. און די שול אָרגאניזאציע מיט איר הױפּט־מילנער בראש, קאַזדאַן, פלעגט זײ האלטן אין אײן װידער־בױען — אָט די קלײנענקע, דעם הארץ אזױ טײערע װינטמילן, װאָס האָבן אײביק געמוזט זיך שלאָגן מיט די גרױסע װינטמילן פון דער רעגירונג.

און חוץ דעם דרױסנדיקן קאמף איז נאָך געװעזן אן אינערלעכער קאמף, אין די רײען פון די שול־טוער. די פּארטײ־טוער האָבן געװאָלט פּארכאפּן די העגעמאָניע איבער דער קולטור־ארבעט. קאַזדאַן האָט באלאנגט צו די, װאָס האָבן שטענדיק קעגן דער העגעמאָניע געקעמפט.

אמאָל האָבן מיר זיך בײדע צופעליק אין יאָר 1934 צוזאמענגעטראָפן אין ניו יאָרק. קאַזדאַן אלס אָנפירער פון א שול־אקציע און איך — דורכפאָרנדיק פון אױסטראליע קײן פּױלן. און אָט שטײען מיר בײ אײנעם פון די פענסטער אױף דעם צענטן שטאָק פון דער בארימטער צענשטאָקיקער פאָרװערטס־געבײדע, און עס איז א פּראכטפולער פרילינגס־טאָג, און ניו יאָרק רױשט דאָרט אונטן — די גרעסטע מיל פון דער װעלט — און די װאָלקן־הײזער שיסן אין

א מאיעסטעטישער ליניע אין פרילינגס-הימל אריין און ערגעץ דאָרט אין דעם געזוימל פון די גאסן גייען ארום אסך, אסך פון קאַזדאַנס פיל טויזנטער תל־מידים, אין וועלכע ער האָט געצונדן דעם פונק פון דער ליבשאפט צו דער פאָלקס־שפּראך. נאָר דאָס לעבן שטראָמט ווייטער און ווייטער און האָט זיך זיין אייגענע פעדאגאָגיק און איז זיך זיין אייגענער לערער . . . געדענקען זיי טאקע ווייניק זייער „לערער פרץ" און אפילו דעם אמתן לערער פרץ . . . און דאָס געוואלטיקע בילד פאר די אויגן און ליד אין די אויערן, ניו־יאָרק, פאר־כאפּט אונז און מיר שטייען שוויגנדיק א גוטע ווײַלע — קאזדאן און איך. נאָר באלד כאפּט זיך קאזדאן צוריק צו זיינע פּאפּירן און זיצונגען און פּראָ־טאָקאָלן. — עס ווארטן הונגעריקע יידישע לערערס אין פּוילן, עס ווארטן לע־כערדיקע דעכער פון יידישע שולעס, עס ווארטן ליידיקע פּאָליצעס פון שול־ביבליאָטעקן—עס ווארט דער אומזיכטבארער פאָלקס־געניוס יידיש.——און אָט האָב איך אָפּגענומען אן אמעריקאנער גרוס פון קאַזדאַנען, וואָס מארקיש פלעגט אים איינגעשפּארט רופן „גאָלאָווא" ווייל ער איז געווען אמאָל בירגערמייסטער פון כערסאָן, זיין בלוי־אויגיקער שלאנקער זון ראפיק איז שוין א גאנצער אמעריקאנער, אָבער ער אליין בויט שוין ווידער, איצט אויף דעם סאמע זאמדיקסטן גרונט, א יידישע שול אין פילאדעלפיא. ווידער פּראָטאָקאָלן, זיצונגען, זיצונגען . . .

1943

ב. קאַרליניוס

1886 אין קאַלנע, לאָמזשער קרײַז, געלעבט געאַרבעט און אין 1935 געשטאָרבן אין װאַרשע.

ב. קאַרליניוס איז געװען זײַן אַביסל פֿאַרצױגענער ליטעראַרישער נאָמען, זײַן אמתער נאָמען איז געװען בער קאַרלינסקי. א רעטעניש איז ער געװען אין דער װעלט פֿון די ײדישע זשורנאַליסטן אין װאַרשע. מילד איז ער געװען — אײנער פֿון יענע מענשן, װאָס רירן קײן פֿליג אויף דער װאַנט נישט אָן און אַלע זײַנע יאָרן געאַרבעט אין צײַטונגען און מען פֿלעגט אויף אים זאָגן, אַז ער איז א מענש אָן א רוקן־בײן, אַזוי מילד, און דאָך איז דווקא ער — אײנער פֿון װײניקע — געװען דער, װאָס האָט קײנמאָל דעם מינדעסטן קאָמפּראָמיס נישט געמאַכט, נישט נאָר נישט אידעאיש, נאָר אפֿילו נישט אין דער פֿאָרם פֿון שרײַבן. און שרײַבן פֿלעגט ער שײן, געטאַקט, אימפּרעסיאָניסטיש, קינסטלעריש, אָט אַזוי װי מען פֿלעגט שרײַבן בײַם סוף פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט. און געשריבן האָט ער לאַנגזאַם און נישט קײן סך און א שריפֿט האָט ער געהאַט א פֿאַרצוקטע, זײַנער א מאַנוסקריפּט האָט אויסגעזען װי א דעסען פֿון זײער אַסך שפּינגעװעבן צוזאַמענגעשטעלט. א מענש קען נישט שרײַבן מיט צװײ הענט, מיט אײנער קונסט, מיט אײנער שונד — פֿלעגט ער זאָגן.

צבי פּרילוצקי — דער אוראַלטער רעדאַקטאָר און אײגנטימער פֿון „מאָמענט" — בײַ װעמען קאַרליניוס האָט געאַרבעט, האָט אַלעמאָל פֿאַרשטאַנען, אַז קאַרליניוס דאַרף לױט די געזעצן פֿון דער זיך אַמעריקאַניזירנדיקער פּויליש־ײדישער זשורנאַליסטיק נישט פֿאַרנעמען אַזאַ פּראָמינענט אָרט אין זײַן צײַטונג. ער איז ראָמאַנטיש, צו אומפֿאַרשטענדלעך פֿאַר די לעזער פֿון „מאָמענט" און מען קען קײנמאָל נישט באַשטעלן בײַ אים אַן אַרטיקל, װאָס ער איז נישט לױט זײַן געמיט און אוודאי נישט אַן אַרטיקל, װאָס איז נישט לױט זײַן אַבערצײַגונג. פֿלעגט ער טאַקע פֿאַר זיך אַלײן זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר קאַרלינסקיס שטעלונג אין זײַן צײַטונג. און בײַ יעדער געלעגנהײט פֿלעגט ער זאָגן. א רעדאַקציע איז אַזױ װי א קלאַװיר. נישט אויף אַלע קלאַװישן שפּילט מען אויף אַמאָל, נאָר דאָך מוז מען זײ אַלע האָבן. פֿאַרהאַנען קלאַ-װישן, װאָס מען באַנוצט זײ זײער זעלטן, נאָר זײ דאַרפֿן זײַן אויפֿן אָרט. אַזוי איז קאַרלינסקי, ער איז א זעלטענער קלאַװיש אין מײַן רעדאַקציע־קלאַװיר, נאָר אַז איך דאַרף אים האָבן, גיב איך א קלאַפּ און ער ענטפֿערט — און אַזוי װי א קלאַװישע קען שפּילן נאָר זײַן טאָן, אַזוי קען קאַרליניוס שרײַבן נאָר זײַנע שטימונגס־פֿולע אַרטיקלען. אָט למשל — טאָמער שטאַרבט אַן אײראָפּעישער שרײַבער, װאָס װאָלט איך געטון אָן קאַרליניוסן? דעמאָלט

גיב איך אַ קלאַפּ אויף דעם קלאָוויש קאַרלינױוס און עס קומט אַרויס אַ פײַנער אַרטיקל —

אַ שײנער איז ער געװעזן, קאַרלינױוס, אַ הױכער, אַ שטאַלטנער, אַ בלייכער, מיט גרױסע גרױ־גרינע אויגן און מיט אַן אמתער ברען־שוואַרצער שעװעליורע אויפן קאָפּ. די האָר זענען נישט געװעזן קײן געקרײזלטע, פֿלעגן אים אַלעמאָל פֿאַלן אין די אויגן אַרײַן און ער האָט זײ כּסדר מיט בלײַכע, דינע הענט געקעמט באַרג־אַרויף קאָפּ. נאָר אין אַ רגע זענען זײ װידער געפֿאַלן אין די אויגן אַרײַן.

כאָטש ער איז געװעזן אַ גאַנץ שלעכטער פּאָליטיקאַנער איז ער אָבער אַלעמאָל געװען אין אַלע פּאַרװאַלטונגען פֿון אונזערע שרײַבערישע אָרגאַניזאַציעס און נישט זעלטן איז ער אויך געװעזן דער פּאָרזיצער. ער האָט ליב געהאַט אונזער טומל,אָבער ער אַלײן איז געװעזן אַלעמאָל װײַט און שטיל אַפֿילו אין סאַמע גרעסטן טומל. ער איז דאָ געװעזן און ער איז נישטאָ געװעזן. באַזונדערס שװער איז אים אויסגעקומען מיט פּרץ מאַרקישן און זײ האָבן זיך בײדע ליב געהאַט, בײדע מיט שװאַרצע שעװעליורעס, בײדע שײנע, נאָר אײנער אַזאַ שטילער און דער אַנדערער אַזאַ טומלדיקער. — װי קענסטו אַזױ שרײַען? פֿלעגט פֿרעגן קאַרלינױוס. — װי קענסטו אַזױ שװײַגן? פֿלעגט ענפֿערן מאַרקיש.

לויט דער קינסטלער־מאָדע פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט פֿלעגט קאַרלינױוס װאָך זײַן גאַנצע נעכט און שלאָפֿן האַלבע טעג. זײגער פֿיר נאָכמיטאָג פֿלעגט ער אַרײַנקומען פֿרימאָרגנדיק פֿריש און טרינקען אַן אָנבײַסנדיק טעפּעלע קאַװע און זײגער עלף בײַנאַכט פֿלעגט ער מיט זײַן קלײנער, שײנער פֿרוי רות (זי פֿלעגט אים רופֿן בועז — נישט בער) עסן מיטאָג און זײגער פֿינף אין דער פֿרי איז ער נאָך אַלעמאָל זײער פֿריש און װאַכעדיק געװעזן.

כאָטש צו זאָגן האָט ער געהאַט װאָס און אַלעמאָל אָריגינעל און אין אַ שײנער פֿאָרם — קײן גרױסע אַמביציע האָט ער נישט געהאַט, קאַרלינױוס, און קײן עלנבױגנס לחלוטין נישט. זײַן צאָלרײַכע אַרבעט און זײַן גרױסער אַלגעמײנער און יידישער װיסן איז אַזױ װי אײַנגעזאַפּט געװאָרן ערגעץ־װו אין דעם קאָלעקטיװן ליטעראַרישן אויפּטו פֿון װאַרשע. אומצאָליקע זאַכן פֿלעגט ער רעדאַגירן און איבעראַרבעטן און איבערזעצן און זײַנע אײגענע אַרטיקלען פֿלעגט ער קײנמאָל נישט אויפֿזאַמלען אין ביכער — האָט זײ דורכגעזאַפּט דער שטויב אין די יאָרגענג פֿון צײַטונגען און צײַטשריפֿטן.

אײנמאָל איז קאַרלינױוס געקומען אויף אײנער אַ זיצונג נאָך בלײַכער װי תּמיד. פֿאַרדעכטיקע גוליעס האָבן זיך באַװיזן אויף עטלעכע שטעלעס אונטער זײַן הויט. דאָס איז געװעזן דער אָנהויב פֿון דער שרעקלעכער בלוט־קראַנקהײט בײַ װעלכער עס פֿאַרשװינדן די רויטע בלוט־קערפּערלעך — די אויס־

בלייכונג. יאָרן־לאנג פלעגט ער מוזן לעבן פון דעם חסד פון פרעמדן בלוט, וואָס מען פלעגט אין אים טראנספוזירן אלעמאָל אָפטער און אָפטער. העלדיש איז ער יאָרן־לאנג געגאנגען ממש האנט אין האנט מיטן טויט — ביז דער טויט האָט אים אין 1935 צוגעפירט צום קבר און אליין אוועק זיך חברן מיט אַן אנדערן . . . אין 1934 האָב איך קאַרלינױסן, שוין א שטארק קראנקען, באַזוכט אין אָטוואָצק. מיר האָבן גערעדט וועגן קונסט און וועגן סטיל און וועגן די לעצטע ווערק אין דער יידישער ליטעראטור און קאַרלינסקי האָט זיך שטארק געפרייט, וואָס דער גרויסער טומל אין אונזער ליטעראטור איז שוין פארביי און מען קערט זיך ווידער אום צו די אייביקע פאָרמען, וואָס זענען אזוי פערפעקציאָנירט געוואָרן אין . . . ניינצנטן יאָרהונדערט. אז ער וועט געזונט ווערן, וועט ער מיט גרויס ליבשאפט נעמען שרייבן וועגן אָט די נייע ווערק און ער וועט אפילו צוזאמענגעמען אין עטלעכע בענדער זיינע אר־טיקלען. — דער שטילסטער פון די שטילע האָט נישט געפילט דעם שטורם פון שטורעמס איבער אייראָפּע, כאָטש שוין אינמיטן דער היטלער־צייט. אפשר דערפאר ווייל אין אים איז שוין געווען די שטילע הייליקייט פון בלייכן טויט . . .

1939

יהושע ראַפּאָפּאָרט

1895 אין ביאַליסטאָק, געוווינט א צייטלאנג אין ריגע, לרוב אָבער אין וואַרשע, 1939 אַנטלאָפן און נאָך וואנדערונגען געבליבן — נאָך'ן 7טן דעצעמבער 1941 — אין שאנכאי. 1946 אוועק קיין אויסטראַליע.

כאָטש זיין נאָמען איז אזוי פּאָפּולער — וועלכער ייד קען נישט הייסן יהושע ראַפּאָפּאָרט — האָט מען אָבער אין יידישע ליטעראַרישע קרייזן, אזוי גיך מען האָט נאָר אַרויסגעזאָגט יהושע ראַפּאָפּאָרט, באלד געוווסט וועמען מען מיינט. דאָס מיינט מען דעם, וואָס קאַטאָרי שרייבט אַרטיקלען אויף ליטעראַרישע טעמעס מיט אזא ספּעציעלער פּעדער מיט ווידער־העקעלעך, אזוי ווי די האַטשיקלעך מיט וועלכע מען כאַפּט פיש. מיט אזא האַטשיקל איז אפילו מען זאָל דיך וועלן גלעטן, מוז עס דיר וויי טון. און מיט אזא מין פּעדער פלעגט יהושע ראַפּאָפּאָרט שרייבן ליטעראַרישע קריטיק. נאַטירלעך קען מען נישט האָבן קיין סך פריינט, אז מען שפּילט זיך כסדר מיט אזעלכע האַטשיקלעך און דערצו אין אזא מין שטשיפּיטילנער געזעלשאַפט ווי עס זענען די יידישע דיכטער און דערציילער, וואָס יעדער פון זיי האָט דריי וווּנדן אָפענע און דריי אין טיפן האַרץ.

דאָס איז געווען ערגעץ צווישן 1925 און 1930 — די פּינקטלעכע דאַטע איז דאָך נישט וויכטיק, האָט זיך באַוויזן אין אונזער געזעלשאַפט זייער א שטילער און זייער א קליין־געוואַקסענער יונגער מאַן מיט א פּנים, וואָס איז אביסל ענליך צו אַפּאַטאַשוס זייער כאַראַקטעריסטישן פּנים, מיט אביסל אַן אַראָפּגעלאָזענער נאָז אויף דער אויבערשטער ליפּ אַרויף און נישט קיין ברונעט ווי אַפּאַטאַשו, נאָר א טונקל־בלאָנדער. אויך איז דאָס פּנים — לויט דעם וווּקס — נישט געווען אזוי גרויס. גיכער אביסל מיניאַטור. דער דאָזיקער יונגער מענש האָט שוין דעמאָלט געהאַט א זשורנאַליסטיש־פּאַרטייאישן סטאַזש, אָבער מען האָט דערפון זייער ווייניק געוווּסט. דער יונגער מענש האָט געוווּסט, וואָס ער רעדט, האָט געהאַט אסך בילדונג, האָט באַהערשט עטלעכע אייראָפּעישע שפּראַכן, און אזא מין יונגער מאַן קען אלעמאָל צונויף קומען צווישן אזוי פיל בעלעטריסטן, וואָס זענען אלעמאָל הונגעריק נאָך א רעצענזיע און קריטיקערס זענען נישטאָ צופיל. האָט מען זיך צווישן ברידער געטראַכט, אז מען דאַרף אים אויפנעמען אין דער ליטעראַרישער משפחה. אַנדערע האָבן זיך געוואָרנט, האָבן געטענהט, אז פּאַרטיי־זשורנאַליזם איז קיין ליטעראַרישער סטאַזש נישט, אָבער יידישע גזלנים און דערצו נאָך גזלנים־ליטעראַטן פאַר־קוקן. דער שטילער, לאַם־שטילער יהושע ראַפּאָפּאָרט מיט דעם נאָמען, וואָס

פאַרגעדענקט זיך נישט לייכט, דווקא ווייל ער איז אזוי פּאָפּולער, איז געוואָרן אַן אייגענער. אָפט פלעגט מען האָבן א טעות אין דער ערשטער צייט, רופן אים יהושע האָראָוויץ, אָדער מענדעלסאָן אָדער יחיאל ראַפּאָפּאָרט — וואָס איז דען דער חילוק . . . און אין איין שיינעם טאָג האָט דאָס לאָם אויסגעטון די לאָם־פעל פון א פארטייזשורנאַליסט און פון א גוטן איבערזעצער פון ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע ווערק פון אַלערליי שפּראַכן און האָט זיך אוועקגע־זעצט ביי אונזער ליטעראַרישן ברעג און אריינגעלאָזן אין וואַסער אריין די באַרימטע האַטשיקלעך און יעדע פּאָר וואָכן האָט אַן אַנדערער חבר זיך געדרייט פון ווייטיק. אויסגעזען האָט עס אפילו, אז יהושע ראַפּאָפּאָרט רייסט אַראָפּ אַלץ און אַלעמען, אז דאָס האַטשיקל איז אין וואַסער קען מען דאָך נישט איבער־קלויבן, וואָס עס כאַפּט זיך, כאַפּט זיך. אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך סוף כל סוף, אז „דיזער וואַנזין האָט מעטאָדע" און דאָס בלינדע האַטשיקל אין די טיפע וואַסערן פון דער יידישער ליטעראַטור האָט גאַנץ גענוי דורכגעקליבן די קרבנות . . .

און נישט נאָר געשריבן, יהושע ראַפּאָפּאָרט האָט אויך גערעדט, נישט אזוי ווי א טריבון פון דער עסטראַדע אַראָפּ, וויפיל מער צווישן חברים אין קרייז. און דאָ זענען די קולות געגאַנגען עד לב השמים, ביז צו דער אַלעמאָל פּאַרסאַזשעטער סטעליע פון דעם קלוב־זאַל פון ליטעראַטן־פאַריין. ראַפּאָפּאָרט האָט ליב געהאַט צו כאַפּן, אויסצוזוכן יענעמס אַכילעסשע, פאַרוואונדבאַרע פּיאַטע און דאָרט א זעץ טון מיט אַלע כוחות. ער האָט ליב צו ציטירן און אז ער האָט למשל ביי א שרייבער געטראָפן א פּאָר גראַמאַטיקאַלישע גרייזן האָט ער שוין שפּעטער געצויגן אַלע שלוסן דערפון. און חברים זענען נישט שולדיק גע־בליבן און יהושע ראַפּאָפּאָרט אוודאי און אוודאי נישט. צום סוף האָט זיך אים שוין אויסגעדאַכט, אז ער איז אַרומגערינגלט מיט אַרמעען פון שונאים אזוי ווי אָ פעסטונג, וואָס אין איר איז נאָך געבליבן דאָס לעצטע ביסל גערעכטיקייט און דאָס גאַנצע לאַנד איז שוין סדום. און אין דער פעסטונג מיט ראַפּאָפּאָרטן זענען געווען נאָך א פּאָר, און דווקא נישט די סאַמע אויבערשטע פון שטויסל, נאָר בשעת מען איז אין פעסטונג איז דאָך שוין איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איי־נעם, קוקט מען זיך שוין נישט אין טאַלענט אריין.

איינמאָל איז צו אונז געקומען א יונגער שרייבער פון ביאַליסטאָק, אשר ידע את יוסף... האָט ער אונז געזאָגט, אז אויך ראַפּאָפּאָרטס פאָטער איז אזוי אין ביאַליסטאָק אין זיין בית המדרש. דער אַלטער לײדט אויך נישט קיין עוולות. הייסט עס, אז עס גייט פון דורות. אָבער עס וועט אזוי נישט גיין לדורות. איינמאָל קומט ראַפּאָפּאָרט צו מיר אריין צוזאַמען מיט זיין פרוי, א באַקאַנטער לערערין אין וואַרשע, און נעבן אים א גאָלדן, חנעוודיק יינגעלע און ראַפּאָפּאָרט שמייכלט מיט אַלע מענשלעכע פריידן — לאַכן האָב איך אים געהערט אַסך,

שמייכלען קיינמאָל נישט געזען —און דאָס גאָלדענע יינגעלע רעדט א גאָלדענעם יידיש: — מיין זונעלע — — באַרימט זיך דער טאַטע.

אָבער אין א גרויסער באַלעבאַטישקייט קומט אַלץ צו נוץ, אפילו לעמער, וואָס ווערן פּלוצלונג אין וועלף פאַרוואַנדלט. און ראַפּאָפּאָרט האָט זיין פּלאַץ אין דער יידישער ליטעראַרישער קריטיק. פאַרהאַנען יידישע שרייבער, וואָס האָבן א צייט־לאַנג געהאַלטן, אַז ער — ראַפּאָפּאָרט — איז דער איינציקער נוצליכער, ווייל דער איינציקער מוטיקער יידישער ליטעראַטור-קריטיקער. אין א געוויסן זינען זענען זיי גערעכט געווען, זיי האָבן גענומען אין אכט דאָס וואָס ראַפּאָפּאָרט האָט ארויסגערעדט, דאָס וואָס ער האָט פאַרשוויגן האָבן זיי פאַרגעסן. אָבער אויך דאָס, וואָס ער האָט גערעדט איז נישט אַלעמאָל גערעכט געווען; מעגלעך, אַז ער האָט געליינט דעם פערטן טייל פון ספּינאָזאַס „עטיק״, צום הארצן האָט ער זיך עס נישט גענומען, ווייל ער איז געווען פול מיט מענשלעכע אפעקטן און האָט געהאַט א זכרון ביזן דריטן און פערטן דור . . . אָבער אויך דאָס אויפרודערן האָט זיין גרויסע באַדייטונג און דאָס פאַרדינסט פון אויפרודערן די יידישע ליטעראַטור אין פאַרלויף פון א רייע יאָרן געהערט צו יהושע ראַפּאָפּאָרטן.

1943

בנציון רובשטיין

1882 אין א פאַרשטאָט פון קרעמענטשוג. געוווינט אין דער שווייץ, אין ווין, אין ארץ ישראל, ווילנע, ווארשע, זינט 1926 אין אדעס — געשטאָרבן ארום 1935.

ער איז אלעמאָל פול געווען מיט געדאנקען און מיט אידעען. און די געביטן זיינע: יידיש־פאַרשונג און יידישע עקאָנאָמיע. ער איז געווען א ספּע־ציאַליסט אויף ביידע געביטן און אויך א ספּעציאַליסט אויף אומצאָליקע סוב־געביטן פון די דאָזיקע הויפּט־געביטן. אז איך האָב מיך מיט בנציון רובשטייגען אין יאָר 1913 אין ווין באקענט — און מיין נאָמען, וואָס איז היינט גאנץ ווייניק קלאנגפול, האָט נאָך דעמאָלט לחלוטין געהאט א קלאנג ווי א גלעקל אָן א צינגל — האָט רובשטיין גאנץ הויך א מאך געטון: אָ, מלך ראַוויטש — אזוי ווי ער וואָלט זיך באקענט מיט איך ווייס נישט וועמען. און ער האָט מיך באלד איינגעלאדן צו זיך איך זאָל אים פאָרלעזן א פּאָר נייע לידער מיינע. זיין נאָמען האָב איך גוט געקענט און גוט זיך אָנגעבראָכן די ציינער אויף זיינע שווערע ארטיקלען אין די בעסטע יידישע צייטשריפטן און זאמלביכער פון יענער צייט. די איינלאדונג האָט מיר אימפּאָנירט. אויף צו מאָרגנס בין איך געקומען. רובשטיין האָט געוווינט אין א פּוסטן קאבינעט. אין צימער איז געווען א טיש, א שטול (ביידע דרייפּיסיקע) און א בעט איני־גאנצן אָן פּיס. עס איז בלויז געווען א שטרויזאק. און דערצו א בארג מיט ביכער, אזוי אויסגעמישט, אזוי ווי אָט, אָט און מען מאכט אָן אויטאָ־דאַ־פע מיט זיי. כאָטש עס איז שוין געווען ווייט נאָכמיטאָג איז נאָך רובשטיין געלעגן אין זיין „בעט" און כדי צו זיין נענטער צו אים ביים לידער־לעזן, האָב איך איבערגעדרייט דאָס בענקל (עס האָט סאַי ווי נישט געקענט שטיין) און גע־זעצט זיך נעבן דעם שפּראכפאָרשער און סאָציאַל־עקאָנאָם־סטאטיסטיקער און אים געלעזן מיינע ציטערדיקע, יינגלישע לידער. די פּאָעזיע פון די לידער האָט אים נישט אינטערעסירט, נאָר די שפּראכלעכע צוזאמענהאנגען לויט דער געגנט אין גאַליציע, פון וועלכער איך שטאם. ער איז געווען א גרויסער גאַליציע-קענער. חוץ דעם האָט ער מיך באלד גענומען אויספרעגן וועגן די עקאָנאָמישע צושטאנדן אין מיין היימשטעטל. מיין פאַרשעמטע מוזע האָט מיר באוויזן די צונג, צוויי פייגן און איז אנטלאָפן פון קאבינעט. דערפאַר אָבער האָט מיר רובשטיין פאַרגעהוסט איינע פון זיינע נייעסטע פאָרשונגען אויפן געביט פון יידישער עקאָנאָמיע. דאָס פאַרהוסטן האָט געדויערט גוטע עטלעכע שעה. רובשטיין איז געווען א לונגען־קראנקער און ער האָט אייביק געהוסט. זיין בלאַנד פּנים מיט די גרויסע יידישע שטריכן איז אייביק געווען אויסגע־

מאטערט פון דעם הוסט און כאָטש ער איז געווען די גוטסקייט אליין האָט ער זיך אלעמאָל געבייזערט. אָבער געבייזערט. נישט איינצושטיין אין זיינע פיר איילן. וואָס פאר א פראגע דו זאָלסט נישט אָנרירן, רובשטיין אָפּאָנירט שוין, און ער וויל שוין בלייבן גערעכט און ער זידלט דיך שוין ווי דעם לעצטן און טאָמער איז ערגעץ דאָ א טיר אין דער נאָענט, פארקלאפּט ער שוין די דאָזיקע טיר און ער אנטלויפט שוין. און ערגער איז, וואָס ער קומט באלד ווידער צוריק און פארקלאפּט באלד ווידער די אומשולדיקע טיר און לויפט שוין ווידער. יעדע מינדסטע קלייניקייט פלעגט אים אונטערצינדן ווי א סטויג היי אין א טרוקענעם אויגוסט. געהייסן האָט ער רובשטיין׳ און אלע יידן זענען צוגעווינט, אז יידן דארפן הייסן רובינשטיין, נו, נו, מער האָט נישט גע־פעלט, נאָר אים על פּי טעות צו רופן רובינשטיין. באלד איז ער ארויס מיט זידלען זיך: רובבבשטיין הייס איך, רובבשטיין. האָט מען אים טאקע צוליב זיכערקייט גערופן רובבבשטיין מיט עטלעכע ביתן, נאָר דאָס איז נאָך ערגער געווען.

זוו געגעכטיקט — נישט געזאָגט. א מערקווירדיקער ערלעכער מענש. ער פלעגט אין זיין מישונג פון רובשטיינישן ציוניזם־בונדיזם לינקיזם־רעכטיזם קומען צו אלץ נייע קאָמבינאציעס און ער איז געווען א מענש אָן קאָמפּראָמיסן. איז מען צופרידן געווען פטור צו ווערן אי פון די מאָדנע געדאנקען — און רעספּעקטירן האָט מען אים געמוזט, ווייל ער איז א לאָגישער קאָפּ געווען און אלץ איז געווען געגרונטפעסטיקט אויף סאָלידע פונדאמענטן פון ערוּ־דיציע — און פון דעם מויערן־אויפרייסנדיקן הוסט. — און א יידישיסט איז דאָס געווען. מילא, אז ער פלעגט רעדן יידיש — און שפּראכן האָט ער גע־קענט אסך — צו דייטשע סטודענטן־יידן קען מען נאָך פארליידן, אָבער ער פלעגט אזוי אויך רעדן אין אלע קראָמען, מיט די ווינער האוזבעזאָרגערס, בכלל מיט אלע גוים. — ווו שטייט עס געשריבן, אז איך מוז קענען דייטש? ווו שטייט עס געשריבן, אז זיי דארפן נישט קענען קיין יידיש? — אויף די פראגע איז לאָגיש געווען און ניט געווען וואָס צו ענפערן.

און אָט איז 1923 — ווילנע, ווארשע. רובשטיין איז פארבונדן מיט א מאָדנער פרוי, זייער א יידיש־אויסזעענדיקער, זייער א טונקלער און זייער א גרויסער און זי היט אים אָפּ מיט א געטריישאפט פון א שוועסטער, וואָס איז פון א טוץ קינדער איינע געבליבן און דער ברודער — איז איינער . . . און רובשטיין איז אויף א פרשת דרכים. זיינע לונגען הייסן אים פאָרן קיין ארץ ישראל, זיין הארץ קיין ראטן־פארבאנד . . . אָבער לאנג אין ארץ ישראל האלט ער זיך נישט. א יאָר און צוויי גייט אוועק, די רובשטיינס זענען שוין ווידער אין ווארשע אויפן וועג קיין ראטן־פארבאנד. נישטאָ קיין שטיין אין ארץ ישראל מיט וועלכן ער זאָל זיך נישט האָבן צעקריגט און הוסטנדיק וויל ער נאָך

יעדן מענש איבערצייגן, אַז דער אמתער ציוניסט איז ער און דעם איינציקן אמתן ציוניסט האָט מען געוויזן די נאָסע טיר פון ארץ ישראל . . .

ווי דערשטוינט בין איך געווען, ווען איך האָב מיך איבערצייגט, אַז ער לעזט כמעט אַלע מיינע לידער, אָבער די פּאָעזיע אין זיי אינטערעסירט אים נאָך אַלץ נישט — נייערט די שפּורן פון אַ ספּעציפישן מיטלגאַליצישן דיאַלעקט וואָס קומט אין זיי צום אויסדרוק . . .

אין אַדעס איז רובשטיין געווען דער פאַרוואַלטער פון מענדעלע־מוזיי. מענשן, וואָס האָבן באַזוכט אַדעס האָבן אים דאָרט געזען, אָבער דער מוזיי איז געווען — אין זיין צווייטן גילגול אין אַ נישט צוגעפּאַסטן לאָקאַל אין אַ פּייכטן, נידעריקן פּאַרטער — — און וואָס ווייטער, ווייס איך נישט. אַרום 1935, גיכער פאַר דעם יאָר, איז געקומען די ידיעה, אַז רובשטיין איז געשטאָרבן. וואָלט ער געווען שטאַרקער, וואָלט ער זיכער אין אַ יידישן אוניווערזיטעט געווען פּראָפעסאָר און פאַרנומען צוויי קאַטעדרעס, לינגוויסטיק — עקאָנאָמיע, און זיינע תלמידים וואָלטן אים ליב געהאַט פאַר זיין גוטסקייט און גערעכטיקייט און טויזנט אַנעקדאָטן דערציילט וועגן זיין אייביק געבייזער און זיין שטיינערנער עקשנות איבער אַ פּאָדעם, אַ האָר, אַ הויך, אַ שאָטן און פּונקט אַזוי איבער די וויכטיקסטע אידעען.

1943

זלמן רייזען

אַלע יאָרן אין ווילנע, 1939 זיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד און בקרוב דאָרט ערגעצוואו אוועקגעקומען אָדער אומגעקומען.

ווייזט אויס, אַז זלמן רייזען האָט נישט געוואָלט, אַז מען זאָל וויסן אין וועלכן יאָר און ווו ער איז געבוירן געוואָרן. ווייל אריינגעמענדיק אין זיין באַרימטן לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע צוויי פולע באַטאַליאָנען יידישע שרייבער — האָט ער זיך אַליין נישט אריינגענומען. איז עס מיסטיק — אויסצולאָזן דעם אייגענעם נאָמען צווישן 2000? איז עס באַשיידנקייט? זלמן רייזען איז נישט קיין מיסטיקער און נישט קיין באַשיידענער, אין העכערן זינען פון דעם וואָרט. ווארום אין פשוטן זינען פון דעם וואָרט איז ער שוין גאָר א באַשיידענער. און אַזוי ווי זלמן רייזען האָט די דאַטעס נישט געגעבן — באַמי איך זיך אויך נישט זיי צו געבן. אויב סטיל און אויסגעהאַלטנקייט — זאָל זיין. אָבער מיט רייזענען איז נאָך עפּיס מיסטעריעזעס געשען. (די ווערטער ווערן געשריבן מיט־יאָר 1943) זינט דעם יאָר 1939 איז יעדע שפּור פון זלמן רייזענען ערגעץ־וואו אין רוסלאַנד פאַרשוואונדן. ווי מאָדנע. דער וואָס האָט פאַרצייכנט דאָס קומען און גיין פון אַלע יידישע שרייבער איז אַליין געקומען פון ערגעץ־ווו און אוועק קיין ערגעץ־ווו.

און אפשר איז דאָס שוין דווקא אַן אויפטו געווען נישט אריינצונעמען זיך אין דעם לעקסיקאָן. וואָלט ער דאָרט געווען וואָלטן אַלע געוווּסט אַזוי און אַזוי. איז ער אָבער נישטאָ וועלן אַלע פרעגן און פרעגנדיק אויספאָרשן און אויספאָרשנדיק ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט אוועקשטעלן רייזענען אויף דעם ריכטיקן פּלאַץ, אויף וועלכן ער אַליין וואָלט זיך נישט געקענט אוועקשטעלן. מען פלעגט זאָגן אויף יעקב דינעזאָנען — און דאָס וואָרט שטאַמט פון פרץ אַליין — אַז ער איז די מאַמע פון דער יידישער ליטעראַטור. זלמן רייזען איז דער לייבלעכער ברודער נישט גאָר פון אברהם רייזען און שרה רייזען, דער זון פון קלמן רייזען — א גאַנצע שרייבערישע דינאַסטיע — ער איז דער לייבלעכער ברודער פון אַלע יידישע שרייבער און שרייבערינס. מיט א זעלטענער עקשנות און — אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן — לויטן געזעץ דין פרוטה כדין מאה — קעמפט ער פאַר יעדן איינעם פאַר א פּלאַץ אין אויבן אָן . . . אי דאָס איז דאָך נישט מעגלעך — גייט דאָס אים נישט אָן. קריגן וועלן דאָך סאַי ווי נישט אַלע דעם אויבן אָן, ער ווייסט עס, אָבער קומען קומט זיי . . . עס איז איינס פון די מערקווירדיקסטע ביכער — זלמן רייזענס לעקסיקאָן — און אַזוי ווי עס איז איז עס גוט. אין א גרויסער מאָס זענען

דאָס זעלבסט־כאַראַקטעריסטיקעס, וואָרום רייזען האָט מיט גרויסער פּיעטעט אויסגענוצט די בריוו, וואָס די שרײַבער האָבן אים געשריבן. שפּעטן טאַקע פון דעם לעקסיקאָן אַלע שוין צענדלינקער יאָרן. און אַז רייזענס לעקסיקאָן האָט איינעם דורך אַ טעות הדפוס יינגער געמאַכט, וועט ער שוין בלײַבן אַזוי, און אויב חלילה עלטער וועט שוין אויך גאָרנישט העלפן. די אינטעגריטעט פון דעם געבורט־שײַן־אמת פון דער יידישער ליטעראַטור שטייט איבער אַלעס, אַפילו איבערן אמת.

זלמן רייזען איז דער יידישיסט פון יידישיסטן פון אַלע צײַטן. אַ ייד מיטלוווקסיק מיט אַ הייס פּנים, אַ לענגלעכער נישט ספּעציפיש יידישער נאָז, פולע ליפּן און ענערגישע, גרויסע אויגן און עפּיס גלאַנצט אַלעמאָל דאָס פּנים זוי נאָך אַ קאַמף, אָדער אין אַ גרייטשאַפט צו קאַמף — קאַמף פאַר יידיש. זלמן רייזען באַזיצט אַסך וויסן, דער עיקר אויפן פילאָלאָגישן געביט, אָבער אַז ער רעדט, רעדט ער ווי אַ טריבון, גיט גיך אַ פלי אַרויף אויף די אונטער־שטע פּאָר שטילע טרעפּלעך פון דער רעדעלייטער און ער שטייט שוין אויבן און ער רעדט ש..יז מיטן גאַנצן מויל און מיטן גאַנצן האַרץ און ער מאָנט און ער סטראַשעט און ער לויבט און ער איבערטרײַבט דאָס גוטע און דאָס שלעכטע און אַלץ אין קאַמף פאַר יידיש. אַז איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל געהערט אויסרופן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון לערערס און שרײַבערס: אַ מיסיאָנערסקע ביכל אין יידיש איז נאָך אַלץ יידישער ווי דאָס שענסטע העברעישע ספר אין וועלכן עס איז דאָ איין וואָרט קעגן יידיש — האָב איך מיך אַזש דער־שראָקן, אָבער אין לויף פון די יאָרן האָב איך מיך צוגעוווינט דערצו.

אין ייוואָ אין ווילנע איז אין פּאַיע געהאָנגען אַ וועלט־קאַרטע־דיאַגראַמע פון דער פאַרשפּרייטונג פון יידיש מאַמע־לשון איבער דער וועלט. דווקא אויף דעם אָרט האָט רייזען אויפגענומען אַלע ייוואָ־געסט. און דערקלערט האָט ער די די מאַפּע מיט אַזאַ ברען אַזוי ווי יידיש וואָלט זיך אין דעם אינסטיטוט־אַרסענאַל געגאָרט די לענדן איינצונעמען נישט נאָר די גאַנצע יידישע וועלט, נאָר טאַקע די גאַנצע וועלט. שטילערהייט האָט ער זיכער וועגן דעם געחלומט.

אין יאָר 1929 זענען שלום אַש, זלמן רייזען און איך געווען די אַפּי־ציעלע דעלעגאַטן פון פּען־קלוב־קאָנגרעס אין ווין. רייזען האָט קיין רגע נישט גערוט. אויף יעדער זיצונג, יעדן באַנקעט האָט ער פאַרטיילט די ראָלן, באַזעצט די סטראַטעגישע פּאָזיציעס. ביים הויפּטבאַנקעט האָט ער זיך אַליין פּלאַסירט נעבן אַן אונגאַר מיט אַטאַמאַנישע וואָנסעס, דעם דעקאַן פון דער אונגאַרישער ליטעראַטור. דער דאָזיקער דעקאַן האָט די גאַנצע צײַט פון באַנקעט רויק געדרוקט הינטער די וואָנסעס די בעסטע מאכלים, נאָר רייזען האָט זיך נישט פאַרגונען דאָס מינדסטע, ער האָט די גאַנצע צײַט מיט זײַן

גלאַט־ראַזירטן, גלאַנציקן פּנים, פֿינקלדיקע אויגן, ענטוזיאַסטישער, אַביסל נאַזאַלער שטימע געפּרעדיקט די גרויסקייט פֿון יידיש דעם אונגאַרישן שרייבער־באַיאַר. ביים סוף פֿון דער סעודה האָט זיך דער באַיאַר אָפּגעווישט די וואָנסעס און געענטפֿערט מיט אַ מיין אונגאַרישן יידיש: מיך האָט איר איבערצייגט, איך בין אַליין אַ ייד, באַמיט זיך בעסער צו איבערצייגן אַנדערע . . .

זלמן רייזען פֿלעגט אַרבעטן 25 שעה אין מעת לעת, אָבער ער האָט אַלעמאָל צייט געהאַט, אויב נאָר צו פֿאַרברענגען מיט אַ יידישן שרייבער, אָדער נאָך בעסער מיט אַ גוישן אויף צו דערציילן אים וועגן יידיש. דערביי האָט ער רעדאַגירט אַ טאָגצייטונג, רעדאַגירט וויסנשאַפֿטלעכע זשורנאַלן, באַאַרבעט יידישע גראַמאַטיקעס, צונויפֿגעשטעלט וויסנשאַפֿטלעכע אַנטאָלאָגיעס, אייביק געאַרבעט ביי די דערגאַנצונגען צו זיין לעקסיקאָן, געווען אויף יעדער לעקציע, טעאַטער־פֿאַרשטעלונג, פֿאַרזאַמלונג אין דעם יידישיסטישן בינטשאַק ווילנע, געהאַט אַ שיינע פֿרוי און זייער אַ קאַפּריזנע, כאָטש אַ גוטע, רייזעניש גוטע, מרים איז איר נאָמען, דערצו צוויי זין, ראַדיקאַלן, און אין פּוילן האָט דאָס באַטייט אייביקע זאָרגן, הויז־זוכונגען און אַרעסטן — און די קרוין פֿון זיינע פֿאַראינטערעסירונגען איז געווען דער ייוואָ. דאָרט האָט ער זיך געגרייט אַ רויק ווינקל אויף די עלטערע יאָרן, ווו ער וועט קענען אין שטילקייט זיך ווידמען צו פֿאַרשונגען וועגן אַלט־יידיש און אַלט־יידיש שרייבער, אַז די וואָפֿן וועלן שוין צו שווער זיין פֿאַר די אייגענע הענט און מען וועט זיי דאַרפֿן איבערענפֿערן צו אַנדערע. — אָפּט איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין שטעט און אין לענדער ווו זלמן רייזען איז פֿריער געווען. — איי, זלמן רייזען, זלמן רייזען . . . פֿלעגן מיט נחת קרעכצן די יידן און דערמאָנען מיט בענקשאַפֿט די טעג מיט דעם הערלעכן ענטוזיאַסט.

1943

ד ר. ע מ נ ו א ל ר י נ ג ע ל ב ל ו ם

1900 אין בוטשאַטש (ביטשוטש) גאַליציע. זינט 1922 אין וואַרשע. לויט טייל ידיעות דעם 7טן מערץ, לויט אַנדערע אין אַפּריל 1944 — צוזאַמען מיט פרוי און זון און נאָך 34 יידן אַנטדעקט אין אַ בונקער און דערשאָסן אין תפיסה־הויף פון פּאַוויאַק.

אַרום דער מיט פון יאָר 1944 האָט איבער דער גאַנצער יידישער פּרעסע פון דער וועלט פון עק ביז עק אַ קלונג געטון דער זייער קלינגענדיקער נאָמען, שיִר נישט אַ קליין ליד אין זיך אַליין — עמנואל רינגעלבלום. דער גרעסטער טייל פון דער יידישער וועלט, דער סאַי ווי שטאָק־טויבער ווי אַ גרויסער גלאָק, איז ווייטער טויב געבליבן ווי געוועזן. אים קען נאָר נאָך אויפוועקן אַ הילך דירעקט אין זיינע אייגענע אויערן: הייל היטלער! — אָדער: צייט צום אומשלאָגפּלאַץ קיין טרעבלינקע. ביים מער צאַרטן און הערעוודיקן טייל פון יידישן פאָלק, און דער עיקר ביי די אינטעלעקטואַלן יידישע פון פּוילן האָבן זיך די זיבן טראָפּן פון דעם קלינגעוודיקן נאָמען געריננגלט און געריננגלט ביז זיי זענען וואָכעדיק געוואָרן.

דער פּאַטאָס פון דער יידישער געשיכטע האָט געוואָלט, אַז אין די דאָזיקע יאָרן פון גרויסן יידישן אומקום זאָלן אומקומען באַגלייך—כּמעט נישט אין דער זעלבער צייט און נישט אין זעלבן געטאָ — דער עלטסטער יידישער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו אין ריגע און דער יינגסטער יידישער היסטאָריקער דר. עמנואל רינגעלבלום אין וואַרשע. לויט די יאָרן מיט פערציק יאָר יינגער פון זיין מייסטער.

באַלד נאָך דער ערשטער וועלטמלחמה, ווען גאַליציע איז פאַראייניקט געוואָרן מיט פּוילן, האָט זיך דער שטראָם פון דער גאַליציש־יידישער יוגנט אַ לאָז געטון קיין וואַרשע, קיין ביאַליסטאָק, קיין ווילנע אפילו. גאַליציע האָט אַלעמאָל געהאַט אַן איבערפּראָדוקציע פון יונגער יידישער אינטעליגענץ. פאַר דער מלחמה פלעגן זיי וואַנדערן קיין ווין און בערלין. איצט זענען ווין און בערלין געוועזן הונגער־שטעט און אין וואַרשע האָבן זיך געעפנט גרויסע מעגליכקייטן. האָבן זיך די גאַליציאַנער דאָקטוירימלעך — און אין גאַליציע איז יעדער דריטער ייד געוועזן אַ דאָקטאָר — אַ לאָז געטון אויף די „אַזיאַטישע" טיילן פון פּוילן. צווישן יאָ און ניין האָבן זיי זיך אַזוי גרינטלעך אַריינגעשלייכט אין אַלע וויכטיקסטע פּאָזיציעס, אַז ווען אַרום יאָר 1930 האָט אַמאָל י. מ. ניימאַן געוואָלט אויפשרייבן אַ גאַלעריע פון די אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן אין די יידישע אינסטיטוציעס אין וואַרשע, האָט ער אַנטדעקט, אַז זיי

זענען אלע גאַליציאַנער. זיי פלעגן זיין שטיל און העפליך אָבער איינגעמען פלעגן זיי איין פעסטונג נאָך דער אַנדערער אזוי ווי עכטע קאָנקוויסטאַדאָרן.

וואָס עס האָט זיך דער יונגער און שעמעוודיקער סטודענט עמנואל רינגעלבלום אין יאָר 1922 געטראַכט ווען ער איז געקומען קיין וואַרשע — ווער ווייסט. ער איז נאָך אפילו קיין דאָקטער נישט געווען. צוליב א צופאל האָב איך פאַרגעדענקט זיין ערשטן אריינקום אין אונזער שרייבער־קלוב. עס האָט געמוזט זיין אין יאָר 1928. שוין האָט זיך אָנגעהויבן דער קריזיס, וואָס האָט אין דער אמתן מער נישט אָפּגעלאָזן; ביזן יאָר פון אָפּגרונט 1939. אָט קומט אריין א יונגערמאַן, א הויכער, א שלאַנקער, ער טראָגט א קינסטלער־הוט, א בלאָנדער, געדינגלטע האָר, א פּנים בלוט און מילך און דערצו מיט חן־גריבעלעך. און ביי יעדער געלעגנהייט פאַרשעמט ער זיך און ווערט רויט און דערצו רעדט ער א קליין ביסל אונטער דער טסונג. (נישט צונג, נאָר טסונג זאָגט ער). ער וויל אַריין אין דער שרייבער־אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן זיך צערעדט, איך האָב מיך דערמאָנט, אז איך האָב א פּאָר באַקאַנטע אין זיין היימשטאָט ביטשוטש, וואָס מען פלעגט זי אין יידיש פאַרציען נאָך מיט אַן איבעריקן דריי „טשיבוטש". איך האָב אים שטאַרק, שטאַרק אָפּגערעדט צו בלייבן אין וואַרשע. איך האָב בכלל יעדן יונגען מענטש שוין דעמאָלט געעצהט אוועקצופאָרן פון פּוילן און דערצו נאָך איינעם, וואָס איז א ציוניסט ווי רינגעלבלום איז געווען. איך האָב מיך שיר ניט צעקריגט מיט אים. עס האָט מיך שאָקירט דער נאַיווער גלויבן זיינער. איך האָב אין דעם געזען מיין אייגענעם גלויבן פון מיט א צען יאָר צוריק. אַן אָפּגענאַרטן גלויבן. ער האָט פאַרטיידיקט זיין ענטוזיאַזם און זיין גלויבן אין דער צוקונפט פון פּוילישן יידנטום, ער ווייסט בעסער, ער איז א היסטאָריקער. ער איז נישט קיין שטימונג־מענטש, א פּאָעט. מיר האָבן זיך נישט צעקריגט, גאַליציאַנער צעקריגן זיך נישט, אָבער מיר האָבן זיך דערלאַנגט גאַנץ פיינע שטעכווערטעלעך און זיך צעגאַנגען. און זינט דעמאָלט איז געבליבן אַן אייבי־קער טרויער אין מיר ווען נאָר איך האָב רינגעלבלומען געזען. איך האָב שוין דעם גאָרטן געפלאַנצט און געזען, אז מער ווי דערנער קען דאָ נישט געדייען. און אָט קומט איינער און פלאַנצט ווידער און אַקערט אריין זיינע יונגע יאָרן. ער איז געוואָרן א מיטגליד אין פאַריין. מיט טריומף האָט ער מיר אמאָל געבראַכט די שריפט „דער יונגער היסטאָריקער" — און סוף כל סוף זענען „יונגער היסטאָריקער" און רינ־געלבלום געוואָרן סינאָנים; ביז צו זיין מאַרטירערטויט.

אז די יידישע געשיכטע וועט גראַד אויף זיין יוגנטלעכן קאָפּ, מיט אָט דעם פּנים מיט די חן־גריבלעך, בלוט און מילך און נאַיוקייט, אַרויפלייגן די דערנער־קרוין פון דעם היסטאָריקער פון וואַרשעווער געטאָ און טאַקע אין

געטאָ גופא — װער װאָלט זיך געריכט? נישט נאָר אַלײן געשריבן האָט ער נאָך מער האָט ער אָרגאַניזירט דאָס שרײַבן און דאָס זאַמלען. זײַן נאָמען איז אונטערגעשריבן אונטער דעם לעצטן רוף פֿון דער אונטערגײענדיקער ײדישער קולטור אין פּױלן צו דער גאַנצער ײדישער קולטור־װעלט — און שיר נישט באַזיגלט מיט זײַן אײגן האַרץ־בלוט, װײַל שױן טעג אָדער װאָכן שפּעטער איז ער געװעזן דערשאָסן. און — אַ װוּנדערלעכער גלױבן און קולטורעלע אױסגעהאַלטנקײט: אין אָט דעם לעצטן רוף געדענקט ער, אַז אַשװױענטשים — אײנס פֿון די גרױסע מאָרד־ערטער, הײסט אין פֿאָלקס־טימלעכן לשון לױט די כּללים פֿון ײִװאָ — אָשפּיצין, און אַזױ פֿאַרגעסט ער נישט אין זײַן לעצט װאָרט אַ מינוט פֿאַרן טױט די שטאָט צו רופֿן.

1934. דעצעמבער. איך פֿאָר אָפּ אױף שטענדיק פֿון פּױלן. באַגעגעניש אין אײַלעניש. קען זײַן, אַז בײַם פּאַװיאַק טאַקע, נײַן שריט און . . . נײַן יאָר װײַט פֿון דעם אָרט און דער צײַט, װען זײַן קאָפּ, בלוט און מילך און חן און גלױ־בן, װעט באַדעקן די גלאָריע פֿון דעם ײנגסטן ײדישן היסטאָריקער־מאַרטירער. ער מאַכט מיר פֿאָרװורפֿן פֿאַר פֿאַרלאָזן פּױלן. איך ענפֿער, אַז איך װײס בעסער . . . ער ענפֿערט טראַציק, אַז ער װײסט נאָך בעסער. ער האָט געװוּסט.

1946

דר. יצחק שיפּער

1884 אין טאַרנע, גאַליציע, זינט 1919 אין װאַרשע, רײזעס אין אײראָפּע, געבליבן אין געטאָ, אומגעקומען אין מאַידאַנעק, נאָכן אױפשטאַנד, 1943.

— װאָס איז ער נישט אַלץ געװעזן, װאָס האָט ער נישט אַלץ געשריבן — דר. יצחק שיפּער, װאָס האָט ער נישט אַלץ אַנטדעקט. ער האָט רעדאַגירט צענדלינקער צײטשריפטן און צײטונגען אין ײדיש, פּױליש און דײטש אין אמאָליקן עסטרײך און אין פּױלן. א פּיאָנער אױפן געביט פון אַלט־ײדישער װירטשאַפטס־געשיכטע און א פּיאָנער פון ײדישער טעאַטער־פאָרשונג אין די געטאָס פון מיטל־עלטער, דעפּוטאַט אין פּױלישן סײם, מיטגליד פון הונ־דערטער קאָמיטעטן, און אין פאַרלױף פון יאָרן אָנפירנדיקער מיטגליד פון דרײ ײדישע פּאַרטײען, אָבער עס ציט אים אַלעמאָל צו פּועלי ציון, פּאָרזיצער פון שרײבער־פאַרײן און אַרטיסטן־פאַרײן, פּראָפעסאָר פון קאַפּיטאַלע װערק אין פּױליש, דײטש און ײדיש, רעזשיסער, לױטנאַנט־ריכטער אין עסטרײ־כישן מיליטער, ערשט־קלאַסיקער אָראַטאָר, לסוף דירעקטאָר פון ײדישן אַקאַדעמישן הױז אין װאַרשע, שול־חבר פון װעלט־באַרימטע פּערזענלעכקײטן צ.א. קאַרל ראַדעק, פּאָלעמיסט און אַרומקריגער מיט אַלץ און אַלעמען, און — — אַז דו קוקסט אים אָן, קוים װאָס ער זעט זיך אָן. א טיפּישער, אַביסל אַפילו ציניש אױסזעעינדיקער אײראָפּעישער דעקאַדענט־אינטעליגענט, בלאָנד, גלאַטע האָר, כװאַטסקע פאַרװאָרפן איבער דער קרום פון שטערן, נישט קײן הױכער, גרױסער קאָפּ, הױכער שטערן, אַלעמאָל זײער מאָגער און אַביסל קרענקלעך אױסזעענדיק, שטרײכט אונטער יעדעס װאָרט װען ער רעדט, רעדט זײער זיכער און זעלבסט־באַװוסט און רעדט ײדיש װי א גר און דײטש װי א פּאָליאַק און פּױליש פּערפעקט. בעסער אָט די שװערע שפּראַך פול מיט די שװערסטע דיפטאָנגען צו רעדן איז נישט מעגליך. א טיפּישער, פּױלישער אינטעליגענט, אױסגעכאָװעט אױף דער פּשיבישעװסקי־װױס־פּיאַנסקי ליטעראַטור פון דער תקופה פון „מלאָדאַ פּאָלסקאַ״, װאָס האָט זיך װידער פון איר זײט אױסגעכאָװעט אױף די װידערשײנען פון דער ניטשע־תקופה אין דער אײראָפּעישער ליטעראַטור. ניטשע, װי באַװוסט, איז געװעזן לױטן אָפּשטאַם א שטיקל פּאָלאַק, און דאָס האָט אַזױ שטאַרק די פּאָלאַקן און די פּױלישע ײדן געצױגן צו אים. זעסטו שיפּערן, זעסטו פאַר זיך דעם אױסגעקנאָטענעם אינטעליגענט פון דור־דורות. און װי דערשטױנט בלײבסטו, אַז דו װערסט געװאָר, אַז שיפּערס פּאָטער איז געװעזן א בעקער און ער האָט זיך אױסגעכאָװעט אין א בעל־מלאכה׳שער און אָרימער סביבה.

שיפּערן צו הערן רעדן איז געװען אַ נחת און גערעדט האָט ער אין די באַװעגטע יאָרן זיבן מאָל יעדן טאָג אַלע זיבן טעג אין װאָך, און זיבן מאָל אַ טאָג געביטן די טעמע. און אַזױ װי אין שרײַבן, אַזױ אין רעדן. צוערשט קומען פאַקטן, דערשטױנלעכע פאַקטן, װאָס שיפּער איז געװען אַ מזיק זײ אַרױסצוגראָבן אין די אַרכיװן — חוץ דעם, װאָס ער האָט זײער אינטענסיװ געלעבט אין הײַנט, האָט ער אַלעמאָל גלײַכצײַטיק זײער אינטענסיװ געלעבט אין די אַרכיװן פון פאַרגאַנגענע תקופות — און עס דאַכט זיך דיר, אַז אַלץ װעט זײַן רעאַל און באַגרינדעט, נאָר שיפּער האָט פאַנטאַזיע און ער הױבט אָן אױפן יסוד פון די עטלעכע רעאַלע, אַרכיװאַליש פעסטגעשטעלטע פאַקטן צו פאַנטאַזירן און ציען שלוסן װי פאַרביקע סטענגעס. בשעת דו הערסט עס גלױבסטו, װײַל שיפּער גלױבט אױך, נאָר שפּעטער צערינט עס װי כּישוף־בילדער. סאַי װי סאַי איז עס געװען אַנגענעם. אַ שטױנענדיקער פאַקט: אײנער פון די אינטערעסאַנטסטע יידישע היסטאָריקער און קען נישט קײן העברעיש.

אין 1910 האָב איך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן שיפּערן אין לעמבערג. דעמאָלט איז ער נאָך גאָר יונג געװען — אַ פּאָר און צװאַנציק. אַ באַהעמיען, כאָטש אױף אַ פאַראַנטװאָרטלעכן פּאָסטן פון אַ פּאַרטײ־רעדאַקטאָר. אַלע חידושן זיך װען קען ער אַזױפיל שרײַבן און גײַסטיק אַרבעטן, אַז גאַנצענע טעג זיצט ער אין די קאַפעהײַזער — און לעמבערג איז געװען קלײן־װין אין דעם זינען — און אין די אָװנטן אין די טעאַטערס און אין די נעכט אין די נאַכט־לאָקאַלן. אָבער שיפּער האָט אַ געניאַלן קאָפּ אױף זיך און ער באַװײַזט עס אַלץ.

דאָס איז געװען אין מערץ 1918, שיפּער — אַ לױטנאַנט-מיליטער־ריכ- טער אין קראָקע און איך אַ פּראָסטער סאָלדאַט אין דער עסטרײַכישער אַרמעע אין אַ דאָרף נעבן קראָקע. אונטער די פונדאַמענטן פון דער עסטרײַכישער אימפּעריע קראַכט עס שױן און פון רוסלאַנד װײעט עס מיט רעװאָלוציעס. אַ מאַסקירטער פּראָלעטאַרישער יידישער פאַרײן פון כשאַנאָװ, בײַ קראָקע, לאַדט אונז אײַן אױף אַן אָװנט. שיפּער רעדט און איך דעקלאַמיר. געהאַט דעמאָלט נאָר װאָס געשריבן אַ פּאַטעטיש ליד „דער געניוס פון דער פרײַהײט״. שיפּער האָט געהאַט ציװילע קלײדער, האָט ער זיך איבערגעטון, איך נישט. האָב איך דעקלאַמירט פון הינטער אַ פאָרהאַנג. נאָך דעם קאָפּ אַרױסגעשטעלט. דאַכט זיך, אַז אין מײַן גאַנצן לעבן פאַר דעם און נאָך דעם האָב איך קײנמאָל נישט מיט אַזױפיל פּאַטאָס דעקלאַמירט װי דעמאָלט. שיפּערן איז עס שטאַרק געפעלן און אַ שטיק פון זײַן רעדע האָט ער אָװעקגערעדט װעגן דעם ליד און איך בין געװען אין זיבעטן הימל און געדאַכט האָט זיך דעמאָלט, אַז אָט, אָט

און נישט נאָר גלאַט דער הימל וועט קומען צו דער ערד, נאָר טאַקע דער זיבעטער הימל.

הערבסט 1928. א געזעגענונגס־אָוונט פאַר משה קובלאַק. ער פאָרט קיין ראַטן־פאַרבאַנד. זאָגן עס הויך טאָר מען נישט. שיפּער איז א גרויסער קולבאַק־ענטוזיאַסט. פּאַראַדאָקסאַלע צוזאַמענהאַנגען: זיי זענען ביידע פּאַנ־טאַסטן־רעאַליסטן, דער ערשטער אין זיינע ווירטשאַפט־און טעאַטער־געשיכ־טעס און דער צווייטער אין זיינע דראַמעס, ראָמאַנען און לידער. און ווייל שיפּער איז א גרויסער קולבאַק ענטוזיאַסט קומט ער — כאָטש א קראַנקער — און פירט דעם פאָרזיץ, האַלט איינע פון זיינע שענסטע, ליטעראַרישע רעדעס. קולבאַק אָבער איז אַגרעסיוו, באַליידיקט, זאָגט: פאַרפוילט זענט איר דאָ אַלע, קיין ברעקל גייסט נישט אין אייך, עס שטינקט פון אייך, נישט צעקושן דאַרף מען זיך מיט אייך ביים געזעגענען זיך, נאָר אייך אָנשפּייען אין פּנים . . . שיפּער ווערט בלאַס, ער ציטערט ממש, ער וואַרגט זיך, דער לאַנגיעריקער פּאָלי־טישער פוקס געפינט זיך אין א סיטואַציע אָן אן אויסוועג. ער גייט אוועק און לאָזט איבער די טריבונע צום גאַסט אַליין . . . איינע פון די פיינלעכסטע סצענעס אין אונזער קרייז.

נאָך די צענדלינקער פילהונדערט־זייטיקע ווערק אין דריי שפּראַכן איז שיפּער א קבצן כל ימיו. האָט א שיינע טאָכטער, אָבער א שטענדיק קרענקען־דיקן זון. צום סוף נעמט ער אָן אן אַדמיניסטראַטיוון פּאָסטן, פּאַרוואַלטער פון יידישן אַקאַדעמישן הויז אויף פּראַגע, ביי וואַרשע. און ער קרענקט, דאָס האַרץ איז געלאָקערט, קוים וואָס ער קען נאָך שעפּטשען, דער אַמאָליקער טריבון.

1943

פּרעסע

רחל אויערבאַך

געבוירן אין לעמבערג. זינט אַרום 1930 אין וואַרשע, אַלע זעקס יאָרן פון צווייטן וועלטקריג געבליבן ביי די נאַציס, יאָרן אויף דער אַרישער זייט. זינט 1945 אין לאָדזש.

רחל אויערבאַך שרייבט זשורנאַליסטישע אַרטיקלען, אויף אַ קול, אָפט זענען דאָס פּאָפּולערע אַרטיקלען אויף וויסנשאַפטלעכע טעמעס. ווייל זי האָט אַסך אַקאַדעמישע בילדונג און אָפט זענען עס פּשוטע און אַפילו אַביסל סענ־סאַציאָנעלע, זשורנאַליסטישע רעפּאָרטאַזשן. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט זי אַפילו געפירט אַ קאַמף אין אַ ליטעראַרישער פּאָלעמיק, גאַנץ פּלוצלונג האָט זיך דאָס שטילע קעצל אַ הויב געטון, אַ צי אויס און באַוויזן שאַרפע נעגל. די נאָענטע פריינט האָבן זיך אַזש דערשראָקן.

אָבער אין דער שטיל איז רחל אויערבאַך אַ ווינדערבאַרע פאַרשטייערין פון דיכטער, דורכגעדרונגען מיט דעם אידעאַל פון דער שווערער מיסיע פון די דיכטער אין דער וועלט בכלל און די יידישע בפרט. אַז מען וועט אַמאָל שרייבן די מאָנאָגראַפיע פון איציק מאַנגער, דעם דיכטער פון דער יידישער באַלאַדע, וועט דאָרט זיין אַ קאַפּיטל וועגן רחל אויערבאַך . . .

און נאָך שטילער ווי שטיל איז רחל אויערבאַך אַ דיכטערין פון מאָדנע קורצע לעבנס־ראָמאַנען פון מאָדנע פאַרחלומטע גאַליצישע יידן, לייבלעכע ברידער פון משה לייבס און משה נאַדירס לייזער־עליעס . . . דאַכט זיך, אַז קיין איינע פון די דערציילונגען האָט זי ביז איצט נישט געדרוקט.

רחל אויערבאַך האָט אַמאָל געהאַט אַן אייגן ירושה־הויז אין אַ לעמבערגער פאָרשטאָט און איך בין דאָרט אַמאָל געוועזן איר גאַסט. זאַלבעדריט — צו־זאַמען מיט דעם דיכטער בער שנאַפּער — פלעגן מיר דעמאָלט פאַרברענגען די לעמבערגער, פאַרבענקטע, פערשטאָטישע פאַרנאַכטן. אין שטוב האָט מען קיין ליכט נישט אָנגעצונדן, איינער האָט דעם אַנדערן נישט געזען און רחל אויערבאַך האָט דערציילט: אַמאָל בין איך אַלס קינד געוועזן עטליכע חדשים צוגאַסט ביי מיין זיידן, איך האָב די שטוב זייער ליב געהאַט, זי איז געוועזן געקאַלכט אויף בלוי, אויף אַ מאָדנע טיף בלוי. נאָר פּונקט אין יענעם פאַר־פּסח האָט מען די שטוב איבערגעקאַלכט אויף אַ פאַסקודנעם ראָזע. מיין הערצל

האָט זיך צוזאַמענגעקלעמט ווי צום שטאַרבן. איך האָב מיר גאָר קיין פּלאַץ נישט געקענט געפינען פאַר בענקשאַפט צום טיפן בלוי, וואָס איז אויף אייביק אַוועק. אין שטוב איז געווען אַן איוון אויף פּיסלעך. אַז קיינער איז אין שטוב נישט געווען האָב איך מיך אַוועקגעלייגט אויף דער בריק און געוויינט און דורך טרערן האָב איך באַמערקט, אַז אויף דעם דנאָ פון דעם איוון איז געבליבן נישט פאַרשמירט דאָס טיפע בלוי . . . איין רגע בין איך גליקלעך געווען דערפון, אָבער באַלד האָב איך מיך דערמאָנט ווי שרעקלעך געפאַלן דאָס בלוי איז און ווי מען האָט עס פאַרשטופּט אונטער דעם איוון און איך האָב אַזוי גענומען וויינען און קאַפּען מיט די פיס, אַז מען האָט מיך אַזש געמוזט צו־ריקשיקן אַהיים . . .

רחל אויערבאַך שרייבט, איבערזעצט, איבערזעצט אפילו מיינע צעשוי־בערטע רייזע־בריוו אין איר גלאַנצפולן, פאַרביקן פּויליש — אָבער אין איר נשמה לעבט א מאָדנע גאַליציש־פאַרבענקטער בין־השמשותדיקער ראָמאַן, וואָס פראַגמענטן פון אים זענען דאָ ביי נאַדירן און ביי פּראַדל שטאָק — און ווי פאַרבענקט דער גאַנצער ראָמאַן איז, אַזוי בענקט רחל אויערבאַך אים אויפצושרייבן. און טרויעריק דערציילט זי מיר אָפט, אַז אויך איר פאָטער האָט א לעבן לאַנג געבענקט אויפצושרייבן א ווערק מיט דעם נאָמען „דער דאָרפס־ייִד און דער שוחט". אָבער די דאגות־פּרנסה האָבן נישט געלאָזט. איינמאָל, אין א שבת־צו־נאַכט האָט ער אפילו א קער איבער געטון דאָס וואָכעדיקע חובות־בוך פון קליטל און אויף דעם פאָדערשטן בלעטל פון דער צווייטער, דער ליידיקער זייט פון וואָכנדיקן חובות־בוך האָט ער אויפגעשריבן דעם טיטל פון זיין ווערק „דער דאָרפסייד און דער שוחט" — און ביי דעם איז עס געבליבן . . .

אָבער רחל אויערבאַך וועט איר „דאָרפסייד מיטן שוחט" אויפשרייבן און דערוויל ברענגען צו דער עפנטלעכקייט די שוין אָנגעשריבענע מאָדנע און דינע דערציילונגען, וואָס זענען ווי א טרויערליד אויף דעם דינעם גאַליצישן יידיש־קולטורעלן ביז השמשות, וואָס איז דערוויל שוין געוואָרן נאַכט און אפילו א נייער טאָג האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

1938

פ.ס.

אַז די שורות — דאָ אויבן — זענען מיט גאַנצע אַכט יאָר צוריק גע־שריבן געוואָרן איז נישט ביי רחל אויערבאַך און נישט ביי מיר אפילו א שאָטן פון א האָר אין א פאַרנעפּלטן פאַרנאַכט קיין אָנונג נישט געווען וואָס עס גרייט זיך און וואָס פאַר א ראָלע רחל אויערבאַך וועט שפּילן אין די יאָרן פון קריג. אויך זי האָט דערפון קיין אָנונג נישט געהאַט. די ווערטער

דאָ אויבן לאָזן זיך אויס דווקא מיט אַן אָנונג פֿון אַ נײַעם טאָג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בײַ די ייִדן אין גאַליציע אונטער דער ממשלה פֿון פּוילן.

אַז די ווערטער דאָ אויבן — האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל געדרוקט — האָב איך ערגעץ אויף דער ווײַטער וועלט באַקומען אַן ענטוזיאַסטישן בריוו פֿון רחל אויערבאַך. זי האָט מיט דער האַרציקייט, וואָס נאָר זי פֿאַרמאָגט, געשריבן: איך האָב שוין אַזױפֿיל אַרטיקלען וועגן שרײַבער געשריבן, אַזױפֿיל אַרטיקלען וועגן שרײַבער געלעזן און מיר איז אַפֿילו אין דער ווײַטסטער מחשבה נישט אײַנגעפֿאַלן, אַז עמיץ קען זיך אָוועקזעצן און אָנשרײַבן וועגן מיר אַ גאַנצן אַרטיקל, אַ גאַנצן אַרטיקל וועגן מיר אַליין און פּערזענליך . . .

אַז די געטאָ־נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונזער פֿאָלק איז רחל אויערבאַך געבליבן אין וואַרשע. עטליכע בריוו האָב איך פֿון איר פֿון געטאָ באַקומען און שפּעטער איז שטיל געוואָרן. די נאַכט האָט אַלץ צוגעדעקט און אין האַלוצינאַציעס האָב איך אָפֿט געזען רחל אויערבאַכס פּנים: דאָס מילדע מאַמעדיקע פּנים, די טונקלבלאָנדע האָר, די בלויליך־גרינע, מיט גוטסקייט צעשמייכלטע אויגן, ווי ס׳גערעט אַמאָל אַ פּנים פֿון אַ אוקראַיִנישער דאָרף־שײַנער, וואָס מען דאַרף זײַן אַ מבֿין די שײַנקייט אין איר גאַנצער פּראַכט צו דערזען. און בײַ דער גאַנצער מילדקייט — אַ פּנים פֿון אַ מענטש פֿון מי און פֿון אַרבעט פֿאַר זיך און פֿאַר יענעם, דער עיקר פֿאַר יענעם. מען זאָגט — איך ווייס נישט פֿאַרוואָס — אַז מענטשן, וואָס האָבן לוקלעך צווישן די צײַנער האָבן דערפֿאָלג בײַ לײַטן. אָט אַזעלכע צײַנער האָט אויערבאַך און אײנמאָל האָט זי מיר טאַקע געזאָגט, אַז דאָס איז דער סוד פֿון איר דערפֿאָלג בײַ מענטשן, יעדער דערפֿילט באַלד אַ שוועסטער אין איר.

שוין אַ יאָר פֿאַרן סוף פֿון קריג זענען געקומען ידיעות, אַז רחל אויערבאַך לעבט אויף דער אַרישער זײַט, אַנטלאָפֿן פֿון געטאָ. און אַז די נאַכט האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון איבער פּוילן זענען דאָרט צוויי ייִדישע שרײַבער געוועזן בײַם לעבן, וואָס האָבן אַלץ איבערגעלעבט און געבליבן גאַנץ: רחל אויערבאַך און דער דערציילער נחמן בליץ. און גאָר באַלד זענען געקומען בריוו פֿון איר פֿון לאָדזש און אַפֿילו פֿון לאָנדאָן, ווו זי איז אין יאָר 1945 געפֿאָרן מיט אַ דעלעגאַציע פֿון פּוילישע ייִדן. אָט דאָס מילדע דאָרפֿישע פּנים, איבער וועלכן עס האָט אַלעמאָל ווי געפֿלאַטערט דער פֿליגל־שאָטן פֿון דעם מלאך פֿון גוטס,האָט זי סוף כּל סוף געראַטעוועט פֿון דעם מוראַדיקסטן בייז פֿון אַלע וועלטן. דער מלאך פֿון גוטס האָט דעם ייִדישן חן פֿון איר פּנים פֿאַרשטעלט און זי האָט געגאַלטן פֿאַר אַן אַריערין און געבליבן לעבן.

און געבליבן לעבן אָבער שוין מיט אַן אײביקן שאָטן פֿון דעם טײַוולס פֿליגל אין איר צאַרטער נשמה. וויפֿיל עס איז מיר נאָך באַשערט צו לעבן — האָט זי מיר דאָ נישט לאַנג געשריבן — אַזוי לאַנג וועל איך שרײַבן וואָס מײַנע

אויגן האָבן געזען אין די יאָרן פֿון די נאַציס. און זי האָט שוין געשריבן און עס מאַכט א טיפֿן רושם ווייל זי שרייבט וועגן די זאַכן אַנדערש ווי אַנדערע, ווייל זי איז צו אַלע אירע מעלות א גרויסער בקי אין דער חכמה הפּסיכאָאַנאַ־ליזע. אירע אַרבעטן וועגן טרעבלינקע און וועגן די טרערן פֿון ייִדישע מטלטלין אין די געטאָס עפֿענען נײַע פֿינסטערע אָפּגרונטן פֿון אונזערע לײַדן אונטער די נאַציס, אָפּגרונטן וואָס נאָר זי האָט דורכגעבליקט כאָטש מיליאָנען האָבן אין זיי אַרײַנגעקוקט.

גוט וואָס זי איז אונז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן — זי איז שולדיק א גרויסן חוב דער ייִדישער געשיכטע און זי וועט אים צאָלן מיט איר וואָרט, וואָס איז נאָך מער אויסגעאײדלט און געלײַטערט געוואָרן אין אירע איבערלעבונגען.

1946

מנשה אונגער

1899 זשאַבנע אין גאַליציע, יאָרן אין ארץ ישראל, זינט 1934 אין אמעריקע.

מנשה אונגער שטאַמט פון טיפן גאַליצישן רבנישן ייחוס. רבנישער ייחוס איז פאַר מיר א לאַבירינט און איך ווייס אין אים נישט איין און נישט אויס שוין באַלד ביי דער סאַמע שוועל. איז בעסער זיך אָפּצושטעלן ביי דער סאַמע שוועל. איך ווייס נאָר, אז ער שטאַמט פון טיפן ייחוס און אז ער אַליין האָט געקאָנט זיין א רב און אפשר א רבי און אפשר א גרויסער רבי.

ער איז געוואָרן א שרייבער פון ראָמאַנען און פון פּאַכמעניש דערציילטע אַנעקדאָטן פון רבנישן לעבן און פון אַרטיקלען אויף אַלערליי געבטין.

און —

אז איך וועל קומען אין דער קאַנצעלאַריע פון הימל און מען וועט מיר אויסרעכענען אַלע מיינע זינדן, וועט מען צום סוף צולייגן צו זיי א פערטל־זינד מיטי נאָמען: מנשה אונגער־אפיקורס׳עס. ווייל א שטיק בין איך אויך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס אונגער איז אַוועק אויף אַנדערע וועגן און נישט קיין רבנישע. געדרייט זענען די וועגן פון לעבן, קאָמפּליצירטע זענען זיי און איבעראַשנדיק זענען זייערע פאַרפּלעכטונגען. און פאַרפּלאָכטן האָט זיך עס אזוי:

מיט אַסך יאָרן צוריק איז אַמאָל אין וואַרשע צו מיר געקומען זייער א הויכער און זייער א מאָגערער און זייער א שטילער יונגער מענש, מיט זייער א נישט־יידיש פּנים, א פּנים, וואָס געהערט צו קיין שום ראַסע נישט — כאָטש עס איז זייער קענטיק, אז דאָס פּנים איז ערשט נישט לאַנג געוועזן אַרומגערעמט מיט פּאות. דער יונגער מאַן האָט געהאַט זייער איידעלע מאַניערן, האָט גערעדט זייער שטיל און מיר געזאָגט, אז ער קומט פון א רבנישער שטוב — אָבער ער האָט באַשלאָסן איבערצורייסן די גאָלדענע קייט און צו ווערן א פּראָלעטאַריער. און אז א רביש קינד רייסט איבער די גאָלדענע קייט און ווערט א פּראָלעטאַריער ווערט דערפון אַלעמאָל אין דער ערשטער צייט . . . א יידישער זעצער. דעם וואָלף, וואָס איז ערשט אַנטלאָפן פון דעם וואַלד פון די קליינע אותיעלעך ציט עס נאַטירלעך צוריק צום וואַלד. און אזוי ווי מיין ברודער הערץ בערגנער האָט דעמאָלט געפירט א יידישע זעצעריי אין מיין „באַרימטער" בוידעם־דירה אין וואַרשע — איז מנשה אונגער געוואָרן א לערן־בחור אין דער זעצעריי. שפּעטער איז ער אויך א רייע חדשים געוועזן א גאַסט אין מיין שטוב — דער שטילסטער, וואָס איך האָב ווען עס איז געהאַט. ער פלעגט אזוי שטיל אַריינקומען אין אונזער שטוב, אז מען פלעגט

זיך אלעמאָל דערשרעקן פאר אים, אזוי פלוצלונג איז ער געשטאנען אין שטוב, אזוי שטיל פלעגט ער אויפמאכן די טיר. און אזוי ווי מען פלעגט זיך דער־שרעקן פאר אים, ווען מען האָט אים פלוצלונג דערזען, אזוי פלעגט מען זיך דערשרעקן פון זיין פארשווונדן ווערן ווי א גייסט. אָט רעדסטו צו אים און אָט איז ער שוין נישטאָ — ווי א גייסט, כישוף, רבישע נסים . . .

אין ווארשעווער ליטעראטן־פאריין האָבן זיך אין יענע יאָרן (ארום 1925) ארומגעדרייט אסך הונגער־קינסטלער, אָבער אונגער איז געווען זייער מייס־טער, זייער רבי. ער פלעגט הונגערן מיט א הייליקן שמייכל אין די גרינלעכע גרויסע אויגן — זיינע קאָלעגן הונגער־קינסטלער האָבן געהונגערט מיט כעס און מיט געשריי. מיר פלעגן אים רופן מנשה הונגער — און נישט אונגער. פון מיין ברודערס בלייערנער זעצערײ איז אין איינעם א שיינעם טאָג געוואָרן א בלייערנער פויגל און דער בלייערנער פויגל איז ערגעץ אוועק אין די הימלען און דעמאָלט איז מסתמא אויך אונגער געוואָרן אויס זעצער. א שרייבער איז ער געוואָרן זייער שטיל. צוערשט האָט מען זיך אָנגעהויבן צו אים צו ווענדן מיט אלערליי שאלות, וואָס האָבן א שייכות צו רעליגיעזן יידישן וויסן און דינאסטישע יידישע ידיעות, יידישע הערלאָדיק אזויצו־זאָגן. שפּעטער האָט אים מסתמא עמיצער געזאָגט, אז ער קען דאָך אָנשרייבן אן ארטיקל פון אָט די געביטן. און אזוי איז מנשה אונגער געוואָרן א שריי־בער. אומגעוואָלט און צופעליק טראָג אויך איך די שולד, וואָס אונגער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול, וואָס איז גייסטיק שוין פאר אים געווען צוגעגרייט. מיין דעמאָלטיק קאָמאנדעווען אין ווארשע, צוזאמען מיט אַנדערע חברים, האָט אויך אויף אים א רושם געמאכט און אזוי פאלט א טייל פון דער שולד אויך אויף מיר.

אין אויפגערעגטע שעהן פלעג איך נישט איינמאָל אויסלאָזן מיין כעס סאי אין דער היים און סאי אין דער געזעלשאפט דווקא אויף דעם שטילסטן, אויף אונגערן, וואָס האָט אָבער מיט דערזעלבער דווקאדיקייט געשוויגן, ער האָט מיך גוט געקענט און געוווסט, אז דאָס איז אלעמאָל פאר מיר דער וויפולסטער ענפער. פלעג איך נישט איינמאָל שרייען: רבישער זון, שווייגט נישט, האָט רחמנות און שווייגט נישט — רבישער זון —

און אין 1939 זענען מיר גאנץ סטאטעטשנע געגאנגען איבער די גאסן פון ניו יאָרק,ווו אונגער לעבט איצט אלס שריפטשטעלער, געגאנגען פאוואָליע און סטאטעטשנע און זיך דערמאָנט די יאָרן פון שטורם און דראנג, וואָס זענען נאָך אזוי נאָענט און זענען שוין אזוי ווייט.

1939

אימ״ן

1880 — אין א גאליציש שטעטל, ווו ער איז אהינ־
געקומען — אומבאקאנט.

מסתמא קומט ער נאָך אלץ יעדן טאָג אין א׳לעמבערגער קאפע און שרייבט נאָך אלץ זיינע ציכטיקע מאנוסקריפטן, וואָס זענען מוסטערן פון ציכטיקייט און אָרדנונג. עפּיס האָט דאָך אויך דער מענש געוואָלט אין דער יידישער ליטעראטור. מיט עפּיס א סוד איז ער דאָך אויך געקומען און איז אזוי לאנג מיט דעם סוד געבליבן ביז דער סוד האָט אויפגעהערט צו אינטערעסירן. שוין מיט שיר נישט פערציק יאָרן צוריק איז ער געווען א פּראָפעסיאָנעלער זשורנאליסט אין דער מאָגערער רעדאקציע פון דעם לעמבערגער „טאָג־בלאט״, וואָס איז אלעמאָל געווען אין א לאָקאל אָן פענסטער און דערצו פון דער בריק ביז דער סטעליע פארלייגט מיט פארשטויבטע און פארשפּינעוועטע צייטונגען.

פארוואָס פישל וויטקאָווער האָט זיך א פּסעודאָנים געגעבן אימ״ן האָט ער קיינעם נישט געוואָלט אויסזאָגן, אָבער אלעמען כּסדר געזאָגט, אז ער וועט עס קיינמאָל נישט אויסזאָגן. האָט מען אויסגעטייטשט, אז דאָס שטאמט פון דער צייט, ווען אימ״ן איז געווען געשמדט . . . און די אינציאלן הייסן: איש יהודי מאמין נוצרי . . .

און די נאָוועלן און די לידער אין פּראָזע, וואָס אימ״ן פלעגט שרייבן האָט מען אויך נישט געקענט פארשטיין, פלעגט ער אויך שמייכלען און אויך אונז פארגאפטע אָנפאנגער אלעמאָל זאָגן, אז ער וועט אויך דעם סוד, וואָס איז זיכער א סוד — קיינמאָל נישט אויסזאָגן. האָט ער אזוי לאנג נישט אויס־געזאָגט אז נישט נור אינטערעסירט מען זיך מער נישט מיט דעם, נור קיינער געדענקט שוין אפילו נישט, אז אזא סוד איז ווען עס איז געווען.

מסתמא קומט ער נאָך אלץ יעדן טאָג אין א לעמבערגער קאפע און שרייבט נאָך אלץ זיינע ציכטיקע מאנוסקריפּטן — אפילו כראָניק פאר דער צייטונג פלעגט ער אזוי פּערלדיק־ציכטיק שרייבן און איבערשרייבן — און טראָגט זיי נאָך אלץ אין דער רעדאקציע פון לעמבערגער טאָגבלאט, וואָס איז אלע־מאָל אין א לאָקאל אָן פענסטער און דערצו פארוואָרפן מיט פארשטויבטע און פארשפּינוועבטע צייטונגען פון דער בריק ביז צו דער סטעליע, פון וועלכער די טאפּעטן שיילן זיך.

ווען האָב איך אים געזען דאָס ערשטע מאָל? אין יאָר 1910 — ווען אָפּ־דרוקן א ליד אין לעמבערגער טאָגבלאַט איז פאר מיר געווען א גרויסער אידעאל. ווען האָב איך אים דאָס לעצטע מאָל געזען? איך געדענק נישט.

זיין פּנים האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון, זיין צעאַקערט פּנים, קיילעכ־דיק און נייגעריק און אָן א ראַסע, מיט א שרינט אין מיטן קאָפּ פאַרקעמט און אַלעמאָל גרייט מיט גרויס התפעלות צו דערציילן עפּיס. אז דו ווילסט האָט עס געקענט זיין א פּנים פון א פויערל, וואָס האָט אָט ערשט אויסגעטון די סערמיענגע, און אז דו ווילסט האָט עס געקענט זיין א פּנים פון א ייד, וואָס האָט נאָר וואָס אויסגעטון די קאַפּאָטע און אַראָפּגענומען די באָרד און די וואָנסעס און די פּאות.

אין קיין שום אַנטאָלאָגיע געפינט זיך נישט אימנ׳ס א נאָוועלע אָדער ליד אין פּראָזע, אַן אַרטיקל אוודאי נישט, נאָר אין אַלטע לעמבערגער קאַ־לענדאַרן וואָס גרשם באַדער און שפּעטער משה פראָסטיק האָבן אַרויסגע־געבן — גייסטערן אָט די זאַכן און וועלן דאָרט גייסטערן ווי לאַנג אָט די קאַלענ־דאַרן וועלן אַרומליגן אין פאַרשטויבטע ווינקלען פון ביבליאָטעקן ווו מען האַלט אַביסל יודאַיקאַ.

און אַמאָל אַמאָל האָב איך געטראַכט, אז ווען איך וועל דערגרייכן די מדרגה פון שרייבן אַזוי אומפאַרשטענדלעך ווי אימן, וועל איך דערגרייכן א גוטע ליטעראַרישע מדרגה. אָבער נישט מער ווי איין יאָר, פון 1910 ביז 1911, האָב איך אַזוי געטראַכט.

אַמאָל איז אימן געקומען אויף מיינעם אַן אויפטריט אין לעמבערג. עס האָט געמוזט זיין אַרום 1925 אין די צייטן פון דער „כאַליאַסטרע״. ער האָט זיך — א געוויסע נאַיווקייט איז אין אים אַלעמאָל געווען — געוווּנדערט וואָס איך האָב אים דערקענט און געדענקט. ער האָט מיר מיט זיין התלהבותדיקן שמייכל געזאָגט, אז ווען ער וואָלט געקענט זיך אויסלערנען אויך שרייבן אַזוי אומפאַרשטענדלעך און פאַרהוילן ווי איך, וואָלט מען אים אויך ווידער אָנגע־הויבן אָנצוערקענען אין דער יידישער ליטעראַטור . . .

1936

יאַקוב אַפּענשלאַק

1891 געב. אין פּוילן. געלעבט אין װאַרשע. אײראָפּעישע רײזעס. רײזעס אין ארץ ישראל. זינט 1939 אין ניו־יאָרק.

יאַקוב אַפּענשלאַק איז אַן עכטער פּױלישער אסימילירטער יידישער אינטעליגענט — הונדערט און איינס פּראָצענט. א בלאָנדער, א הויכער, א דיקער, א שיינער, מיט דעם אייביקן אויסדרוק פון אביסל א קאַפּריזנעם און א צעפּעסטעטן. אז ער רעדט מיט איינעם, רעדט ער פון אויבן אראָפּ און אלע־מאָל אביסל אומוויליק, זוי אלע רייד וואָלטן אים געלאַנגוויילט. דאָס אלץ זענען פּויליש־פּריצישע מאַניערן. דאָס לעבן האָט אים נישט געקארגט קיין דערפאָלגן און ער האָט זיך איבערגענומען דערמיט. ער איז דאָס, וואָס מען רופט: שיינגייסט. דאָס לעבן איז דאָך סיי־ווי גוט — און אויב עס איז רוי און שלעכט אויך — צו אים וועט דאָס שלעכטע און רויע נישט דערגרייכן. דער עיקר איז די קונסט און די ליטעראַטור. פאַרוואָס א פּוילישער ייד מיט אָט די אלע מעלות, אָדער חסרונות איז א נאַציאָנאַלער ייד און דערצו נאָך א פּלאַ־מענדיקער ציוניסט — בלייבט א רעטעניש.

יאַקוב אפּענשלאַק האָט געוווינט צענדלינקער יאָרן, ער איז אייגנטלעך אויפגעכאַוועט געוואָרן אין דער סאַמע יידישער געדיכטעניש פון דער גרעס־טער יידישער קהילה פון אייראָפּע, אין וואַרשע. וויאַזוי אָט די געדיכטעניש האָט אים ממש נישט פאַרפלייצט און נישט אויסגעלערנט מאַמע־לשון איז א רעטעניש. דאָס הייסט קענען קען ער יידיש, אָבער נאָר לייענען — די מער כאַראַקטעריסטישע ווערטער פאַרשטייט ער נישט. רעדן רעדט ער מיט אַן אקצענט פון א גר, זייער לאַנגזאַם און מוז זיך ביי יעדער געלעגנהייט ארויס־העלפן מיט פּוילישע ווערטער. ער האָט א פיינעם, גלאַט פּאָלירטן פּוילישן סטיל, און אז ער נעמט זיך צום שרייבן און ווערט א פּראָפּעסיאָנעלער זשור־נאַליסט בלייבט ער צווישן יידן, ער שרייבט אויסשליסלעך פאַר יידן. אזא טיפּ פון אַן אויסגעשפּראָכן פּויליש־יידישן שרייבער עקזיסטירט אין פּוילן שוין מער ווי א האַלב יאָרהונדערט. צוערשט האָבן אָט די פּויליש־יידישע שרייבער געהאַט אַן אסימילאַטאָרישע טענדענץ, אָבער מיט דעם באַנקראָט פון דער אידעע פון דער אסימילאַציע איז אויך די טענדענץ דורכאויס פאַרשוואונדן. אמאָל איז אין פּוילן געווען אַן אידעע פון אסימילאַציע און קיין מאַסן־אסימילאַ־ציע איז דאָך נישט געווען. שפּעטער איז געוואָרן פאַרקערט: די אידעע איז פאַרשוואונדן, ווי אָפּגעמעקט, די טעאָריע איז פון לעבן אוועק און די מאַסנהאַפטע פּראַקטיק פון אסימילאַציע האָט פאַרנומען איר אָרט. אלס פלאַמענדיקער ייד פּרעדיקט אויך יאַקוב אַפּענשלאַק די שיינקייט פון דער יידישער קולטור אין

אלע אירע דערשיינונגס־פּאָרמען און גאנץ באזונדערס אין דער יידישער שפּראַך — אָבער זיין טון און זיין פּראַקטיק איז אסימילאציע. פּאַראַדאָקסאַל, אָבער דאָס יידישע לעבן האָט זיך איינגעלעבט מיט פּאראדאָקסן ווי מיט נאטור־דערשיינונגען. אַפּענשלאַק איבערזעצט מאסנהאפט פון דער יידישער ליטע־ראטור, שרייבט וועגן ביכער, שרייבט וועגן טעאטער, זיינע רעצענזיעס האָבן אָפט א דעצידירנדיקע ווירקונג—אָבער צום טאָג־טעגליכן לעבן פון דער יידי־שער ליטעראטור בלייבט ער פרעמד. די מענשן, די שעפער פון דער ליטערא־טור עקזיסטירן פאר אים נישט, ער קען נאָר די ביכער, די רויע ווירקלעכקייט פון דעם דלות פון דעם יידישן שרייבער, זיינע שטעטלשע מאניערן, זיין רעדן מיט די הענט, זיין שלעכטן אקצענט אין דער פּוילישער שפּראַך וויל ער נישט זען און נישט הערן פון דער נאָענט. ער ווארפט אָפּ די שאָלעכץ פון דער וואָך, פאר אים עקזיסטירט נאָר דער יום־טוב פון דעם קינסטלערישן וואָרט. אז איך האָב אים אמאָל טעלעפאָניש געזאָגט, אז שמואל יעקב אימבער וויל זיך מיט אים זען, האָט ער זיך געוואונדערט וואָס ער האָט נישט געוווסט, אז אימבער לעבט נאָך . . . האָט ער פארביטן דעם פעטער נפתלי הערץ אימבער, דעם בעל־התקווה, מיט דעם פלימענדיק שמואל יעקב אימבער, דעם בעל ה־„אסתר־קע״ . . . און געוועזן איז עס ארום 1930 און דער בעל־התקווה איז גע־שטאָרבן אין 1909 . . .

א צוויי צענדלינק יאָרן לאנג איז אַפּענשלאַק געשטאנען אין דער שפּיץ פון דער גרויסער און איינפלוסרייכער פּוילישער טאָגצייטונג פאר יידן אין ווארשע „נאַש פּשעגלאָנד״. אונטער דעם כאראקטעריסטישן, אביסל דעקאדענטישן פּסעודאָנים „פּיערראָ״ האָט ער דאָ געשריבן שיינגייסטיקע פעלעטאָנען און איז געוועזן דער אָפּגאָט פון דער ווארשעווער יידישער פּאניענקע. אָבער נישט קיין קלענערן איינפלוס האָט ער מיט זיינע ארטיקלען — אונטערן פולן נאָמען — געהאט אין דער פּאָליטיש־ציוניסטישער וועלט. נישט איינמאָל האָב איך געטראָפן אבאָנענטן פון נאַש פּשעגלאָנד, אפּענשלאַקס צייטונג, אין כינע, אויסטראַליע, טשילי, ווו נישט. אויסוואנדערן האָט מען געמוזט, אָבער דער ווארשעווער אומעט איז נאָכגעגאנגען און בענקשאפט האָט געצויגן, גע־צויגן — האָט מען זי געשטילט מיט די שיינגייסטיקע פעלעטאָנען פון אומע־טיקן פּיערראָ־אַפּענשלאַק. יידיש־פּויליש־שיינגייסטיק ווארשע איז געוועזן אַפּענשלאַק־פּיערראָ. — — איצט וואָלט אַפּענשלאַק אליין גערן געשטילט זיין בענקשאפט נאָך ווארשע כאָטש מיט לעזן זיינע אייגענע פעלעטאָנען פון — אפשר אויף אייביק פארגאנגענעם — „נאַש פּשעגלאָנד״ . . . צייטן בייטן זיך.

1939

פּאַולינאַ אַפּענשלאַק

געבוירן אין ווארשע — מיידלעשער נאָמען: יאַמייקאַ. מערב־אייראָפּעישע רייזעס. זומער 1939 אין אמעריקע. צוריקגעפאָרן קיין פוילן קנאַפּ פארן מלחמה־אויסברוך. אנטלאָפן פון ווארשע קיין ארץ ישראל און זינט סוף 1939 — דאָרט.

א טעות האָבן די וואָס האָבן געמיינט, אז ווארשעווער יידישקייט איז געוועזן זייער אלט, זיי האָבן געמאכט דעם טעות מחמת זיי האָבן אידענטיפיצירט דאָס עלטער פון פוילישן יידנטום מיט דעם עלטער פון דעם יישוב פון דער הויפּטשטאָט. דאָס מעכטיקע און געדיכטע ווארשעווער יידנטום האָט געהאט א קורצע, קוים הונדערטיעריקע טראדיציע. פלוצלונג איז געוועזן דער אויפשטייג און אזוי פלוצלונג דער סוף. און כאָטש צווישן די איבער דריי־הונדערט־טויזנט ווארשעווער יידן איז זעלטן געוועזן צו טרעפן א מיטל־יעריקן, וואָס איז טאקע געבוירן געוועזן אין ווארשע, האָט אָבער דער ווארשעווער און דער עיקר די ווארשעווערין, שוין נאָך דריי יאָר וווינען אין דער שטאָט, פאַריסן די נאָז ביים אָנבליק פון א פּראָווינצער, אָדער „פּראָווינצער חיה", ווי אזא באשעפעניש פלעגט גערופן ווערן. די מאכטלאָזע פּראָווינצער פלעגן נעבעך צוריקרופן די הויפּט־שטעטישע מיידלעך מיט אַ פּאָנף „די ווארכשעווערן", אָבער טיף אין הארצן האָבן זיי געקוקט צו זיי ארויף און זיי באוונדערט. אָט אין אזא אטמאָספערע — און דערצו מיט א צולאַג פון אָנגעדאָבניעטער תקיפישער גבירשאפט איז אויסגעוואקסן פאַליע יאַמייקאַ, די שפּעטערדיקע פרוי פון דעם שעף־רעדאקטאָר פון דער מעכטיקער יידיש־פוילישער צייטונג „נאַש־פּשעגלאָנד" — יאַקוב אַפּענשלאַק.

דר. זשיטלאָווסקי זאָגט ערגעץ, אין די אומצאָליקע מעדיטאציעס זיינע וועגן דער פּארפעסטיקונג פון דער וועלטליכער יידישער קולטור, אז ערשט דעמאָלט וועט ער זיך פילן גאנץ זיכער מיט אָט דער קולטור, ווען ער וועט דאָס ערשטע מאָל הערן ווי צוויי עלעגאנטע מיידלעך שפּארן זיך בשעת א נאָכמיטאָג־באזוך אויף א שיינער וועראנדע אין ריינעם יידיש וועגן דעם צי איז בראָדערזאָנס ליד קלאַנגפולער אָדער מאַרקישעס. נאָך אָט די עלעגאנטע מיידלעך האָבן אין דער שטיל אלע יידישע פּאָעטן געבענקט, אָבער די עלעגאנטע מיידלעך זענען קיינמאָל צו דער יידישער פּאָעזיע נישט געקומען. זיי האָבן זיך בעסער געוואָלט אסימילירן און בעסער דיסקוטירן וועגן בראָניעווסקיס און סלאָנימסקיס לידער. און אז זיי פלעגן שוין יאָ אראָפּקומען אויפן יידישן פּארנאַס, פלעגן זיי זייער קלאָר צו וויסן געבן דעם

גאַנצן אַרום, אַז כאָטש דער פּאַרנאַס איז דאָך לויט דער מיטאָלאָגיע א מוזן־באַרג, זענען זיי אָבער, די וואַרשעווער יידישע פּאַניענקעס, צו דעם דאָזיקן באַרג אַראָפּגעקומען. און מיר האָבן דאָס פיינט געהאַט און עס האָט אונז ווילד געררייצט. און נאָך מער, ווייל די פּאַניענקעס זענען זעלטן געווען נישט שיין. און מיר זענען געווען יונג.

זיי זענען געווען א קלאַסיש פּאָר — דער בלאָנדער, סלאַוויש־שיינער יאַקוב אַפּענשלאַק און די טונקל־ברוין־האַריקע, שיקאַרנע, אַסך נידעריקערע פון אים פּאַולינע, מיט איר יידיש־אַדלער־נאָזיק פאַרשפּיצט און רייצנדיק פּנימל מיט אירע טיף־בלויע אויגן, ווי עס גערעדט אמאָל טיף־בלויע אויגן ביי א שוואַרץ־פּאַרוואַקסענעם רב. פּלוצלונג גיט ער א הויב די אויגן בשעת א דין תורה פון דער גמרא אַרויס און מען איז איבעראַשט פון דער בלויקייט.

די געדיכטע וואַרשעווער יידישקייט איז געווען עפּיס אַזא מין ווילדע מאָזאַיק־פאַנטאַזיע. די איינציקע שטיינדלעך זענען געזעסן איינס נעבן אַנ־דערן, אָבער האָבן זיך לחלוטין נישט אָנגעקערט צווישן זיך. און די קאָלירן — קאָנטראַסטן שבקאָנטראַסטן. און נאָר פון דער ווייטנס האָט דאָס מאָזאַיק־בילד פאָרגעשטעלט אַן איינס, די טשודנע איינס וואָס האָט געגאָלטן אין דער וועלט ווי דאָס דרייהונדערט־טויזנטקעפּיקע וואַרשעווער יידנטום. די אור־אַסימילאַנטן האָבן זיך נאָר נאָך אויפן בית עולם און אונטער דער ערד צונויפגעטראָפן מיטאַנאַנדער אַלס יידן. און אויך דאָרט זענען שוין ליידיק געבליבן די פאַרויסבאַשטימטע קברים אין די פאַמיליע־בית עולמלעך אויפן גענשער בית חיים, מחמת זייערע ביינער האָבן געררוט אויפן דערבייאיקן צמענטאַזש. די אין תוך אַסימילירטע און אין דער אָנשויאונג יידישע, דער עיקר די ציוניסטקעס, האָבן זיך יאָ אַביסל געמישט מיטן פאָלק. אָבער זיי פלעגן טון א גרויסע טובה דערמיט . . . צו דעם לעצטן מין האָט באַלאַנגט פּאַולינע אַפּענשלאַק. אַז זי פלעגט זיך — זייער זעלטן — מיט איר גאַנצער רייצנ־דיקער שיינקייט, אַלעמאָל אָנגעטון לויט דער מאָדע פון איבערמאָרגן, באַ־ווייזן ביי אונז, זענען ביידע צדדים באַלד גרייט געווען זיך צו צעקריגן. די צערייצטקייט פון מענשן וואָס אַן אינערליכער כוח ציט זיי צו און אַן אויסערליכער רייסט אוועק· דער אינערליכער כוח — די יידישקייט, און פּאַולינע האָט געהאַט א סאָלידע יידישע בילדונג. דער אויסערליכער כוח — דער סנאָביזם פון דער „וואַרכשעווערן" מיט א צולאָג פון אַסימילאַטאָרישער דערציאונג, כאָטש אין מיטן פון יידישן ים. צוערשט פלעגט זי שרייבן וועגן מאָדעס בלויז, שפּעטער פלעגט זי שרייבן אויך אַלערליי אַרטיקלען און אַסך איבערזעצן פון יידיש אויף פּויליש.

כאָטש איך האָב טיש־און־בענק פאַרשריבן אין פאַרלויף פון יאָרצענ־

דלינקער אין װאַרשע, כאָטש איר צײַטונג איז דערשינען בלויז איין ראָג װײַט פֿון מײַן שטענדיקער צײַטונג, האָט זי מיך ערשט דעמאָלט אַנטדעקט װען מײַנע רײַזע־בריװ האָבן, אין א פּױלישער איבערזעצונג, אָנגעהויבן צו דער־שײַנען אין איר צײַטונג.

און אָט איז 1939, ניו יאָרק, װעלט־אױסשטעלונג. צופּעליקע באַגעגעניש. פּאָולינע אָפּענשלאַק איז אין זיבעטן הימל. א קלײניקײט — א שטיק װאַר־שעװער אינזל אין אָט דעם ים פֿון טומל און פֿרעמדקײט, װאָס זי קען נישט פֿאַרטראָגן. זיבן מאָל זיבעציק יידישע שרײַבער אויף װאַרשעװער ערדישער פּלאַך האָט זי זעלטן באַמערקט. איך באַמי זיך מיט אַלע כּוחות צו איבער־צײַגן זי, אַז ניו יאָרק איז שענער װי װאַרשע. עס העלפֿט נישט. אָט זיצן מיר כמעט א גאַנצן נאָכמיטאָג אויפֿן גרינעם ברעג פֿון האָדסאָן. זי פֿאַרשטעלט מיט איר שפּיציק דינער האַנט די װאָלקן־קראַצער־ליניע פֿאַר די בלויע אויגן און װיל נאָר זען דאָס װאַסער פֿון טײַך און זי שעפּטשעט: — װיסלאָ, עס דערמאָנט מיר די װיסלאָ, עס בענקט זיך אַזױ . . . כאָטש צען טעג ערשט פֿון דער װײַסל אַװעק.

מיט דער ערשטער שיף איז זי כמעט אַנטלאָפֿן קײן װאַרשע צוריק מיט דעם טיפֿן גלויבן, אַז כאָטש א מלחמה װעט זײַן — װעט היטלער אין איין חודש צײַט באַזיגט װערן . . . זײער גיך האָב איך באַקומען פֿון איר בריװ פֿון ארץ ישראל: איר אײנציקער חלום איז אין אַן אױטאָביאָגראַפֿישן ראָמאַן צו פֿאַרהערליכן די אויף אײביק פֿאַרקלונגענע סימפֿאָניע פֿון ייִדישן װאַרשע . . .

1944

שלמה ביבער

1875 וואָלין — זינט 1894 אין וואַרשע, געשטאָרבן 1932.

פאַן רעדאַקטאָר ביבער איז נישט געווען קיין פּוילישער געבוירענער, ער איז געווען פון די היינטיקע „קרעסן", א וואָלינער, אָבער ער געהערט צו וואַרשע, דורכאויס צו וואַרשע. ער האָט אמאָל געשריבן א זשורנאַליסטישע סעריע „פאַרשווונדענע טיפּן פון יידישן וואַרשע". היינט איז ער שוין אליין א פאַרשווונדענער טיפּ פון יידישן וואַרשע — אַן אמתער טיפּ און טאַקע א פאַרשווונדענער.

שלמה ביבער איז געווען א מאָגערער ייד, נאָר א ווילגעצערטלטער, ער האָט געטראָגן געדרייטע וואָנסעס און א געלאָקטע און אלעמאָל גוט פאַרקעמטע פריזור, דער שרינט אינמיטן קאָפּ, זייער באַלעבאַטיש, אַלץ איז געווען אין דער גאָלדענער מיט — אפילו די פריזור. מיר האָט אמאָל א באַרימטער יידישער שרייבער געזאָגט, אז א מענש, וואָס קעמט זיך זיינע האָר מיט א שרינט אינמיטן קען קיין טאַלענט נישט האָבן. איך ווייס נישט וואָס פאַר א שייכות עס האָט דער שרינט אויפן קאָפּ מיטן טאַלענט אין קאָפּ, אָבער עס איז טאַקע אמת, אז זייער ווייניק שרייבער קעמען זיך מיט א שרינט אינמיטן קאָפּ. ביבער האָט טאַקע קיינמאָל נישט געהאַט קיין פּרעטענסיעס אויף שרייבערישן טאַלענט. ער איז געווען א זשורנאַליסט און מיט גרויסן שטאָלץ געטראָגן דעם דאָזיקן טיטל. ביי אים איז עס אלעמאָל אויסגעקומען אפילו אביסל באַמבאַס־טישער, ער האָט ליב געהאַט מען זאָל אים רופן: פאַן רעדאַקטאָר. ער האָט אפילו אסך ראָמאַנען געשריבן, אָבער ער האָט ניט פּרעטענדירט אויף קיין בעלעטריסטישן טאַלענט, דאָס זענען געווען צייטונגס־ראָמאַנען.

ביבער איז געווען א פּאָלקיסט. אויך פּאָליטיש האָט ער, אזויצוזאָגן, געטראָגן דעם שרינט אינמיטן קאָפּ.

ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן גוזמאות, ער האָט אפילו ליב געהאַט גלאַט צו פאַנטאַזירן, צו דערציילן מעשיות, וואָס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. ער האָט געקענט אינמיטן דערינען ארויסנעמען א גאָלדענע פּעדער און זיך באַרימען, אז די גאָלדענע פּעדער האָט אים געגעבן אין געהיים א רוסי־שער גענעראַל בשעתן ביילים־פּראָצעס און דער דאָזיקער גענעראַל איז גאָר געווען א געשמדטער ייד. און טאָמער האָט ביבער געזען, אז די מעשה איז „פאַרקויפט" האָט ער נאָך א רגע צוגעגעבן מיט א געהיימניספולן שמייכל, אז דער דאָזיקער גענעראַל איז טאַקע זיינער א פאַרשווונדענער פעטער, וואָס ער האָט אים קוים, קוים געדענקט פון דער קינדהייט . . .

אזוי ווי א פּאָעט שוועבט אמאָל אין די הימלען, אזוי האָט ביבער גע־שוועבט אין דער וועלט פון פאנטאסטישע צייטונגס־ראָמאנען.

ער האָט ליב געהאט שפּעט צו זיצן אין דער רעדאקציע און ארומ־מוטלען דאָרט נאָך א פּאָר שעה אין טאָג אריין, שוין נאָך דעם ענדיקן די ארבעט. צו מיטאָג צייט פלעגט ער אלעמאָל, אין סטיל פון אלע ווארשעווער — דער עיקר נישט־יידישע — פאן-רעדאקטאָרן זיצן אין א צוקערניע און רעדן רכילות און רויכערן ציגארעטן און דערציילן זיך מענער־וויצן. אלט־ווארשע.

אז די יידישע זשורנאליסטישע פּראָפעסיע האָט זיך אָרגאניזירט און אויסגעקעמפט יערלעכע אורלויבן האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה פון ביבערן. פארברענגען א נאכט נישט אין דער רעדאקציע פון „מאָמענט", ווו ער האָט לאנגע יאָרן געארבעט, איז פאר אים געווען ווי פארברענגען א נאכט אויף דעם אָפּעראציע טיש. מען דערציילט, אז ער פלעגט זיך אהיימקויפן אלערליי אָונטצייטונגען און ארבעטן אזוי ווי אין רעדאקציע, שרייבן נייעס, כאָטש ער האָט געוווסט, אז ער וועט זיי מוזן אוועקווארפן אין קויש אריין. אזוי פלעגט ער פארברענגען זיין וואקאציע — ווי א מאמע, וואָס וויגט א פוסטע וויג . . .

אין ארכיוו פון ווארשעווער ליטעראטן־פאריין איז געבליבן א פארזיגלטער דאָקומענט מיט דער אויפשריפט „ביבער־פּראָצעס". דאָס האָט ביבער אליין אזוי לאנג געפּלאָנטערט מיט דער צונג נישט געשטויגענע מעשיות ביז דער אומשולדיקער האָט זיך עפּיס פארפּלאָנטערט אין באשולדיקונגען שיר נישט פון א מאטא־הארי־כאראקטער . . . זיין א העלד פון א שונד-פּראָצעס האָט דעם זשורנאליסטישן פאנטאזיאָר געפרייט, אָבער דעם געזעלשאפטלעכן עסקן, וואָס ביבער איז אויך געווען, האָט עס זייער אסך געזונט געקאָסט. אפשר טאקע דאָס לעבן. נישט לאנג נאָכן פאנטאסטישן פּראָצעס איז ער געשטאָרבן. (עס איז געווען א חברים־געריכט־פּראָצעס.) ער איז פון אים ארויס אזוי אומשולדיק, אז ער האָט זיך אזש געשעמט. זוער עס זייעט ווינט־מעשיות, דער שניידט חברים־פּראָצעס־שטורעמס . . . אויף ביבערס לוויה האָבן אסך פון זיינע קאָלעגן אויפריכטיק געוויינט. א פארשווונדענער טיפּ פון א פארשוונ־דענער צייט — א פאן רעדאקטאָר.

1936

דר. יהושע גאָטליב

1882 פּינסק — שטודירט אין דער שווייץ, רייזע ניו יאָרק. געוווינט אין וואַרשע און אין 1939 אַנטלאָפן פון דאָרט און בקרוב ערגעץ אוועקגעקומען אָדער אומגעקומען.

א שטאמיקער ייד, א פּינסקער, דאָס אליין זאָגט שוין אלץ. א טאָטאלע ליסינע, א גרויסע נאָז, געדיכטע ברעמען פון א למדן, א קולאק; געווען אמאָל בלאָנד און אלעמאָל אולטרא־בלוי־ווייס. און די פּאָליטיק פון דר. יהושע גאָטליב לאָמיר דאָ לאָזן אין א זייט. נישט דאָ דאָס אָרט.

אז איך בין געקומען קיין וואַרשע מיט אכצן יאָרן צוריק — אין 1920 — האָב איך עטלעכע יאָרן לאנג מיט דר. גאָטליב נישט איבערגערעדט א וואָרט. נאָך ווייניקער זוי ער האָט מיך אינטערעסירט, האָב איך אים מסתמא. האָב איך אמאָל אין יענער צייט געבלעטערט זאמלביכער פון דער פּרץ־תקופה און געטראָפן דעם נאָמען י. גאָטליב איבער פילאָזאָפיש־עסטעטישע ארטיקלען. זאָל דאָס מעגלעך זיין, אז דאָס איז דערזעלבער? — דערזעלבער, האָבן פאַר־זיכערט לייט, וואָס וויסן. און אמאָל איז מארקיש צוריקגעקומען קיין וואַרשע פון א פּראָווינץ־רייזע און דערציילט מיר, אז ער איז אמאָל א גאנצע נאכט געפּאָרן צוזאמען מיט דעם דר. גאָטליב — און — ווייסטו, אז ביינאכט, אין באן, אויג אויף אויג, ווערט דער מענש עפּיס איבערגעביטן, עפּיס גאָר אן אנדערער איז ער, פילאָזאָפיש, ליריש, עסטעטיש, אפילו אביסל קוהלתדיק געשטימט. וואָלסט עס געגלויבט?

איך האָב עס נישט געגלויבט ביז עס איז אויסגעקומען נעענטער זיך צו באפריינדן מיט דעם דר. גאָטליב א דאנק דער ארבעט אין סעקרעטאריאט פון וואַרשעווער יידישן זשורנאליסטן־סינדיקאט.

דר. גאָטליב לעבט א לעבן פון דריי־אומאייניקייט. איין לעבן איז דאָס פּאָליטישע לעבן, אָבער דאָס לאָזן מיר דאָך אויס אין די באמערקונגען, דאָס צווייטע לעבן איז דאָס ליריש־פילאָזאָפיש־עסטעטיש־קוהלתדיקע לעבן, און דאָס דריטע, דאָס איז דאָס ליבסטע לעבן זיינס, דאָס זענען זיינע פארגאנגענע סטודענטן־יאָרן אין דער שווייץ . . .

אז דר. גאָטליב זעצט זיך צו צו א טישל, ווו מען וועט קענען א פּאָר שעה אין פארנאכט וואַרשעוועריש מוטלען און זופּן טיי, זוכט ער די געלעגנהייט אריינצוּוואַרפן א וואָרט, און קוים האָט ער אריינגעוואָרפן א וואָרט איז שווער עס ארויסצונעמען פון זיִם, ווייל ווי יעדע קינסטלערישע נאטור איז ער מיט־טיילזאם און האָט ליב צו דערציילן און ער קען די מלאכה, און ער לעזט אסך (חוץ יידישע ליטעראטור . . . איר זאָלט נישט האָבן א טעות. „חוץ" מיינט, אז

יידישע ליטעראַטור לעזט ער נישט) און עס איז דאָ וואָס צו הערן. ער הויבט אָן אַזוי: אין דער שווייץ — — דעמאָלט געפינט ער זיך אין דריטן גילגול פון זיין דריי־אומייניקייט — און דעמאָלט איז ער מיר אַלעמאָל צום ליבסטן געווען. אַלע גוטע און אינטערעסאַנטע זאַכן הויבן זיך אָן ביים דר. גאָטליב אין דער שווייץ — און ענדיקן זיך אויך אין דער שווייץ. וואָס שפּעטער איז געווען איז געווען און איז אַ לעבן פול מיט פּאָליטיק און פּאָלעמיק און רעאַל־פּאָליטיק און פּרעזידענטעריי און — אין דער שווייץ איז דאָס אַלץ נישט געווען, און אַלע זענען געווען יונג, אַלע אידעען יונג און נאָך אין די יאָרן פון בחור־שאַפט, נאָך נישט קיין חתונה געהאַטע, נאָך אָן אַן עול־פּרנסה אויפן קאָפּ — דער ציוניזם און קאָמוניזם — אַלץ איז נאָך געווען פאַרליבט. אין דער שווייץ.

די גאַנצע וועלט פלעגן מיר איבערוואַרפן אין אונזערע שמועסן אין די פאַר־נאַכטן. מיין פאָרזיצער אין אַמט פלעג מיר נישט לאָזן מאַכן ליכט — דער פּאָליטיקער האָט ליב געהאַט פאַרנאַכטלעכע שווייצערישע שטימונגען פון סטודענטן־צימערלעך. די גאַנצע וועלט פלעגן מיר דורכוואַרפן אין אַזעלכע שמועסן.

אַמאָל קומט איז אַזאַ פאַרנאַכט צו לויפן אַ שליח פון דער רעדאַקציע און פרעגט עפּיס ביים דר. גאָטליב. ער הערט אויס, לאָזט מאַכן ליכט, און איידער די פראַגע איז געווען געענדיקט — ענפערט ער רעזאָלוט און פעסט, ווי אַלע־מאָל: ניין, בשום אופן נישט! —

דער שליח ציט אָפּ מיט דעם פעסטן ענפער. דאָס ליכט ווערט ווידער אויס־געלאָשן און איך זאָג דעם דאָקטאָר, אַז איך באַוווּנדער זיין אַנטשלוס־קראַפט און זיין שאַרפע אָריענטאַציע. און דאָ הער איך פּלוצלונג אַן ענפער, געשעפּט פון די טיפע קוואַלן פון נירוואַנישער פילאָזאָפיע, עס האָט אויף מיר אַזאַ טיפן רושם געמאַכט, אַז עס איז אַריין אין דעם רעפּערטואַר פון מיינע לעבנס־חכמות, אַ טרייסט פאַר שוואַכע מאָמענטן אין לעבן. אָט איז עס:

— איך בין נישט אַזאַ אַנטשלאָסענער — ראַוויטש — זאָגט דר. גאָטליב — און איך האָב נישט אַזאַ שאַרפע אָריענטאַציע, איך ווייס נאָר בלויז, וואָס אַנ־דערע ווייסן נישט, אַז צווישן יאָ און ניין איז אין דער אמתן קיין שום חילוק נישט און דעריבער זאָג איך אַמאָל מיט אַזאַ לייכטער פעסטיקייט — יאָ, אָדער ניין. ער האָט אַ טיפן זיפץ געטון, גאָרנישט ווי זיין שטייגער.

— איז וועגן וואָס האָבן מיר אַקאָרשט גערעדט? — עס איז שוין צו שפּעט, אפשר וועט מען שוין מאַכן ליכט — —

אַ געפערלעכע לעבנס־חכמה, אַמאָל קומט זי אָבער פאָרט צונויף.

1938

אברהם גאָלדבערג

געב. 1881 אין בריסק. געוו. רעדאַקטאָר פון „היינט״ אין ווארשע, דאָרט געשטאָרבן 1932.

א ייד א שווערער און א הויכער איז דאָס געווען — אברהם גאָלדבערג, דער רעדאַקטאָר פון ווארשעווער „היינט״. און גערעדט האָט ער אויך אזוי, אז ווען מען וואָלט אים נישט געזען ביים רעדן און נישט געקענט פון פריער, וואָלט מען באַלד דערקענט, אז דאָס קול קומט פון א שווערן ייד, א ייד מיט פּרעטענסיעס און מיט טענות.

ער האָט ליב געהאַט פריינט, אָבער ער האָט זיי נישט געקענט מאכן, ער האָט זיי נישט געקענט געווינען.

ער איז געווען א גוטער אין תוך, אָבער ער האָט זיך פארשטעלט פאר א שלעכטן, ווייל ער האָט געוווסט, אז דערפאָלג דערגרייכט מען מער מיט שלעכטסקייט ווי מיט גוטסקייט און דערפאָלג האָט ער געוואָלט דערגרייכן. ער האָט געפּאָדערט עטיק און עטיק אין זיין זשורנאַליסטישער פּראָפעסיע. אָבער פאָדערנדיק עטיק איז ער נישט געווען איבערקלויבעריש אין זיינע קאַמף־מעטאָדן און דאָס האָט אים נאָך מער שונאים פארשאפט.

און ער האָט געליטן דערפון, געליטן ביז קראַנק־ווערן, ביז שטארבן, אָבער העלפן האָט ער זיך נישט געקענט.

עס איז נישט לייכט געווען דאָס לעבן פון א יידישן זשורנאַליסט אין ווארשע. און אברהם גאָלדבערג איז נישט מער געווען און האָט צו מער נישט פּרעטענדירט. ער האָט אויך נישט פּרעטענדירט אויף עלעגאַנץ פון שרייבן, אויף סטיל, דער עיקר איז אים געווען דער אינהאַלט און פון אלע אינהאַלטן איז ביי אים דער עיקר געווען דער ציוניסטישער אינהאַלט. זיין שרייבן איז געווען א מין אָנזעצן זיך, אָן ארויפזעצן זיך אויף דער טעמע אזוי לאַנג ביז די טעמע אליין וועט מיד ווערן פון דער שווערקייט און וועט געבוירן די געווינשטע טאַט. גאָלדבערג האָט אויף איין טעמע געקענט שרייבן צען־מאָל. האָט דעם לעזער געקענט לאַנגווייליק ווערן, אים איז נישט לאַנג־ווייליק געוואָרן.

שווער איז געווען דאָס לעבן פון א יידישן זשורנאַליסט אין ווארשע און דער עיקר א ליטוואַק, וואָס האָט קיינמאָל נישט געקענט איבערנעמען די קלאַנגפולע פּוילישע שפּראַך און קיינמאָל זיך נישט געקענט איינלעבן מיט די נייע באַדינגונגען. און זיי זענען נישט געווען לייכט, אָט די נייע באַדינגונגען, זיי זענען נאָך שווערער געווען, ווי די צארישע באַדינגונגען אפילו. קעגן דרויסן איז מען געשטאַנען פאר א וואַנט, וואָס מען האָט אפילו נישט געטאָרט

באקעמפן . . . האָט מען אויסגעלאָזט די גאנצע ווענט־ברעכערישע ענערגיע — און אברהם גאָלדבערג האָט אזא מין ענערגיע געהאט אסך — קעגן אינע־ווייניק. זענען טאקע די קאמף־מעטאָדן אין אינערלעכן יידישן לעבן פון פוילן, און דער עיקר אין אינערלעכן געזעלשאפטלעכן לעבן אין דער הויפט־שטאָט ווארשע, געווען ווילד און ווייט פון דזשענטלמעניש.

אברהם גאָלדבערג איז געווען, דאָס וואָס מען פלעגט אין ווארשע אין יענע צייטן רופן, א בונדיסטן־פרעסער. ער האָט נישט געקענט פארטראָגן קיין אנדערע ריכטונגען אויף דער יידישער גאס. א וואָרט צו א וואָרט איז מען אריבער אויף פערזענלעכע געביטן. האָט גאָלדבערג זיין קעגנערישן זשורנאליסט פון דער בונדישער פאָלקס־צייטונג דערמאָנט דאָס יאָר 1915, האָט יענער אים דערמאָנט נאָך ווייטער אויף צוריק דאָס יאָר 1913, האָט ער צוריק־שייגעץ דערמאָנט דאָס יאָר 1910 — האָט יענער דערמאָנט דאָס יאָר 1906 און אזוי איז מען געגאנגען צוריק און צוריק ביז אין טאטנס טאטן אזויצוזאָגן . . .

און אָט ווערט אברהם גאָלדבערג פרעזידענט פון דעם יידישן זשורנא־ליסטן־סינדיקאט. ער פירט דורך א באשלוס, אז מען זאָל פונאנדערשיקן צו אלע יידישע זשורנאליסטן א צירקולאר און דערמאָנען זיי, אז זיי זענען עס די וואָרט־פירער, די יידישע וואָרט־פירער און דאָס פאָדערט עטיק. קעמפן מעג מען, אָבער די מעטאָדן דארפן זיין פיינע און דזשענטעלמענישע . . . אן אייביקער קאמף איז אָנגעגאנגען אין אָט דעם קאָמפּליצירטן און שווערן און אין גרונט געמוטיקן און חברישן ייד, וואָס האָט גערן געהאט צו טון א טובה אפילו מיט קרבנות פארבונדן, אָט האָט ער זיך איינגעריסן מיט דער גאנצער וועלט און אָט האָט ער אפעלירט צום כל ישראל חברים־געפיל.

אויך דאָס היימלעבן איז געווען צעריסן און קאָמפּליצירט.

צארט איז געווען די ליבע פון אברהם גאָלדבערג צו מנחם באָריישא, דעם בארימטן דיכטער, זיין ברודער. און נישט וויניקער צארט און מיט־פילנדיק די ליבע פון דעם דיכטער צו זיין זשורנאליסט־ברודער. גליקלעך איז געווען דער זשורנאליסט צו הערן א גוטע מיינונג וועגן דער פּאָעזיע פון זיין ברודער. כאָטש ער אליין האָט צו פּאָעזיע קיין באזונדער באציאונג נישט געהאט. אביסל צעמישט און דעזאָריענטירט האָט אים דער טראָף, וואָס דווקא אין די בונדיסטישע ארבעטער און שרייבער־קרייזן, זיינע גרעסטע קעגנער, האָט זיין ברודערס פּאָעמע „זאוול רימער״ געהאט א ריזיקן דערפאָלג.

און אָט לייגט זיך דער הויכער ייד אוועק, באפאלן פון א שווערער אינער־לעכער קרענק. ער שרעקט זיך פארן טויט, וויל לעבן. אָבער עס איז נישט באשערט. א שווערער אומעט איז א טאָג לאנג געלעגן אויף דעם אומעטיקן —

כאָטש אזוי רירעוודיקן — ווארשעווער יישוב ווען אברהם גאָלדבערג, דער רעדאקטאָר פון איינער פון די גרעסטע ווארשעווער יידישע צייטונגען איז געשטאָרבן. פריינט און פיינט האָבן באדויערט זיין פלוצלונגען און פריצייטיקן אוועקגאנג.

1936

א. גראַפּמאַן

1891 יאַדאָוו בײַ װאַרשע, רײזע קײן ניו יאָרק, רעדאַקטאָר אין „מאָמענט״. נאָך 1939 אומגעקומען. אין די װאַרשע־װער געטאָ־רשימות — נישט דערמאָנט.

א פּנים מיט שטשאָקעס, עקיק, בײנערדיק, דער שטערן פּאַרקנײטשט מיט עפּיס אומפאַרשטענדלעכע זאָרגן, װאָס יענער נעמט זיך נישט צום האַרצן. די אויגן אַלעמאָל אַביסל פיבערנדיק, װי ער װאָלט זיך ערשט אָ מיט עמיצן געיאָגט, אָדער געקריגט און מען איז זיך שולדיק געבליבן, נישט דערזאָגט. א גאַס־נײַעס־רעפּאָרטער פון גאָטס גענאָד. און דער נאָמען איז אויך עפּיס אָ מאָדנער, אן אומגעװײנטלעכער — א. גראַפּמאַן.

אמאָל האָט ער לידער אויך געשריבן. ער האָט אַלץ געװאַגט. ער האָט אפילו געשריבן „סאָנעטן״ אויך. אײנער פון זײנע סאָנעטן האָט געהאַט זיבעצן שורות. איז מען צו אים צוגעקומען מיט א טענה און אים געזאָגט: היתכן—פּעט־ראַרקאַ, דאַנטע, שעקספּיר, מיצקיעװיטש האָבן זײער לעבן לאַנג געשריבן סאָ־נעטן און כסדר נאָר צו פערצן שורות און בײַ אײַך האָט א סאָנעט זיבעצן שורות? ער איז זײער בײז געװאָרן, האָט זיך אָנגעצונדן, אָבער ער האָט נאָך נישט אויס־געשאָסן. שפּעטער א רגע האָט ער א שמײכל געטון מיט זײנע אײביק אַביסל פיבערנדיקע אומרואיקע אויגן פון אײנעם, װאָס האָט זיך ערשט מיט עמיצן געיאָגט און א זאָג געטון:

— איז דאָך נאָך בעסער . . . מער האָט ער גאָרנישט געזאָגט.

ער האָט אמאָל אין זײן װאָכנבלאַט, װאָס ער האָט אַרויסגעגעבן אַרום יאָר 1924 געהאַט א בילד פון קײזער װילהעלם מיט זײנע זעקס זין. אונטערן בילד איז געװעזן אן אונטערשריפט: קײזער װילהעלם מיט זײנע זעקס קרוינפּרינצן. איז מען צוגעקומען צו אים מיט א טענה און אים געזאָגט: היתכן — יעדער אימפּעראַטאָר ביז איצט האָט אַלעמאָל געהאַט נאָך אײן קרוינפּרינץ? ער איז זײער בײז געװאָרן, האָט זיך אָנגעצונדן, נאָר ער האָט נישט אויסגעשאָסן. א רגע שפּעטער האָט ער א שמײכל געטון מיט די אײביק אומרואיקע אויגן פון אײנעם, װאָס האָט זיך ערשט מיט עמיצן געיאָגט און א זאָג געטון:

— איז דאָך נאָך בעסער — מער האָט ער גאָרנישט געזאָגט.

אײנמאָל האָב איך אים אַטאַקירט פאַר זײנע ענפערס צו יונגע פּאָעטן אין זײן װאָכנשריפט. ער האָט מיר באַלד געענטפערט מיט א שאַרפן אַרטיקל און דער אַרטיקל האָט געטראָגן די אויפשריפט: אידיאָט! — אז דער אַרטיקל איז דערשינען זענען צו מיר אַסך קאָלעגן צוגעקומען מיט טרויעריקע מינעס (מיט געמאַכטע מינעס — װײל אין גרונט גענומען האָבן זײ זיך געפרײט מיט

אזא ראַדיקאַל וואָרט אויף מיין אַדרעס) און געפרעגט צי וועל איך נישט אונ־טערנעמען געזעלשאַפטלעכע שריט. יענע קאָלעגן, וואָס זענען טאַקע געווען גוטע פריינט, האָבן זיך פון יענעם אַרטיקל פונקט אַזוי געמאַכט ווי איך. א פּאָר וואָכן שפּעטער האָט גראַפמאַן געדאַרפט אַריינקומען צו מיר אין קאַנ־צעלאַריע אין א פּראָפעסיאָנעלן ענין — און ער איז אַלעמאָל פול געווען מיט אַלערליי פּראָפעסיאָנעלע קלאַגעס און קאָנטראַקלאַגעס און עוולות און קאָנטראַ־עוולות. עס איז אים פיינלעך געווען, ער האָט נישט געוווּסט וויאַזוי איך וועל רעאַגירן. ער איז שטיין געבליבן א רגע ביי דער טיר און געצעגערט, גע־האַלטן אַראָפּגעלאָזן די אַלעמאָל אַביסל צעשראָקענע און אומרויִקע אויגן. ערשט, אַז איך האָב אים דערזען בין איך אים אַנטקעגן מיט א שמחה:

— האַלאָ, וואָס מאַכט איר יידישער דאָסטאָיעווסקי! ענדלעך האָבן מיר א יידישן פּראָפעסער פון א ווערק מיטן נאָמען „אידיאָט״... האַלאָ, וואָס מאַכט איר?

ער האָט זיך נישט געגנוי אָריענטירט, וואָס דאָ איז פּאָרגעקומען און איז באַלד צוגעטרעטן צום ענין, וועלכן ער האָט געהאַט צו מיר, אָדער ריכטיקער צו מיין אַמט.

וויאַזוי גאָט האָט זיך טועה געווען און אַריינגעבלאָזן דעם גייסט פון א רעפּאָרטער פון א שיקאַגער בולוואַר־צייטונג אין א יידיש קינד פון יאַדעווע, פון א זאַמדיק־אומעטיק שטעטל נעבן וואַרשע — דאָס ווייס איך נישט. קרעכצן טאַקע די נאַלעווקעס צוליב דעם מעזאַליאַנס, דעם געטלעכן טעות און עס טוט זיך כסדר אויף טיש און אויף בענק: גראַפמאַן.

גראַפמאַן האָט געוויסע רעפּאָרטערישע גרויסשטעטישע פעיקייטן, ער ווייסט ווי צו מאַכן א זייט מיט שטאָט־נייעס, ער קען דעם זשעסט פון האַלטן א רעוואָלווער אויף א טיש — נישט חלילה צום היטן — נאָר אַזוי צוליב סטיל. צו וויסן ווי צו האַלטן א פעדער שפּילט אין דעם פאַך שוין א קלענערע ראָל.

מאַטעריאַל אויף אן אינטערעסאַנטן העלד פון אן עכטן וואַרשעווער נאַלעווקע־ראָמאַן איז ער זיכער. מען זאָגט מיר אפילו, אַז לעצטנס האָט ער זיך דערשלאָגן צום אַמט פון א שעף־רעדאַקטאָר פון א וואַרשעווער טאָג־צייטונג.

1937

שמואל הירשהאָרן

1876 אין סלאָנים, זינט 1889 געװוינט אין װאַרשע, אײראָפּעיִשע רײזעס, געבליבן אין געטאָ, מאַי 1943 איז געקומען אַ ידיעה, אַז ער איז צוזאַמען מיט נאָך זעכציק ייִדישע אינטעלעקטואַלן אומגעבראַכט געװאָרן פון די נאַציס.

דעם נאָמען סאַמועל הירשהאָרן געדענק איך נאָך פון מײַן פריִער קינדהייט — איך מײן די קינדהייט ,װען איך האָב שוין געקענט לעזן. געװעזן אין גאַליציע אַ ציוניסטישע מאָנאַטשריפט פאַר יוגנט, געהייסן האָט זי „מאָריאַה" (מוריה), געגאַנגען איז זי װי אַ האָק שװימט, אָבער פאַר מיר איז יעדער נאָמען דאָרט געװעזן אַן אַנטפּלעקונג, אַ נייער נביא. דאָרט זענען אָפט אין אַ פּוילישער איבערזעצונג דערשינען לידער פון ייִדישע און העברעיִשע פּאָעטן און דער איבערזעצער פון אָט די לידער איז אָפט געװעזן סאַמועל הירשהאָרן.

ער איז געװעזן פּראָדוקטיװ װי אַ מוראַשקע — הירשהאָרן — און — מיר דאַכט זיך — אויך אַזוי שװייגנדיק װי אַ מוראַשקע. כאָטש אין שריפט האָט ער גערעדט פאַר פײַער און פאַר װאַסער. די גאַנצע צײַט פון מײַן װוינען אין װאַרשע האָב איך אים געקענט, הירשהאָרנען, און געדױערט האָט עס דרײַצן יאָר, און אָפטמאָל געזעסן מיט אים צוזאַמען אין אַלערליי קאָמיסיעס און פאַרװאַלטונגען, אָבער ער איז אַלעמאָל געװעזן אַזוי פאַרנומען מיט אַלץ, אַז אים איז קיינמאָל קיין צײַט נישט געבליבן צו עפּיס אַנדערש — לאָמיר זאָגן אַ שמועס מיט אַ חבר.

די פּוילישע שפּראַך און די פּוילישע קולטור און דער עיקר די פּוילישע ליטעראַטור האָבן געהאַט אַ מערקװירדיקע קראַפט צוצוציִען ייִדן. מיט װאָס דאָס איז צו דערקלערן װייס איך נישט. אפשר מיט דעם, װאָס די פּוילישע שפּראַך און די פּוילישע קולטור און דער עיקר די פּוילישע ליטעראַטור האָט אַזוי אײַנגעשפּאַרט אָפּגעשטויסן ייִדן פון זיך. און נישט נאָר די פּוילישע קולטור־געביטן האָבן אַזוי צוגעצויגן ייִדן — פּוילן — דאָס לאַנד — האָט עס אויך געטון. פּוילן איז דאָך אין דער איין און צװאַנציק־יעריקער פּויזע פון דער גרויסער װעלט־מלחמה, װאָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1914, איבערגעריסן געװאָרן אין יאָר 1918 און זיך צוריק אָנגעהויבן אין 1939, געװעזן דאָס לאַנד, װאָס האָט געהאַט דעם מאַקסימום פּראָצענט פון ייִדן חוץ ארץ ישראל. אפשר איז די געאָגראַפיע בלויז אין דעם שולדיק, אפשר די פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג בנוגע ייִדן, אפשר די ליבע פון קאַזימיר דעם

גרויסן צו אסתרקע דער שיינער און אפשר איז עפּיס א מיסטישע סיבה אויך אין דעם געווען. וואָרום ווי דען אנדערש איז עס צו דערקלערן, אז אזעלכע סלאַנימער יידישע בחורים ווי הירשהאָרן זאָלן א לעבן לאנג אויספּילן מיט שרייבן פּויליש?

אז איך האָב מיך אין יאָר 1921 באזעצט אין ווארשע און זיך באקענט מיט דעם דעפּוטאט פון דעמאָלטיקן סעים סאמועל הירשהאָרן האָב איך אים נישט אידענטיפיצירט מיט דעם איבערזעצער פון דער יידישער ליריק פון דער „מוריה". איך האָב געמיינט, אז דאָס זענען צוויי מענשן — דער, וואָס האָט מיך דער ערשטער באקאנט געמאכט מיט די גרויסע נעמען פון דער יידישער וואָרט-קונסט און דער בלאָנדער, זויבערער ייד מיט דעם פיין־געקעמטן בלאָנדן שפּיץ־בערדל, וואָס שמייכלט קיינמאָל נישט, וואָס טראָגט גאָלדענע רינגען אויף די פינגער, וואָס רעדט אלעמאָל פויליש און נאָר בלית ברירה יידיש, וואָס זעט אויס ווי א דירעקטאָר פון א גימנאזיע, וואָס הונדערטער יונגען האָבן מורא פאר דער דערשיינונג פון זיין שאָטן אפילו און דער עיקר פאר זיין טאָנלאָזער, הארטער, כאָטש שטילער שטימע, אָבער אז איך האָב דורכגעלעזן הירשהאָרנס, אין דער פּוילישער שפּראך ארויסגע־געבענע, אנטאלאָגיע פון דער יידישער פּאָעזיע, וואָס איז דאָך געווען דער סך הכל פון די איבערזעצונגס־ארבעטן, פון וועלכע איך האָב געשעפּט מיין וויסן פון דער יידישער ליטעראטור אין מיין קינדהייט, האָב איך פארשטאנען, אז מען קען די ביידע יידן גריילעך אידענטיפיצירן. די אנטאָלאָגיע איז איינע פון די קוריאָזעסטע אנטאָלאָגיעס. זי איז אָבער דאָך די איינציקע אין דער פּוילישער שפּראך ביז איצט. פיל צענדלינקער נעמען אנטהאלט די אנטאָלאָגיע, וואָס נאָר עס איז געקומען אונטער הירשהאָרנס האנט פון זיינע אייגענע און פרעמדע איבערזעצונגען אויף פויליש — האָט ער דאָרט ארייַנגעגעבן, קוקסטו אריין אין דעם פּובליקום פון דער אנטאָלאָגיע איז אזוי ווי דו וואָלסט געקוקט אויף א מאסע מענשן, וואָס זיצן אין ווארטצימער פון א שפּיטאָל. אלט און יונג, אָרים און רייך, טאלענטפול אָדער נישט, גיגאנטישע פּאָעטן ווי רב יהודה הלוי פון טיפן מיטלעלטער און וויצלער פון דער הומאָריסטישער ביילאגע פון „מאָמענט", ווי ל. קעסטין, אלע זענען אויסגעמישט דעמאָקראַ־טיש. הירשהאָרן איז דאָך געווען איינער פון די גרינדער פון דער דעמאָ־קראטישער יידישער פּארטיי — דער אזויגערופענער פאָלקס פּארטיי, וואָס האָט געשפּילט א היפּשע ראָלע אויף דער יידישער גאס אין פּוילן. לאָגיש וואָלט זי אפילו געדארפט זיין די באדייטיקסטע יידישע פּארטיי אין פּויליש־יידישן לעבן. יידן זענען דאָך אין דער גרעסטער מאָס געווען מיטלשטאנד־מענשן.

אז די כוואליעס פון יידישן זשורנאליזם אין פּוילן זענען געגאנגען הויך, גאָר הויך, אזוי אין די יאָרן 1925 ביז 1932, זיבן יידישע טאָגצייטונגען אין

וואַרשע, מערערע אויף דער פּראָווינץ, די יידישע זשורנאַליסטן זענען געווען די בעסט־באַצאָלטע אינטעלעקטועלע אַרבעטער ביי יידן אין פּוילן, זענען דאָס אויך געוועזן וואַרשיינלעך די בעסטע יאָרן אין הירשהאָרנס לעבן. ער האָט געשריבן טעגלעך, צווייימאָל טעגלעך זיינע גלאַטע, טאָנלאָזע אַרטיקלען, וואָס האָבן גענומען אַזאַ מין טאָנלאָזע שטעלונג צו אַלץ. ער האָט געשריבן אין יידיש אין „מאָמענט" און ער איז געוועזן איינער פון די הויפּטזיילן פון יידיש־פּוילישן „נאַש פּשעגלאַנד". אָט אַזוי ווי דאָס קעפּל פון דער צייטונג מוז דערשיינען יעדן טאָג און זאָגט יעדן טאָג מער ווייניקער דאָס זעלבע . . . אָט אַזוי פלעגן דערשיינען הירשהאָרנס אַרטיקלען. ער אַליין פלעגט זאָגן אויף זיך, אַז ער שרייבט מיט צוויי קוואַלפּענעס, מיט דער רעכטער האַנט אויף יידיש און מיט דער לינקער אויף פּויליש — וואָרום — אַרטיקלען, פלעגט ער זאָגן, שרייבן דאָך נאָר די פּענעס אויב מען האָט שוין די געהעריקע רוטין. ביי אַן אַלטן זשורנאַליסט איז שרייבן אַרטיקלען ווי ביי אַ גוטן קאָרעספּאָנדענט פון אַ פירמע — אַ געשעפטס־בריוו. און וואָס שייך די טעמפּעראַטור פון געוויסע אַרטיקלען, הענגט עס אָפּ דערפון אונטער וועלכן ווינקל מען שטעלט אָן די פּען . . . אָט אַזוי פלעגט מען זיך וויצלען אין די גוטע יאָרן. און איצט איז ער אַ מאַרטירער. ווער קען פאַרשטיין דיינע גרויזאַמע וועגן — יידישער גאָט?

1945

יוסף העפטמאַן

1888 אין בריאַנסק, גראָדנער גוב. 1912 וואַרשע. מערערע מאָל אין ארץ ישראל און זינט 1935 א שטענדיקער תושב דאָרט.

פאַרהאַנען מענשן קריגערישע — באַגעגנסט זיך מיט זיי און עס דאַכט זיך דיר, אַז די וועלט איז געשטעלט אויף קריג און נאָר אויף קריג. קריג און קריגערייען זענען אַזוי ווי די ציין אין די ־רעדער פון דער געשיכטע פון פעלקער און פון יחידים. אָן אָט די ציין וואָלטן זיך די רעדער געגליטשט איינס ביים אַנדערן און קיין שריט פאָרויס וואָלט גאָרנישט געגאַנגען און אוודאי נישט א שריט אַרויף.

פאַרהאַנען מענשן פרידלעכע — באַגעגנסט זיך מיט זיי און עס דאַכט זיך דיר, אַז די וועלט איז געשטעלט אויף שלום און נאָר אויף שלום. און דו רעזאָנירסט: ווי קענען דען צוויי מענשן גיין פאָרויס אָדער גאָר אַרויף באַרג, וואָס רייסן זיך ביי די קעפּ? זיי מוזן זיך דאָךביידע אַראָפּקאַטשען סוף כל סוף. אַראָפּ אין אָפּגרונט. אָבער מיט באַדאַכט און מיט פרידן און מיט קאָמ־פּראָמיסן קען מען גיין אַרויף. יאָ — מיט קאָמפּראָמיסן. פרידן און קאָמפּראָמיסן דאָס גייט צוזאַמען.

דער אמת איז, אַז ביידע זאַכן זענען אמת — אי די קריגערישע זייט און אי די שלומדיקע זייט.איז וויזשע קען דאָס זיין? וויזשע גייט די מענשהייט, די וועלט פאָרט פאָרויס און אַרויף? איז דער תירוץ, אַז זי גייט נישט. עס גייט בלויז די צייט פאָרויס. די מענשהייט שטייט טאַקע אויף איין אָרט. עס איז ווי מען זיצט אַמאָל אין א שטייענדיקער באַן און אַן אַנדערע לויפט פאַרביי — דאַכט זיך, אַז מען פאָרט אַליין . . . אַן אָפּטישע טוישונג.

דאָס איז אַנטקעגן יוסף העפטמאַנען — ווי איך האָב אים אַסך יאָרן געקענט אין וואַרשע. קען זיין, אַז אין אַנדערע לענדער, שטעט, צייטן, געזעל־שאַפטן האָט ער געוויזן אַן אַנדערן שטריך אין זיין כאַראַקטער. איך אָבער האָב אים געקענט ווי איינעם פון די גרעסטע בעלי פשרה אין אונזער גאַנצער ליטעראַריש־זשורנאַליסטישער פּראָפעסיע אין פּוילן, און אפשר טאַקע דער סאַמע גרעסטער בעל פשרה.

אַלעמאָל אין א געהויבענער שטימונג, אַלעמאָל מיט א שמייכל אויפן פּנים, ער איז איבערמיטל־הויך, גייט גלייך, א שיינער. דאָס פּנים איז יידיש, שוואַרץ־חנעוודיק, אָבער סימעטריש — נישט ווי אַנדערע ווילדע יידישע פּנימער. די האָר שוואַרץ, געדיכט און גלאַט, אַלעמאָל קאָרעקט פאַרקעמט, א פּנים פון א „הדרת פּנים״ — עס פעלט נאָר די ברייטע, צעקעמטע באָרד,

וואָס איז ערגעץ דאָרט דאָ אין דעם פּנים אין פּאַטענץ. דערווייל איז ער גלאַט־ראזירט.

ער קען אַלץ, יוסף העפּטמאַן. ער קען האַלטן אַ רעדע און ער האָט אַ וויסן וואָס גייט ווייט און ברייט אין שטח און אין צייט. ער קען זיין אַ פּאַר־זיצער און אויך אַ סעקרעטאַר און אויך אַ שטילער מיטגליד, ער קען שרייבן אַ פעלעטאָן און אַ לייט־אַרטיקל און אויך כראָניק. ער קען שרייבן אַ דראַמע און אויך אַ ליד און דערצו זייער גוטע לידער. ער קען שרייבן אַ וויץ. ער קען שרייבן אין יידיש און אין העברעיש. און אַ האַנטשריפט האָט ער אַ פּערלדיקע און די זעצערס בענטשן אים און שטעלן אים אַרויס ווי אַ מוסטער. זיין כתב יד זעצט זיך אַליין ממש. נישט נאָר צוליב דער שריפט נאָר אויך צוליב דער פּליסיקייט און גלאַטקייט פון די זאַצן, וואָס קייטלען זיך און רינגלען זיך און גייען זיך אַזוי לאַנג פאַרויס ביז מען שטעלט זיי אָפּ. דער אַרטיקל איז געענדיקט. ער איז קיינמאָל נישט קורץ, אַפאָריסטיש, און אויך קיינמאָל נישט צו לאַנג. און די אינטערפּונקציע איז קאָרעקט.

און דער עיקר — העפּטמאַן איז פרידלעך און כאָטש ער האָט זיינע שאַרפע פּרינציפּן און ער לעבט אַ פול לעבן לויט זיינע אידעאַלן, און ער פירט אויך זיין היים זייער שטרענג לויט זיינע אידעאַלן, שיקט אַוועק די זין אין דער ריכטיקער צייט קיין ארץ ישראל, יאָ, כאָטש ער טרעט נישט אָפּ פון זיינע פּרינציפּן פאַרשטייט ער אַז זיין חבר דאַרף נישט אָפּטרעטן פון זיינע פּרינ־ציפּן און די וועלט איז גראַם און פּלאַץ איז דאָ פאַר ביידע, אַפילו אין די ענגע רעמלעך פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. געוועזן אַן ענליכער צו העפּטמאַנען, וואָס שייך פּשרה, זשורנאַליסט ביים „בונד" — וויקטאָר שולמאַן — האָט מען אים גערופן דער „העפּטמאַן" פון בונד. ער איז אָבער געוועזן פיל מער טעמפּעראַמענטפול ווי העפּטמאַן.

כמעט אַלע זיינע יאָרן אין דער זשורנאַליסטישער פּראַקטיקע אין וואַרשע האָט העפּטמאַן פאַרבראַכט אין דער רעדאַקציע פון „מאָמענט". נו דער מאָמענט האָט ביז די לעצטע פאַר יאָר פון פאַר דער צווייטער מלחמה געגאַלטן ווי די פּשרה אַליין. דר. גאָטליב, וואָס איז סוף כל סוף אַליין אַריבער צום נעמליכן מאָמענט, פלעגט אין די יאָרן פון קריג מיט דער ריכטונג פון דער צייטונג כסדר טענהן, אַז דריי זענען די גרויסע רעטענישן פון דער וועלט, אַלע דריי אומלעזבאַר. 1. ווו עס הויבט זיך אָן און ווו עס ענדיקט זיך די צייט. 2. ווו עס הויבט זיך אָן און ווו עס ענדיקט זיך דער רוים. 3. צי איז דער מאָמענט אַזוי פול מיט פּשרות מחמת העפּטמאַן אַרבעט דאָרטן, אָדער איז העפּטמאַן אַזוי פול מיט פּשרות מחמת ער אַרבעט אין מאָמענט. דער אמת איז געוועזן אין העפּטמאַנס מילדן און גוטמוטיקן כאַראַקטער. אַזאַ כאַראַקטער אַרבעט זיך אָפּט אויס ביי מענשן, וואָס האָבן 1001 פעיקייטן צו אַלץ אָבער

נישט קיין איבערגעטריבענע אמביציע. מענשן ביי וועמען עס פעלן געוויסע פעיקייטן זענען נערוועז, בייז און ממילא אויך בייזוויליק, אנדערע מענשן שטייען זיי אין וועג. אנדערע מענשנס אידעען שטייען זיי אין וועג.

צום באַוואונדערן איז אָפּט געוועזן העפטמאַנס גלייכגילטיקייט. האָט מען געלויבט זיינעס אַן אַרטיקל (אגב האָט ער געשריבן אַסך אונטערן נאָמען עמנואל און אונטער דעם נאָמען איז ער פּונקט אַזוי באַקאַנט געוועזן ווי אונטערן ריכטיקן נאָמען זיינעם) — אַ שמייכל, האָט מען קריטיקירט איז דאָך אוודאי און אוודאי אַ שמייכל . . . איינמאָל איז זיך העפטמאַן מיישב: ער האָט געשריבן אַזויפיל לידער אין יידיש און אין העברעיש און עס איז אים אַ שאָד, אַז דאָס זאָל גיין אין ניוועץ. און דער עיקר — דאָס איז דאָך זיין יוגנט־חלום געוועזן דווקא אַ פּאָעט צו זיין. און ער ווייזט מיר אַ פּאָר אויסשניטן און איך בין ממש איבעראַשט פון דער קאָרעקטקייט פון זיין ריטם און גראַם, דער אויסגעהאַלטנקייט פון דער פאָרם און דער אינהאַלטליכקייט און שיינער פּוענטע אין יעדן ליד. אָבער ער האָט קיין לידערזאַמלונג קיינמאָל נישט אַרויסגעגעבן. קיין אמביציע ניט געוועזן. איבעראַשט זענען מיר אַלעמאָל געוואָרן ווען העפטמאַן האָט געפּלעגט צו דערציילן וועגן זיינע ערשטע יאָרן אין ארץ ישראל נאָך 1919. ער איז געוועזן דער הויפּטאָרגאַניזאַטאָר פון דער יידישער זשאַנדאַרמעריע . . . זיין געשטאַלט האָט דערצו געפּאַסט, זיין נשמה זיכער נישט.

1943

ש. זאַקס

1873 אין אַקמיאַן, קיעווער גוב. רײַזעס אין אַזיאַטישן רוסלאַנד, אויפֿן נאָענטן מזרח. זינט 1920 אין װאַרשע. געשטאָרבן אין װאַרשעװער געטאָ אין יאָר 1940.

נישט פֿון קיין הויכן װוּקס, אַ צעאַקערט פּנים פֿון אַן עלטערן, פֿאַר־עקשנטן „זשגוטשי ברונעט״ װאָס איז אַזוי ציגײַנעריש שװאַרץ געװעזן, אַז די גרויקייט קען אים בשום אופֿן נישט באַצװינגען — כאָטש ער איז שוין אַ גוט שטיק אַריבער די זעכציק. אַ פּנים פֿון אַ קאָזאַקישן אַטאַמאַן, װאָס איז שוין זינט דרײַ דורות אַ ייִד — אויב מען קען זיך אַזוינס פֿאָרשטעלן. קיין פּראַנט אין דער קליידונג איז ער נישט. אָבער דעם קאַפּעלוש טראָגט ער נאָך אַלץ „נאַ באַקיער״ אַראָפּגערוקט אויף דער לינקער זײַט און אַ פֿאַרגעסענער סיגאַרעט סמאָלעט זיך כסדר אין אַ װינקל פֿון מויל. ער רעדט נאָר דערפֿאַר ייִדיש װײַל עס איז נישטאָ מיט װעמען צו רעדן רוסיש. נור קוים רעדט װער רוסיש, װעט ער אים שוין רופֿן מיט דער „אַטשעסטװע״ און װעט שוין קיינמאָל מער קיין ייִדיש װאָרט מיט אים נישט אויסרעדן.

דאָס איז דער שרײַבער און איבערזעצער ש. זאַקס — אַ װעטעראַן פֿון אַ באַװעגט לעבן איבער די װײַטן און ברייטן פֿון אייראָפּעישן און נאָך מער אַזיאַטישן רוסלאַנד. קיינמאָל װיל ער נישט אויסזאָגן װיאַזוי ער הייסט מיט זײַן גאַנצן ערשטן נאָמען — זאָל זײַן שמעון, זאָל זײַן שמואל, זאָל זײַן שלמה, זאָל זײַן אַפֿילו שעפּסל — אים אַרט נישט. מתמא האָט ער זיך אַמאָל גערופֿן מיט אַן אמתן פֿאָנקע־נאָמען, אָבער אין דער װעטעראַנשאַפֿט קען מען דאָך נישט,טאָ זאָל שוין זײַן גלאַט אַזוי ש. אַ לעבן מוז מען דאָך מאַכן —האָט זיך זאַקס — נאָך דעם װי דאָס ברייטע רוסלאַנד מיט די ברייטע מעגלעכקייטן איז געװעזן געענדיקט, דערמאָנט, אַז אַמאָל, אַמאָל, אין יאָר אַזוי און אַזוי (געװעזן איז עס אין יאָר 1889) האָט ער אָפּגעדרוקט אַ ליד אין שלום עליכמס פֿאָלקס־ביבליאָטעק. איז ער געקומען זיך צוטוליען צו דער ייִדישער פּרעסע און האָט זיך אַזוי אָפּגעטוליעט אַ פּאָר צענדלינק יאָר — ביז ער איז אין געטאָ געשטאָרבן.

איידער מען פֿלעגט נאָך עפֿענען די טיר פֿון לאָקאַל פֿון שרײַבער־קלוב אויף טלאָמאַצקיע 13 איז שוין זאַקס דאָרט פֿאַר דער טיר געשטאַנען. ער־געץ־װוּ האָט ער געהאַט אַ װינקל אין אַ שטוב און אפֿשר בלויז אַ װינקל אין אַ בעט. אַזוינס איז אין װאַרשע אויך געװעזן, מען פֿלעגט פֿאַרצעלירן אַ בעט אויף שטח און אויף צײַט און עס פֿאַרדינגען אין דרײַ שיכטן און אין צװיי דימענזיעס לענג און ברייט — צו אַ טוץ מענטשן איבערן מעת לעת. אָבער

אין דער אמתן האָט זאַקס געווינט אין ליטעראַטן־פּאַריין. באַלד אין דער פּרי האָט ער אָנגעהויבן צו טרינקען „טשאַי״ און צו רויכערן פּאַפּיראָסן און שפּעט אין דער נאַכט האָט ער זיך שוין ווי נישט איז אויסגעלייזט מיט דעם ריווח פון די בייטאָגיקע צופעליקע פאַרדינסטן. איך געדענק נישט, אַז איך זאָל אים ווען עס איז האָבן געזען אָן עסענדיקן. נאָר „טשאַי״ און פּאַפּיראָסן. און אַפילו, אַז ער האָט גערעדט יידיש איז עס געווען מיט אַזאַ מאָסקווער אַקצענט, אַז עס האָט געמעגט זיין רוסיש אויך.

ער האָט ליב געהאַט — ש. זאַקס — זיך צו חברן מיט די פּאָעטן פון דער „כאַליאַסטרע״,נישט אַזוי ווייל די פּאָעטן זענען אים נאָענט געווען, נאָר ווייל די אַנדערע, די זשורנאַליסטן מיט די קליינלעכע אינטערעסעלעך זענען אים ווייט געווען. אַוודאי וואָלט ער בעסער וועלן, אַז די פּאָעטן פון דער „כאַליאַסטרע״ זאָלן שרייבן אין סטיל פון קלאַסישן פּושקין און נישט אין סטיל פון צעבראַסטעטן מאַיאַקאָווסקי, אָבער „יאַק נעמאַ ריבי — טאָ אי ראַק ריבאַ״, אַבי עס זאָל האָבן רוסישן גייסט אין זיך. ווו אַ רוסיש בוך, זאָל עס זיין פון אַמאָל, אַמאָל, מיט אַלטערטימלעכער, קירילישער שריפט, זאָל עס זיין פון אַקאַרשט־אָ און שוין אָן די „טוויאַרדי זנאַקן״, זאָל עס זיין די קיעווער „מיסל״ פון די צאַרישע צייטן, אָדער דער „קאָמסאָמאָל״ פון היינט, האָט מען עס געקענט געפינען אין זאַקס קעשענעס און אין דעם פּאַק באַדרוקטן פּאַפּיר, וואָס ער פלעגט שטענדיק טראָגן אַרום זיך. קיין באָלשעוויק איז ער נישט געווען, אָבער עס האָט אים געצויגן צו די באָלשעוויקעס ווייל זיי זענען אַזוי רוסיש. ער האָט נאָר איין טענה צו זיי געהאַט — אַלעמאַי זיי האָבן רעפאָרמירט די קאָמפּליצירטע רוסישע אָרטאָגראַפיע. אַמאָל האָב איך געהערט ווי ש. זאַקס האָט זיך געדונגען מיט פּרץ מאַרקישן וועגן דער אַלטער אָרטאָגראַפיע און בשום אופן נישט געוואָלט נאָכגעבן. — פּאַרוואָס — האָט ער מיט צער געטענהט — האָבן זיי אָוועקגעוואָרפן דעם „מוויאַרדי זנאַק״ — עס האָט דאָך זיי גאָרנישט געשאַדט צו דער דורכפירונג פון די „פּיאַטילעט־קעס״ — „עטאָ־זש אים ניע מיעשאַלאַ״ — האָט ער זיך געבעטן מיט אויס געצויגענע ווערטער אין מאָסקעווער דיאַלעקט.

בילדונג איז געווען אַסך, שפּראַכן האָט מען געקענט נישט איינע, פלעגט ער אַזוי זיצן און איבערזעצן ראָמאַנען פון אַלערליי שפּראַכן און „מאַכן״ סענסאַציאָנעלע אַרטיקלען, לעזשטאָף פאַר דער פּרעסע. טאָמער פלעגט ער ערגעץ טרעפן אַ ליד פון זיינע יוגנט־זינד, און ווער שמועסט אין אַזאַ יחוסדיקן פּלאַץ ווי שלום עליכמס „פאָלקס־ביבליאָטעק״ פלעגט ער עס שטום דערלאַנגען דער יונגער חברה — ער איז אויך אַמאָל אַ קאָזאַק געווען. און אַז מען פלעגט זיך קלאָגן אויף מאַטעריעלע צרות, פלעגט ער מעשה אַלטער קאָזאַק טרייסטן „טיערפּי קאַזאַק, אַטאַמאַנאָם בודיעש״

— לייד קאָזאַק, וועסט ווערן אַן אַטאַמאַן — אָבער ער אַליין איז קיין אַטאַמאַן נישט געוואָרן. און אַז מען האָט שוין אויסגעקריגט אַלע קריגן און אויסגע־שעפּט אַלע קוואַלן פון רכילות פלעגט מען אַמאָל אין א בין השמשות צו־גיין צו זאַקסן אויף א שמועס און עס האָט זיך אַוועקגעצויגן א שמועס וועגן עפּיס א לעגענדאַרן קאַיראָ און אַלעקסאַנדריע און רייזעס אויף קעמלען אין דרום־רוסלאַנד און רייזעס מיט שליטנס איבער צפון־סיביר און א ברייט און גלאַנץ־פול לעבן פון אַמאָל צווישן „קופּצעס פון דער פּיערוווער גילדע" — סוחרים פון דער ערשטער קלאַס.

ווערק האָט ער נאָך זיך נישט איבערגעלאָזן, ווו זיין פאַמיליע איז אַוועק האָט ער אַליין שוין מער נישט געוווסט — — דעריבער לייג איך מיט סענטי־מענט אַנידער אָט דאָס בלעטל פון א דערינערונג אויף דעם קבר פון אַן איינזאַמער „רוסקאַיא דושאַ" — א רוסישער נשמה אין א יידישן גוף אין דעם וואַרשעווער געטאָ.

1941

בערנאַרד זינגער

1893 געבוירן אין ווארשע, לרוב געלעבט אין ווארשע, רייזעס איבער אלע טיילן פון אייראָפּע, נאָענטן מזרח, וויטן מזרח, צפון־אמעריקע. בשעת דער סאָוויעטישער אָקופּאציע 1939־41 געווען אין די באלטישע לענדער — שפּעטער אין לאָנדאָן.

אויב אין א מענשלעכן קערפּער קענען אין די אָדערן שטאָט בלוט רינען טראָפּעלעך קוועק־זילבער זענען ווארשיינלעך די אָדערן פון בערנאַרד זינגער געווען אָנגעפילט מיט לויטער קוועק־זילבער. אלע זיינע רמ״ח אברים האלטן זיך אין איין באוועגן און אלעמאָל ווארפט עס אים איינגאנצן ערגעץ־וואו אנ־דערש אריבער, נאָר אלעמאָל ברענגט עס אים צוריק קיין ווארשע, דאָ איז ער געבוירן און דאָ אהער געהערט ער. ער איז א זשורנאליסט און ער האָט קיינמאָל נישט קיין אמביציע אויפצושרייבן א בוך, וואָס זאָל בלייבן. אפשר — ווען מען וואָלט פון אים ארויסגעפּאָמפּעט דאָס קוועקזילבער פון די אָדערן, און אזוי צו זיינע זיבעציק, וואָלט ער מסכים געווען זיך אוועקצוזעצן און אָנצושרייבן זיינע זכרונות. און דאָס וואָלטן געווען זייער טשיקאווע זכרונות — מער פון פוילישן שטאנדפּונקט ווי פון יידישן, ווייל בערנאַרד זינגער איז געווען מער „אויסגעקאָכט״ אין פוילישן, דער עיקר פּאָליטישן, לעבן ווי אין יידישן. אז איינפלוסרייכע פּאָלאקן האָבן געוואָלט עפּיס געוואר ווערן פון די הינטער־קוליסן פון דער פוילישער הויכפּאָליטיק — איז דער איינציקער קוואל געווען נאָר בערנאַרד זינגער. און ביי אזעלכע אומשטאנדן האָט ער קיינמאָל נישט נאָר נישט די אמביציע, נאָר אפילו די צייט נישט געהאט צו שרייבן קיין ביכער.

א קליינגעוואקסענער, אנדערש וואָלט דאָס גאָרנישט מעגלעך געווען אומעטום אָנצוקומען, און א פּנים א לעבעדיקס און אלץ אין אים זייער בולט, טונקל נאטירלעך, און די האָר צעשויבערט, כאָטש נישט געקרייזלטע און ער איז זייער גיך גרוי געוואָרן. דאָס פּנים האָט אלעמאָל אויסגעזען א פופצן יאָר יינגער ווי ער איז געווען און דער קאָפּ האָר האָט אלעמאָל אויסגעזען א פופצן יאָר עלטער. אויפ׳ן פּנים אייביק עפּיס אזא מין מאָדנער שמייכל. פאַרהאַנען שמייכלען אויף דער וועלט זייער אסך, נר יעדער שמייכל האָט זיך זיין הויפּט־טאָן, האָט זיך עפּיס, וואָס ער שמייכלט כסדר. איינער שמייכלט כסדר מיט חכמה, דער אנדערער מיט גוטמוטיקייט, דער דריטער מיט ציניזם, דער פערטער מיט הומאָר, דער פינפטער מיט פשוטער נארישקייט — און מיט וואָס האָט כסדר געשמייכלט דער שמייכל פון בערנארד זינגער? — ער

האָט אלעמאָל געשמייכלט מיט בעסער־ווייסעריי. און ער — בערנאַרד זינגער — האָט טאקע אלעמאָל בעסער געוווסט. צי האָט ער טיפער געוווסט — ווער זוייסט — נאָר בעסער האָט ער אלעמאָל געוווסט. אָט רעדסטו מיט אים וועגן א נײַ בוך, לאָמיר זאָגן פון ה. ג. וועלס — זינגער שמייכלט . . . פאר־וואָס שמייכלט ער? ווייל ער ווייסט בעסער, ער ווייסט, אז וועלס האָט שוין דערוויל אָנגעשריבן א נײַער בוך. אָט רעדסטו מיט אים וועגן א פּאָליטיקער, גריבלסט זיך אין יענעמס שטעלונג, זינגער שמייכלט . . . פאַרוואָס? ווייל מיט איין מינוט צוריק איז אָנגעקומען א ידיעה, אז יענער איז געשטאָרבן. נישטאָ א זאך אויף דער וועלט וועגן וועלכער בערנאַרד זינגער זאָל נישט בעסער וויסן און דערפאר שמייכלט ער אייביק. און אפילו, אז ער ווייסט צופעליק נישט בעסער שמייכלט ער אויך ווייל ער ווייסט אנדערש און אויב ער ווייסט אנדערש איז ער זיכער, אז רו ווייסט נישט דאָס ריכטיקע. דעריבער שמייכלט ער אייביק. און כאָטש ער איז אן אייראָפּעער און א מענש מיט טאקט סוף כל סוף, ער מוז זיך דאָך כסדר באוועגן אין דער הויכער געזעל־שאפט; אז דו האָסט אָבער נישט גאָרנישט קעגן דעם שטופּט ער דיך אוועק אָן א זייט און פארנעמט דיין געזעלשאפט און איז כסדר אין צענטער. און אז ער קען נישט זיין אין צענטער גייט ער אוועק אין אן אנדערן קרייז. איז ער אזוי אמביציעז? ניין דאָס איז בלויז זיין נאטור און ער קען זיך נישט העלפן.

ער פארדינט אסך, בערנאַרד זינגער, איינער פון די בעסטע פארדינערס אין דער יידישער זשורנאליסטישער וועלט. ער שרייבט פאר אלערליי צײַ־טונגען. ער שרייבט גלייכצייטיק מיטביידע הענט און אין יידיש און אין פּויליש און אפילו אין העברעיש. ער „באדינט" יעדע צייטונג, וואָס פאָדערט דאָס פון אים, ער „דעקט" אלץ, וואָס עס לאָזט זיך „דעקן" זשורנאליסטיש. ער שרייבט קורצע ארטיקלען גלייכצייטיק אין עטלעכע טעלעפאָנען אריין און נעמט אָפּ נײַעס נאָך מיט אן עקסטרע טעלעפאָן. ער שרייבט זייער קורצע ארטיקלען און זיי רינען אים אזוי דורך די פינגער, און אזוי רינען אים די פּוילישע זלאָטעס דורך די פינגער און ער פארדינט אסך. און א היים פירט ער א צעשויבערטע אזוי ווי א יידישע רעדאקציע. דריי קינדער און כאָטש זיי זענען נאָך פּיצלעך, די קינדער, האָט שוין יעדעם זיין אייגענע פּאָליטישע וועלט־אנשויאונג און די שווארצהנעוודיקע און זייער באוועגלעכע פרוי האָט אויך איר אייגענע פּאָליטישע אנשויאונג — אלעמאָל 45 גראַדן לינקער ווי איר מאַן.

אמאָל איז זינגער געווען א פּאָלקיסט און כאָטש ער איז קיינמאָל פּאָ־ליטיש נישט עפּיס אנדערש געוואָרן, האָט אים אָבער די ספּעציעלע יידישע פּאָליטיק אלס זיין אייגענע וועלט־אנשויאונג נישט אינטערעסירט. זי האָט אים נאָר אויף אזויפיל אינטערעסירט אויף וויפיל זי איז סענסאציאָנעל און אינטערעסאנט געווען. אים האָבן נישט אינטערעסירט די צילן פון דער

פּאָליטיק, נאָר די קאָמבינאַציעס אירע. אַלץ איז בײַ אים געװען אַ מין שאַכשפּיל און בײַם שאַכשפּיל — װאָס איז דער ציל? אַרומצושטעלן מיט העלצלעך אַ האָלצערנעם קעניג . . . נײַן דאָס ציל איז נישט אינטערעסאַנט, אינטערעסאַנט איז די קאָמבינאַציע, דער גאַנג, דער קאַמף. דאָס ציל איז נישט אינטערעסאַנט און אַז מען דערגרײכט עס, קען מען העכסטנס איין קורץ אַרטיקעלע װעגן דעם שרײַבן . . . און די װעלט איז דאָך דאָ צוליב דעם, אַז זשורנאַליסטן זאָלן קענען שרײַבן אַרטיקלען און זיצן בײַ אירע ברעגעס און האַלטן די האָקן אין װאַסער און כאַפּן נײַעס װי די פישערס און װאָס גרעסער דער פיש, װאָס מען כאַפּט, אַלץ אינטערעסאַנטער. און מען דאַרף שױן װײַטער אַרײַנלאָזן דעם האָקן — אפשר װעט מען כאַפּן נאָך אַ גרעסערן פיש, אפשר דעם לויתן אַלײן . . .

בערנאַרד זינגער איז אין אײנע יאָרן מיט י. י. זינגער, דעם באַרימטן ראָמאַניסט, און בײדע האָבן אײנצײַטיק געװירקט אין װאַרשע. און דעם פּובליקום איז קײן חילוק נישט, דאָס פּובליקום איז אויך אַ זשורנאַליסט מיט װײניק צײַט. נו, נו, האָבן זײ זיך כסדר געדאַרפט פאַרטײדיקן אין געזעלשאַפט: בערנאַרד, אַז ער איז נישט דער מחבר פון י. י.׳ס ראָמאַנען און י. י., אַז ער האָט נישט געשריבן בערנאַרדס אַרטיקלען . . .

1941

שמואל יעקב יאַצקאַן

1874 אין א שטעטל, אין קאָװנער ליטע, רײזעס אין אײראָפּע, נאָענטן מזרח און אמעריקע, געװױנט לרוב אין װאַרשע, די לעצטע יאָרן — אין פּאַריז. געשטאָרבן 1937.

װאַרשע האָט פאַרמאָגט צװײ מינים יידן, אײן טײל איז געװעזן דער פּױליש־יחסנישער, דער טײל, װאָס האָט נאָך אַלץ געהאַט אין זיך אביסל פון דער ראָמאַנטיק פון מיצקיעװיטשס „יאַנקיעל", צוזאַמענגעװאַקסן מיט דער פּױלישער ערד, אַרײַנגעװעבט אין דער אידילישער פּױלישער לאַנדשאַפט. דער צװײטער טײל זענען געװעזן אָנגעפּאָרענע פון אַלע זײַטן פון רוסלאַנד, באַזעצט זיך אין װאַרשע, װײַל װאַרשע איז געװעזן דער צענטער פון א גרױסער מאָסקאָװיטישער מדינה. זײ זענען געקומען אַהער מיט זײערע אײגענע טראַדיציעס, מיט זײערע ליטװישע, טרוקענע, ניכטערנע טראַדיציעס. זײ זענען געקומען װי קאָלאָניזאַטאָרן, נישט אױפצוגעבן זײערע מנהגים, נאָר — װי קאָלאָניזאַטאָרן — אַרױפצוצװינגען זײערע מנהגים אױף דער אײַנגעבױרענער יידישער באַפעלקערונג. דער אַנטאַגאָניזם צװישן די צװײ גרופּן איז געװעזן זײער גרױס. דער פּרימיטיװער איטשע מאיר װײַסענבערג האָט זיך דעם אַנטאַגאָניזם אַזױ שטאַרק גענומען צום האַרצן, אַז ער איז כל ימיו געװעזן א קרײץ־צוג־פירער קעגן די ליטװאַקעס. און דער טיפּישסטער פאָרשטײער פון די ליטװאַקעס אין װאַרשע, כאָטש ער האָט קײן װעזן דערפון נישט געמאַכט, איז געװעזן שמואל יעקב יאַצקאַן, דער רעדאַקטאָר פון אַלערלײ צײַטונגען און צײַטשריפטן און ביכער, דער עיקר אָבער דער רעדאַקטאָר פון דער פאַר דער ערשטער מלחמה פאַרשפּרײטסטער צײַטונג „הײַנט".

א שפּיציקער ייד איז דאָס געװעזן, יאַצקאַן, שפּיציק זײַן יידיש מיט די ליטװישע סמך׳ן, שפּיציק זײַנע געשעפטלעכע אײַנפאַלן, שפּיציק זײַן װעג דורכצופירן זײַנע געשעפטן, שפּיציק זײַנע שטעכװערטלעך, אױסגערעכנט נאָר אױף װי צו טון, נישט װיכטיק צי זענען זײ ליטעראַריש, צי האָבן זײ סטיל, הומאָר. שפּיציק איז אױך געװעזן זײַן אױסזען, שפּיציק דאָס רױבפױגלשנאָבלדיקע נעזל, שפּיציק די אױגן און שפּיציק זײער בליק און די האָר אױפן קאָפּ מיט דער גרױסער ליסינע שפּיציק, און אװדאי שױן אױך שפּיציק דאָס בערדל מיט די װאָנסעס.

כאָטש זײַנע צײַטונגען האָבן געהאַט ריכטונגען — זענען אַלעמאָל געװען ציוניסטיש — כאָטש ער האָט באַשעפטיקט די בעסטע מיטאַרבעטער — פּרץ, אַש, פרישמאַן און װער דען נישט — ער אַלײן, אַז ער האָט אַמאָל געפירט א מחלוקה אין זײַן פּרעסע, איז דאָס אַלעמאָל געװעזן א ביליק גע־

פויקעריי, א באשולדיקעריי פון קאָנקורענטישע צייטונגען און זייערע מיט־ארבעטער, אז זיי פירן זיך נישט אויף אנשטענדיק און פירן נישט אליין אזא לעבן, וואָס זיי פרעדיקן פאר אנדערע. מיט הלל צייטלין האָט ער געפירט ווילדע שלאכטן וועגן דעם צי איז דאָס אמת, אז יענער האָט געגעסן אין א באן־בופעט, ווייל דאָס עסן אין א באן־בופעט איז דאָך טריף און צייטלין איז א פרומער. עסטעטיק און סטיל איז יאַצקאָנען נישט אָנגעגאנגען, ער האָט געהאט א קנאפע מיינונג פון שרייבער, ער האָט זיי אָנגעשטעלט צוליב זיין פריוואטן פארגנוגן, זאָלן זיי זיך ארומדרייען אויף זיין פאָדווירע, ער האָט געמיינט און זיך איינגערעדט, אז שרייבער קען מען אָנשטעלן און זיי באפעלן פונקט ווי בוכהאלטאָרן; קרובישע פאכן, פעדער-פאכן . . . אז ער האָט אָנגע־הויבן איינעם פון זיינע פעלדצוגן, האָט ער אָנגעהויבן באלד מיטן סאמע גרעסטן טומל, איינע פון זיינע בראָשורן האָט געהייסן „גוואלט, יידן״. העכער קען מען דאָך שוין נישט. האָט מען אין זיין אָנוועזנהייט גערעדט וועגן שרייבערס פלעגט ער אריינפאלן אין שמועס און זיך בארימען, אז ער האָט יענעם אין קעשענע, זיין באליבסטע בארימעריי איז, אז ער האָט דרייפערטל פון יצחק לייבוש פרץ׳ס מאנוסקריפטן געוואָרפן אין קויש אריין מחמת זיי זענען געווען אומ־דרוקבאר. נישט מחמת זיי האָבן זיך נישט ארייגעפאסט אין זיין צייטונג, נאָר טאקע מחמת זיי זענען געווען אומדרוקבאר.

און דאָך האָט ער געטראָגן דאָס יידישע וואָרט אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפלאָרן איבער פוילן און איבער גאנץ רוסלאנד, דאָך איז ער געווען דער ערשטער אין דער גאנצער וועלט, וואָס האָט געשאפן די יידישע מאסן-פרעסע, נאָך איידער ער האָט פאר זיך געהאט די אמעריקאנישע מוסטערן.

אין יאָר 1928 אָדער 1929 האָט פרץ הירשביין געוויילט איןווארשע נאָך זיין רייזע איבערן ראטן־פארבאנד, געשריבן וועגן זיינע דערפארונגען אויף זיין אלעמאָל אבסאָלוט אָביעקטיוון שטייגער, אויף זיין מעדיטאטיוון שטייגער. גע־שריבן פאָזיטיוו וועגן דעם, וואָס ער האָט אין ראטן־פארבאנד געזען. און פלוצ-לונג איז ארויסגעשפרונגען יאַצקאָן מיט אלערליי באשולדיקונגען אויף הירש־ביינען, באשולדיקט אים אין אויגן־פארגלייסעריי איבער דער אמתער יידישער לאגע אין רוסלאנד, באשולדיקט, אז דאָס אלץ האָט הירשביין געטון מחמת מען האָט אין ראטן־פארבאנד אָפּגעקויפט זיינס א בוך. און ווי אלעמאָל דער סטיל פון זיינע אנגריפן: נישט קיין פאקטן, נאָר „גוואלט, יידן״, א פערזענלעכע שיל־דערונג פון הירשביינס פרום אויסזען מיט די בלויע אויגן און הינטער אָט די בלויע אויגן — כאָטש דאָס גיהנם אליין. עס איז פאָרגעקומען א חברישער פראָצעס אין ליטעראטן־פאריין. נישט הירשביין און יאַצקאָן האָבן זיך דאָ פראָצעסירט, נאָר צוויי וועלטן: דער שרייערישער, געלט־מיט אלע־מיטלען־מאכנדיקער טאָג־זשורנאליזם ביי יידן און די איידעלע בענקשאפט נאָך יידישן

אמת אין דער וועלט. „בלויע, פרומע אייגעלעך'' אהין, „בלויע אייגעלעך'' א־הער, יאצקאָן האָט געמוזט אָפּציען פון פעלד.—ליב געהאַט האָט אים זעלטן ווער, אויך נישט די לעזער פון זיינע צייטונגען, אָבער געקויפט האָט מען זיינע אויסגאבן ווייל זיי זענען פראקטיש געווען. — און אָט האָט זיך יאַצקאָן אָריענטירט, אז פוילן פארמאָגט נאָך נישט קיין עכט-שונדיסטישע טאָג־פרעסע, א פרעסע פאר דינסטמיידלעך און דער אָרימסטער פוילישער היים, וואָס א דאנק דעם שולצוואנג זענען זיי איצט מער נישט געווען קיין אנאל־פאבעטן. האָט ער געשאפן אזא פאסיקע צייטונג מיט זיבן ראָמאנען־פּאָרזע־צונגען, וואָס זענען באארבעט געוואָרן פון זיינע אייגענע „היינטן'' פון פאר צוואנציק יאָר. און אזוי ווי דאָס זענען געווען פויליש־קאטוילישע צייטונגען, פלעגן דאָרט צו די חגאות זיך פרום־קאטוילישע ווינשעוואניעס פון דעם אנאָנימען פאָרלעגער. און אזוי ווי יאַצקאָן אליין איז געווען דער פאָרלעגער האָט קיינער נישט געקענט שרייען: גוואלט יידן . . .

1940

א. ל. יאַקובאָוויטש

1880 אין שניאַדאָווע, לאָמזשער גוב. פון 1902 אין וואַרשע. אַרום 1935 אויסגעוואַנדערט קיין ארץ ישראל.

א רעדאַקטאָר פון א וואַרשעווער יידישער צײַטונג אין די גוטע צײַטונגס־צײַטן אין פּוילן באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט געוווּסט, אַז אַ צײַטונג איז אַזוי ווי אַ קליינער אָרקעסטער — אַלערליי אינסטרומענטן דאַרפן זײַן פאַרטרעטן. אויב נישט איז די צײַטונג קיין צײַטונג נישט און — וואָס דאָס ערגסטע — סוף כל סוף וועט דער קאָנקורענט דערפון געווינען און וועט האָבן מער לעזער. פלעגט טאַקע אין יעדער יידישער טאָגצײַטונג אין וואַרשע זײַן פון אַלץ צוביסלעך. אָנהייבנדיק פון דעם סאַמע געלסטן סאָרט שונד־ראָמאַנען, אַזוי געל ווי די געלקייט אַליין, און ענדיקנדיק מיט דעם סאַמע פײַנסטן סאָרט פון מיסטישע און אומפאַרשטענדלעכע לידער. און יעדער מיטגליד פון דעם דאָזיקן אָרקעסטער האָט זיך באַמיט, אַז זײַן פידל זאָל זיך אַרויסהערן און אויב נישט אַרויסהערן, וואַרום ער, דער פידלער איז שוין געוועזן אַלט און זײַן פידל האָט שוין געסקריפּעט, נו האָט ער זיך באַמיט, אַז ער זאָל זיך כאָטש אַרויסזען אין אָרקעסטער. און דעם הויפּטקאָנצערט פלעגט אַזאַ וואַרשעווער רעספּעקטאַבלע יידישע צײַטונג אויפשפּילן פרײַטיק. פרײַטיק איז געוועזן דער אָפיציעלער רו־טאָג פון דער וואַרשעווער יידישער זשורנאַליסטנשאַפט. שבת פלעגן די יידישע צײַטונגען נישט דערשײַנען — חוץ דער בונדישער פאָלקסצײַטונג און דאָס ערשטע אין פערטן צענדלינק פון אונזער יאָרהונדערט — זענען טאַקע די זשורנאַליסטן געזעסן אין פאַרײַן, געלײַענט, אָדער ריכטיקער דורכגעקוקט, ווײַל אַ זשורנאַליסט לעזט נישט, ער שרײַבט נאָר, די אַרטיקלען פון די חברים, געפּרײַט זיך מיט זײַערע אַרײַנפאַלן, אַכטונג געגעבן פון דער ווײַטן וויאַזוי עס ווירקן אויף די אַנדערע חברים די אייגענע אַרטיקלען און להוט אויסגעקוקט נאָך אַ חברישן קאָמפּלימענט. כאָטש מען האָט געוווּסט, אַז די קאָמפּלימענטן זענען קיינמאָל נישט אויפריכטיקע — אָבער אַ מענטש איז שוין אַזוי. ער האָט זיך ליב אַליין אָפּצונאַרן און מכל שכן אָפּגענאַרט צו ווערן פון יענעם . . . אָבער עס זענען געוועזן פרײַליכע פרײַטיקן אין דער „בודע״. פון דער קיך האָט געטראָגן אַ געדיכטע פאַרע פון פישיויך און קוילעטש איז געלעגן אויפן טיש פון בופעט. כאָטש פרײַטיק איז אין דער אמתן דער מוסולמאַנישער שבת איז אָבער דער וואַרשעווער פרײַטיק אין ליטעראַטן־פאַרײַן געוועזן זײַער שבתדיק־יידיש. און ווער שמועסט, אַז די כאַליאַסטרע האָט זיך באַוויזן אויפן דאָזיקן פיר ווענטיקן האַריזאָנט, איז שוין גאָר פרײַלעך געוועזן.

מיט דער פּאָליטיק האָט מען זיך דעמאָלט צווישן וואַרשעווער יידישע שרייבער נישט שטאַרק אינטערעסירט. מען איז נאָך געווען מלחמה־מיד און פּאָגראָם־מיד און כאָטש ערגעץ־ווו אויפן האָריזאָנט האָט שוין געפינסטערט א וויסטע כמארע, וואָס האָט געדאַרפט די וועלט איבערקערן, ווער האָט זיך גע־וואָלט מיט דעם פאַרנעמען? אין די צוויי גרויסע, בירגערלעכע טאָג־צייטונגען, דעם מאָמענט און דעם היינט, האָבן זייער פּראָמינענט געשפּילט יעדן פרייטיק אויף זייערע אינסטרומענטן די צוויי אָפיציעלע ליטעראַטור-קריטיקער פון יענער צייט. דער איידלער ב. קאַרליניוס אין מאָמענט און א. ל. יאַקובאָוויטש אין היינט. יאַקובאָוויטשעס ליטעראַריש־קריטישע אַרטיקלען פלעגן זיך דרוקן אין פעלעטאָן — א מין, וואָס האָט געהאַט די גוטע טראַדיציע פון דער אייראָ־פּעישער פּרעסע פון 19טן יאָרהונדערט — „אונטערן שטריך". יאַקובאָוויטשעס אַרטיקלען זענען געגאַנגען אונטערן שטענדיקן נאָמען „ליטעראַרישע גע־שפּרעכן" און זענען נומערירט געוואָרן מיט לאַטיינישע ציפערן. און יעדן פרייטיק פלעגט יעדער יידישער בעלעטריסט א כאַפּ טון אָט די ליטעראַרישע געשפּרעכן מיט א שטילער האָפנונג, אז היינט וועט מען רעדן וועגן אים. און בע־לעטריסטן זענען געווען נישט ווייניק. יאַקובאָוויטש האָט נישט געהאַט קיין לי־טעראַרישע ליניע, אָדער ריכטונג, ער האָט געקענט די קונץ פון הויבן אין הימל אריין און אריינוואַרפן ניין איילן אין דער ערד אריין. אָט האָט ער פּלוצלונג אויפגעהויבן אורי צבי גרינבערגס „מעפיסטאָ" אַזוי הויך, אז העכער איז שוין נאָר די לבנה, און אָט האָט ער מאַרקישן אראָפּגעוואָרפן ניין איילן אונטן, טיפער קען מען שוין נישט, טיפער איז שוין שטיין. אָט האָט ער עוזר וואַרשאַווסקין אויפגעהויבן העכער פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור ביז אים — און אויב איך האָב נישט קיין טעות איז טאַקע יאַקובאָוויטש געווען דער ערשטער, וואָס האָט געבראַכט אנערקענונג וואַרשאַווסקין חוץ זיין אנטדעקער וויסענבערג.

און אָט איז ער: א בייז פּנים, שוואַרץ, אביסל נעגראַיד, אָבער נאָר א קליין ביסל, אויגן — אַזוי ווי ער וואָלט אביסל געליטן פון דער באַזעדאָוו־קראַנק און ער רעדט הייזעריקלעך, זייער הויך, זייער באַשטימט. די לעצטע אינ־סטאַנץ. ער האָט הומאָר. א בייזן הומאָר. ער אליין לאַכט נישט און מאַכט קיינעם נישט לאַכן מיט זיינע וויצן. ער איז אָנגעלערנט און אָנגעלעזן און אָנגעשריבן ווי א פּויק. ער קען שפּראַכן און ער איבערזעצט אויף רעכטס און אויף לינקס. און בייז איז ער דער עיקר אויף זיך אליין. ער איז א בעל תשובה און וואָלט צום ליבסטן אויסגעשניטן מיט א מעסער די יאָרן פון זיין לעבן, ווען ער פלעגט פאַר יאַצקאַנס שריי־צייטונגען שרייבן די „באַרימטע" געלע ראָמאַנען. מען זאָגט, אז די „בלוטיקע נקבה" בכבודה ובעצמה איז פון אונטער זיין פּען ארויס. אָבער דאָס האָט שוין אלץ באַלאַנגט צו דער פאַר־

גאַנגענהייט. איצט וואָלט ער שוין אזא זאך נישט געטון ווען מען גילט אים אָפּ, אָבער דאָס קען אלץ נישט אויסרייסן די פארגאנגענהייט. ווערט ער געוואר, אז אנדערע טוען היינט דאָס זעלבע, כאָטש די נויט צווינגט זיי נישט ווי אים אמאָל, באַרויקט דאָס זיין געוויסן.

ביי זיך אין שטוב איז יאַקובאָוויטש סופער-העפלעך און אזוי זיין שיינע פרוי, א געוועזענע אקטריסע פון אן אלטער אקטיאָרן־דינאסטיע שטאמענדיק, און אזוי זיין זייער הויכער זון אורי וואָס שטודירט אין ארץ ישראל. א מין פיאָנער פון דער פאמיליע — ווארום יאַקובאָוויטש איז אין דער אמתן א ציוניסט און העבראיסט און זיין גאנצע שייכות מיט דער יידישער ליטעראטור איז אביסל צופעליק, א פרוזדור.

1945

א. ס. ליריק

געבוירן אין זאַסלאַוו אין יאָר 1885. 1905 זיך באַזעצט וואַרשע. 1920 אין בערלין. רייזע קיין ארץ ישראל. ביז 1939 אַפּט יאָרן־לאַנג געוווינט אין וואַרשע. זינט 1939 שטענדיק אין די פאַרייניקטע שטאַטן.

דער אמתער נאָמען פון דעם זשורנאַליסט און עסאַיסט א. ס. ליריק איז אהרן ריקליס. ריקליס איז א טיפּיטשנער יידישער וואָכעדיקער נאָמען, אזא נאָמען מיט שטיוול. און אפשר קלינגט דער נאָמען נאָר אין מיינע אויערן אזוי מחמת אין אונזער שטעטל איז געווען א יידענע, וואָס האָט געהייסן ריקל און האָט געטראָגן שטיוול אין דער וואָכן אפילו אום זומער. אָבער דער נאָמען ליריק איז עפּיס א נאָמען מיט קריינדעלעך, א נאָמען מיט תגין.

און שוין דאָס געבן זיך אזא מין קריפּטאָנים איז א סימן פון א געמיט. היינריך היינע האָט פון זיין נאָמען: האַררי היינע דיסעלדאָרף, איבערגעמאַכט: סי פּרוידהאָלד ריזענהאַרף. אזוי האָט ער עטליכע ערשטלינגסלידער זיינע אונטערגעשריבן.

ווער ווייסט וואָס א. ס. ליריק האָט זיך געטראַכט און וואָס ער האָט גע־חלומט ווען ער האָט זיך געגעבן דעם נאָמען ליריק. א קענער פון אסך שפּראַכן און א קענער פון אסך ליטעראַטורן און בכלל א קענער אין די קליינע אותיות, האָט ער זיכער געטראַכט צוצושלאָגן צו אן אנדערן ברעג ווי צום ברעג פון זשורנאַליזם. אָבער עס האָט זיך שוין אזוי געפירט ווי עס האָט זיך געפירט.

זיינע לעזער האָט ער געהאַט אין וואַרשע, אָבער געצויגן האָט עס אים צו אן אנדער לעבן, מער מערב אייראָפּעיש, מער באָהעמיש. דערצו איז ער אלע מאָל איינער אליין אָן משפחה, אָן די זאָרגן און ליידן פון א משפחה אָבער אויך אָן די פריידן אירע.

אָנגעהויבן האָט ליריק זיין שרייבערישע קאַריערע נאָך אין יענע צייטן ווען מען פלעגט אין די יידישע צייטונגען שרייבן עסייען און נישט קיין אַרטיקלען, ווען אפילו די נייעסן פלעגט מען שרייבן פּאַוואָליע, נישט געאיילט, ווען עס נישט אריין אין דער היינטיקער צייטונג, וועט עס אריין אין דער מאָרגנדיקער. דער עיקר איז דאָך נישט די נייעס, נאָר די מאָראַל.

א מאָגערער איז ער, א בלאַס פּנים פון א מענשן, וואָס זיינע טעג זענען זיינע נעכט, אָדער כאָטש האַלבע נעכט, דינע לומדישע הענט, און קענען זיך עפּיס קיינמאָל נישט קיין עצה געבן מיט די צו לאַנגע אַרבל פון די העמדער, וואָס קיינער איז אויף דער וועלט נישטאָ, וואָס זאָל זיי זאָרגעוודיק פאַרקירצן צו דער מאָס, גרויסע פּנים שטריכן און עפּיס פּירעקעכדיקע, די גרויסע אויגן

קוקן אָפּן, נעמען דורך און זענען מוחל, א קלוג פּנים פון א גוטן מענש, וואָס אז מען זעט עס דאָס ערשטע מאָל און מען האָט נאָך מיט דעם מענשן נישט גערעדט, מיינט מען, אז ער איז א שטרענגער און א בייזער.

נישט טוענדיק זיין לעבן לאַנג גאָרנישט מער ווי שרייבן איינעם אָדער צוויי אַרטיקלען א וואָך, אזוי ווי יעדער זשורנאַליסט וואָלט געדאַרפט, כדי זיינע אַרטיקלען זאָלן טאַקע האָבן אינהאַלט אויך, האָט לירִיק אַלעמאָל זייער אַסך צייט. נאָך מער — מחמת קיינער טעלעפּאָנירט נישט די סטערעאָטיפּע פראַגע: — ווען קומסטו אויף מיטיק? און ווייל ער האָט אַסך צייט האָט ער ליב צו כאַפּן א חברישן שמועס ביי א גלעזל קאַווע. און ער האָט ליב צו הערן און כאָטש ער איז אַזאַ מענש, וואָס ווייסט שוין אַלץ, אי פון די ביכער אַרויס און אי פון לעבנס־דערפאַרונג, האַלט ער זיך נאָך אַלץ אין איין וווּנדערן, דער עיקר ווען מען דערציילט אים וועגן טשודנע מענשן. און הערן אים רעדן איז דאָך אוודאי כדאי — נאָר צייט איז זעלטן ווען דאָ, זעלטן ווער האָט זי אין זיין אייביקער זשורנאַליסטישער סביבה, און סתם מענשן אינטערעסירן אים נישט. אז בערלין איז — אין די יאָרן פון דער גרויסער מזרח־אימיגראַציע — געווען דער יידיש־אייראָפּעישער צענטער פון גייסט, איז לירִיק ממש דאָרט אַרומגעשווומען ווי א פיש אין וואַסער. מיט דער צייט זענען אַלע אַוועק זיך בעסער איינצוזאַמלען, ווער אין אַמעריקע, ווער אין רוסלאַנד, ווער אין ארץ ישראל — און לירִיק איז געבליבן אַליין, און מיט די קעלנערס אין קאַפע איז נישטאָ וואָס צו רעדן, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט קיין פּוילן, אין זיין וואַרשע צוריק. אָבער דאָ האָט ער שוין געטראָפן אַן אַנדערן דור פייגל אין די נעסטן און אַנדערע לידער האָט מען געזונגען. האָט זיך עפּיס קיין קאָנטאַקט נישט גע־שאַפן. אין „היינט", וווּ ער האָט געאַרבעט, איז ער געווען א ספּעץ פון טיפע יידישע און אַלגעמיינע טעמעס, פלעגט מען לעזן און לערנען פון זיינע אַרטיקלען, אפילו אין די שרייבער־קרייזן, אָבער סופעריאָריטעטס־קאָמפּלעקסן האָבן זיך אַריינגעמישט פוןביידע זייטן און מען איז זיך געבליבן פרעמד.

איינמאָל האָב איך מיט אַן אַמעריקאַנישן יידישן זשורנאַליסט, פון א צייטונג צו וועלכער לירִיק האָט געהאַט עפּיס א טענה, באַזוכט דעם „היינט". אַמעריקאַנישע זשורנאַליסטן האָט מען אַלעמאָל אין וואַרשע באַהאַנדלט אַזוי ווי אָרימע פּלימעניקעס א רייכן פעטער. מען האָט פאַרבויגן אַן עוולה, זיך נישט געוואָלט איינרייסן, על כל צרה שלא תבוא. ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן צו זען לירִיקן אַרויסברענגען זיין טענה צום אַמעריקאַנער פעטער מיט אַזאַ טעמפּעראַמענט, אַט אַזוי ווי יענער וואָלט געווען דער אָרימער פּלימעניק. ער איז א וועטעראַן פון אידעאַלע מלחמות פון די בעסטע יאָרן פון דער יידישער פּרעסע אין וואַרשע און ער געדענקט עס מיט ווירדע.

1939. לירִיק קומט קיין ניו יאָרק פון ארץ ישראל. צוריקפאָרן איז שווער

אין מיטן דער וועלט זאַווערוכע. און אײַנאָרדנען זיך מיט זײַן סטאַזש און זײַן זשאַנר אין דער ניו יאָרקער יידישער פּרעסע — נאָך שווערער. איצט זענען שוין די פּאָר װאַרשעװער אים נענטער געװאָרן און צװישן זײ אױך איך. ער האָט געהערט, אַז איך בין אַ לעבנס־קינסטלער, קען אויסקומען מיט ח״י פּרוטות אַ טאָג. קומט ער מיטן פֿולן נאַיװן ערנסט צו מיר עטליכע מאָל אַרויף אויף צו נעמען לעבנס־לעקציעס . . . און איך נעם די זאַך אויך ערנסט. און מיר לאַכן בײדע און איך רעכן אים דאָך אויס מײַן גאַנצע חכמה מיטן בלײַפעדער אויף אַ מאַנוסקריפּט פֿון אַ ליד . . . ער איז מסכּים, ער באַוואונ־דערט אַפֿילו, אָבער ער קרעכצט. זײַנע קלוגע אויגן אין בלײַכן פּנים בליצן, די מאָגערע הענט פּלאָנטערן זיך מיט די צו לאַנגע העמד־אַרבל, און ער זאָגט, אַז אים וועט שווער זײַן מיט מײַן סיסטעם צו באַזיגן ניו יאָרק . . . ער האָט סוף כּל סוף באַזיגט מיט זײַנע פֿעיִקײטן. אָבער ער בענקט נאָך אַלץ צו אַ וועלט, וואָס אַפֿילו אַ שאָטן פֿון אַ רויך איז שוין פֿון איר נישטאָ.

1945

שאול י. סטופּניצקי

1876 אין בעלסק, גראָדנער גובערניע. 1895 דאָס ערשטע מאָל אין אויסלאַנד. געוווינט אין עסטרייך, שווייץ, דייטש־לאַנד, לעטלאַנד, אין פּוילן: אין װאַרשע און אין לובלין, געבליבן אין געטאָ. און זיך געסמט בשעת׳ן ערשטן גירוש־געטאָ אין 1942.

פּאַרהאַנען בילדער, וואָס זענען זייער פאַרביק און ווירקן, נאַטירלעך, זייער פאַרביק. פאַרהאַנען אָבער אויך בילדער, וואָס זענען נאָר שוואַרץ־ווייס און ווירקן פּונקט אַזוי פאַרביק ווי די סאַמע פאַרביקסטע. ש. י. סטופּניצקי — דער זשורנאַליסט, פּובליציסט, געלערנטער, קולטור־און געזעלשאַפטלעכער טוער איז זייער אַ פאַרביקע פּערזענלעכקייט, כאָטש איך דערמאָן מיך נישט, אַז איך זאָל האָבן ווען עס איז אויף אים געזען אַנדערע פאַרבן ווי נאָר שוואַרץ און ווייס. אַז ער איז געווען יינגער איז ער געווען פול מיט שוואַרץ און ווייסקייט, אַ שוואַרצער קאָפּ האָר, שוואַרצע, געדיכטע ברעמען און אַ פּאָר שוואַרצע וואָנסעס, וואָס זענען געווען אַ שם דבר נישט נאָר אין די ליטעראַ־רישע קרייזן, נאָר אין גאַנץ וואַרשע. אַז מען האָט געזאָגט „אַ ייד מיט אַ פּאָר סטופּניצקי־וואָנסעס״ האָט מען שוין געוווּסט וויאַזוי אַזאַ ייד זעט אויס. אין אונזער מיט האָט זיך אַרומגעדרייט אַ חנעוודיק מיידל מיט קליינע, שוואַרצינקע חן־וואָנסיקלעך, פלעגן מיר זי רופן „פרייליין סטופּניצקי״. אַ נידעריקער איז ער, סטופּניצקי, נישט קיין דיקער, נאָר אַ פולער, מיט פעסטע און קורצע הענט און אויך די פינגער זענען באַוואַקסן מיט שוואַרצע בערשטלעך. און אַלעמאָל גייט ער זייער שוואַרץ אָנגעטון, אַזוי ווי אַ קאַטוילישער גלח אָדער אַן אָרטאָדאָקסישער רב אין דייטשלאַנד. דאָס איינציקע ווייסע אין אים איז דער שטייפער קאָלנער, אַזאַ ווי מען פלעגט זיי טראָגן אין ניינצנטן יאָר־הונדערט נאָך. אַז סטופּניצקי איז עלטער געוואָרן האָבן זיך אַלע ברענענ־דיקע שוואַרצקייטן זיינע פאַרוואַנדלט אין שניי־ווייס, נאָר די אויגן, די ברען־שוואַרצע, האָבן זיך דעמאָלט נאָך מער אַרויסגעזען און די קורצע און דיקע הענט זיינע האָבן שטאַרק אָנגעהויבן צו ציטערן. אַזוי צו ציטערן, אַז ער — דער וועטעראַן פון יידישער זשורנאַליסטיק, וואָס עס וואָלט זיך געפּאַסט, אַז ער זאָל שרייבן אויף פּאַרמעט מיט אַ גענזענער פעדער האָט דווקא געמוזט שרייבן אויף אַ שרייבמאַשינקע. יונגע פלעגן שרייבן מיט דער האַנט און דווקא סטופּניצקי אולטראַ־מאָדערן . . . נאָר שרייבן פלעגט ער מיט איין איינ־ציקן פינגער און נאָר מחמת ער האָט גענוצט אַ שרייבמאַשינקע פון די גאַנץ ערשטע, וואָס איז געווען געבויט ווי אַ פעסטונג, אַזוי סאָליד, האָט די מאַ־

שינקע געקענט אויסהאַלטן דעם טעגלעכן קאַמף אויף לעבן און טויט מיט ש. י. סטופּניצקין. און אַ קאַמף אויף לעבן און טויט איז עס געווען ווייל סטופּניצקי איז געווען אַ פּילשרייבער. אויפצושרייבן אַזוי אַ זעקס־זיבן אַר־טיקלען אין משך פון טאָג מיט אַט דעם איינעם פינגער איז פאַר אים געווען אַ קינדער־שפּיל. אַ זכרון האָט ער געהאַט אַן אייזערנעם און געלערנט אין זיין לעבן האָט ער אַסך, געלערנט אַסך, געטראַכט אַסך און געווען אַסך. אַ טעאָרעטיקער פון די פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און פון מינ־דערהייטס-קולטורן, אַ טעאָרעטיקער פון יידישן פאָלקיזם מיט אַסך סימפּאַ־טיעס צום פּועלי ציוניזם. און אין אַלערליי אינסטיטוציעס פלעגט ער אַרבעטן, אָפט אַלס אָנגעשטעלטער זייערער, און ביכער פלעגט ער שרייבן און רעדעס האַלטן און אַרבעטן אין צייטונגען, פאַרנעמען געזעלשאַפטלעכע ערן־ פּאָסטנס, אָפט פּאָרזיצער פון שרייבער-פאַריין, און כאָטש זיין אידעאָלאָגיע איז נישט אַלעמאָל אינגאַנצן קלאָר געווען, ער אַליין האָט זייער ערלעך און זייער גע־נוי געוווסט וואָס ער וויל און אָפט צוליב אידעאישע סיבות פאַרלאָזט אַלערליי פּאָסטנס און בשעת מעשה קיינמאָל נישט געטראַכט פון ברויט, כאָטש זאָרגן האָבן אים נישט געפעלט און, אויב איך האָב נישט קיין טעות, זענען אפילו צווייערליי קינדער אין שטוב געווען, פון אַן ערשטער, געשטאָרבענער, פרוי און אַ צווייטער.

צו הערן סטופּניצקין רעדן איז נישט געווען לייכט. אַלע זיינע, אין אַנ־דערע אַרבעטן, אָפט פאַרדרענגטע ליידנשאַפטן זענען דאָ אַרויסגעקומען. איינ־מאָל אָנגעהויבן רעדן, האָט ער שוין גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער, מער פאַר פייער, געוויינטלעך. אויף דער טריבונע האָט ער זיך שוין אָפּגע־דעכנט מיט אַלץ און מיט אַלעמען און פאַר אַלע צייטן און פאַר אַלע לענדער — און סטופּניצקיס ביאָגראַפיע איז געווען נישט קיין קורצע און זייער אַ פאַר־שידנאַרטיקע. און כאָטש סטופּניצקי איז געווען אַ היפש ראַדיקאַלער מענש לויט זיינע אידעען און זייער אַ פּראָגרעסיווער און אפילו אַ ליבעראַלער און טאָלעראַנטער, האָט זיך עס אַ דאַנק זיין שווארצקייט און זיין קליידונג אַלעמאָל געדאַכט, אַז ער איז זייער קאָנסערוואַטיוו, און אַזוי ווי מען האָט נישט געקענט דייטלעך הערן וואָס ער רעדט צוליב דער שוצוואַנט פון די סטופּניצקי־וואָנסעס, דורך וועלכע יעדעס וואָרט זיינס האָט געמוזט אַדורכגעשאָסן ווערן, האָט מען אַלעמאָל געמיינט, אַז ער פּרעדיקט שווארצקייט און מען פלעגט אים אָפּאָנירן מיט אַלע כוחות. און באַלד האָט מען גענומען צוריקשיסן מיט צווישן־רופן, און סטופּניצקי האָט זיך נאָך מער געהיצט און עס איז ממש געוואָרן אַ הייסע שלאַכט. נאָר אַז זי האָט זיך געענדיקט, האָט מען זיך איבערצייגט, אַז סטופּ־ניצקי האָט געוואָלט אַרויסברענגען דאָס זעלבע, וואָס זיינע ליידנשאַפטלעכע אָפּאָנענטן.

דאָס איז געווען אין יאָר 1934, סטופּניצקי — פּאָרזיצער פון שרייבער-פאריין, ביאַליק איז דעמאָלט געשטאָרבן און די לינקע חברים האָבן געהאַט א גאַנג נישט אויפצושטיין ביי טרויער-רעזאָלוציעס נאָך זייערע קעגנער. אויף א זיצונג פון פאַרוואַלטונג; סטופּניצקי בעט זיך אויפשטעלן צוליב ביאַליקס טויט; צוויי לינקע חברים בלייבן זיצן. די מינוט גייט אריבער, מען זעצט זיך צוריק. סטופּניצקי פארשווייגט דעם אינצידענט. ער ווייסט, ער באַנעמט, אזוי איז דאָס. אָבער עס איז זייער א גרויסע און פּערזענלעכע טראַגעדיע פאַר אים און זיינע הענט ציטערן זייער שטאַרק. ער בעט אנטשולדיקונג אויף א מינוט, גייט צום בופעט און נעמט א גלאָז וואַסער. ער באַרויקט זיך סוף כל סוף, קומט צוריק אריין און פירט ווייטער די זיצונג. מיר האָבן די סצענע אלע געזען און שווייגנדיק אָבסערווירט, ביי מאַנכע זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן, און אויך די צוויי לינקע חברים זענען געווען זייער שווייגנדיק און זייער טיף גערירט. אָבער, פאַרפאַלן, דער גאַנג פון דער צייט, אזוי האָט געמוזט זיין.

ביי אונז פלעגט ארומגיין א ווערטל, אז סטופּניצקי קען פאַרמיטאָג שרייבן א טראַקטאַט וועגן די פּראָבלעמען פון דער הערינג-אינדוסטריע, צו מיטאָג א ליריש-פאַרליבטן ארטיקל וועגן זיינע געוועזענע סטודענטן-יאָרן, צו מנחה אַן ארטיקל וועגן דער שטעלונג פון סוחרים-פאַריין צו די נייע שטייערן און צו מעריב א שפּינאָזא-טראַקטאַט. און . . . אין עטלעכע נומערן פון דער וואַרשעווער געטאָ-צייטונג האָב איך געלעזן סטופּניצקיס ארטיקלען וועגן די פּראָבלעמען פון געטאָ-עקאָנאָמיע. ווי וווּנדערבאַר טראַגיש און דערהויבן . . .

1943

צבי פרילוצקי

1862 אין קרעמעניץ, זינט 1905 אין ווארשע, געבליבן און געשטאָרבן אין געטאָ אין יאָר 1942.

צבי פרילוצקי איז געווען א סימבאָל פון דעם באלעבאטישן יידישן ווארשע פון פאר דער איצטיקער מלחמה. דאָס איינציקע, וואָס די דאָזיקע באלעבאטישע יידן אין ווארשע האָבן געוואָלט, איז געווען, אז מען זאָל זיי לאָזן צורו און די וועלט זאָל אזוי ווייטער גיין ווי זי גייט אין דער אייביקייט אריין. דער גרעסטער טייל פון די באלעבאטישע ווארשעווער יידן האָבן גע־ווארט אויף משיחן, אָבער אין דער טיפעניש פון זייער הארץ האָבן זיי בעסער געוואָלט, אז משיח זאָל ענדער קומען נאָך זייער ארייננכאַפּן זיך אין גן עדן אריין. ווארום וואָס האָט זיי געפעלט אזוי אָ, אָן משיחן? צו פריציש האָבן די יידן נישט געלעבט, זיי האָבן נישט געגאַסן די וועלט מיט אָן עקסצעס. זיי האָבן בלויז געלעבט גוט, זייער גוט. געווווינט אין אסך נישט צו גרויסע שטיבער אָנגעפּאַקט מיט שאַפעס און קרעדענצן און באהאָנגען מיט שווערע לאָמפּן. און וועגן אָרימע לייט האָט מען זיך אויך געזאָרגט. ווארשע איז געווען פול מיט אלערליי חברות, און ביי יעדער חברה האָבן זיך געדרייט צענדלינקער מאכערס וואָס האָבן אויך געדארפט פרנסה פאר ווייב און קינדער. זיי זיינען אויך מענטשן. די אָ ווארשעווער יידישע באלעבאטישקייט האָט קיין שום אידעאלן נישט געהאַט, אידעאלן האָבן געהאַט זייערע אייניקלעך, זייערע קינדער זענען שוין אליין געווען באלעבאטימלעך און האָבן שוין אויך קיין שום אידעאלן נישט געהאַט. מען האָט געלעבט פון נעכטן אויף היינט, און פון היינט אויף מאָרגן, און אז גאָט וועט זיין א גוטער וועט מען לעבן פון מאָרגן אויף איבערמאָרגן אויך.

נאָר גאָט איז נישט געווען א גוטער —

און צוזאמען מיט דעם באלעבאטישן יידישקייט פון ווארשע, וואָס ער האָט רעפּרעזענטירט און סימבאָליזירט איז צבי פרילוצקי געבליבן אין ווארשעווער געטאָ. קיין שום ידיעות פון אים זענען נישט געקומען. זיין זון נח פרילוצקי איז אוועק און האָט אפילו אונטער סאָוויעטישער הערשאַפט אין ווילנע א קורצע צייט געמאכט א גרויסע קאריערע, געוואָרן אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָר.

צבי פרילוצקי איז נאָענט צו פינף און דרייסיק יאָר געווען דער אייגנ־טימער און רעדאקטאָר פון דער באלעבאטישער טאָגצייטונג „דער מאָמענט״. און אויך דער נאָמען פון דער צייטונג איז א סימבאָל פון זיין גאנצן וועזן: חיי שעה . . . דאָס איז דאָך די ריכטיקע איבערזעצונג פון: דער מאָמענט. — און די צייטונג זיינע האָט נאָר איין זאך געוואָלט, זי האָט געוואָלט לעבן

בשלום מיט אלעמען און אלע זאָלן זיך אבאָנירן. און ווייזט אויס, אז דאָס איז געווען א ריכטיקע פּאָליטיקע, ווייל די יידן פון ווארשע האָבן זי טאקע אלע כמעט אבאָנירט, די צייטונג איז געווען און געבליבן ביזן לעצטן מאָמענט די פארשפרייטסטע יידישע טאָגצייטונג אין פוילן. דאָרט האָט מען געקענט שרייבן פאר אלץ, אָבער קיינמאָל נישט קעגן. די איינציקע זאך וואָס מען האָט דאָרט געמעגט שרייבן קעגן איז געווען דער אנטיסעמיטיזם און אויך אין דעם פאל האָט מען געדארפט שרייבן מער פאר די יידן ווי קעגן די אנטי־סעמיטן. דאָס איז געווען דער גייסט פון צבי פּרילוצקי. נישט אלע זיינע יאָרן איז ער געווען א רעדאקטאָר. אמאָל איז ער געווען א סוחר, ער האָט געשטאמט פון גרויסע גבירים, שפּעטער איז ער געווען א פרייער זשור־נאליסט, און כאָטש ער האָט אסך געשריבן — נאָך אין ניינצנטן יאָרהונדערט לרוב — איז דאָס אלץ אראָפּ צום דנא פון דער פארגעסנקייט באשווערט מיט דעם שטיין פון דער צייט און אלע האָבן געוווסט, אז צבי פּרילוצקי איז נור א רעדאקטאָר. „פּאניע רעדאקטאָרזשע", אָדער „הער רעדאקטאָר" זענען גע־ווען זיינע ליבסטע טיטולן. בעטן עפּיס ביי אים און אים געדיכט דערביי טיטולירן, האָסטו שוין האלב געפּועלט. און פּועלן ביי אים האָט מען גע-קענט זייער אסך. אָבער קיינער האָט נישט געוווסט צי דאָס איז געווען דערפאר ווייל ער איז אזא גוטער געווען, צי דערפאר ווייל ער האָט געוווסט, אז זאָגן יאָ איז לייכטער און עס פארפליכטעט נאָך אלץ צו גאָרנישט, מען קען נאָך אלץ טון ניין, אָבער זאָגן ניין איז נישט באקוועם און, אז מען זאָגט ניין טוט מען קיינמאָל נישט יאָ. כמעט ווי א זקן האָט ער זיין רעדאקטאָר־קאריערע אָנגעהויבן און אייביק האָט מען אים געקענט ווי א זקן. ס'גאנצע לעבן האָט ער געשטרעבט זיך נישט ווייז צו טון, אלץ ארומצולייגן מיט קישעלעך. ער האָט זיך אויך אַרומגעבעט מיט מענשן, ווייכע ווי קישעלעך. זיין קאָפּ־קישעלע איז געווען זיין רעדאקציע־סעקרעטאר י. י. פּראָפּוס. ער האָט אים אויך גערופן מיט א ווייכן נאָמען: פּראָפּוסל. בנוגע זיין רעדאקציע־פּערסאָנאַל האָט ער געהאט א גאנצע פילאָזאָפיע. — א רעדאקציע, פלעגט ער זאָגן, איז ווי א קלאוויר, און זיין א רעדאקטאָר הייסט קענען שפּילן אויף דעם רעדאקציע־קלאוויר. און אלע קלאווישע דארפן ענפערן, אז מען גיט נאָר א קלאפּ אין זיי. אָט איז געשען א וויכטיקע פּאָליטישע זאך אין ענגלאנד, דארף מען האָבן אן ענגלישן קלאוויש, אן ענגלאנד ספּעציאליסט, א קלאפּ טון און עס זאָל ענפערן. און דער עיקר אלעמאָל שרייבן פאר און נישט קעגן. די גאנצע וועלט איז פאר צבי פּרילוצקי געווען, אָדער געדארפט זיין ווי א שטוב אין ליכט פון א געדעמפּטן אבאזשור. און אלע זאָלן ארומגיין אויף פּאנ־טעפעלעך. נישטאָ זיך וואָס אויפצורעגן. ווייזט אויס, אז פּרילוצקי האָט אפילו דעם מלאך המות אונטערגעחנפט מיט עפּיס און ער האָט אים צו רו געלאָזן,

כאָטש ער איז געװעזן אַלעמאָל אַ חלוש, אַלעמאָל געגאַגט צוקערלעך און מכבֿד געװעזן מיט זײ די אינטערעסאַנטן. און אַזױ װי זײַן טון און זײַן טראַכטן, אַזױ איז אױך געװעזן זײַן אױסזען. אַלץ װײך און נאָכגעביק. װײכע בעקעלעך מיט פֿאַרדעכטיקער ראָזיקײט אױף זײ, אַ װײכע באָרד און נישט קײן צו גרױסע מיט פֿאַרדעכטיקער און צו יוגנטלעכער שװאַרצקײט געמישט מיט שנײ־װײַסער גרױקײט פֿון אַן אורעלטן מאַן און דערצו אַ גלאַנציקע ליסי־נע. — אײנער פֿון די באַליבסטע נומערן אין אונזער ליטעראַרישער קיבע־צאַרניע איז געװעזן נאָכצומאַכן װיאַזױ פּרילוצקי דיקטירט אַ לײטאַרטיקל: ער גײט איבער דער רעדאַקציע אין פּאַנטאָפֿל און דענקט. דער סעקרעטאַר זיצט און האַלט אין אײן טונקען די פּען. ענדלעך קומט דאָס װאָרט פֿון רעדאַקטאָר: „אױף די באַלקאַנען זאַמלען זיך שװערע װאָלקנס . . .” — אױפֿגעשריבן? — יאָ פּאַניע רעדאַקטאָזשע. — מעקט אױס. — „אױף די באַלקאַנען זאַמלען זיך װאָלקנס” . . . — אױפֿגעשריבן? — יאָ. — מעקט אױס. „אױף די באַלקאַנען װערט װאָלקנדיק” . . . און אַזױ אין דער אומענדלעכקײט. ער האָט מורא געהאַט פֿאַרן שאָטן פֿון די װאָלקנס אַפֿילו, אַפֿילו אין זײַנע לײטאַרטיקלען, װאָס זעלטן װער האָט געלעזן . . . אַלעמאָל פּאַר, קײנמאָל נישט קעגן. שאַ, שטיל . . .

1942

לאַזאַר קאַהאַן

1885 אין גאָלדינגען, קורלאַנד. זינט 1906 לאָדזש, וואַרשע. זינט 1926 סטאַביל אין וואַרשע. קלײנע מערב־אייראָפּעישע רײזעס. 1941 שטעקן געבליבן אין שאַנכאַי, כינע, אַנט־לויפנדיק פאַר די נאַציס. דעם 27טן מאַי 1946 געשטאָרבן פון טיפוס אין שאַנכאַי.

זײ זענען אַ מאָדנע ראַסע, די קורלענדער, צווישן ייִדן און צווישן די ייִדישע שרײבער און זשורנאַליסטן. זײ זענען חצי־דײטשן, פּאָלאָווינע־רוסן און גאַנץ גוטע ייִדן: זײער ייִדיש האָט אַ רײן־דײטשע באַלטיש־באַראָנישע פּאָדשעווקע. לאַזאַר קאַהאַן שטאַמט פון אָט דער ראַסע. אָבער אַזױ װי ער איז פון דער יוגנט אָן געװעזן צווישן פּױלישע ייִדן — האָט ער זיך מיט זײ אַסימילירט. װען נישט דאָס, װאָס זײַנע אױגן זענען שטענדיק געװעזן גע־רױטלט — און דאָס האָט עפּיס דערמאָנט, אַז ער שטאַמט פון די שבטים פון די זעקס זין פון לאה'ן, װאָלט זײַן פּנים נישט געהאַט קײן כאַראַקטעריסטישע ייִדישע שטריכן. אַ פּנים װי אַלע פּנימער, װאָס זענען צווישן בלאָנד און שװאַרץ, ברױן און בלױ, נישט קײלעכדיק און נישט שפּיציק.

ער איז אַ לאָדזשער געװאָרן אין פאַרלױף פון די יאָרן און אַ לאָדזשער געבליבן שױן. דערפאַר האָט ער שטענדיק אַביסל געשמײכלט, געגאַנגען אַלע־מאָל נעט אָנגעטון, כאָטש עס איז אַלעמאָל געגאַנגען מאַטעריעל נישט גוט. אָבער אַ לאָדזשער האַלט פּאַסאָן. נישט נאָר אין דער קלײדונג — אױך אין דער דירה. אײנמאָל לעבט מען און אױף יענער װעלט איז נאָך קײנמאָל קײן עק־זעקוטאָר פאַר ניט פּינקטלעך געצאָלטע װעקסלען קײנעם נישט נאָכגעגאַנגען. ער איז נישט נאָר סתם אַ לאָדזשער, לאַזאַר קאַהאַן, נאָר אַ לאָדזשער ייִדישער זשורנאַליסט. װײ, װיפיל צײַטונגען ער האָט רעדאַגירט, װיפיל זאַמלביכער, װיפיל שריפטן און בכלל װאָס האָט ער נישט אַלץ געטון אין זײַן לעבן אױפן געביט פון טינט און פעדער. די לאָקאַלן פון די ייִדישע רעדאַקציעס האָבן אַ שם אױף דער װעלט מיט זײער אָפּגעלאָזנקײט. דאָ קען מען אױף אַ רעדאַק־ציע־טיש געפינען אין מיטן װינטער, אַז מען קערט איבער די פּאַפּירן פון אײן זײַט אױף דער אַנדערער, אַ לעפעלע פון אײַז־קרעם פון מיטן זומער. און װיאַזױ עס האָט אױסגעזען די רעדאַקציע פון לאָדזשער פאָלקס־בלאַט, װאָס לאַזאַר קאַהאַן האָט רעדאַגירט, בשעת איך האָב אים דאָרט אין 1922 באַזוכט, קען מען זיך שױן מערװײניקער פאָרשטעלן. און אַזױ מער װײניקער האָט אױס־געזען דער זאַץ און דרוק און דאָס פּאַפּיר פון דער צײַטונג גופא. נאָר עס איז עפּיס הײמיש געװעזן אין אָט דער צײַטונג. קאַהאַן האָט ליב ליטעראַטור און

טעאַטער און איז געווען גוט־חבר מיט אַלע פּאָעטן פון לאָדזש און וואָס זיי האָבן געוואָלט האָבן זיי געמעגט שרייבן אין זיין צייטונג. אפילו קריכן אויפן טיש. דאָס פּאַפּיר פון דער צייטונג איז געווען גרינלעך, אָדער בלוילעך, אָדער גאָר אַביסל פּיאָלעט — ווייס קיינמאָל נישט. אין די קעפּלעך האָבן זיך דורכגעמישט אַלערליי שריפטן, גרעסערע און קלענערע אין איין וואָרט. און דאָך איז עפּיס היימיש געווען מיט דעם אַלעמען. איז געקומען אַ שרייבער קיין לאָדזש, איז כאַטש הימל עפן זיך, אָט אַזוי ווי די באַזיס פון לאָדזשער יידנטום וואָלט געווען פּאָעזיע־פאַבריקאַציע און נישט טוך־פאַבריקאַציע. נאָר אָן קאַהאַנען וואָלסטו קיינמאָל נישט דערקענט, אַז דאָס איז דער רעדאַקטאָר פון דער דאָזיקער צייטונג. אַזוי זענען די לאָדזשער. קוים האָט ער זיך אָנגעטון דאָס עלעגאַנטע פּיטערל און זיך אַראָפּגעלאָזט פון די לייטער־טרעפּ פון זיין רעדאַקציע אין עפּיס אַ דריטן לאָדזשער הויף, קוים האָט ער זיך דורכגעשטופּט דורך די ליידיקע און פולע פעסער און קאַסטענס, וואָס זענען דאָרט געווען אָנגעלייגט אויף די קיילעכדיק־שפּיציקע ברוקשטיינער און האָט זיך באַוויזן אויף דער פּעטריקאָוער־שטראַסע מיט אירע ווייסגעקאַלכטע, טיפע קאַנאַל־ראָוועס, איז ער שוין גאָר אַן אַנדערער מענטש געווען.

ער איז נישט קיין ציניקער, קאַהאַן, אַדרבא, ער איז אַן אויסגעהאַלטענער מענטש, ער איז אַ פאָלקיסט און אַ יידישיסט, ער איז אַפילו געווען אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, אָבער אַז עס קומט צו שרייבן — האַלט ער — אַז עס איז נישטאָ גאָר אַזאַ זאַך, וואָס זאָל זיין אַן אוממעגליכקייט פאַר אַ מענטשן, וואָס האַלט אַ פעדער. נישט חלילה אין שרייבן קעגן זיין איבערצייגונג. חלילה. נאָר קאַהאַן מיינט, אַז אַ שרייבער קען שרייבן אויף יעדער טעמע. ביי אים איז אויספילן אַ גאַנצע צייטונג אונטער זיבעצן נעמען געווען אַ קלייניקייט. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ פעדער איבער אַ פּאַפּיר — איז זי געגאַנגען. נאַטירלעך, אויב עס האָט נישט געפעלט קיין טינט. ווערטער האָבן קיינמאָל נישט געפעלט. אַ שמייכל — און ער האָט שוין געוווּסט וואָס צו שרייבן.

בטבע זייער אַ גוטמוטיקער, אַ מענטש, וואָס טשעפּעט נישט אַ פליג אויף דער וואַנט — איז ער צוליב זיין לייכטקייט אין שרייבן געווען אַלעמאָל פאַרפלאָנטערט אין פּאָלעמיקעס, וואָס ער האָט זיי ניט געזוכט און ניט געוואָלט. צוליב זיין ווייב, דער שיינער אַקטריסע שושנה, איז ער נאָך דערצו אַלעמאָל געווען אַריינגעפּלאָנטערט אין טעאַטער־אינטריגעס. מיט איין וואָרט: אַ זשורנאַליסט אין פראַנצויזיש־פּאַריזער סטיל אויף דער אָרימער יידישער גאַס אין לאָדזש און אין וואַרשע.

אַ זעקס־אַכט קורצע צושריפטן פון פּרץ'ן צו לאַזאַר קאַהאַנען זענען געבליבן. די קירצסטע בריוו, וואָס פּרץ דער קורץ־בריוו־שרייבער האָט גע־

שריבן . . . איין בריוו לעזט זיך: גוט — מיסטער קאַהאַן. אפילו פּרץ, אין 1908 האָט שוין אין אים דערקענט דעם אויסלענדער . . . מיסטער האָט ער אים גערופן. און ער האָט אים, ווייזט אויס, ליב געהאַט און אים געטרויט ווייל קאַהאַן איז אַן ענטוזיאַסט פון גרויסע מענשן אַלעמאָל.

א צען צוועלף יאָר פאר דעם אויסברוך פון דער צווייטער מלחמה פון וועלטן האָט לאַזאַר קאַהאַן אין וואַרשע רעדאַגירט די דאָרטיקע בולוואַר־צייטונג, „אונזער עקספּרעס״ אַלס איר רעדאַקציע־שעף. אָבער גאָט האָט זיך עפּיס אַנדערע חשבונות. האָט ער דווקא קאַהאַנען פּריצייטיק באַזילבערט דעם קאָפּ און זיין הדרת פּנים האָט זיך עפּיס נישט שטאַרק געפּאַסט צו דער ראָלע פון דעם שעף פון אַ צייטונג, וואָס האַלט אַ ספּעציעל וואַכזאַם אויג אויף די, וואָס האַלטן נישט צו שטאַרק פון זיבעטן געבאָט . . .

איז עס אַ טראַגישער צופאַל בלויז, אָדער עפּיס אַ געזעץ־מעסיקייט אין דעם, וואָס דווקא קאַהאַן מיט נאָך אַ גרופּע פון „אונזער עקספּרעס״ זענען אַריינגעפאַלן, אַנטלויפנדיק פאַר די נאַציס, אַזש קיין שאַנכאַי — דעם אַזיאַטישן פּאַריז . . . אגב האָט מען דערציילט, אַז אפילו דאָרט האָט קאַהאַן אין אַ קורצער צייט שוין באַוויזן אַרויסצוגעבן יידישע צייטונגען, און זיין פּרוּוו צו אָרגאַניזירן אַ יידיש טעאַטער. אַ זשורנאַליסט פון קאָפּ ביז פוס. מעג עס דונערן און בליצן, מעג זיך די וועלט איבערקערן — רעגענען וועט עס מיט יידישע צייטונגען . . . ווי נאָר לאַזאַר קאַהאַן וועט שטעלן אַ פוס.

1945

בערל קוטשער

1893 אין סעמיאַטיטש, גראָדנער גוב. פון קינדווייז אָלע זיינע יאָרן אין וואַרשע. 1939 איבער ביאַליסטאָק זיך געראַטעוועט קיין סאַמאַרקאַנד. 1946 צוריק אין וואַרשע.

די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור וועט וואַרשיינלעך דעם נאָמען בערל קוטשער נישט אַריינעמען, די געשיכטע פון דעם יידישן זשורנאַליזם אין פוילן וואָלט עס אָבער געדאַרפט טון. ער האָט געשריבן אין „היינט" און אין די צייטונגען אַרום היינט. צוערשט האָט ער געמיינט, אַז ער איז אַ הומאָריסט — עס איז מאָדנע וויפיל שרייבער מיינען אין די סאַמע ערשטע יאָרן פון זייערע שאַפן, אַז זיי זענען הומאָריסטן. אורי צבי גרינבערג, דער שפּעטערדיקער דיטיראַמבישער דיכטער, האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע מיט אַריינשטעלן וויצן אין לעמבערגער „טאָגבלאַט". די ערשטע זאַך, וואָס איך אַליין האָב אויפגעשריבן צו מיינע עלף יאָר איז געווען אַ הומאָרעסקע אין העברעיש. כאָטש אין שפּעטערדיקן לעבן האָב איך באַהערשט העברעיש פּונקט אַזוי ווי הומאָר — און פאַרקערט. אָבער בערל קוטשער האָט זיך גאַנץ לאַנג געהאַלטן ביים הומאָר ביז ער האָט אַנטדעקט זיין ערנסט, ער איז אַ שרייבער פון סענסאַציאָנעלע ראָמאַנען. דאָס איז זיין באַשטימונג, דאָס איז זיין גאָט־געבענטשטקייט. וואָרום גאָט — זאָלט איר וויסן זיין — נעמט אַלץ מיט דעם זעלבן ערנסט. אויב אַ דעמאָקראַט — איז גאָט. אַלע מענשן־קינדער באַהאַנדלט ער גלייך און אַלע זייערע טאַלענטן — גלייך.

כאָטש מען האָט אים ווייניק באַמערקט, ווייל ער איז זייער אַ שטילער מענש, האָט אָבער דער, וואָס האָט געהאַט אָפענע אויגן געקענט באַלד זען, אַז בערל קוטשער האָט געהאַט איינס פון די סאַמע אינטערעסאַנטע פּנימער אין די קרייזן פון יידישע שרייבער אין וואַרשע. נישט קיין הויכער, אַ דאַרער, אַ מאָגער פּנים — אָליוו־ברוין — מיט שאַרפע פּנים־שטריכן ווי מעסערס פון דער שטיין־צייט. אַ שאַרפע לאַנגע, ביינערדיקע נאָז און טיפע, שוואַרצע, אַריינגעזעצטע אויגן און דער ערנסט פון זיין פּנים איז ממש גאַרנישט צום באַשרייבן. דערצו האָט אים נאָך געדינט אַ טיפע און געהיימניספולע שטימע. אַז איך פלעג אים זען האָב איך מיר נישט געקענט העלפן, נאָר טראַכטן וועגן אים, אַז ער שטאַמט פון שבט יששכר פון די יידן פון די פאַרלוירענע צען שבטים, וואָס האָבן דאָך איינציקווייז געבלאָנזשעט אין יהודה און זענען נישט פאַרלוירן געוואָרן אינגאַנצן. יאָ פון דעם ביינערדיקן שבט יששכר, וואָס יעקב אבינו האָט אים מיט ביינערדיקייט געבענטשט אין זיינע לעצטע רגעס.

אַז זישע ברייטבאַרד, דער באַרימטער ייִדישער גיבור איז אין די יאָרן 1924־1925 געווען אין וואַרשע און גענומען דעם דאָרטיקן צירק מיט שטורם יעדע נאַכט און געוואָרן דער גרעסטער ליבלינג פון דער שטאָט, האָט בערל קוטשער באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז עפּיס אויך פאַר זיינעטוועגן. זישע ברייטבאַרד וועט האָקן טשוועקעס יעדן אָוונט מיט די בלויזע הענט דורך 7 ברעטער און ער וועט באַשרייבן זיין לעבן פאַרן ברייטן עולם. פון דעמאָלט אָן פלעגט מען זיי כמעט יעדן אָוונט נאָכן צירק זען צוזאַמען אין די ייִדישע רעסטאָראַנען. אָפּט פלעג איך פון דער וויטן אָבסערווירן די סצענע פון די באַגעגענישן. זישע ברייטבאַרדס פּנים איז געווען בלאָנד און מילד און מיד פון לאָזן זיך איבערפאָרן דורך אויטאָמאָבילן, הויבן אָקסן אין דער לופטן מיט הייבערס און רייטן צום טאַקט פון גאָלדפאָדענס בר כּכבא מאַרש אין זיינע רייטוועגן פון האָלץ באַגילדט מיט לייש, וואָס האָט דערמאָנט דאָס גאָלד פון די סוכותדיקע פּאַפּיר־פייגל — און דאָס פּנים פון זיין ביאָגראַף איז געווען שטרענג און שוואַרץ און פול מיט ענערגיע בשעת ער האָט אים פאַרגעלעזן די באַאַרבעטונגען פון זיינע — ברייטבאַרדס — לעבנס־עפּיזאָדן. פון צייט צו צייט האָט דער גיבור געפּריוווט אָפּשטעלן זיין ביאָגראַף, עפּיס האָט אים אין זיין ביאָגראַפיע נישט אינגאַנצן געשטימט אפילו מיט פאַנטאַסטישער ווירקלעכקייט. און ברייטבאַרד האָט געהאַט אַ זין פאַר טעאַטראַלישקייט און סענסאַציע און רעקלאַמע. דעמאָלט האָט אים קוטשער אַ מעסט אָפּ געטון מיט זיין ביינערדיקן ישׂשכר־בליק און דער לעבעדיקער ייִדישער לייב פון דער סמאָטשע־גאַס האָט זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ לעמעלע. נאָך ברייטבאַרדס, אַזוי פּריצייטיקן און טראַגישן טויט זענען זיינע אויטאָביאָגראַפישע ביכער אין קוטשערס באַאַרבעטונג דערשינען און געווען צווישן די בעסט־געקויפטע אין פּוילן. די פּוילישע ייִדן האָבן געבענקט נאָך גופיקער גבורה. ברייטבאַרד האָט זיי צוגעשטעלט די וויזיע צו דער בענקשאַפט און קוטשער האָט די וויזיע באַקליידט אין לעבעדיקע ווערטער.

אין וואַרשע פלעגן די ייִדישע צייטונגען באַנוצן צענדליקער סענסאַציאָנעלע ראָמאַנען. כמעט קיינער פון די צושטעלער פון די דאָזיקע ראָמאַנען האָט זיי נישט גענומען ערנסט, האָט פּשוט ניט געדענקט ביים ווייטערשרייבן וואָס עס איז נעכטן געשען. קוטשער האָט די דאָזיקע אַרבעט זיינע גענומען שטאַרק ערנסט, איינמאָל האָט ער מיר דערציילט, אַז ער לעבט שטאַרק איבער די אויסגעטראַכטע טשודאַטשנע מזלות פון זיינע העלדן. אָפּט פלעגט ער זיך מיישב זיין מיט זיינע זעצערס, זיינע בעסטע לעזער, וויאַזוי ווייטער צו האַנדלען מיט געוויסע העלדן. איינמאָל האָב איך אים געזען שטיין אין אַ ווינקל פון פּאַריין און דיסקוטירן עפּיס זייער פאַרטיפט מיט אַ זעצער. זיין פּנים פון אַ לאַנג־יאָריקן מאַראַן אָדער גאָר פון אַ באמת גלויביקן קריייצריטער, אויסגעמאַ־

טערט פון לאנגען רייטן. איז געווען טויט־ערנסט און ער האָט גערעדט צום זע־צער אן ערך בזה הלשון: איך מוז זי הרגענען — שיינדלען — אזיסט וועט מיר דער גאנצער פּלאן קאליע ווערן. אומזיסט אייער בעטן, איך מוז עס טון, איך האָב נישט קיין אויסוועג . . . ווען די סצענע וואָלט נישט פאָרגעקומען אין מיניסטעריום פון דער פאפירענער זיבעטער מלוכה — וואָלט מען אויס־הערנדיק אזא שמועס געדארפט באלד ברענגען א טוץ פּאָליציאנטן מיט אויס־געשטרעקטע רעוואָלווערן . . . אָבער דאָ האָט זיך עס נאָר געהאנדלט וועגן איינער פון די אומצאָליקע העלדינס פון קוטשערס ראָמאנען. נישט אלע האָבן זיי געהאט די זכייה צוצוקומען לעבעדיקע צום גליקלעכן האפּן פון זיין „העפּי ענד״, ווי דער שטייגער איז פון אזעלכע ראָמאנען. עטליכע העלדן און העלדינס האָבן געמוזט באצאָלן מיטן לעבן. און אפילו דעם זעצערס איינ־שטעלן זיך פאר שיינדעלען האָט דאָסמאָל נישט געהאָלפן.

און מיר איז אלעמאָל ליב געווען צו זען קוטשערס ערנסט צו דער דאָזיקער ארבעט זיינער.מיר איז ליב געווען — ווייל ערנסט הייליקט אפילו די נידעריקסטע מלאכה און ציניזם ווארפט ארײַן אין מיסט ארײַן אפילו דאָס שענסטע ווערק.

ער איז אין אלגעמיין א פעיקער זשורנאליסט, אויך חוץ די ראָמאנען. מען האָט מיר דערציילט, אז אין סאָוויעטישן ביאליסטאָק האָט ער מיטגעארבעט אין די דאָרטיקע יידישע צייטונגען אין די יאָרן 1940 און 1941.

1944

משה־מיכל קיטאַי

1886 אין ריגע, קליינע רייזעס אין מערב־אייראָפּע, גע־
וווינט אין צענדלינקער שטעט אין רוסלאַנד, לרוב אין
ריגע, די לעצטע יאָרן אין וואַרשע, געשטאָרבן אין קוויבי־
שעוו, אויגוסט 1942.

אויב א יידישער שרייבער קען האָבן בכלל די נשמה פון א באַנטשע שווייג — איז משה־מיכל קיטאַי געוועזן דער אויסדערוויילטער, וואָס אין אים איז אָט דער גילגול אריין.

אלע האָבן אים ליב געהאט, אָבער אין דער ליבע צו קיטאַין האָט קיינער גאָרנישט געדאַרפט מקריב זיין ווייל משה־מיכל קיטאַי האָט קיינמאָל גאָר־נישט נישט געפאָדערט פון קיינעם. און אפשר האָבן אים דערפאַר אלע אַזוי ליב געהאט. און ליב געהאט האָט מען אים אויך נישט מיט היץ, נאָר אַזוי זיך.

נישטאָ קיין איין יידישער שרייבער. וואָס זאָל נישט רעדן קיינמאָל קיין רכילות און זאָל נישט זיין קיין אָביעקט פון רכילות פון אנדערע. אפילו די, וואָס רעדן זיך איין, אַז נישט זיי רעדן און נישט זיי ווערן בארעדט, אפילו די ווערן אויך בארעדט און באַרעדן אליין אנדערע.

און משה מיכל קיטאַי איז געוועזן די אויסנאַם, וואָס האָט באַשטעטיקט די רעגל, אַזוי ווי עס איז דאָך נישטאָ קיין רעגל אָן אן אויסנאַם. נישט ער האָט ווען עס איז אויף וועמען עס איז גערעדט א בייז וואָרט און נישט מען האָט אויף אים גערעדט א בייז וואָרט.

און ער איז דווקא נישט אַזא לעמעלע געוועזן. ערשטנס האָט ער אָנ־טיילגענומען אין פּאָליטישן לעבן און גאַנץ דרייסט ארויסגעוויזן זיינע לינקע סימפּאַטיעס און נישט זעלטענער אויך זיין קריטיק פון איבערגעטריבענער אָדער אויסגעקרימטער לינקשאַפט. צווייטנס איז ער געוועזן זייער אָפּגעהיטן אין זיין ליטעראַרישן געשמאַק. כאָטש געשריבן האָט ער אליין אויף אלע געביטן, האָט ער קיין פּרעטענסיעס נישט געהאַט, צום ווינציקסטן האָט ער געהאַט פּרעטענסיעס מיט זיינע בעלעטריסטישע ארבעטן, זיינע יוגנט־זינד, די לידער און זיינע שפּעטערדיקע בעלעטריסטישע זינד, די דערציילונגען. דריטנס איז ער זייער אָפּגעהיטן געוועזן אין דער ליטעראַרישער און זשור־נאַליסטישער עטיק. קיינמאָל קיין וואָרט נישט געשריבן, וואָס איז געוועזן קעגן זיינע איבערצייגונגען אָדער קעגן זיין געשמאַק. א זשורנאַליסט איז ער אלע זיינע יאָרן געוועזן לויט דער פּראָפעסיע, באוויזן דעם קונץ־שטיק כסדר צו וואַשן דעם פּעלץ און קיינמאָל אים נישט נאַס צו מאַכן, פּאַראַפראַזירנדיק דאָס פאָלקס־ווערטל . . .

אָט איז ער: אַן אונטערמיטלוווקסיקער, א שוואכער און אביסל איינגע־בויגענער, מיט דראָבנע פּנים־שטריכן, א שווארצער, אביסל אַן איינגע־קוועטשטע נאָז, מיט ברילן און רעדט שטיל און גיך און מיט א געמיש פון זיבן יידישע אקצענטן ,אלעמאָל אביסל דייטשמעריש, ווייל ער איז געווען א ריגאענזער. מיט קיין משפחה — אויב איך האָב נישט קיין טעות — איז ער נישט פארבונדן געווען, יעדנפאלס האָב איך אים קיינמאָל אין א משפחה קרייז נישט געזען — קיטאַין. און איינזאם איז אויף דער וועלט, פלעגט ער זוכן כסדר געזעלשאפט פון אנדערע היימען אָדער ער פלעגט א גוטן ברודער איינלאדן צו זיך אויף א בחוריש גלעזל טיי,אָדער צום ליבסטן איינלאדן זיין גאסט אין א קאפע־הויז. און האָט ער איינעם איינגעלאדן צו זיך אין הויז, האָט ער דעם גאסט געלאָזט שטיין א פּאָר מינוט אין דרויסן כדי ווי נישט איז צוצוווארפן דאָס בעט און א קער טון די שטוב מיט א שמיר פון א בעזים, אָבער די אָנגעוואָרפענע פאפירן זענען געבליבן אויפן טיש און די אומ־צאָליקע מונשטוקן פון ציגארעטן.

אלץ האָט משה־מיכל קיטאַי געקענט טון אויפן געביט פון דער זשורנא־ליסטישער ארבעט, אזוי ווי דאָס „טישעלע דעק דיך'' פון גרימס מעשהלעך. טאָמער האָט מען געדארפט עפּיס איבערזעצן פון וועלכער נישט איז שפראך, טאָמער אן ארטיקל וועגן א שרייבער, וואָס עס איז נישט אזוי לייכט אָנצו־שרייבן טאָמער א רעצענזיע פון א בוך, וואָס עס איז נישט אזוי לייכט איבער־צולעזן, טאָמער האָט מען געדארפט אוועקפאָרן פון רעדאקציע אויף א פּאָר טעג — קיטאַי. קיטאַי וועט דאָס שוין מאכן. נאָר קיינמאָל וועט קיטאַי גאָר־נישט מאכן אויב דאָס איז קעגן זיינע איבערצייגונגען. ער איז די אָרנטלעכ־קייט אליין. דעמאָלט וועט ער גאנץ פשוט זאָגן — ניין — און וועט דעם פאַרשלאָג־געבער איינלאדן אויף א גלעזל קאווע בעסער.

נאָך איידער איך האָב קיטאַין געקענט — און באגעגנט האָב איך אים דאָס ערשטע מאָל אין ריגע אין יאָר 1932 — האָב איך מיך אָן א שיעור וועגן אים אָנגעהערט פון י. י. זינגערן, מיט וועמען קיטאַי איז געווען נאָענט בא־פריינדעט אין די שווערע מהומה־יאָרן אין רוסלאנד פון 1918 ביז 1920. און אין מיין פאנטאזיע האָט זיך עפּיס אויסגעארבעט א מגושמדיקער ייד מיט א פּנים פון א כינעזישן כונכוז — דאָס איז צוליב'ן נאָמען „קיטאַי'', וואָס דאָס הייסט אויף רוסיש: כינע — און זייער אן ערלעכער, וואָס איז גרייט דורס צו זיין פאר ערלעכקייט. און ווי איבעראשט בין איך געווען טרעפן קיטאַין אין דער הויכציוויליזירטער, אביסל אייראָפּעיש בלאזירטער סביבה פון ריגע מיט די עכט־ווינער קאפע־הייזער, וואָס מיט זיי איז פול געווען די אלטע באל־טישע באראָנען־שטאָט. און קיטאַי איז פארליבט אין ריגע און ריגע האָט אין יענע יאָרן געלעבט זאָרגלאָז ווי א לעביונג, וואָס דארף זיך א לאדע טאָג אריינ־

ליגן אין א טויטן־בעט... און די יידישקייט האָט דעמאָלט אויך געבליט אין ריגע, שולעס, גימנאַזיעס, די לעטישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט נאָך געריטן אויפן פערדל און דער גייסט פון דעם נאַציאָנאַלן דיקטער־פּאַר ריינעס און אספּאַזיע, לעטלאַנדס גייסטיקע באַפרייער, האָט נאָך געשוועבט איבער דער שטאָט. און קיטאַי פירט מיך איבער די אַלטע קלויסטערס פון ריגע און ווייזט מיר די מוזעען און ער זאָגט מיר, אַז אַזוי ווי קיין גרויסע פּרעטענסיעס האָט ער קיינמאָל נישט און קיין גרויסע ווערק וועט ער שוין נישט שרייבן, וועט ער שוין דאָ אויסלעבן זיינע יאָרן און צוזאַמענשטעלן כאָטש איין באַנד פון זיינע בעסטע עסייען, עס זאָל כאָטש בלייבן א סימן, אַז עס האָט אויך געלעבט און גע־שריבן משה־מיכל קיטאַי . . .

א פּאָר יאָר שפּעטער האָב איך אים שוין געטראָפן א נע ונדן אין וואַרשע, די ריגער באַראָנען זענען שוין אויפגעשטאַנען תחית המתים און וואָס עס האָט זיך געקענט ראַטעווען האָט זיך גיך געראַטעוועט. וואָס עס לאָזט זיך האָט ער דאָ געטון; צוליב דער אָפּוועזנהייט פון נחמן מייזילן האָט ער, קיטאַי'ש, באַנטשע־שווייגיש, יאָרן־לאַנג אַנאָנים רעדאַגירט די „ליטעראַרישע בלעטער". — און נאָך יאָרן, און עס קומט צו מיר קיטאַיס ברודער אין ניו־יאָרק, קיטאַי בעט מען זאָל אים ראַטעווען, ער איז אין שוועדן; פון דאָרט איז ער אַוועק אין ראָטן־פאַרבאַנד, דעם לאַנד פון זיינע סימפּאַטיעס און איצט גריסט ער זיך שוין מיט דעם אמתדיקן באַנטשע שווייג אין הימל.

1942

נאטאן שוואלבע

1883 אין לובלין. זינט פריער יוגנט אין ווארשע. מערב־אייראָפּעישע רייזעס. אין יאָר 1939 זיך געראטעוועט אין ראטן־פארבאנד. געשטאָרבן אין די מלחמה־יאָרן.

כאָטש שוואלבע האָט נאטירלעך אויך געשריבן יידיש און זיך — פאר־שטייט זיך — גערופן נתן, האָט ער אָבער אליין דער עיקר געלייגט א געוויכט אויף זיין זשורנאליסטישער טעטיקייט אין פויליש, וואָס ער האָט אונטערגע־שריבן אָדער בלויז נ. שוואלבע, אָדער נאטאן שוואלבע. נאטאן פאסט זיך צו אים בעסער ווי נתן—און, אגב דערמאָנט עס: נאטאן דער וויזע פון לעססינג... און אָט אזוי געדענק איך אים פון די פּאָר צענדלינק יאָרן און ווארשע: א מיטלהויכער, א מאָגערער, זייער א ברונעטער, זייער א טונקלע הויט, נישט נעגראיד, חלילה, נאָר גיכער מאוריש, שוואלבע איז זיכער אן אייניקל פון די מאראָנען, וואָס האָבן געוואנדערט איבער אייראָפּע און זיך באזעצט אין לובלין. זיינע פנים־שטריכן זענען זייער פארשפּיצט, שמאָל און עלעגאנט, אויך די שמאָלע הענט זענען עלעגאנט, נישט מענליך — נאָר פּרינצליך. אזעלכע הענט זעט מען אָפט אויף דינאסטישע פאמיליען־בילדער ארויס־קוקן פון באשפּיצטע בוף־ארבלען, ווי אויך מענער פלעגן זיי טראָגן אין 17טן און אכצעטן יאָרהונדערט. און שוואלבע האלט זיך מעשה אריסטאָקראט, ער טראָגט א רינג, אָדער צוויי אויף די דינע פינגער און כאָטש ער הערט אויס יעדן, מען ראדף דאָך זיין העפלעך, ענפערן ענפערט ער נישט יעדן מענש, וואָס ווענדט זיך צו אים. יידיש קען ער פונקט אזוי ווי מיר אלע, נאָר ער רעדט מיט אזא אקצענט, אזוי ווי ער וואָלט שוין זינט דריי דורות די שפראך נישט באנוצט. דערצו רעדט ער יידיש אביסל אונטער דער נאָז, מיט אביסל פאראכ־טונג. און ער פאראכט נישט יידיש, אדרבא, ער איז א רעאל־פּאָליטיקער און ער ווייסט דעם ווערט פון יידיש פאר די מאסן, אָבער וואָס די מאסן דארפן — מוזן דאָך נישט דווקא דארפן אויך די פירער, די גייסטיקע פון די מאסן. ער פערזענליך וואָלט זיך גרייליך געקענט באגיין אָן יידיש. ער מאכט נישט קיין סוד פון דעם. ער קוקט זיך אויך צו צום גאנג און דער אנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראטור, ער כאַפּט אפילו אמאָל אין א זייטיקן מאָמענט, צוליב נייגעריקייט ווו מען האלט דאָרט, א זייטיקן בליק אין א יידיש ליד אָדער יידישער נאָוועלע — אָבער דאָס זענען אלץ זייטיקע זאכן פאר אים. דאָס געהערט צום סך־הכל בילד פון יידישן לעבן — און ער איז דאָך א יידישער וואָרט־פירער — אָבער צו אים פערזענליך האָט עס נישט קיין שייכות.

כאָטש ער — נאטאן שוואלבע — איז א ציוניסט נעמט ער דעם ענין מער

פילאָזאָפיש ווי רעאַל. אים געפעלט מער די קונסט פון דער פּאָליטיק ווי די רעאַליטעט אירע. און ער איז אַ פּאָליטיקער פאַר עקסעלאַנס. כל זמן עס זענען קיין פויליש־יידישע צייטונגען נישט געווען האָט ער געאַרבעט אין יידיש־יידישע צייטונגען, אָבער אַזוי גיך עס איז אַנטשטאַנען די פויליש־יידישע טאָג־צייטונג דער „נאַש פּשעגלאָנד" איז ער געוואָרן איינע פון די דריי זיילן פון דער דאָזיקער צייטונג. נאָטאַן שוואַלבע, יאַקאָב אַפּענשלאַק און סאַול וואַגמאַן. געווייינטלעך האָט יעדער איינער פון דעם טריומווירעאַט געשטעלט זיין נאָמען צוערשט אין זיינע געדאַנקען. ער האָט עפּיס אויפּריכטיק אַריסטאָקראַטיש־שטאָלצעס געהאַט אין זיך, שוואַלבע, וואָרום ער האָט קיין־מאָל נישט — אויף וויפיל איך וויס — זיך געמיט מיטצואַרבעטן אין נישט יידישע פוילישע צייטונגען. אים איז געפעלן געוואָרן זיין ראָלע פון צו זיין דער זשורנאַליסט-פּאָליטישער אַמבאַסאַדאָר פון דעם פוילישן יידנטום אין דער נישט יידישער זשורנאַליסטישער וועלט. אין סעים איז ער נאַטירלעך געווען אַ בן בית, אויך אַ שטיקל בן בית אין געגנף, דעם צענטראַלן זאַמל־פּלאַץ פון אַלע שוואַלבעס פון דעם פעלקער־געזעמל פון אייראָפּע; און כאָטש זיי זענען דאָרט נישט איין שוואַלבע, נאָר צענטויזנט געווען, האָבן זיי דעם פרילינג פון שלום דער וועלט — ווי באַוווסט — נישט געבראַכט.

שוואַלבע האָט ליב צו פאַרברענגען אין שרייבער־קלוב. כאָטש ער ווייסט, אַז ער—דער געבוירענער פּאָליטיקער, און יעדער פּאָליטיקער האַלט זיך אַליין פאַרן אמתן רעאַל־פּאָליטיקער — שטייט מיט ביידע פיס אויף דער סאָלידער ערד און זיי דאָ שוועבן אין די בטלנישע הימלען, פּאַסט עס אָבער פאַר אַן אמתן פּאָליטיקער צו זיין אַביסל באַהעמיש געשטימט אויך. דאָ חברט ער זיך אין דער ערשטער רייע מיט די אַנדערע פּאָליטיקער, וואָס האָבן ליב די פּאָליטיק אויך מער צוליב דער קונסט ווי צוליב דעם רויען לעבן, וואָס שטייט הינטער איר. דר. גאָטליב, נאָמבערג. אַז נאָמבערג דערזעט שוואַלבען טראָגט ער באַלד זיין גלעזל טיי אַריבער צו יענעמס טיש. און כאָטש נאָמבערג רעדט מיט אַזאַ אַקצענט פויליש, אַזוי ווי ער וואָלט געלערנט גמרא אויף פויליש, רעדט ער מיט שוואַלבען נאָר פויליש. — צאָ סליכאַטש נאָוועגאָ נאַ שוויעטשיע — פּאַניע רעדאַקטאָזשע? — וואָס הערט זיך עפּיס נייעס אויף דער וועלט, הער רעדאַקטאָר? און זיי קריכן באַלד אַריין אין די שלשלתן פון דער פּאָליטיק. און גוטמוטיק וואַרפט צו פון צייט צו צייט איינער דעם אַנ־דערן. פאַן יעסטעש דורניעם — אָדער פאַן יעסטעש אָסלעם — איר זענט אַ נאַר, איר זענט אַן אייזל. אָבער זיי ווערן נישט ברוגז. אויך דאָס באַלאַנגט צו דער פּאָליטיק דזשענטעלמעניש צו פאַרטראָגן אַזאַ מין וואָרט, אַבי מען זאָגט זיך פאַן יעסטעש דורניעם, דער האַר איז אַ טיפּש.

אין דער אמתן איז פּאָליטיק — און דער עיקר די פּאָליטיק פון די זשור־

נאַליסטן — נישט מער ווי די שוים פון די אמתע, שווערע כוואַליעס פון די רעאַליטעטן· טאַקע בפירוש נאָר די שוים. און אַזוי ווי דער וואָס שפּילט זיך מיט אַביסל שוים ביים ברעג ים קען קאָנטראָלירן דעם גאַנג פון די כוואַליעס, וואָס ווערט קאָנטראָלירט פון גראַוויטאַציע־געזעצן אין וועלכע אפילו דער קאָסמאָס איז אַריינגעפלאָכטן, אַזוי האָט געקענט אַ יידישער פּאָליטישער זשור־נאַליסט האָבן אַן איינפלוס אויף דעם אָנקומען פון דער גרויסער יידישע טראַ־געדיע אין פּוילן . . . אָבער ווען דו וואָלסט עס געזאָגט שוואַלבען אַזוי אַרום 1930, דער עיקר, ווען ער איז נאָך פּונקט צוריקגעקומען פון גענף און געזען פון דער נאָענט זיינע גרויסע קאָלעגן אין דער וועלט־פּאָליטישער זשורנאַ־ליסטיק, וואָלט ער דיך פּשוט אָפּגעמאָסטן מיט זיין שפּיציקסטן בליק פון זיין שפּיציקן פּנים און דיר אפילו קיין איין־טראָפּיק וואָרט נישט געשענקט. דאָס וואָרט „נאַר״.

ווי אַ פילם האָט זיך דאָס אַלץ דורכגעדרייט: 1933, 1938, 1939 — און שוין איז אויך שוואַלבען, דעם רעאַל־פּאָליטיקער, קלאָר געוואָרן אַז אויך קיין שוים איז דאָס ביסל שוים אין זיינע הענט שוין נישט מער, עס איז שוין בלויז אַביסל שמוציקע פייכטקייט. 1940. אין די צייטונגען אַ ידיעה אַז ער אַרבעט ווי אַ בוכהאַלטער אין אַ צוקער־פאַבריק אין טיף־רוסלאַנד. בילדונג האָט ער געהאַט אַסך, איז זי צונויף־געקומען.

1941

ברוך שעפּנער

1894 געב. אין טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצקי. זינט קינדהייט אין לאָדזש. 1922 — וואַרשע. 1941 איבערן ווייטן מזרח גע־קומען קיין אַמעריקע. רייזעס אין מערב־אייראָפּע, אַר־גענטינע.

זיי זיינען אַלע אַזוי — די לאָדזשער — עפּיס אַן אומרויקייט גייט מיט זיי, לויפט פאַרויס אַפילו פאַר זיי. אַז שעפּנער האָט געדאַרפט ערגעץ אַריינקומען איז די גאַנצע שטוב געוואָרן עפּיס אומרויק נאָך איידער ער איז אַריין. אַפילו אין זיין הומאָר — און ער איז איבעריק פול מיט הומאָר און מיט וויץ — איז פאַרהאַנען אַ פלאַטערדיקע אומרויקייט. עפּיס אַ כאַפּעניש. אַז שעפּנער רעדט מיט דיר האָט ער אַ טבע דיך כסדר אַביסל צו טאָרען ביים אַרבל, כסדר דיך אויפצוועקן, כאָטש דו ביזט זייער וואַך און הערסט זיך זייער געַנוי און מיט אינטערעס צו, וואָס ער רעדט צו דיר. און עס איז אינטערעסאַנט צו הערן ווייל שעפּנער איז אַלעמאָל אָריגינעל. ביליקן וויץ האָט ער פיינט, פון ציניִשן וויץ איז שוין אָפּגערעדט.

אין זיינע פעלעטאָנען — וואָס זענען רעגולער דערשינען אין פאַרלויף פון יאָרצענדליקער אין דער וואַרשעווער בונדישער פאָלקסצייטונג — איז געקומען צום אויסדרוק דער עילוי פון בית המדרש און דער גרינטלעכער וועלטלעכער אויטאָדידאַקט פון דעם יידיש־פּוילישן דור פון דעם אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט. שעפּנער האָט זיין גרונטיקן יידישן וויסן קיינמאָל נישט אוועקגעוואָרפן ווי אַ שאָלעכץ אָן איבעריקע, אַדרבא, ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז גראַד דאָס איז דער קערן און געזוכט האָט ער דווקא אַ צוגע־פּאַסטע אייראָפּעישע-יידישע שאָלעכץ פאַר אָט דעם קערן . . . אין זיינע פעלעטאָנען פלעגט ער דערלאַנגען אמתן יידישן סאָציאַליזם, קאַרל מאַרקס מיט ישעיהו הנביא . . . מיט אָט דעם צוגאַנג פלעגט זיין וואָרט זיך לייכט אַריינ־רייסן אין די סאָלידע פעסטונגען פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע. נישט נאָר פלעגן אים די יידישע אַרבעטער לעזן מיט גרויס נחת, נייערט אויך די „פּועלים" פלעגן יידישלעך לעקן די פינגער פון זיינס אַ וואָרט. און פּונקט ווי דאָס געשריבענע וואָרט זיינס אַזוי פלעגט מען נאָך מער אויסכאַפּן דאָס גערעדטע וואָרט זיינס, דאָס דירעקט גערדרשנטע, און איך נוץ דאָס וואָרט דאָ אין בעסטן זינען. יעדן דינסטיק־מיטוואָך פלעגן אין וואָרט־צימער פון „טלמאַצקיע 13" זיצן יונגע לייט פון דער פּראָווינץ אויף צו אַנגאַזשירן רעד־נערס אויף שבת. אַז שעפּנער איז אַריינגעקומען און דערזען די וואַרטנדיקע און דאָ און דאָרט איז שוין אָנגעגאַנגען דער דורכשמועס, דאָס דינגען זיך מיט אַ

שרײַבער, א רעדנער — איז דאָס ערשטע וואָרט זײַנס געווען: — אהא, דער שקלאפּן־מארק האָט זיך שוין אָנגעהויבן . . . און עס האָט טאַקע אביסל אויסגע־זען ווי א האנדל מיט מענשן. אָט זיצט א גרופּקע אין ווינקל, צוויי דעלעגאטן און דער פּראָספּעקטיווער רעדנער. מען קומט אָבער נישט דורך. דער רעדנער גייט אריבער צו אן אנדערער דעלעגאציע און די פריערדיקע דינגט זיך שוין מיט אן אנדערן קרבן . . . איינער פון די מייסט־פארלאנגטע „שקלאפּן" ביי אָט דעם מענש־האנדל איז געווען טאַקע שעפּנער אליין. נישט איינמאָל פלעגט ער אין אזא סוף־וואָך אין דריי שטעטלעך צו דרשנען. און נישט זעלטן שוין די קומענדיקע וואָך אין די זעלבע דריי שטעטלעך נאָך אמאָל.

ער האָט ליב די פּאָלעמיק, שעפּנער, אָבער גראד דאָס געביט פון זײַן שארפער און אומרויקער פעדער האָב איך נישט שטארק ליב געהאט. נישט דער־פאר ווייל איך האָב פּערזענליך דערפון אמאָל געליטן, גראד דאָס איז כמעט קיינמאָל נישט פאָרגעקומען, צו נאָענטע פריינט זענען מיר געווען, נאָר ווייל ער פלעגט אין די פּאָלעמיקעס צו פּערזענליך אטאקירן. דאָס האָט ארויס־גערופן פּערזענליכע קאָנטרא־אטאקעס, נארישע דערמאנונגען פון חטאות־נעורים — און שנאות פלעגן זײַן דער רעזולטאט, פּערזענליכע שנאות, וואָס האָבן קיין שום שייכות נישט צום פּעלעטאָניסט־קריטיקער פון דער סאָ־ציאלער אָרדנונג. אָפט האָט זיך שעפּנער מיט זײַן־גאלאָפּ־נאטור, וואָס איז אזוי לאָדזשעריש, פאָרגאלאָפּירט אין אָט די פּאָלעמיקעס; טיף אין הארצן באַלד חרטה געהאט, אָבער שוין ווייטער געמוזט בראָדזשען. גאָר באלד פלעגט ער זיך איבערבעטן מיט אזא אטאקירטן. גאָר באלד פלעגט ער אים אפילו ליב באקומען — און ליבע נאָך האס איז טאָפּלט ליבע ווי מיר ווייסן עס פון דריטן טייל פון ספּינאָזאס „עטיק". פלעג איך אָפּט טענהן מיטן גאנצן הארץ: שעפּנער, צו וואָס דארפסטו דאָס? ווי א שיכור פלעג ער אין די ניכטערנע מינוטן צוזאָגן: קיינמאָל מער — און ווי א שיכור איז ער מאָרגן־איבערמאָרגן ווידער געווען פארוויקלט אין אזא פּאָלעמיק. אָבער דאָס האָט קיינמאָל נישט פארטונקלט זײַנע אומפארגלייכליכע פּעלעטאָנען, וואָס זענען אלעמאָל געווען פונקט אזוי דידאקטיש ווי קינסטלעריש. דערצו האָט ער א בויגעוודיקע, רייכע שפּראך.

אָט פליט ער אריין אין דער קאָנצעלאריע פון שרײַבער־פאריין — יאָרן־לאנג פלעגן מיר דאָרט צוזאמען ארבייטן, ער אלס ספּעציעלער סעקרעטאר פון דער פּראָפעסיאָנעלער סעקציע, איך אלס אלגעמיינער סעקרעטאר — איילעניש און אומרו מיט אים, אלץ אין אים באוועגט זיך, די ברילן גלאנצן שארף, די אביסל צו ווייט צעשטעלטע אויגן פול מיט פרעגן, די כאראקטעריס־טישע לוקן אין דער שורה פון די אויבערשטע ציינער פול מיט ענפערן, כאָטש ניט געפרעגטע נאָך, ער איז אביסל איבערמיטל־הויך, מאָגער, ער ווייסט,

אַז ער האָט נעכטן אין אײַלעניש אַלע זײַנע פּאַפּירן אַ וואָרף געטון און ער איז אומרויִק ווײַל ער וועט הײַנט מוזן מאַכן אָרדנונג. אָבער ער געפינט אַלץ אין אַ פּערפעקטן סדר און יעדן טאָג פאַרוואָרפט ער מיך מיט לויב און ראַנק דערפאַר. אַז מיר האָבן זיך אין אײן אומעטיקן דעצעמבער־אָוונט אין 1934 בײַ אַ קלײנער מסיבה אין װאַרשע געזעגנט און איך בין פון װאַרשע אויף אײביק אַוועק, אַוועק מיט דער איבערצײַגונג, אַז אין װאַרשע איז אַלץ פאַר ייִדן געענדיקט, האָט מיר דער בונדיסטישער דובנער מגיד (און אין בעסטן זינען זאָג איך עס, עס איז אַ גרויסער קאָמפּלימענט) געענטפערט מיט אַ משל: עס איז אַ משל מיט מײַן שופלאָד אין ליטעראַטן־פאַרײַן. אַז איך, דער אומרויִקער, גיב דאָרט אַ וואָרף אַרײַן די פּאַפּירן ווערט דאָרט באַלד ענג ווי אין אַ הערינג־פּעסל, נאָר אַז ראַוויטש גיט דאָרט אַ מאַך אָרדנונג ווערט געראַמיק . . . אין פּױלן איז נאָך דאָ פּלאַץ פאַר צענדליקער מיליאָנען פּאָלאַקן און מיליאָנען ייִדן, נאָר מען דאַרף איבערמאַכן די אָרדענונג . . . פון דעם משל האָב איך דווקא געהאַלטן, נאָר פון נמשל — נישט און בין אַוועק אין מײַן וועג אין דער וועלט. און אַז מיר האָבן זיך אין 1943 אין מאָנטרעאַל דורך אַלערלײ צופאַלן באַגעגנט האָב איך מיך נישט אײַנגעהאַלטן, איך טאַקט־לאָזער, און האָב אַ שאָט געטון אַביסל זאַלץ אויף דער וווּנד פון מײַן פרײַנט שעפּנער און דערמאָנט זײַן הערלעך משל . . .

איז דאָס אַלץ וועגן שעפּנערן? זיכער נישט. כאָטש הונדערט אַנעקדאָטן בין איך נאָך שולדיק געבליבן. און עס וועט שוין, דאַכט זיך, קײנמאָל נישט קײן צײַט זײַן זײ „אין פרײַדן” צו דערצײלן. שעפּנער וואָלט אַלײן געדאַרפט קרוינען זײַן לעבנס אַרבעט מיט אַן אויטאָביאָגראַפיע.

1943

פּאַרטײ, געזעלשאַפטלעכקייט

נתן בוקסבוים

1890 אין לעמבערג, זינט 1921 אין װאַרשע, רײזע קײן אַמעריקע, אָקטאָבער 1944 אומגעקומען דורך די נאַציס.

א פּאָר שריט הינטער דער שײנער קאַראָלאַ לודוויקא־גאַס (אַזוי האָט זי גע־הייסן נאָך אין די עסטרײַכישע צײַטן, אין די אמתע גאַליציאַנער צײַטן, שפּעטער האָט זי געהייסן לעגיאָנאָוו) מיט דעם גרויסן שטאָטישן טעאַטער פון איין זייט און דעם מיצקיעוויטש־דענקמאַל פון דער אַנדערער זייט איז געווען א גע־ווימל פון יידישע געסלעך אין קליין־פּאַריז פון מזרח גאַליציע, אָדער לעמבערג. אויף אָט די געסלעך האָט געדרוישט מיט יידיש לעבן — כאָטש דער אמתער געדרויש פון יידיש לעבן איז געווען גאָר אויף דער אַנדערער זייט פון דער קאַראַלאַ לודוויקא, מיטן באַרימטן לעמבערגער „הינטער דער שיל" און דעם שיל פון דער גאָלדענער רויזע און דער שיל מיט דער קונע. אַנטקעגן דעם גרויסן טעאַטער, שוין נאָענט צו דער גראָדעצקא־גאַס איז געווען דאָס קאַפע אַבאַציא, דאָס קאַפע פון די אַקטיאָרן און שרייבער פון יידישן לעמבערג. אָבער דאָס פּראָלעטאַרישע יידישע לעבן און אויסלעבן זיך אין לעמבערג איז פאָרגעקומען אין די קליינע מלעטשאַרניעס אין די געסלעך הינטער דער הויפּט־גאַס. איינע פון די מלעטשאַרניעס האָט באַלאַנגט צו די בוקסבוימס. דאָרט זענען געווען עטליכע זין און יעדער האָט געצויגן אין אַן אַנדערער ריכטונג, און אַנטאָני, דער עלטסטער האָט געצויגן אין דער ריכטונג פון פּועלי ציון. ווי קליין ער איז געווען אַזאַ פייערדיקער רעדנער איז ער געווען. כאָטש ער האָט געהאַט א לאַנגע יידישע נאָז און דערצו א נידעריקער אין וווקס, וואָס דאָס טראָגט ביי צו דער יידישער כאַראַקטעריסטיק, האָט ער אויסגעזען ווי א שייגעץ; צו בלאָנד און צו בלוי־אויגיק און דערצו אַזאַ האַרטע אויסשפּראַך און אַזאַ פּעלערלאָזער ספּעציפיש־לעמבערגער פּויליש. א פּוילישער אַנטעק . . . און אַנטאָני האָט ער טאַקע געהייסן אין די דאָקומענטן אַפילו. אַז ער איז געוואָרן אַקטיווער אין דער פּאַרטיי פון די פּועלי ציון האָט מען ווי נישט איז אויסגעפינען פון זיין פּאָטער, אַז ער האָט אויך א יידישן נאָמען און ער האָט זיך אָנגעהויבן צו רופן נתן. אָבער אַז עס איז געקומען צום אונטערשרייבן אַן אָפיציעלן דאָקומענט האָט ער זיך געמוטשט אונטערשרייבן אַנטאָני. יידישקייט נוסח גאַליציע.

נישט צו זיין א פועלי ציון און אריינצוקומען אפעסן א בולבע-גריץ מיט א פּאָר שטיקער ברויט אין בוקסבוימס מלעטשארניע איז געווען ממש א לעבנסגעפאר. א לעבנסגעפאר אנטקעגן דער נשמה און נישט אנטקעגן דעם גוף. ווארום אנטאָני האָט פשוט נישט געקענט באנעמען וויאזוי מען קען זיין א ייד, און דערצו א יונגער און נישט זיין קיין פועלי ציון. און א סטודענט־יוריסט איז ער געווען, און א מויל אויף שרויפן האָט ער געהאַט, און גע־רעדט האָט ער איינטאָניק און זייער הויך און ארגומענטן פלעגט ער שיסן ווי קאַנאָנען-קוילן און גיי שטעל דיך אנטקעגן. און די בולבעס אין בולבע־גריץ ביי די בוקסבוימס זענען געווען גרויס און הייס און אסך און איבערלאָזן עפּיס אין טעלער און אנטלויפן האָט מען נישט געוואָלט און די פרילינג־זון אויף קאראלא לודוויקא האָט געלאַקט און צייט איז געווען ווייניק.

און יאָרן זענען אריבער — נישט צופיל, אָבער אָנגעלאָדענע און אָט איז 1922 און ווארשע און מיר ארבעטן צוזאמען אין דער צישאָ, דער צענטרא־לער יידישער שול־אָרגאניזאציע.

ערגעץ ווו האָבן מיר זיך אין דער צווישנצייט אויך באגעגנט, איך גע־דענק שוין נישט ווו. אפשר אין ווין. בוקסבוים איז דעמאָלט געווען א לייטנאנט אין דער עסטרייכישער ארמיי און אויף זיין ברוסט די גרויסע זיל־בערנע טאפּפערקייטסמעדאליע. אזוי האָט דאָס שטיקל זילבער געהייסן, וואָס איז געווען גרויס און קיילעכדיק ווי די לבנה און וואָס האָט אָדער וואָלט איינעם געזיכערט א לעבנסלענגליכע פּענסיע פון 15 קראָנען א חודש אויב דער קייזער, וואָס איז געווען אויסגעקריצט אויף דער פאָדער־זייט פון דעם מעדאל, וואָלט נישט געשטאָרבן אין קריג און זיין דינאסטיע וואָלט גע־בליבן ביי דער מאכט. בוקסבוים האָט אלץ גענומען זייער ערנסט אין לעבן און אז ער האָט מיר איינמאָל דערציילט וויאזוי ער האָט דעם מעדאל פאר־דינט זענען ממש האָר און נעגל געשטאַנען קאפּויר ביים בלויזן צוהערן די מעשה. ער האָט מיר בפירוש געזאָגט, אז ער אליין פארשטייט נישט צו וואָס ער האָט יענעם מוט באוויזן, כאָטש שוין אליין א פארוווּנדעטער און כאָטש ער האָט פיינט געהאַט דאָס האלב־פעאָדאַלע עסטרייך ווי דעם טויט. און ער איז געווען אן אויסגעצייכנטער קענער פון דער געשיכטע און האָט געוווּסט פארוואָס ער דארף עס פיינט האָבן.

אין דער שול־אָרגאניזאציע איז בוקסבוים געזעסן ווייל די פּארטיי האָט אים דאָרט אוועקגעזעצט צו היטן די פּארטיי־ליניע אין אָט דער איינציקער יידישער צווישנפּארטייאישער אינסטיטוציע אין יידישן פּוילן. און קעגנער האָט ער געהאַט גאָר אסך פאר זיין שארפער לינקייט און פאר זיין ציוניזם און ער האָט אלעמאָל געדארפט זיין אויף דער וואך. און נאָך מער אויף דער וואך מחמת ער איז — אלס יוריסט — געווען גלייכצייטיק דער יוריסט

פֿון דער אינסטיטוציע אויף װעלכער אַלע פּױלישע מיניסטעריעס האָבן אָנגע־שטעלט די קאַנאָנען אויף צו פֿאַרלענדן זי צוזאַמען מיט די פֿאַרהונדערט יידישע שולעס, דעם פּרילינג־שפּראָץ פֿון א קולטורעלער יידישער אויטאָנאָ־מיע. אָן אומרויִק און אָן אויפֿרײַבנדיק לעבן האָט ער געפֿירט. בוקסבוים. און דערצו א לונגענקראַנקע פֿרוי, אַלײן א דאָקטאָר, אָבער דאָס האָט איר נישט געהאָלפֿן זיך אויסצוהיטן פֿון א פֿריצײַטיקן טויט.

ער האָט געהאַט דעם כּוח, בוקסבוים, זיבן מאָל אין טאָג צו זײַן אײַנעמס שאַרפֿסטער קעגנער און בעסטער פֿרײַנט. אָט האָט ער אַטאַקירט װי א טיגער בײַ א זיצונג צוליב עפּיס א פּועלי ציוניסטישן קוצה של יוד און אָט איז די זיצונג געענדיקט און ער זיצט שוין מיט דעם אַטאַקירטן און פֿרעגט אים פֿול מיט ליבשאַפֿט װעגן זײַן קראַנק קינד אָדער װעגן עפּיס אַן אַנדערער זאָרג. נאָר אָט הויבט זיך װידער אָן די זיצונג און דער טיגער װײַזט שוין װידער די שאַרפֿע צײנער פֿון זײַנע אַרגומענטן קעגן דעם זעלבן חבר.

צוליב זײַן לינקײט איז ער אָפֿט געװעזן נישט לעגאַל אין פּוילן, זײַן דירה, װוּ ער האָט סײ װי אפֿשר פֿינף שעה אין מעת לעת פֿאַרבראַכט — אָפֿט א ציל פֿון אָבלאַװעס און זוכונגען. און כאָטש שרײַבן און רעדן פֿלעגט ער נאָר שטרענג־פּאַרטײיִש, פֿלעגט ער אָפֿט לעזן פּאָעזיע. און ער האָט עס מיר אַמאָל אויפֿגעקלערט: איך האָב דאָך אויך א נשמה און מײַן נשמה װילט זיך אויך אַמאָל אויפֿהייבן זיך איבער דער ערד, אָפּרוען זיך א װײַלע פֿון שטויב . . .

1945

יצחק גרינבוים

1879 װאַרשע. לאַנגע יאָרן דעפּוטאַט אין פּוילישן סעים.
אַרום 1935 באַזעצט זיך דעפיניטיװ אין ארץ־ישראל.

יצחק גרינבוים איז אַ פּאָליטיקער. און מײַנע באַמערקונגען האָבן קיין שום שײַכות נישט צו פּאָליטיק, װײַל דאָס איז אַן אומפּאָליטישע, אַ רײַן הומאַנע סעריע — אַזױצוזאָגן — װאָס איך שרײַב דאָ. איך באַשרײַב דאָ מענטשן װיאַזױ איך האָב זײ געזען, פאַרשטאַנען, באַנומען און געפילט. דעם נאָמען יצחק גרינבוים קען איך זינט מײַן פריסטער קינדהײט פון אַרטיקלען װעגן ציוניס־טישע פראַגן אין דער ײדיש־פּױלישער פּרעסע אין גאַליציע.

איך װעל נישט לײקענען, אַז איך האָב אַ שטאַרקע מאַס אידיאָסינקראַזיע אין מײַן בלוט און אין מײַן נשמה אַנטקעגן פּאַרטײאישע קנאים, רעכטע, לינקע און אפילו מיטעלע. און יצחק גרינבוים מוז זיכער זײַן אַ באַװוסטזיניקער קנאי, װײַל „י. קנאי" איז אַמאָל געװעזן זײַן פּסעװדאָנים. און איך — שוין בײַם אָנ־הױבן שרײַבן װעגן אים װעל אױך זײַן אַביסל קנאיש־אומפּאַרטײאיש . . . פאַרװאָס גראַד אױף גרינבוימען דער גאַנצער אומפּאַרטײאישער צאָרן מײַנער? קען זײַן, אַז דערפאַר װײַל איך בין נישט קײן ציוניסט, אָבער מיט אַ שטאַרקער ליבע צו ארץ ישראל, און נישט קײן העבראַיסט, אָבער מיט אַ שטאַרקער ליבע צו לשון קודש. און כאָטש ער האָט לאַנגע יאָרן געגאָלטן װי אַ ײדישיסט ממש— זיכער זענען דאָס געװעזן פּרץ׳ס אײַנפלוסן — און האָט טאַקע ערליך געקעמפט פאַר די רעכט פון ײדיש לשון האָט ער אָבער בײַ דער ערשטער גע־לעגנהײט געטון אין פּױלישן פּאַרלאַמענט אַ נישט דערלאָזבאַרן שריט קעגן ײדיש — װען עס איז אַלס זײַן קעגנער אַרױסגעטראָטן נח פּרילוצקי — אַ פאָלקיסטישער קנאי, זײַן אײביקער אַנטיפּאָד.

איך בין זיכער, אַז אױב עס װאָלט געשען דער צופאַל און גרינבוים װאָלט די װערטער באַקומען צום לעזן און װאָלט זײ איבערגעלעזן טאַקע װאָלט ער זיך אַ רגע פאַרטראַכט און זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאָנען ערשטנס װער עס איז דער מחבר פון ד׳ װערטער און צװײטנס װאָלט ער בײַ זיך באַשלאָ־סן, עז ער האָט דעם מענטשן קײנמאָל נישט געזען און אפילו קײן אײן װאָרט דורך׳ן טעלעפאָן מיט אים נישט איבערגערעדט. ער האָט ליב צו כאַפּן מענטשן בײַ ליגנס און בײַ שװינדלען און בײַ נישט־ערלעכקײט און נישט־ערנהאַפ־טיקײט. װאָס נישט־ערלעכער און נישט אמתדיקער עס זענען די מענטשן אַרום אים און אַ פּשיטא שױן די קעגנער זײַנע — אַלס ערלעכער און אמתדיקער װערט ער. און אין דער שטראָלן־קרױן פון זײַן הימלישער ערלעכקײט

פלעכט זיך אריין נאָך איין שטראל. וואָס ערלעכקייט און אמתדיקייט עס קומט אָפּ פון דער וועלט אלץ מער ערלעכקייט קומט אים צו.

נאָך א הונדערט טויזנט נישט־ערלעכע ארום אים און ער וועט זיין — גאָט.

ער וואָלט ניט געזאָגט ליגן ווען ער וואָלט געזאָגט, אז ער ווייסט נישט פון גאָרנישט און ער האָט זיך מיט דעם מענשן קיינמאָל נישט געטראָפן. ער וואָלט טאקע נישט געדענקט, ווייל אזוי איז זיין נאטור. ער איז א מוראדיקער עגאָיסט און ער ווייסט נישט דערפון. ער זעט נישט זיינע עגאָיסטישע טאטן. ער זעט אָבער דעם עגאָיזם פון אנדערע און ער ווערט דערביי אָנגעצונדן מיט א הייליקן שווערלייביקן כעס. ער לעבט אלעמאָל זייער פיין און עס דאכט זיך אים, אז ער איז שרעקלעך אָרים און אלע דארפן אים באדויערן פאר זיין ערלעכקייט און זיינע מוראדיקע קרבנות פאר דער זאך פאר וועלכער ער קעמפט. און ער קעמפט אָן רחמנות. ער זעט נישט קיין מענשן און זיינע קעגנערישע רייען. ער זעט געפיללאָזע קאנאָנען אין מענשן־געשטאלט, אויף וועלכע מען דארף קיין שום מיטלייד נישט האָבן. ער האָט א גרויס פארגנוגן פון דעם אויב ער קען זיינעם א קעגנער פארניכטן מיט נישט דערלאנגען די האנט אָדער נישט וועלן זיך זעצן ביי איין טיש — באשר מען רעדט אויף יענעם, אז ער האָט אמאָל פארגעסן אָפּצוגעבן אָ געזועלשאפטלעכן זלאָטי . . . מעג יענער אפילו זיין א בלוס־אָרימאן און א טאטע פון פיר קינדער און הונ־געריק און אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. און ער — פארקערט. ער לייגט זיך אויף יענעם ארויף מיט זיין שווערער ערלעכקייט און דערשטיקט אים אזוי ווי ער וואָלט אויף יענעם ארויפגעכלאפעט גלייך אויפן קאָפּ א דאָרפישע מולטער מיט אויפגעיוירענעם טייג.

ער האָט נישט ליב קיין כבוד און ער יאָגט נישט נאָך דעם כבוד. נאָר ער האָט אים ליב צו שעפּן מיט פולע הענט, ווי מען שעפּט היי פון א פולען שייער. איינמאָל האָב איך אין א טעאטער בייגעווווינט אן אָוואציע, וואָס מען האָט אים געמאכט. די אָוואציע האָט לאנג געדויערט. ער האָט נישט אָנגעהויבן צו רעדן ביז וואנען עס איז פארקלונגען דער סאמע לעצטער שבלעצטער בראוואָ. ער האָט דאָך דעם כבוד ערלעך פארדינט. און וואָס ערלעך איז דאָס קומט אים און וואָס אים קומט, דאָס נעמט ער ביזן לעצטן גראָשן.

ווען איך האָב אים געקענט אין ווארשע איז ער געווען מיטלוווקסיק, דיק, פולע, קיילעכדיקע, דאָך סעמיטישע פנים־שטריכן, געהאט א שווארצע באָרד, און כאָטש מיין ווייניקייט איז מיט 15 יאָרן יינגער פון אים האָבן אמאָל פראָ־ווינצער בחורים אויף א וואקסאל געטייטלט אויף מיר (איך האָב אויך געטראָגן א באָרד) און געזאָגט: דאָס איז גרינבוים. ווען גרינבוים וואָלט בייגעווווינט די סצענע, וואָלט ער געזאָגט, אז איך בין נישט ערלעך און באשווינדל די וועלט מיט פרעמדע בערד.

גרינבוים, פֿון וועמעס מויל איך האָב קײנמאָל קײן ווערטער פֿון קײן חכמה נישט געהערט און פֿון וועמעס פֿעדער איך האָב קײנמאָל קײן שרײַבעריש־טאַלענטפֿול וואָרט נישט געלעזן, איז געווען גוט באַפֿרײַנדעט מיט פּרץ'ן. א נאָענטע פֿרײַנטשאַפֿט מיט פּרוי העלענע פּרץ האָט אָנגעהאַלטן ביז דער לעצטערס טויט. פּרץ'ס דאָזיקע פֿרײַנטשאַפֿט איז פֿאַר מיר א רעטעניש, נאָר פּרץ האָט זײער רעספּעקטירט סטודענטן און אַקאַדעמיש געבילדעטע מענטשן.

פֿיל צענדלינקער מאָל איז עס מיר אויסגעקומען אין מײַן סעקרע־טאַרישן אַמט צו רעדן מיט גרינבוימען, זײַן בײַ אים, אויפֿנעמען אים. ער איז אפֿשר דער אײנציקער ייִדישער זשורנאַליסט, אָדער כּלל־טוער אין דער וועלט, מיט וועמען עס איז מיר אויסגעקומען אָפֿט צו רעדן און קײן אײנציק פּריוואַט וואָרט נישט, קײן אײנציק וואָרט אויסער די אָפֿיציעלע גרענעצן פֿון אַמט.

איך שווער איך בײַ גרינבוימס ערלעכקײט (הלוואַי גײט עס אַלע ייִדישע ערלעכקײטן נישט ערגער ווי זײַנער —), אַז איך האָב אים דאָ ערלעך גע־שילדערט — לויט מײַן אײגענער בעסטער קבצנישער ערלעכקײט.

1936

פּ.ס.

ווען די דאָזיקע ווערטער גײען צום דרוק איז עס שוין אָסיען 1946 און גראַד איז יצחק גרינבוימס נאָמען לעצטנס אָפֿט דערמאָנט געוואָרן אין דער ייִדישער און אויך דער וועלט־פּרעסע אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן אַרעסט אַלס מיטאָנפֿירער פֿון דער ייִדישער אַגענץ. און איך שלאָג מיך שטאַרק מיט דער דעה — אפֿשר אַרויסנעמען אינגאַנצן דעם פּאָרטרעט זײַנעם פֿון מײַן לעקסיקאָן. דאָס וואָלט אָבער נישט געווען ערלעך צו אָט דער בילדער־גאַלעריע. זי דאַרף זײַן, ווי ווײַט מעגליך, גאַנץ — ביז דעם יאָר 1934, ווען איך האָב פּוילן פֿאַרלאָזן. מענטשן בײַטן זיך, אינערליכע פּסיכאָ־פֿיזישע מעטאַמאָרפֿאָזעס טוען דאָס זײעריקע און אויסערע אומשטענדן טוען ווידער זײער חלק. דער עיקר בײַ פּאָליטיקער. די באַמערקונגען דאָ אויבן האָבן קײן שום שײַכות נישט צום הײַנטיקן גרינבוים וועלכן איך קען נישט, אָבער וועלכן יעדער ייִד מוז — סוב ספּעציע עטערניטאַטיס — רעספּעקטירן פֿאַר זײַן באַדינגונגלאָז אוועק־געבן אַלע טעג פֿון זײַן לעבן פֿאַר זײַנע אידעאַלן.

יאָ, עס איז שווער דער אָרימער מענטשהײט גליקלעך צו ווערן. די פּאָ־ליטיקער קענען זי נישט גליקלעך מאַכן מחמת זײ זענען פֿול מיט פּערזענליכע אַפֿעקטן און אָפּט, צו אָפֿט אויף די נישט ריטיקע וועגן, און די פּאָעטן קענען זי נישט גליקלעך מאַכן — אי מחמת די אַפֿעקטן און אי מחמת דעם ווײַל זײער אײנציקע טאַט איז און בלײַבט דאָס וואָרט.

1946

אַרטור

אַרטור — בונדישער פאַרטיי־פסעודאָנים פון שמואל מרדכי זיגעלבוים. געב. 21טן פעב. 1895 אין א דאָרף ביי כעלם. צו 12 יאָר בעקער־געהילף, צו פופצן הענטשקע־מאכער. זינט 1920 פאַרטיי־פּראָפעסיאָנאַל אין ווארשע. 1923 — מיטגליד פון צ.ק. 1926 — ראַטמאַן פון ווארשעווער שטאָט־ראַט. 1937 אין לאָדזש. מיטגליד פון שטאָט־ראַט — 1938. אָקטאָבער 1939 — זאַקלאַדניק פון דער ווארשעווער יידי־שער באַפעלקערונג. יאַנואַר 1940 אַנטלויפט איבער דייטשלאַנד, קיין בעלגיע, קיין פראַנקרייך, סעפּטעמבער 1940 אין אמעריקע. אַפּריל 1942 דעלעגאַט פון בונד אין פוילישן נאַציאָנאַל־ראַט אין לאָנדאָן — 12טן מאַי 1943 זעלבסטמאָרד.

פאַרוואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן דעם פאַרטיי־פסעודאָנים „אַרטור" ווייס איך נישט. אפשר האָט אים א פאַרליבט מיידל אין זיין יוגנט מיט אָט דעם נאָמען געצערטלט — זיגעלבוימען. ער איז געווען א חנעוודיקער און אַן עלעגאַנטער אויך אין די יאָרן פון קאַמף און זאָרג און זיכער א קראַסאַוויעץ אין דער יוגנט. עפּיס האָט עס אים כסדר געצויגן צו טעאַטער, צו קונסט, צו פּאָעזיע. זיין שיינע, שטאַרק סעמיטיש אויסזעענדיקע פּרוי — זיין צווייטע, דאַכט זיך — איז געווען אַן אַקטריסע. כאָטש א שטילער מענש, אַלעמאָל פול מיט דרך ארץ פאַר דיכטער — פלעגט ער שרייבן און רעדן זייער באָמ־באַסטיש. אָבער מיט אזא נאַיווער אויפריכטיקייט, אז קיינער האָט נישט גע־קענט פאַר דעם האָבן קיין טענה.

אַרטור פלעגט אסך לעזן, געוואָלט גוטמאַכן די פאַרהאַרעוועטע יונגע יאָרן, וואָס האָבן קיין סך צייט פאַר זעלבסטבילדונג נישט געלאָזן. ער האָט ליב געהאַט צו מאַכן קאָמפּלימענטן די דיכטער פון דער כאַליאַסטרע, ער האָט זיי נאָך מער ערנסט גענומען ווי זיי אליין זיך. פלעגט מען אמאָל חושד זיין איראָניע אין זיינע קאָמפּלימענטן און אַמאָל אפילו חניפה. אָבער ער— אַרטור — האָט אַלץ זייער ערנסט גענומען. און כאָטש ער האָט קיין פליג אויף דער וואַנט נישט געטשעפּעט האָט ער דאָך געהאַט אַנטאַגאָניסטן. מען האָט געהאַלטן, אז זיין שיין־רעדעריי איז פאַרפירעריש, נישט צוגעפּאַסט צום טויט־ערנסט פון פאַרטיי־אַרבעט. דאָס לעבעדיקע וואָרט האָט מען אים נאַטירלעך נישט געקענט באַגרעניצן, ער האָט צו פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס געהאַט אין דער פאַרטיי און ער האָט זיי צו גוט אויסגעפירט, אז מען זאָל קענען האָבן א טענה

צו אים. אָבער דאָס געשריבענע וואָרט זיינס האָט מען שוין אביסל באַגרע־ניצט. פון אזא לאַנגיעריקן פּראָפעסיאָנעלן טוער האָט מען דערוואַרט וואָס מער ציפערן אין די אַרטיקלען און ביי אים זענען געווען באַמבאַסטישע פראַזן. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַפילו שרייבן א מין פּאָעזיע אין פּראָזע. און ווער האָט עס געקענט דערוואַרטן, אַז גראַד אין די, לפנים שוימיקע, רייד זיינע איז דווקא דאָ מער טויט־ערנסט ווי אין די סאַמע טויט־ערנסטע אַרבעטן פון די אַנדערע פּאַרטיי פירער. אגב — האָט ער, שוין שיר נישט אויף דער שוועל פון טויט, פאַראייביקט זיין נאָמען אַלס פּראָפעסיאָנעלער טוער אין דריטן באַנד „יידן” פון דער יידישער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע מיט אַן אַרטיקל וועגן דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין פּוילן.

עס דערמאָנט זיך אַן אומוויכטיקע שטילע סצענע פון די ערשטע צוואַנ־ציקער יאָרן. זי איז צופעליק שטעקן געבליבן אין זכרון. איך זיץ ביי א טישל אין ליטעראַטן־פאַריין מיט דעם בונדישן פירער־וועטעראַן און גרויסן תלמיד־חכם א. ליטוואַק. אין ראָם פון דער גרויסער, אייביק אָפענער טיר צווישן גרויסן און קליינעם זאַל פון קלוב באַוויזט זיך אַרטור. שלאַנק, מיטלהויך, אין אַן עלעגאַנטן הערבסטמאַנטל, א פאַרביק, צום קאָליר פון מאַנטל צוגעפּאַסט, האַלזטוך אַרום האַלז, דאָס פּנים צעשמייכלט; די, פון דער נאַטור אייביק קאַרבירטע, בראָנז־בלאָנדע האָר צעגלאַנצט. דאָס גאַנצע אָפענע, אַרישע,גיכער פּוילישע ווי יידישע, פּנים גרייט אַלעמען צו גריסן, די גרינ־לעכע אויגן פאַלן נאַטירלעך אין דער ערשטער רייע אויף ליטוואַקן און גריסן אים. ליטוואַק ענפערט קוים, ווענדט זיך אָפּ און גיט א ברום צו מיר: — כ'האָב פיינט די טשאַפּלין־וואָנסעלעך זיינע. כ'האָב פיינט קראַסאַווצעס . . . צוליב עפּיס א סיבה האָט זיך ליטוואַק גראַד אָנגעזעצט אויף אַרטורן, אויף זיין אופן רעדן צו מאַסן, זיין אופן שרייבן. די סיבה בין איך קיינמאָל נישט דערגאַנגען. ליטוואַק האָט געגאָלטן פאַר א גרויסן מענטשן־קענער — און אויף אַרטורס גורל אין דער פּאַרטיי איז עס אויסגעפאַלן צו זיין די אויסנאַם, וואָס האָט די רעגל געדאַרפט באַשטעטיקן . . .

נאָך יאָרן נישט זען זיך איז עס מיר — בשעת מיין פאַרבייפאָרן פון מעקסיקע קיין קאַנאַדע אין פרילינג 1941 — באַשערט געווען אין ניו יאָרק צו געניסן נאָך א פערטל שעה פון אַרטורס ליבע צו יידישע דיכטער. שטאָט וואָס די פערטל שעה זען זיך האָט געדאַרפט אויסגעפילט זיין מיט מיין באַ־וואונדערונג פון זיינע העלדישע מעשים אין וואַרשע, זיין העלדיש אַנטלויפן — ממש פאַר די אויגן פון די נאַציס, האָט ער די גאַנצע צייט אויסגעפילט מיט רעדן וועגן מיר. דערזעלבער אַרטור ווי אין וואַרשע אַמאָל. און דאָ האָט מען שוין נישט מער געקענט חושד זיין, נישט איראָניע און אוודאי נישט חניפה. און באַלד נאָך דער באַגעגעניש א פּאָר זייער האָפּערדיקע בריוו אַרטורס

מכוח אָרגאַניזירן ייִדישן ביכער־פּאַרקויף איבער גאַנץ אַמעריקע. נאָר אײדער וואָס ווען איז ער שוין געווען אין לאָנדאָן. וואָלט ליטוואַק געלעבט — וואָלט ער אפשר געווען קעגן דעם באַשטימען אים אויף אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן, ווייל אויך ער וואָלט נישט אין ווייטסטן חלום געאַנט, אַז אַרטור וועט זיך אויף דעם פּאָסטן אַרײַנשרייבן, ברענגענדיק דעם גרעסטן קרבן, נישט נאָר אין דער געשיכטע פון בונד, נאָר פון גאַנצן ייִדישן פאָלק אין דער סאַמע טראַגישסטער שעה פון דער ייִדישער געשיכטע.

מיר אַלע שרייבן און רעדן באַשולדיקונגס־ווערטער כלפּי חוץ און כלפּי פּנים. אָבער מיר שרייבן מיט טינט און לייגן זיך שפּעטער שלאָפן אין בעט. אַרטור אָבער האָט געשריבן מיט בלוט און האָט זיך אַליין געלייגט אין קבר אַרײַן. זאָלן אַ פּאָר פון די לעצטע ווערטער זײַנע אויך דאָ געהערט ווערן: די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן פאַרברעכן פון אויסמאָרדן די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג אין פּוילן פאַלט אין דער ערשטער רייע אויף די מערדער גופא. אָבער אומדירעקט באַלאַסטעט די דאָזיקע אחריות אויך די גאַנצע מענטשהייט, די פעלקער און די רעגירונגען פון די אַליאירטע מלוכות . . . מיט מײַן טויט וויל איך אויסדריקן דעם שטאַרקסטן פּראָטעסט קעגן דער פּאַסיווקייט . . . ווייל איך האָב נישט געקאָנט גאָרנישט טון בעת מײַן לעבן, וועל איך אפשר מיט מײַן טויט מיטהעלפן . . .

ווער וואָלט זיך געגלויבט, אַז אָט דער עניוותדיקער אַרטור וועט סוף כל סוף אויפהויבן זײַן שיין, אָפן פּנים הויך, הויך, העכער איבער אונז אַלעמען. ווער וואָלט געאַנט אַז ער נעמט זײַן אַמאָליקע מליצה אַזוי הערליך און אַזוי הייליק ערנסט.

1945

ד ר. מ ש ה ז י ל ב ע ר פ א ר ב

1876 ראוונע, איראָפּעישע רייזעס, געוועזענער מיניסטער פאַר יידישע ענינים אין אוקראַינע. געשטאָרבן וואַרשע 1934.

א ייד א הדרת־פּנים — כאָטש אָן א באָרד, בלויז מיט וואָנצעס. זיל־בערפארב דער נאָמען און זילבערפארביק דער שיינער קאָפּ. די יוגנטלעכע טשופרינע. זילעברפארב איז קיין שרייבער אין אייגנטליכן זינען פון דעם וואָרט נישט געוועזן, ער איז געוועזן א כלל־טוער. א געבוירענער כלל־טוער. זיין קאַריערע האָט זיך אָנגעהויבן העט־ווייט, נאָך אין די סטודענטן־יאָרן זיינע. דעמאָלט איז אין בערלין פאָרגעקומען עפּיס אַן ענין מיטן א רוסישן סטודענט, וואָס גאַנץ איראָפּע האָט מיט דעם ענין געהאַט צו טון. דאָס איז נאַטירלעך א פּאָליטישער ענין געוועזן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַזילרעכט. דער דעמאָלט אין איראָפּע באַרימטע געוואָרענער סטודענט איז געוועזן זיל־בערפארב, וואָס איז אַרום יענער צייט געוועזן פאַרמשפּט צום טויט. — זיין קאַריערע איז געוועזן א פּאָליטישע, אָבער ווי יעדער פּאָליטיקער־עסטעט (דערפון איז געדרונגען, אַז עס זענען פאַרהאַנען פּאָליטיקער, וואָס האָבן מיט דער עסטעטיק קיין שום שייכות נישט) האָט ער זיך ליב געהאַט צו מישן אין ענינים פון דער שיינער ליטעראַטור. אין טיפן תוך פון זיין נשמה האָט ער מסתמא געטראַכט, אַז די פּאָליטיק איז נאָר זיין באַשעפטיקונג פאַר דער צייט, ווען ער איז פריי פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט. אין דער ליטעראַרישער וועלט מיט וועלכער זילבערפארב האָט זיך געחברט, האָט מען געטראַכט פונקט פאַרקערט. זילבערפארב האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך עטלעכע בענדער פון זיינע שריפטן, וואָס זענען אויך פּיעטעטפול נאָך זיין טויט אַרויסגעגעבן געוואָרן. דאָס זענען אָבער לרוב עקאָנאָמישע סטודיעס, צייטאַרטיקלען און געלעגנטלעכע ליטעראַרישע אָפּשאַצונגען. גערן פלעגט מען צוציען זילבער־פארבן צו ליטעראַרישע רעדאַקציעס, ער איז געוועזן באַטייליקט אין דער רעדאַקציע פון דער „ביכער־וועלט" און דער „יידישער קולטור" אין וואַרשע, האָט אויך אַלעמאָל פאַרנומען אַן אָרט אין די פאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען פון דעם וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן־פאַריין. יאָרן־לאַנג איז ער געוועזן איינער פון די דריי ערן־ריכטער פון דער דערמאָנטער געזעלשאַפט. און פאַר דעם אמת האָט ער זיך געפּאַסט צום בעסטן.

פלעגט ער זיך באַווייזן אויף דעם חברים־געריכט, און טאַקע אַלעמאָל זייער פּינקטלעך, ווי עס פּאַסט פאַר א געריכט איז כאָטש „שטיי אויף — דאָס

געריכט גייט״ . . . ער האָט אָט די געריכטן גענומען זייער ערנסט. ער האָט בכלל אַלץ גענומען זייער ערנסט. געווען בייז, אויב חברים האָבן נישט צו ערנסט גענומען די געריכטן. מען קען זאָגן, אַז ער האָט זיך אויסגעלעבט אין זיי. זיין מיניסטאָרן־שטעלע אין אוקראַינע האָט צו לאַנג נישט געדויערט. אָט פון אסתר־תענית ביז פורים, ווי בכלל די רעגירונגען אין יענער אוקראַ־ינישער כאַאָס־צייט, אָבער ער האָט גערן גערעדט וועגן דעם. ער איז אפשר געווען דער איינציקער פון די דעמאָלטיקע יידישע מיניסטאָרן, וואָס האָט דעם ענין זייער ערנסט גענומען און איז אויך ערנסט גענומען געוואָרן פון אַנדערע.

האָט ער זיך ערגעץ באַוויזן אין אַ געזעלשאַפט, אָדער אויף אַ זיצונג איז שוין זילבערפאַרב נאַטירלעך געוואָרן דער פאַרזיצער. עס איז גאָר אומדענק־באַר געווען אויסצוקלייבן עמיצן אַנדערש פאַר פאַרזיצער אין זיין אַנ־וועזנהייט. עס איז נישט בלויז געווען אַ פראַגע פון הדרת־פנים, עס איז אויך געווען אַ פראַגע פון טאַקט און פון קענען די מלאכה צו זיין אַ פאַרזיצער. איז דאָך שוין נאַטירלעך, אַז דר. משה זילבערפאַרב איז אויך געווען דער פאַר־זיצער פון דער קולטור־ליגע אין ווארשע. דער־זעלבער קולטור־ליגע, וואָס איטשע מאיר וויסענבערג האָט אַזוי באַקעמפט צוליב דעם, וואָס אין זיינע אויגן האָט זי אויסגעזען ווי אַ נעסט פון ליטוואַקעס און אַ נעסט פון ליטוואַקעס איז פאַר אים געווען ערגער ווי אַ נעסט פון שטעכבינען, וואָס גיבן קיין האָניג. האָט מען שוין געדאַרפט זען די סצענע וויאַזוי וויסענבערג האָט אַמאָל אויף אַ זיצונג געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז די קולטור־ליגע־פאַרוואַלטונג זאָל אַרויסוואַרפן דריי פערטל ליטוואַקעס און אַריינגעמען אויף זייער אָרט פּוילישע. זילבערפאַרב האָט אַזוי אַ קוק געטון איבער די ברילן אַריבער אויף וויסענבערגן, אַז וויסענבערג האָט אָנגעהויבן טאָפּלט שטאַרקער צו שטאַמלען: „אין אויב נישט וועל יאַך גאַין״, האָט ער געזאָגט. „מיר קענען אייך נאָר ווינטשן אַ גוטע נאַכט״ — האָט געענטפערט זילבערפאַרב. ער האָט געהאַט געזעלשאַפטלעכן מוט.

זילבערפאַרב איז געווען יאָרן לאַנג דירעקטאָר פון „אָרט״ אין פּוילן. אַ דאַנק אים איז די אינסטיטוציע געווען דורכאויס יידיש אין לשון און דורכ־אויס אייראָפעיש אין אויסזען און אָנזען. אַ געבוירענער דירעקטאָר, מיניסטער, פּרעזידענט — און נישט בלויז צוליבן הדרת פנים.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך זילבערפאַרבן געזען אַ האַלב געלעמטן, מיט אַן אַרויסגענומען אויג אויף דעם שווער־קראַנקען־בעט אין אָטוואָצק אין יאָר 1933. דאָס אַלץ זענען געווען נאָכווייען פון אַ האַרץ־אַטאַקע. און אפילו

נאָך אין אזא צושטאנד האָט ער זיך געהאלטן ווירדיק און אוועקגעמאכט מיט דער האנט אָט די אלע קלייניקייטן. דער עיקר געוועדט וועגן געזעלשאפטלעכע און ליטעראַרישע ענינים. — קורץ נאָך זיין טויט איז געשטאָרבן זיין פרוי, וואָס איז געוועזן נישט ווייניקער לעידי ווי איר מאן א דזשענטלמען.

1939

זרובבל

1886 אין פּאָלטאווע, געזעסן אין צענדלינקער טורמעס, געוווינט אין צענדלינקער שטעט אין מזרח און מערב פון אייראָפּע. כסדר געריזט איבער אייראָפּע און אמעריקע און נאָענטן מזרח, צום לענגסטן געוווינט שטענדיק אין וואַר־שע און שוין יאָרן אין ארץ ישראל.

נאַטירלעך הייסט זרובבל נישט זרובבל, ער הייסט יעקב וויטקין און „זרובבל" איז זיין פּסעודאָנים. פּסעודאָנימען זענען ווי כאַפּשטייגלעך, זיי לאָקן, מען כאַפּט זיך אין זיי אריין, טראַכט נישט בשעת מעשה וועגן א וועג אויף צוריק און אז מען וויל שוין צוריק ארויס, איז קיין טירל נישטאָ. מען מוז שוין בלייבן. אונזער זרובבל — נישט דער, וואָס האָט געלעבט מיט דריטהאלבן טויזנט יאָרן צוריק און האָט אונז אויסגעבויט דעם צווייטן בית המקדש — איז זייער א פּאטעטישער מענש, פּאטעטיש אין אויסזען און זייער פּאטעטיש אין דענקען און זיין ביאָגראַפיע איז אויך זייער פּאטעטיש, ער איז אמאָל אין קאָנטר־מאַציאַם פון די טערקן אזש פארמשפּט געוואָרן צום טויט — אָבער רופן זיך אזש זרובבל, דאָס איז אפילו פאַר אונזער זרובבל צופיל. אָבער פּסעודאָנימען זענען ווי כאַפּשטייגלעך און מען פאַלט אין זיי אריין לרוב, ווען מען איז נאָך יונג און האָט נישט קיין דערפאַרונג.

אזוי איז ער א מילדער, אונזער זרובבל, האָט געפירט א לייטישע היים — זיין ווייב פרידא איז צופעליק געוועזן ביים אויסברוך פון צווייטן וועלט-קריג אין וואַרשע און האָט אָנגעשריבן דעם סאַמע ערשטן באַריכט וועגן יענע אולטרא־טראַגישע טעג — האָט געהאַט צוויי קינדער. די טאָכטער, געדענק איך, הייסט אויך פּאטעטיש: מאיא — אָבער זייער שטרענג איז זרובבל אַלעמאָל געוועזן ווען עס איז געקומען צו פּאַרטייאישע ענינים. א לינקער פּועלי ציון איז זרובבל ממש פון זיין געבורט אָן און ער האָט זיך קיינמאָל נישט קיין וואַקל געטון אויף אָט דעם וועג, גלייך גייט ער אזוי ווי א פייל אויסן בויגן ארויס. אזוי האָט ער הומאָר, איז זייער פאָלקסטימלעך, נאָר אז עס קומט צו פּאַרטייאישע ענינים פאַרלירט ער יעדע שפּור פון הומאָר, קערט זיך ממש אום צו יענער צייט, ווען די באַשעפעניש\ן פון דער ערד האָבן נאָך נישט געלאַכט . . . לויט זיין שטרענגקייט אין פּאַרטיי-ענינים וואָלט אים גיכער געפּאַסט דער פּסעודאָנים נחמיה — אויב ער האָט שוין דווקא געמוזט שעפּן זיין פּאַרטיי־ און ליטעראַטור־נאָמען פון יענער ווידער-אויפבוי־תקופה.

כאָטש ער שטאַמט פון כלי קודש איז אָבער זרובבל אליין געוועזן זייער אסך יאָרן א פּראָסטער בעל מלאכה, א סטאָליאַר, און ער איז זייער שטאָלץ

דערמיט, ווארום נישט קיין סך יידישע ארבעטער־פירער קענען זיך בארימען מיט אזא מין ייחוס. גיכער שוין מיט סמיכות אויף רבנות. די לאנגע יאָרן פון פיזישער ארבעט זענען זיך אָן אין זרובבלען, ער איז א הויכער און א געזונטער, א קיילעכדיק און א שיין פנים, אלץ פארקיילעכדיקט, אפילו דער אָפטער שמייכל אין די גוטמוטיקע און גרויסע יידיש־אוקראינישע אויגן, די לענגלעכע האָר פארקעמט ארויף ווי א צעעפנטער פעכער און די באָרד צעקעמט ברייט, ווידער א פעכער. אמאָל איז דאָס געווען א קויל־שווארץ הדרת־פנים און שפּע־טער איז דאָס געוואָרן א שניי־ווייס הדרת פנים. ער איז צו פרי ווייס געוואָרן, הפנים, אז טויט־אורטיילן, אפילו אין דער אָפּוועזנהייט, יאָרן פון תפיסות, צענדלינקער יאָרן ווו גענעכטיקט — נישט געטאָגט, גייען איינעם נאָך, כאָטש מען זעט עס נישט פון דרויסן, עס ארבעט אינעווייניק, בויערט די נשמה, קומט צו חלום, מאכט איינעם פרי גרוי ווי א טויב . . .

כאָטש אליין א דורכאויס רוסישער ייד, האָט זרובבל צופעליק א גאנץ גרויסע באדייטונג אין דער יידישער ליטעראטור אין גאליציע. ער האָט דאָרט אין יאָר 1909 רעדאגירט די ערשטע מאָדערנע ליטעראַרישע זאמלונג „יוגנט". דאָרט האָבן זיך צום ערשטן מאָל געדרוקט דוד קעניגסבערגס סאָנעטן, וואָס זענען געווען א דרייפאכע אנטפלעקונג יעמאָלט. דער נאָמען פון א נייעס, געשווירענעם טאלענט, דאָס ערשטע מאָל סאָנעטן — און וואָס פאר א קלאסי־שע סאָנעטן — אין דער יידישער ליריק און דערצו די טעמעס זייערע — יעזוס קריסטוס. דאָס קליינע ביכעלע „יוגנט" מיט די גרינע טעוועלעך איז געווען דאָס גרינע בלאט נאָכן מבול פון השכלה און אסימילאציע אין גאליציע און גראד זרובבל האָט דאָ געשפּילט די ראָל פון דער טויב. און אז איך באנוץ שוין אויף זרובבלען די מעטאפאָר „טויב", וואָס פאסט זיך זייער נישט צו א שווערן און הויכן ייד, מעג איך שוין דערציילן א שטעכווערטל, מיט וועלכן שמואל יעקב אימבער פלעגט כסדר רייצן זרובבלען. (זרובבל, לויט דער ענדונג פון וואָרט, קלינגט אין יידיש ווי א דעמינוטיוו) — אזא ייד ווי איר, פלעגט אימבער טענהן, האָט נישט געדארפט הייסן „זרובאוול", אייך וואָלט גיכער געפּאסט צו הייסן גאנץ פשוט „זרובאָוו".

נישט נאָר דער אידעאישער פירער פון זיין פארטיי איז זרובבל געווען אין פוילן, נאָר אויך דער אויסערלעכער שטאָלץ — אזויצוזאָגן. יעדע פארטיי האָט זיך געהאט אין פוילן איר הדרת פנים, אָבער צו די פועלי ציון האָט זיך קיינער נישט געקענט פארגלייכן אין דעם זינען. כאָטש די פארטיי איז געווען נישט די סאמע גרעסטע, האָט זי אָבער צוליב זרובבלען אויסגעזען צו זיין די שענסטע. און ווי שווער עס איז אויסגעקומען צו בויען א פארטיי אין פוילן צווישן יידן אויסזען האָט ער אויסגעזען ווי א לייב, אָבער די ארבעט האָט ער געטון פון א מוראשקע ממש. טאָג און נאכט אין באנען און אויף דרא־

ביניאָסטע װעגעלעך אויף צעטרייסלטע װעגן פון איין שטעטלן אין אנדערן אריין, און אומעטום די זעלבע זיצונגען אין צעבראָכענע, פייכטע, קליינשטעטל־דיקע שטיבלעך, און אומעטום די זעלבע פייערלעשער־סטאַדעלעס אלס פאַר־לעזונגס־זאלן און אומעטום די זעלבע פוילישע פּאָליציאַנטן „א פּאַשפּאַרט יעסט?״ — אין סאַמע מיטן לעקציע, װען זרובבל האָט אזוי שיין און לאָגיש און פּאַטעטיש צוגעפירט אין זיין רעדע דעם מאָמענט פון דער דערװאַכונג פון נייע, קינסטלעריש־שעפערישע כוחות אין יידישן מאסן־לעבן . . . װי אָפט פלעגן מיר זיך באַגעגענען אויף װאָקסאַלן און אפילו אין פאַרביילויפנדיקע צוגן האָב איך אָפט געזען א בליץ פון זרובבלס באָרד. — איי, װי גערן זרובבל װאָלט שוין געװאָלט דעמאָלט, אז די סאָציאַלע רעװאָלוציע זאָל שוין זיין פאַרביי און ער זאָל זיך שוין אינגאַנצן קענען אָפּגעבן מיט זיינע ליטעראַרישע אַרטיקלען און זיינע שיינע געביידעס, מיט שיינע משלים װי מיט אָרנאַמענטן פאַרצירטע, און זייער לאָגיש אויסגעבויטע רעדעס. זרובבל האָט זיך נישט געדאַרפט ערשט צעװיגן צו א רעדע, ער איז װי אַן אַקראָבאַט אויף א טראַפּעז אריינגעשפרונגען אין זיינע רעדעס באַלד א צעװיגטער און אָט אזוי פלעגט ער אָפּט זיך און זיין פּובליקום האַלטן אין שפּאַנונג דריי שעה.

1942

א. ליטוואַק

1874 אין ווילנע, אסך מאָל ארעסטירט, פארשיקט אין סיביר, געוווינט אין צענדלינקער שטעט אין רוסלאנד און פוילן, רייזעס אין מערב־איראָפּע, 1914 צום ערשטן מאָל, 1925 דעפיניטיוו אין אמעריקע, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק 1932.

געהייסן האָט ער חיים יעקב העלפאנד אויף אן אמת און געווען א זון פון א פראָסטן בעל עגלה, אָבער א ווילנער בעל עגלה איז נאטירלעך א למדן. צענדלינקער פסעודאָנימען האָט ער געניצט און דער פסעודאָנים „א. ליטוואַק" האָט זיך נאָר דערפאר אזוי צוגעקלעפּט צו אים, ווייל ער איז געווען אזוי צוגעפּאסט פאר אים. ליטוואַק איז געווען איינער פון די געבילדעטסטע, סאַי אין יידישע און סאַי אין וועלטלעכע דיסציפּלינען, יידישע שרייבער און ארבעטער־פירער, און אז מען האָט געהערט, אז ער איז א זון פון א בעל עגלה איז געווען א חידוש אין ערשטן מאָמענט. אָבער ליטוואַק איז בלי שום ספק געווען אן אייניקל פון איינעם פון יענע 333 — של״ג — אויסנווייניק־קענערס פון תלמוד, וואָס זייער רשימה איז צוגעשטעלט געוואָרן דעם וועד ארבע ארצות אין פוילן מיט א פּאָר הונדערט יאָרן צוריק, ווען יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט ארייננצונעמען די קהילה ווילנע מחמת זיי זענען עמי הארצים... אפשר שטאמט בכלל פון יענער צייט דער וויסנדורשט ביי די ליטוואקעס, אָט דער וויסנדורשט, וואָס איז אין דער דריטער פּאָטענץ געווען קאָנדענסירט אין ליטוואַקן. ער איז געווען זייער אן ערלעכער, די ערלעכקייט אליין, און אז מען האָט אים צופעליק עפּיס א פרעג געטון וועגן אן ענין און ער האָט נישט געוווסט, האָט ער עס מיט זייער ווייטיק צוגעגעבן. דו האָסט די פראגע געשטעלט צופעליק און באלד פארגעסן, דער ענין איז פאר דיר נישט וויכטיק געווען. אָבער ליטוואק האָט דעם ענין זייער ערנסט גענומען און אויף צו מאָרגנס, ווען דיך האָט דיין פראגע שוין מער אבסאָלוט נישט אינטערעסירט, האָט ער דיר געבראכט א גאנצן וויסנשאפטלעכן טראקטאט און אלץ פון אויסנווייניק, ווייל דער זכרון האָט געארבעט ביי ליטוואקן פּרעציז ווי א רעכן־מאשין, ווי א „שטשאָט".

א פול פנים, און בכלל מיט א טענדענץ צו פעטלייביקייט, אפשר דערפאר ווייל ער איז געווען א לאָמער און האָט נישט געקענט אסך ארומגיין, האָט ליטוואַק געהאט, א רויטלעך פּנים מיט רויטע אָדערלעך, אזא פּנים איז כאראקטעריסטיש פאר בעל עגלה׳ס, וואָס זיצן כסדר אויף דער זון, אויפן ווינט און אויפן רעגן, אפשר האָט ער עס פון טאטן געירשנט, אן אויסדרוקספול

פּנים. אַ נאָז, װאָס האָט ליב אַסך נײַעס זיך צו דערװיסן, און ליפּן װאָס האָבן זײער ליב צו רעדן און זאָגן זיך נישט אָפּ פון אַ געשמאַק מאכל, און אויף די גוטמוטיקע אויגן — ברילן, נאַטירלעך. הונדערטער טויזנטער בלעטלעך און בלעטער און גמרה־בלאַטן זענען זײ דאָך דורכגעלאָפן, און צעצויגענע אויערן, כאַראַקטעריסטיש פאַר דיקטאַטאָרישע נאַטורן אָדער גרױסע אידעאַליסטן. ליטוואַקס איז געװעזן פון צװײטן מין. און אויף זײַן פּנים איז אייביק געוועזן עפּיס אַזאַ מין שמייכל, וואָס קיינער אין אונזער קרייז, אַפילו די בעסטע אימיטאַטאָרן, אַפילו אפרים קאַגאַנאָװסקי, האָבן בשום אופן נישט געקענט נאָכמאַכן. עפּיס אַזאַ מין אומבאַהאָלפנקייט איז געוועזן אין דעם שמייכל, און נאַיוּוקייט, און פאַרוואורף און חנדלען זיך מיט פאַרצויגענע ליפּן.

עס האָט געמוזט זײַן אין 1924, די װאַרשעװער קולטור־ליגע עפּנט פײַערלעך אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט און ליטוואַק גיט די ערשטע לעקציע אין אַ גרעסערן זאַל. אַ האַלבע שעה פאַר דער לעקציע קומט ער אַריין זײער אַ צערודערטער אין פאַרלאַג קולטור־ליגע אויף לעשנע־גאַס און זוכט אַ ספּעציעלן מין גרויען פּאַפּיר. ענדלעך געפינט ער דאָס ריכטיקע. ער גייט מיט דעם אַריין אין לעצטן חדר פון פאַרלאַג און אין אַ צען מינוט אַרום קומט ער צוריק אַרויס זײער פאַרמוטשעט און דער בויגן פון ספּעציעלן גרויען פּאַפּיר איז פאַרשוווּנדן. כאָטש עס האָט עפּיס זײער פאַרדעכטיק געשורשעט איצט אַרום ליטוואַקן האָבן מיר נישט געוואַגט צו פרעגן. אויף צו מאָרגנס האָט אונדז ליטוואַק אויסגעזאָגט דעם סוד: עס איז אַ האַלבע שעה פאַר דער פײַערלעכער עפענונג פון דער קולטור־ליגע און ער האָט אַנטדעקט דערווייל זײער אַ פּראָזאַישע עפענונג אויף זײַנע הויזן, האָט ער די עפענונג אויסגעבעט מיט דעם פּאַפּיר, קאַמופלאַזשירט זי און די רעדע איז אַדורך בשלום. און — הונדערטער אַזעלכע ליטוואַק־אַנעקדאָטן האָבן צירקולירט.

אײנמאָל האָט די דערמאָנטע קולטור-ליגע אָרגאַניזירט אַ ציקל לעקציעס װעגן תלמוד, ליטוואַק — דער לעקטאָר. די גאַס איז שוואַרץ געוועזן, נישט נאָר דער זאַל איבערגעפילט. נאָכן רעפעראַט האָט ער געענטפערט אויף פראַגן און אַרויסגעוויזן אַזאַ לומדות, אַז די חסידישע יונגע־לײַט, וואָס האָבן פאַרפילט דאָסמאָל די אוידיטאָריע פילמער ווי אַרבעטער, האָבן געהאַלטן אין איין קנאַקן מיט די פינגער און מאַכן מיט די הענט פאַר התפעלות: אַ, אַ!

ליטוואַק איז געוועזן אַ שאַרפער פּאָלעמיסט און פּאָלעמיזירן פלעגט ער נאָר מיט פאַקטן און רעדן פלעגט ער מיט גאַנצע, פערפעקטע זאַצן ווי געשריבן, אָראַטאָרישע שטיק האָט ער נישט געגרן געהאַט. און כאָטש אַזאַ שאַרפער פּאָלעמיסט און לאָגיקער האָט ער זינט יענער מלחמה מער נישט געשפּילט אַזאַ ראָלע אין דער בונדישער פּאַרטײ, וועלכער ער איז אייביק געטרײַ געבליבן, ווי אַמאָל; האָט ער דעריבער לרוב זיך פאַרנומען מיט טעאָרעטישע

פראגן און מיט קולטור־ארבעט. און שטילערהייט האָט ער די קולטור טאקע ליבער געטהאט ווי די פּאָליטיק. ער וואָלט עס נאטירלעך קיינמאָל נישט צוגע־געבן. נאָך ווייניקער וואָלט ער צוגעגעבן, אז ער זינדיקט אמאָל אונטער מיט בעלעטריסטיק. דאָס פלעגט ער אמאָל אָפּדרוקן מיט א פסעודאָנים בן פסעודאָ־נים. אָפּגעדרוקט אזא זאך פלעגט ער דעם־יענעם א פרעג טון צי די דער־ציילונג פון איקס געפעלט. און אז מען האָט געענטפערט, אז נישט, האָט ער א שמייכל געטון מיט זיין שמייכל און עס האָט אים זייער ווײי געטון, נאָר ער האָט נישט פארטיידיקט דעם מיסטעריעזן שרייבער.

און פלאָטקעס האָט ער ליב געהאט, אוי ווי ליב. אפשר דערפאר ווייל ער האָט געלעבט אן איינזאם לעבן און פאמיליע־סביבה האָט אים געפעלט. א צייטלאנג איז ער געווען פארבונדן מיט דער שוישפּילערין סאָניאָ גורסקאַיאָ, דער שפּעטערדיקער פרוי פון חיים ליבערמאַן. אוי, האָט ער ליב געהאט מעשהלעך וועגן פריינט. אזוי פלעגט ער זיך מיט זיין אביסל אומבאהאָלפענער שווערקייט איבערבויגן איבערן טיש צו זיין אין סאמע מיטן פון דער טיש־געזעלשאפט און הערן און הערן און דערציילן און דערציילן. אָבער אָן בייז. עס איז בלויז נייגעריקייט געווען, דער בעלעטריסט אין דעם פּאָליטיקער. ער האָט ליב געהאט דאָס מענשלעכע אין ארבעטער און צוליב מענשן־ליבע, יידישער מענשן־ליבע, האָט ער זיין לייב און לעבן און ליידן געמקריבט דעם יידישן סאָציאליזם.

1943

יוסף לעשצינסקי (יוסף כמורנער)

1884 אין א שטעטל, קיעווער גובערניע, רײַזעס אין מערב־אייראָפּע, זינט 1920 אין װאַרשע, געשטאָרבן אין אָטװאָצק בײַ װאַרשע אין יאָר 1935.

א פּאַרטײַמענטש, אַן אויסגעשפּראָכענער פּאַרטײַמענטש, א לאָגיקער, א קעמפער, אָבער באַהערשט זיך אַלעמאָל װען די דיסציפּלין פון דער פּאַרטײַ פאָדערט עס, פּונקט אַזױ רעגט ער זיך אויף ביזן בײַן, ביז דער טיף פון דער נשמה מיט דער גאַנצער אײגענער אויפריכטיקייט — װען די דיסציפּלין פון דער פּאַרטײַ פאָדערט עס. ער דיסציפּלינירט זיך אָבער אַזױ לאַנג, װי לאַנג ער אַלײן איז מסכּים מיט דער הױפּטליניע, ער דיסציפּלינירט זיך שױן אָבער גאָרנישט װען ער אַלײן האָט זיך דערטראַכט צו עפּיס אַנדערש. ער װאַרפט אָבער נישט ײנגליש דעם גט פאַר די פיס אָדער גײט גאָר אַװעק מיט א קלאַפּ פון דער טיר, אַז די װענט זאָלן ציטערן. ער קעמפט ביזן לעצטן טריבונע־װאָרט, צע־קאָ־זיצונגס־װאָרט, ביזן לעצטן פעדערשטריך אין דער פּאַרטײצײַטונג אָדער גאָר מיט א פּאַרטײַ־דיסציפּלינאַריש לעגאַלער בראָשור. ער לעבט כמעט אַסקעטיש, נישט װײַל די פּאַרטײַ פאָדערט עס, נאָר װײַל די אײגענע עטישע דיסציפּלין זײַנע פאָדערט עס. ער פאָדערט פון אַנדערע אויך די זעלבע אַלײן־דיסציפּלין. ער איז אין תּוך גוטמוטיק און זײער א צאַרטער פאַמיליע־מענטש, אָבער זעלטן פאַרברענגט ער סתּם אַזױ מיט זײַנע גוטע פרײַנט, זעלטן גיט ער זיך סתּם אַזױ אָפּ מיט זײַן משפּחה. ער כאַפּט אַמאָל אַרײַן א שאַך, אָבער דאָס איז נישט צוליב נחת, אָדער גאָר צײַט־פאַרברענגען װײַל צײַט האָט ער זײער, זײער װײניק, אַסך װײניקער װי אַנדערע מענטשן. ער שפּילט שאַך — אָט אַזױ װי מען שאַרפט פון צײַט צו צײַט איבער אַן אינסטרומענט, דעם אינסטרו־מענט פון זײַן לאָגישן שכל. און ער נוצט אים אַסך, פּאָלעמיזירט כּסדר און כּסדר. דאָ פּאָלעמיזירט ער כּלפּי פּנים אין דער פּאַרטײַ און דאָ כּלפּי חוץ מיט די שונאים און די קעגנער פון דער פּאַרטײַ, דעם „בונד".

אַן אידעאַלער פּאַרטײַ־מענטש. מעגלעך, אַז פון אַזעלכע מענטשן קומען נישט די גליק־ברענגער פון דער מענטשהײט, מעגלעך, אַז אויך נישט די פירער פון דער מענטשהײט — אָבער די פירער פון די פּאַרטײען געװיס. און פירער אין א גאָר גרױסן פאַרנעם. כאָטש יוסף לעשצינסקי איז קײנמאָל נישט געװאָרן קײן פּאַרטײַ־פירער אין גרעסטן פאַרנעם. ער האָט אַלעמאָל געדענקט, גע־גריבלט, װײַטער אױסגעדענקט פון דאָגמען פון דער פּאַרטײַ און דערפאַר איז ער אַלעמאָל און אין יעדער פּאַרטײַ געװעזן אין דער מינדערהײט און אין דער

אָפּאָזיציע — איז ער שוין ממליא קיינמאָל נישט אריין צווישן די גאַנץ גרויסע פּאַרטיי־פירער.

נאַטירלעך באַנוצט זיך א פּאַרטיי-מענש מיט זייער אַסך פּסעודאָנימען, אַמאָל כאַראַקטעריסטישע און אַמאָל צופעליקע און יוסף לעשצינסקי האָט צווישן די צענדלינקער פּסעודאָנימען זײַנע זיך באַנוצט מיט דעם פּסעודאָ־נים „כמורנער", טײַטש: דער וואָלקנדיקער, דער פאַרוואָלקנטער, דער פאַר־פינסטערטער. און גראַד דער פּסעודאָנים זײַנער האָט זיך שטאַרק אָנגענומען, ער אַליין האָט אים ליב געהאַט און די מענשן אַרום אים האָבן דעם נאָמען ליב געהאַט, איז ער טאַקע געווען אַסך מער פּאָפּולער מיט אָט דעם פּסעודאָ־נים ווי מיט זײַן ריכטיקן נאָמען, מיט וועלכן ער האָט זיך היפּש באַנוצט ביים אונטערשרייבן זײַנע שריפטן.

ער איז נישט געווען א לויפער פון איין פּאַרטיי אין דער אַנדערער, יוסף כמורנער, כאָטש געביטן האָט ער זיי אָפט. צוערשט א ציוניסט, שפּעטער אין „עס־עסאָוויעץ", ציוניסט־טעריטאָריאַליסט־סאָציאַליסט, שפּעטער „בונ־דאָוויעץ" — און צום סוף לינקער בונדאָוויעץ, א פראַקציע אין דער בונדישער פּאַרטיי פון פּוילן, וואָס ער אַליין האָט געשאַפן און אָנגעפירט ביזן סוף, וואָס איז געקומען זייער פרי — צו די איין און פופציק פון זײַן לעבן. ער איז א לונגען־קראַנקער געווען. אָט איז ער: מיטלוווקסיק, אַלעמאָל זייער מאָגער, האָט נישט די פּולע באַוועגונגס־קראַפט אין זײַן רעכטן אָרעם און מען מוז אים אָפט העלפן ביים אָנטון דעם מאַנטל. א בלאַס־געל פּנים, זייער אויס־דרוקספולע קראָ-שוואַרצע אויגן, אַביסל שוואַרץ־גלאַנציקע האָר אַרום די ראַנדן פון גלאַנציקן שאַרבן, א פּאַנקיש פּאַריסענע נאָז, געשווירענע וואָנסעס, און רעדט מיטן גאַנצן האַרץ, כאָטש ער טומלט קיינמאָל נישט. און ער הוסט און הוסט אָן אויפהער מיט די פולע לונגען, מיטן גאַנצן וועזן, הוסט ממש אָן איבערייס, אָפט געלינגט עס אים קוים, קוים א וואָרט אַרײַנצוּוואַרפן צווישן דעם אומאויפהערלעכן הוסטן.

און ער וווינט אין א שטוב ביי יענעם אויף דער קאַרמעליצקע־גאַס אין וואַרשע. און די שטוב איז פול מיט ביכער און פרעמדע מעבל און לעשצינסקי זיצט שטענדיק ביי זײַן אַרבעטס־טיש, לעזט און פאַרצייכנט און צייכנט ביי די ראַנדן פון די ביכער אָדער שרייבט — און הוסט און הוסט אָן אויפהער. זײַן נחת איז זײַן איינציקע טאָכטער. „גאַלאָטשקע" רופן מען זי. אָפט ברעכט ער די פּאַרטיי דיסציפּלין . . . און רעדט מיט א פרײַנט פול מיט ליבשאַפט וועגן זײַן גאַלאָטשקען. זי איז זייער געראָטן בכלל און זייער געראָטן אין פאָטער. אַן אינטערעסאַנטע שיינקייט. און גאַלאָטשקע האָט ליב דעם טאַטן און וויל שטאַרק גיין אין זײַנע דרכים און איבערנעמען זיך מיט זײַנע פּאַר־טייאישע דאָגמען. זי איז זייער מוזיקאַליש און זי האָט ליב צו טאַנצן אַפילו

מיט קאַסטאַניעטן, זי זעט אויס זייער שפּאַניש, דער פּאָטער האָט נחת אָבער נאָך מער ליידט ער. זי חברט זיך מיט אַ פּאָר גבירישע קינדער און איינ־מאָל אין אַ סדר־נאַכט — נאָך אַלס קינד — קומט זי צו לויפֿן אַהיים. אין דער היים איז ניכטערנע, כמורנע וואָך. דער פּאָטער זיצט און שרייבט ביים איינזאַמען לאָמפּ, די מאַמע פּאָרעט זיך ניכטערן אין קיך — און גאַלאַטשקע צעוויינט זיך שטאַרק: זי וויל אַ יום־טוב, אַ סדר, פּונקט ווי אַנדערע יידישע קינדער . . . דער פּאָטער איז שפּראַכלאָז, אַלע זיינע פּרינציפּן זיינען מאַכט־לאָז, דאָס קינד וועט זיי נישט באַגרייפֿן, ער פּאַרהוסט זיך נאָך שאַרקער, די טאָכטער האָט זיך שוין אויסגעוויינט, גייט צו צום געליבטן טאַטן און קושט אים, אָבער די פּאַרצווייפֿלונג איבער דעם, וואָס איז ערשט פּאָרגעקומען וועט זי שוין נישט אַרויסקושן פֿון אים. אין 1934 האָב איך אַמאָל געבראַכט אין דער „פֿאָלקסצייטונג" אַן אַרטיקל, אַרויסגעזאָגט דאָרט אַ מיינונג, אַז דער בונד זאָל ענדערן זיין שטעלונג צו דער עמיגראַציע. צו מיין שטוינונג האָט מען דעם אַרטיקל אָנגענומען, אָבער גלייכצייטיק האָט מען מיך איבערגעענטפּערט אין די הענט פֿון יוסף כמורנער, ער זאָל מיר ענפֿערן. אַש און פּאָרך האָט ער פֿון מיר געמאַכט, און רויך און ווינט פֿון מיינע עמיגראַציע־אַרגומענטן. איין יאָר שפּעטער האָט ער עמיגרירט אין דער אייביקייט אַריין. באַשערט אים געוועזן נישט צו זען דאָס געטאָ.

1942

ביינוש מיכאַלעוויטש

1876 — בריסק. פילמאָל פאַרשיקט אין צאַרישן רוסלאַנד. זינט 1917 וואַרשע, רייזעס איבער אייראָפּע און צפון־אַמעריקע. געשטאָרבן אין וואַרשע, אָקטאָבער 1928.

כאָטש א פאַרטיימענש דורך און דורך, איינער פון די אַקטיוווסטע פירער פון דער בונדיסטישער פאַרטיי, אין צאַרישן רוסלאַנד, שפּעטער אין דער פּוילישער רעפּובליק, איז אָבער ביינוש מיכאַלעוויטש אלעמאָל אויך געבליבן א יידישער ייד דורך און דורך. נישט קיין רעליגיעזער, נאַטירלעך, כאָטש לערנען האָט ער געקענט בעסער ווי נישט איין רב.

אלס פאַרטיימענש איז ביינוש מיכאַלעוויטש געווען אין דער ערשטער רייע טעטיק אלס רעדנער. דאָס איז געווען זיין עלעמענט. ער האָט עס ליב געהאַט. אז אסך רעדנער פלעגן ביי א מיטינג זיצן אויף דער עסטראַדע און מען האָט געדאַרפט איבערוואַרטן די ריי, איז ער געווען קענטיק אומגעדולדיק. ער האָט גיריק געוואַרט אויפן מאָמענט ווען מען וועט אים אויפרופן. און אזוי גיריק האָט אויך געוואַרט דער עולם. מען האָט אים ליב געהאַט צו הערן רעדן. ביי אנדערע רעדנער געדויערט ביז זיי רעדן זיך פונאנדער, זיי הויבן אָן לאַנגזאַם, שטיל, פּלאָנטערן אביסל מיט דער צונג, געפינען פּאַוואָליע די סטעזשקע, די סטעזשקע ברייטערט זיך אויס, ווערט פּאַוואָליע א דרך המלך. מיכאַלעוויטש האָט אלס רעדנער די אלע הכנות נישט געדאַרפט. ער איז באַלד מיטן ערשטן קנאַק פון דער צונג אַרויפגעפאָרן אויפן דרך המלך פון זיין רעדע. און געדעדט האָט ער מאָדנע שאַרף, מיט א מין העלדן־טענאָר און אקצענטירט יעדעס וואָרט באַזונדער — א הויפּטוואָרט, א צייטוואָרט, א הילפסוואָרט אפילו — אלע גלייך. אבסאָלוטע דעמאָקראַציע. און די דאַרע, ווייסע הענט, די הענט פון א מענשן מיט א געבויגענעם רוקן — דאָס האָבן אים איינגעבערענגט די תפיסות און פאַרשיקונגען — פלעגט ער אָפט ביים רעדן פאַרלייגן אויף הינטן און שפּאַצירן אהין און אהער אויף דער בינע, אָבער טאַקע פון איין עק בינע ביזן אנדערן, און רעדן, רעדן מיט נחת און מיט איבערצייגונג. און עפּיס א מאָדנעם דיאַלעקט האָט ער זיך אליין געשאַפן, עס איז נישט געווען קיין ליטוויש — און ער איז געווען א ליטוואַק — און נישט קיין פּויליש־יידיש. ער פלעגט אויסשאַרפן די ווערטער ביים רעדן. שולע פלעגט ער רופן „שיעל״ און דאָס וואָרט האָט ער זייער אָפט באַנוצט, ווייל — געטרייער פאָלקסמענש ווי ער איז געווען — האָט ער א גרויסן טייל פון זיין טעטיקייט אָפּגעגעבן דער יידישער שולבאַוועגונג. מאַמע־לשון האָט ער שטאַרק ליב געהאַט. א סאָציאַליסט איז טאַקע אן אינטערנאַציאָנאַל איינ־

געשטעלטער מענש און קיין שאָוויניסט איז ביינוש נישט געווען, נאָר ער האָט זייער ליב געהאט יידן און יידישקייט און דעם שענסטן אויסדרוק פון פאָלקס־טימלעכן יידישקייט — דאָס מאמע־לשון.

צו באַגריסן א יידישן שרייבער, וואָס די פּארטיי פלעגט אים אויפנעמען, איז פאר מיכאַלעוויטשן געווען דער גרעסטער נחת. ליטעראַטור־קריטיק איז נישט געווען זיין עלעמענט אלס שרייבער. האָט ער געשריבן וועגן א דיכטער אָדער נאָוועליסט איז דאָס געווען ליבעפולע אגיטאציע און נישט קיין אנאליטישע קריטיק. איינמאָל האָב איך אים געהערט באַגריסן שלום אַשן, נאטירלעך אין די העכסטע טענער: די יידישע „שיעל" אָן שלום אַשן איז אזוי ווי א פיש אָן וואסער . . . אָבער אין דריי טעג ארום בין איך געווען אויף אָן אָוונט פון א יידישן שרייבער, וואָס האָט אינגאנצן איין קליין ביכל ארויסגעגעבן, מיכאַלעוויטש באַגריסט — און מיט דעם זעלבן אויפריכטיקן פּאַטאָס, מיט די זעלבע שארפע חירקן.

א נאָכמיטאָג אין גרויסן קאמינסקי־טעאַטער. א שול־אונטערנעמונג. נאָך די רעדעס א קליינע דעמאָנסטראציע פון קינדער פון די שולעס. די קינדער האָבן אפּגעזונגען און אָפּגעשפּילט און האָבן געמאכט א מארש ארום און ארום זאל און דער מארש האָט אויך איינגעשלאָסן די בינע. עס מארשירן די אָרימסטע פון די אָרימע קינדער פון דער סמאָטשע און פון סטאַווקי און נאַוואָ־ליפּיע און נאָוואָליפּקי און די אָרימסטע פון די אָרימע זענען זויבער אָנגעטון און זיי זינגען גאָר . . . מיכאַלעוויטש איז אזוי באַגייסטערט געווען, אז ער האָט ממש נישט געוווסט וואָס צו טון, האָט ער געכאַפּט איינס פון די קינדער אויף די הענט און מיטמארשירט מיט די קינדער ארום און ארום זאל. געוואָרן א קינד פון איבערמוטיקער פרייד, וואָס ער האָט דאָס דערלעבט. אָט אזוי ווי די שולעס וואָלטן נישט געווען נאָר איין שריט אין דעם שווערן וועג באַרג־ארויף פון יידישן סאָציאליזם, נאָר ממש די פאַרווירקלעכונג אליין. דער שפּיץ באַרג. דער מאָמענט איז געווען אזוי דערהויבנדיק, אז אסך מאַמעס אין זאל האָבן ממש אָנגעהויבן צו העשען הויך אויף א קול פאר פרייד און רירונג.

יאָרן־לאנג איז מיכאַלעוויטש געווען א מיטגליד פון חברים־געריכט אין ליטעראַטן־פאריין. און ער האָט דאָס ליב געהאט. ערשטנס צו זיין א ריכטער און אויסצוטיילן גערעכטיקייט. ער פלעגט קומען פּינקטלעך צו די זיצונגען, פלעגט פאַרלייגן אונטער זיך א פוס אויפן שטול, א געוווינהייט פון מענשן, וואָס זענען לאנג געזעסן אין טורמעס, דער ווייסער קאָפּ, דאָס בלאסע, שארפע פּנים, אלעמאָל יונג און אלט צוגלייך, די גרויסע העלע אויגן הינטער גרויסע דינע גלעזער, דאָס דינע מויל, אלץ איז שטרענג, ריכטעריש שטרענג, נאָר די רייד אלעמאָל מילדע. מען דארף זיין גערעכט, אָבער מילד און מיכאַלעוויטש איז

אלעמאָל דער סניגור, און נאָך וואָס פאר א סניגור, אָבער בשעת דער באשול־דיקטער איז געזעסןביים געריכט איז ער געווען דער קטיגור, געשפּילט א קטי־גור . . . די חברישע געריכטן פלעגן אלעמאָל באשטיין פון שרייבער און זשור־נאליסטן פון אלערליי ריכטונגען, אָבער אזעלכע, וואָס שטעלן דעם אבסאָלוטן אמת און די גערעכטיקייט העכער, וואָס קענען פארמשפּטן אן אייגענעם חבר, אויב דער אמת פאָדערט. איז דאָס טאקע געווען ווי אָנגעמאָסטן צו פארנעמען דעם אמט — פאר מיכאַלעוויטשן.

אז מיכאַלעוויטש איז קראנק געוואָרן, און ער האָט זיך חדשים־לאנג געפּייניקט אויפן טויטן־בעט. געבליבן א סקעלעט נאָך ביים לעבן, האָט ער מיט אויסערגעוויינטלעכן העלדן־מוט געטראָגן די יסורים און געווארט אויף דער אויספירונג פון משפּט. ער האָט זיך נישט געגנארט. נאָר עס איז אים באשערט געווען ממש מיט די אויגן צו זען די וועלטן־ווייטע ליבע צו אים פון די יידישע מאסן. פון אלע עקן וועלט זענען טעגלעך געקומען נישט נאָר טעלע־גראמעס און בריוו, נאָר נאַיווע חברים און סתם פאָלקס־מענטשן פון גאָר דער וועלט האָבן געשיקט אלערליי טייערסטע מעדיצינען. ביינושעס קערפער האָט דאָס נישט געראטעוועט, נאָר זיין נשמה האָט עס געגלעט. אזויפיל ליבע אויף דער וועלט . . . עס וועט נאָך זיין א גוטע, דערלייזטע וועלט. דער מענטש איז גוט . . .

1945

נ ח

1872 אין פּאָדבּרעזע ביי ווילנע. געוווינט אין צענדלינקער שטעט אין אמאָליקן תחום המושב אין רוסלאנד. 1895־1900 ארעסט און סיבּירישע פאַרשיקונג. רייזעס אין מערב־אייראָפּע. ביז 1917 טוער און אָרגאַניזאַטאָר פון „בונד" אונטער צענדלינקער דעק־נעמען. זינט דעמאָלט — לעגאַל. אמתער נאָמען: יקותיאל פּאָרטנוי. פּאָפּולערסטע פּארטיי־פּסעוודאָנימען:יוזעף, נח. זינט 1918 לרוב אין ווארשע. 1939 אוועק פון פּוילן. 1940, איבּער סיביר, שטילן אָקעאַן — ניו יאָרק. געשטאָרבּן 27טן סעפּ. 1941.

קארל מארקס האָט געשטרעבּט צו אנטדעקן געזעלשאַפטלעכע מאָגן־געזעצן, אָבּער זיגמונד פרויד האָט אנטדעקט אינדיווידועלע מענשליכע נשמה־געזעצן.דיווידירט מען מארקסיסטישע געזעצן — איז דער רעזולטאַט טעאָריעס. מולטיפּליצירט מען פרוידס געזעצן בלייבּן זיי נאָך אַלץ געזעצן, אויך אויף קאָלעקטיוון אָנגעווענדט.

ווי אָפט איך טראַכט וועגן דער מערקווירדיקער געשטאַלט נח אָדער יוזעף און איר ראָל אין דער בּונדישער פּאַרטיי — מוז איך קומען צום באשלוס, אז מיין פאָרמולירונג, דאָ אויבּן, איז נישט ווייט ממש פון אבּסאָלוטן אמת.

דאָס אויפבּויען די פירער־לעגענדע ארום חבר נחן אין בּונד איז זיכער נישט באשלאָסן געוואָרן אויף קיין שום פּארטיי־צוזאמענפאָר, זי איז געווען אין יעדן פּארטיי־חבר, טיף אין דער נשמה נאָך פון יענע צייטן אָן ווען משה האָט געפירט די יידן דורך דער מדבר . . .

נח איז בּלי ספק געווען א מערקווירדיקער מענש, כאָטש אויסערליך ממש דער היפך פון קאָנספּיראַציע, א געשטאַלט, וואָס ווארפט זיך מאָמענטאַן אין די אויגן; אינערלעך אָבּער א געבּוירענער קאָנספּיראַטאָר, דאָס איז ממש גע־ווען זיין געניאַליטעט. אלס פּארטיי־פירער האָט ער געגעבּן גענוג שטאָף פאַרן אויפבּוי פון דער לעגענדע ארום אים. אוודאי. דעם, אין גרונט עניוותדיקן מענש איז די לעגענדע דערווידער געווען — און עס האָט בּפירוש נישט געקענט פאַרבּייגיין זיין שארף אויג און אויער פון א קאָנספּיראַטאָר פון יאָר־צענדלינקער, אז א לעגענדע ווערט געוויבּן ארום אים. און דאָך האָט ער עס געלאָזט. און געלאָזט האָט ער עס פון אומענדליכער ליבּע צו זיין פּארטיי, דיסציפּלינירטער ליבּע פון א סאָלדאַט־יחיד. אלס טיפער מענשן־קענער האָט

ער געוווסט, אז עס איז גוט פאר דער פאַרטיי. און וואָס עס איז גוט פאר דער פאַרטיי — איז גוט פאר אים אלעמאָל.

א הויכער און מאָגערליכער. אן אָפּן, גרויס, קיילעכדיק פּנים און אלץ אין פּנים אויפפאַלנדיק. די גרויסע אויגן, טונקעלע און מיט שטאַרצנדיקע, כמעט הענגענדיקע ברעמען. דער אָפענער שטערן, די טונקעלע האָר פאַר־קעמט ארויף. די פויעריש־פּראָסטע, ברייטלעכע נאָז. די אביסל ארויס־שטאַרנדיקע קינבאקן. די אביסל גרעסערע, זייער גלייכמעסיקע אויערן. וואָס דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאר פירער־נאַטורן. און — זינט איך האָב אים געקענט אין די „לעגאַלע״ יאָרן פון זיין לעבן — די גרויסע, געדיכטע, איבערן גאַנצן מויל אריבערהענגענדיקע וואָנסעס. נאָך זיין זעכציקסטן לעבנס־יאָר — היפּשלעך גרוי. ער רעדט זייער זעלטן און זייער ווייניק. ער ציילט די ווערטער גאַנץ באַוווסטזיניק. עפנטליך רעדט ער כמעט קיינמאָל נישט. אָבער, אז ער רעדט יאָ אמאָל ווערט א טויטע שטילקייט, אפילו ווען פיל־טויזנטער מענשן זענען דאָ אין זאַל. מען פאַרהאַלט דעם אָטעם ממש — אַן אות נישט צו פאַרלירן. און ווען ער שרייבט — איז א האַלב בלעטל. אָבער מען לערנט עס כמעט פון אויסנווייניק, קאָמענטירט יעדע תּנועה פון יעדן פּסוק. נח האָט גערעדט . . . יוזעף האָט געשריבן . . . ער איז אייביק דאָ אין די לאָקאַלן פון דער פאַרטיי. ער גייט נאָר אויף פאַרטיי־אונטערנעמונגען. ער איז אלע 24 שעה אין מעת לעת און אלע מעת לעתן פון לעבן אויף דעם פאַרטיי־פּאָסטן. ער איז חוץ דעם א שטוב־זיצער. זיין שטוב איז אביסל פרעמדליך צו זיין ארבעט, זיין פרוי זעט מען זעלטן אין דער פאַרטיי, זיין טאָכטער — קיינמאָל נישט. זי לעבט אין אן אנדערער וועלט — דער פויליש־סאָציאַליסטישער. טוט עס נחן וויי? ער שוויגט וועגן אלץ, וועגן פּערזענליכע איבער־לעבונגען — אוודאי. ער איז א פאָלקסטימלעכער מענש, האָט אפילו אסך הומאָר, אָבער די גאַנצע יידישע פאָלקס־קולטור גייט אים נאָר אזויפיל אָן אויף וויפיל דאָס אלץ האָט א שייכות צו דער פאַרטיי. די דיכטער־מיטאַר־בעטער פון דער פאַרטיי־צייטונג האָט ער ליב. צו אלע איבעריקע איז ער שטייניק־גלייכגילטיק.

געדענקט איר דעם תּנך? דאָרט איז פירער און ריכטער — סינאָנים. נח איז דער פירער און דער ריכטער פון זיין פאַרטיי. אָפט קומט מען אין זיין קליין, באַזונדער שטיבל אין דער רעדאַקציע, אין וועלכן עס שטייט נאָר א גרויסער, נאַקעטער שרייב־טיש און א קליין שאַפעלע, מיט משפּטים. מעגן די צדדים ביי דער שוועל פון זיין טיר טומלען, הינטער דער טיר ווערט באַלד שטיל און געלאַסן און מען ציטערט ממש, ווייל זיין וואָרט איז געזעץ. אוודאי מעג מען אַפּאַנירן, גיין צו די אינסטאַנצן פון דער פאַרטיי, אָבער

די מענשליכע נאַטור דאַרף פירער איבער זיך. מען גיט זיך אונטער. מען האָט אַן אויסרייד — יוזעף. מאַרקס איז גערעכט, אָבער פרויד זאָגט דעם אמת.

כאָטש נח איז שוין זינט 1917 לעגאַל אין וואַרשע, וווינט אין אַ לעגאַלער דירה אין אַ פּוילישן געגנט, זאָגן צינגער וואָס האָבן ליב אַ חלצהלע, אַז ער גייט אהיים מיט געדרייטע הינטער־וועגעלעך, אַז ער שטעלט אויף דעם קאָלנער און רוקט אַראָפּ דעם הוט אַזוי גיך ער איז אויף דער גאַס מחמת דאָס קאָנספּירירן איז בײַ אים געוואָרן אַ צווייטע נאַטור. אָבער דאָס זענען הלצהלעך. און דאָך. עס דערמאָנט זיך: צוליב עפּיס אַ גראָביונגישן באַאמטן אין פּוילישן פּאַס־אַמט איז ער אין פּאַס פאַרשריבן שטאָט יקותיאל פּאָרטנוי: „יאַן קושעל־־פּאָרטנאָי‟. אַז איך שרײַב פאַר אים אַמאָל די לעגיטימאַציע פון דעם שרײַבער־פאַרײַן זאָגט ער מיר אָן געגנוי אויפצוהיטן דעם טשודנעם פּוילישן „יאָן‟, וואָס האָט זיך צופעליק אין זײַן פּאַס אַרײַנגעכאַפּט. אַזאַ זאַך קען אַמאָל צוניצקומען. און גיכער ווי ווער עס איז האָט ער געקענט שפּילן אַן אמתן פּוילישן שליאַכציץ.

אויף וויפל מיר איז באַקאַנט האָט נח זײַן לעבנס־געשיכטע, וואָס איז ממש אָנגעפּיקעוועט מיט הויכגעשפּאַנטע דראַמאַטישע עפּיזאָדן, קיינמאָל נישט אויפגעשריבן, אפילו זי קיינעם קיינמאָל מיט אַ סדר נישט דערציילט. אויך דאָס איז באַוווסטזיניק געוועזן און אין טיפן גלויבן, אַז אַזוי איז בעסער פאַר דער פּאַרטיי, וואָס פריער אָדער שפּעטער וועט זי דאָך — לויט זײַן איבער־צייגונג — זײַן די איינציקע בײַ יידן. זאָל זיך וועבן די לעגענדע אַליין פון זיך. ער פלעגט די עפּיזאָדן וועגן אים אָוועקמאַכן מיט דער האַנט מיט אויפריכ־טיקער עניוות, אָבער קיינמאָל נישט אָפּלייקענען. מחמת זיי באַלאַנגען דאָך צום אוצר פון דער פּאַרטיי. ער איז געשטאָרבן פּונקט אויף דער שוועל פון אָפּגרונט ווען מען האָט נאָך געקענט שטאַרבן מיט טיפן בונדישן מאָרגן־גלויבן.

1945

העניק ערליך

1882 אין לובלין, שטודירט אין אמאליקן רוסלאנד און אין אייראָפּעישן מערב, געלעבט אין אלערליי טיילן פון אמאָליקן רוסלאנד, 1919 זיך באזעצט אין ווארשע. פיל רייזעס אין מערב־אייראָפּע און צפון־אמעריקע. 1939 צום ערשטן מאָל און 1941 צום צווייטן מאָל ארעסטירט אין ראטן־פארבאנד.

אויסערלעך — די קאָרעקטקייט אליין, אינערלעך — די קאָרעקטקייט אליין, אידעאלאָגיש כמעט גראדליניק פון אָנהויב אָן, אין מעשים אוודאי און אוודאי גראדליניק — און דאָך אזויפיל אומרויקייט אין לעבן, צענדלינקער מאָל ארעסטירט, צענדליקער מאָל אָנגעקלאגט פאר פּאָליטישער טעטיקייט און א וועלט מיט קעגנער, איינגעשפּארטע, פארביסענע, קאָמפּראָמיסלאָזע ביז צום סוף פון די טעג — אט אזוי איז העניק ערליך, צענדלינקער יאָרן לאנג דער פירער פון אלגעמיינעם יידישן ארבעטער־בונד אין פוילן, און פונקט אזוי לאנג דער זשורנאליסט־אידעאָלאָג פון דער פארטיי און אויך אויסערלעך— א פיגור א דערשיינונג. א הויכער, אן אריסטאָקראטיש יידיש פּנים, כאראקטע־ריסטיש יידיש, אָבער נישט איבערגעטריבן יידיש, טראָגט א פראנצויזיש צוגעשוירענע באָרד און וואָנצעס, נישט צוליב פּאָזע, פּאָזע איז אים זייער פרעמד, נאָר דאָס איז נאטירלעך אזוי, אנדערש קען עס נישט זיין. ער שמייכלט זעלטן, ער לאכט נאָר דעמאָלט ווען מען דארף אין דער פּאָלעמיק אויסלאכן א קעגנער, ער איז אלעמאָל ערנסט, ער צווינגט ארויף דעם ערנסט אויף אלץ און אלעמען ארום. די וועלט איז אן ערנסטער ענין, דער סאָציאליזם איז אן ערנסטער ענין און דאָס סאמע ערנסטעסטע פּינטל פון דער וועלט איז דער אלגעמיינער יידישער ארבעטער־בונד. . .

ער רעדט כמעט טעגלעך אויף אלערליי פארזאמלונגען — העניק ערליך — און ער שרייבט כמעט טעגלעך אין דער „פאָלקסצייטונג" אין ווארשע. ער שרייבט ניט סתם און ער רעדט נישט סתם, אלץ, וואָס ער רעדט און ער שרייבט איז אין שטראָם פון דער פארטיי, איז אן אטאָם פון דער באוועגונג. קיין אנדערע זאכן זענען אין דער וועלט נישט וויכטיק. ערליך האָט געקענט גוט עטלעכע אייראָפּעישע שפּראכן און צו צוויי פון זיי איז ער אין פארלויף פון זיין לעבן און ארבעט געוועזן אסימילירט, צו רוסיש און פויליש. אָבער דאָס פארטיי־לעבן, די פארטיי־ארבעט פאָדערט, אז ער זאָל זיך גוט אויסלערנען יידיש. ער האָט עס אין דער קינדהייט געקענט, אָבער נישט מער ווי אביסל

חדר־יידיש — ער שטאמט פון גבירים — דאַרף מען זיך צולערנען דאָס ליטעראַרישע יידיש. ער טוט עס, נאַטירלעך, און ער שרייבט זייער אַ קאָרעקטן יידיש. נישט צופיל פאָלקסטימלעך, אָבער זייער קלאָר און זייער גראַמאַטיקאַליש. מען דאַרף רעדן קלאָר, קלאָרקייט איז הענריק ערליכס ספּעציאַליטעט. אויב מען ווייסט נישט קלאָר וואָס מען וויל זאָגן, זאָל מען בעסער שווייגן. שווייגן אַזוי לאַנג ביז מען וועט יאָ וויסן קלאָר, וואָס מען וויל זאָגן אָדער שרייבן. קיין צו לאַנגע אַרטיקלען פלעגט ער נישט שרייבן, נישט געווען קיין צייט דערויף, די אַרבעטער וואָלטן אַגב נישט איבערגעלעזן. און פאַר אַרבעטער האָט ער געשריבן. אָבער דערפאַר פלעגט ער האַלטן זייער לאַנגע רעדעס. די אַרבעטער־צוהערער זיצן דאָך און זיי הערן און אַז זיי זיצן און זיי הערן איז אַ סימן, אַז זיי האָבן צייט, און אַז זיי האָבן צייט איז נישטאָ פאַר זיי קיין בעסערע באַשעפטיקונג ווי פאַרנעמען זיך מיט דער פאַרטיי און יעדעס אות אין יעדן וואָרט, וואָס ערליך האָט אַרויסגערעדט איז געווען צענמאָל געווידמעט דער פאַרטיי. אַמאָל אין אַ וווּנדערשיינעם ערשטן מאַי־טאָג האָב איך ערליכן געהערט אין אַ פינסטערן, פאַרשטיקטן טעאַטער־זאַל, האַלטן אַ צוויי־שעהדיקע רעדע. דרייפערטל פון עולם איז געשטאַנען אין איבערגעפאַקטן טעאַטער, אַלע זענען געווען מיד פון דער דעמאָנסטראַציע און אַז מען איז אַרויסגעקומען פון זאַל איז שוין געווען פינסטערלעך אין דרויסן, דער ווּנדערשיינער מאַי־טאָג שוין אַוועק — אָבער דאָס זענען לירישע סענטימענטן און ערליך האָט אָפּגערוקט פון זיך זיינע אייגענע לירישע סענטימונגען און פאַרשטאַנען, אַז אַלע יידישע אַרבעטער דאַרפן אים נאָכטון. אַן אַמעריקאַנער חבר האָט מיר דערציילט, אַז ערליך האָט אַמאָל אין ניו־יאָרק געהאַלטן פאַר אַן אוידיטאָריום פון אַ טויזנט פאַבריק־אַרבעטער און אַרבעטערינס פון דאַמען־קליידער אַ רעפעראַט וועגן דער אינערלעכער פוילישער פּאָליטיק. די רעדע האָט געדוירט דריי שעה. ביים סוף פון דער רעדע איז נאָר נאָך דער קאָמיטעט אין זאַל געבליבן. ערליך איז אַזוי מיטגעריסן געווען פון דעם געדאַנק, אַז ענדלעך קען ער, אין פרייעם אַמעריקע, זיך גרינטלעך אַראָפּרעדן פון האַרצן, אַז ער האָט אַלע איבעריקע קליינקייטן שוין פאַרגעסן. אַז יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע קענען זיך נישט ביז אין אַלע קלענסטע דעטאַלן אינטערעסירן מיט די פּראָבלעמען, וואָס גייען אַזוי אָן די בונדישע מאַסן אין פּוילן — האָט ער אַבסאָלוט נישט פאַרשטאַנען.

איך האָב אַ זעכצען יאָר לאַנג מיטגעאַרבעט ליטעראַריש אין דער דורך ערליכן שעפערעדאַגירטער „פאָלקסצייטונג". כאָטש נישט געווען קיין מיטגליד אין דער פאַרטיי. איינמאָל האָט מיר די פאַרטיי נישט דערלויבט, אַלס מיט־אַרבעטער פון דער צייטונג אירער, אַרויסצוטרעטן אויף אַ געוויסן ליטעראַרישן

אָונט מיט אורי צבֿי גרינבערגן. איך האָב דאָס באַטראַכט ווי א פאַרלעצונג פון דער סוווערעניטעט פון מײַן ליטעראַרישער פרײַהײט פון וואָרט און עס האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, אַז דער „אָדער־אָדער" פון דער פּאַרטײ זאָל פון מיר אָנגענומען ווערן מיט אַן „אָדער נישט מער מיטאַרבעטן". א פּאָר שעה פאַרן אָונט קלאַפּט מען אין טיר בײַ מיר און ווי איבעראַשט בין איך צו זען ערליכן אַליין. ער קומט מיך חלילה נישט בעטן און אויך נישט סטראַשען, נאָר חבֿריש אויפקלערן, אַז איך בין נישט גערעכט. איך בין אַזוי גערירט געוועזן פון דעם שריט פון דעם סעניאָר פון דער באַוועגונג, און איך בין דאָך יאָ אין פּרינציפּיעל צוגענגלעך צו לירישע סענטימענטן, אַז איך האָב מאָמענטאַן נאָכגעגעבן, נאָר אויסגעפּועלט א קליינע קאָנצעסיע כּדי אָפּצונאַרן מײַן אייגענעם שטאָלץ. . .

א פּוילישער ייִד לויט געבורט און קינדהײט, א רוסישער לויט דערציִונג, האָט ערליך געניצט א מאָדנעם אַקצענט, אַן אייגענעם דיאַלעקט זיך ממש געשאַפן. ברייט די אויספירונגען, טיף די אַרגומענטן און קנאַיש אײַנגעשפּאַרט, קיין רענדל אַרויף, קיין רענדל אַראָפּ. אָט אַזוי דאַרף רעדן א פּאָרשטייער פון אַן אַריסטאָקראַטישער קאַסטע. און קיינמאָל האָסטו ערליכן נישט געקענט זען אויף איין פּלאַטפאָרמע מיט די „אומבאַרירלעכע" פון די בירגערלעכע פּאַרטייען און קיינמאָל האָט זיך זײַן וואָרט נישט אָנגערירט אין א בירגערלעכער אויסגאַבע מיט די ווערטער פון די „אומבאַרירלעכע" שרײַבער פון דער בירגערלעכער, פון דער געשיכטע פאַרמשפּטער וועלט . . .

1942

די ווערטער דאָ אויבן זענען געשריבן געוואָרן אין יאָר 1942 — ווען קיינער האָט נאָך קיין אַנונג נישט געהאַט וואָס פאַר א גורל עס האָט געטראָפן העניק ערליכן צוזאַמען מיט זײַן נאָענסטן חבֿר אין דער פרייד פון בונדישער פּאַרטייאַרבעט און אין לייד פון דער וועלט קאַטאַסטראָפע פון די יאָרן 1939 און ווייטער — וויקטאָר אַלטער. וועגן וויקטאָר אַלטער איז אין דעם לעקסיקאָן קיין פּאָרטרעט נישטאָ מחמת דער שרײַבער פון די שורות האָט אים צו ווייניק פערזענלעך געקענט.

ערשט אין פעברואַר 1943 אין סאַמע מיטן פון דעם געראַנגל פון דער דעמאָקראַטישער וועלט קעגן דער פאַשיסטישער וועלט — ווען דער פאַרבלוטיקטער נאַצי־שטיוול האָט נאָך שטאַרק געדריקט די וואָגשאָלן פון וועלט־גורל אויף זײַן זיגערישער זײַט — איז דורך א בריוו פון ליטווינאָוון דעפּינטיוו באַקאַנט געוואָרן דאָס שרעקליכע, אַז סוף 1941, פּונקט ווען די היטלעריטן זענען געשטאַנען בײַ די טויערן פון מאָסקווע זענען — נאָך א קורצער

באפרייאונג — דאָרט פּלוצלונג אומגעבראכט געוואָרן העגריק ערליך און וויקטאָר אלטער.

כאָטש מיין ווייניקייט האָט זיך נאטירלעך נישט צוזאמענגערעדט וועגן דער גאנצער טראגעדיע מיט דעם גאון פון דער מענטשהייט אין אונזערע טעג — פּראָפעסאָר אלבערט איינשטיין — האָב איך אָבער וועגן דער טראגעדיע גע־טראכט דאָס זעלבע, וואָס ער. און אוודאי נאָך שטארקער.

אין דער בונדישער „אונזער צייט״, ניו יאָרק סעפּטעמבער 1943, זענען פארהאנען איינשטיינס עטליכע ווערטער וועגן דעם געשעענעם. איך ציטיר: איך בין אלעמאָל געוועזן איבערצייגט, אז די הינריכטונג פון די צוויי פּויליש־יידישע ארבעטער פירער איז געוועזן א פאטאלער פּאָליטישער טעות און די באשולדיקונגען גופא קעגן זיי זענען העכסט אומווארשיינלעך. — און ווייטער: איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט אין דער שולד פון ערליך און אלטער און האָב קיינמאָל דערפון געמאכט קיין סוד.

אז עס האָט זיך באלד אָנגעהויבן א פּארטייאישע אקציע ארום דער אומ־באשרייבלעכער מענטשליכער טראגעדיע און זי איז פארוואנדלט געוואָרן אין אן „ענין״ צווישן רעכטס און לינקס („ענין״ איז די טראגעדיע כסדר אָנגערופן געוואָרן אין דעם צוזאמענהאנג) האָט דער שרייבער פון די שורות אויסגעקליבן צו פּראָטעסטירן ביחידות. אין דער וואָכנשריפט „פרייע ארבעטער שטימע״, ניו יאָרק, 26טן מערץ 1943, איז דערשינען מיינער אן אויספיר־לעכער בריוו אין רעדאַקציע וועגן דעם געשעענעם און דעם נאָך שרעקליכערן, אויב עס קען עפּיס שרעקליכערס זיין ווי אויסלעשן אומשולדיקע לעבנס, דער באגרינדונג. עטליכע אויפריכטיקע סאָציאליסטן האָבן זיך געשטעלט אויף מיין זייט און האָבן עס מיר מיטגעלייגט פערזענלעך און אין בריוו, אנדערע האָבן מיין נישט וועלן זיך אידענטיפיצירן מיט דער אקציע אין געגעבענעם מאָמענט דווקא באצייכנט ווי אן אידענטיפיצירן זיך מיט דעם צד שכנגד, וואָס האָט די טראגעדיע פאראורזאכט. נישט דאָ איז דאָס אָרט דעם דערמאנטן גאַנצן בריוו צו ציטירן. איך וועל ברענגען נאָר א פּאָר פסוקים: אויב איך וואָלט געדארפט אָננעמען די אָפיציעלע באגרינדונג פון ערליכס און אלטערס טויט , וואָלט איך לאָגיש געדארפט אין דער זעלבער מינוט פארצווייפלען אין דעם גאנצן מענשלעכן מין. — לעז איך רעכטע צייטונגען וועגן דער טראגעדיע פאלט מיין הארץ צו דער ערד איבערן לייכטזיניקן ווארפן זיך מיט בראנדפּאַקל־ווערטער. לעז איך לינקע צייטונגען, וועגן דער זעלבער טראגעדיע, פאלט נאָך טיפער מיין הארץ פון שרעק איבערן לייכטזין. סוף כל סוף מוז די נאכט פון אומלאָגיק יעדע פארטיי ארומנעמען, מעג זי זיין א רעכטע, א לינקע, א מיטלסדיקע אפילו. — — איך האלט פון איינקייט אין דער

יידישער גאס אצינד. — — מיר שטייען מיט געבויגענע קעפּ, מיט אומאויס־לעשליכן טרויער אין הארצן איבערן טויט פון צוויי פון די ליכטיקסטע פּירער פון יידישע ארבעטער אין פּוילן. — —

אלץ איבעריקע, וואָס איז געשריבן אָדער געזאָגט געוואָרן אין צוזאמענהאנג מיט מיין נישט אידענטיפיצירן זיך מיט דער אקציע איז דיקטירט געוואָרן דורך פּארטייאישע ליידנשאפטן און האָט נישט קיין שייכות, נישט מיט מיינע ווערטער שווארץ אויף ווייס און נישט מיט מיינע רייד און נישט מיט מיינע געפילן און נישט מיט מיין גאנצן לייב און לעבן און גאנג דורך די אלע יאָרן פון מיין שרייבן און רעדן.

1946

דר. יוסף קרוק

1885 אין טשענסטאָכאָוו. זינט זײַן פריער יוגנט געביטן — אלס פּאַרטיי טוער, צענדלינקער מאָל זײַנע װוינערטער, געוווינט און שטודירט אין כמעט אלע מערב־אייראָפּעישע הויפּטשטעט. דער עיקר אין לאָנדאָן. זינט 1920 אין וואַר־שע. 1939 זיך געראַטעוועט קיין ארץ ישראל.

אז מען האָט גערעדט וועגן דר. יוסף קרוק'ן אין פּוילן האָט מען שוין ווי נישט איז אין א מינוט ארום געמוזט דערמאָנען דעם נאָמען פון דר. ישראל זאַנגוויל דעם בארימטן ענגלישן שריפטשטעלער און טעריטאָראַליסטישן פּי־רער—און פונקט אזוי פאַרקערט, אז מען האָט גערעדט וועגן זאַנגווילן, האָט מען שוין באלד געמוזט רעדן וועגן דר. קרוקן. ער איז א מאָדנער מענש, אָט דער דר. קרוק, א בייניקער, א מיטלהויכער, מיט גרויסע און שטאַרק נישט יידישע פּנים שטריכן, ער דערמאָנט אייך אביסל אין די בילדער פון דר. שלמה עטינגער, דעם עלטער־זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור, און ווי יענער איז ער אויך א ט־ף־פּוילישער, נאָר קרוק איז נאָך דערצו פול מיט פּויליש־פּאַטריאָטישן יחוס. קאַמף מיט דעם צאַריזם גייט שוין אָן אין זײַן משפּחה דורך דורות און זײַן אייגן לעבן איז אוודאי און אוודאי אויסגעפּילט אינ־גאַנצן מיט אָט דעם קאַמף.

און כאָטש זײַן לעבן איז פול מיט רעוואָלוציעס ווי אן אמאָליקע באָמבע מיט שרויט — נישט שייך דאָ צו זאָגן „מילגרוים מיט קערלעך" — איז ער אליין אָבער שטענדיק גוטמוטיק און צעשמייכלט און רעדט זייער הויך, גאָר־נישט ווי דער שטייגער פון די מענשן, וואָס זענען געוווינט צו שטענדיקער קאָנספּיראַציע. קרוק האָט א ברייטע און א טיפע שטימע און זי ווערט נאָך ברייטער און פולער אין זײַן פולן מויל און היפּשער, נישט יידישער נאָז. כאָטש ער איז אלעמאָל פול מיט קאַמף אויף פיר פראָנטן, ער פירט אלעמאָל אן איינצלמלחמה טאַקע אויף פיר פראָנטן, האָט ער אָבער אלעמאָל אסך צייט און האָט ליב צו כאַפּן א שמועס. און כאָטש ער איז א יידישיסטישער ייד, לויט איינעם פון די פיל פּאַראַגראַפן פון זײַנע פּאַרטייאישע איבער־צייגונגען, רעדט ער אויף אלע שפּראַכן אָן אקצענט און נאָר אין יידיש האָט ער דעם אקצענט פון א פּויערל, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט יידיש — ווי עס מאַכט זיך אמאָל. און אז ער רעדט יידיש האַלט ער אין איין באַרגן ווערטער ביי זײַנע מיטשמועסער.

נישט זייענדיק קיין קאָנגרעס־פּוילישער, נאָר א גאַליציאַנער, איז מיר אלעמאָל זייער שווער אָנגעקומען צו פאַרשטיין דעם פּאַרטייאישן לאַבירינט

אין וועלכן דר. קרוק האָט זיך שטענדיק ארומגעדרייט. ער איז אין פרינציפּ געווען דאָס וואָס מען רופט ציוניסט־סאָציאַליסט. זיינע פּאַרטייען האָבן זיך שטענדיק געשפּאָלטן און — צוליב עפּעס א טראַגיקאָמישן טריק — האָבן זיי זיך דווקא גערופן „די פאַרייניקטע". קרוק איז איינער פון יענע פאַרטיי־מענטשן, וויניקע פאַרטיימענשן, וואָס מיינען עס — נעבעך — ערנסט. איז אים שווער אָנגעקומען צו בלייבן אין אַ דיסציפּלינירטער פּאַרטיי. ער איז געווען ווי יענער רב, וואָס ווייסט, אז דער איז גערעכט און יענער איז גערעכט און זיין אייגענע רביצן איז אויך גערעכט, אז זי זאָגט, אז אויב אלע וועלן זיין גערעכט וועט קיין פּרנסה נישט זיין. און אזוי ווי ער האָט אלעמאָל געמיינט זייער ערנסט און אויך — פריער די צארישע און שפּעטער די פּוילישע — רעגירונגען האָבן עס געמיינט זייער ערנסט, איז קרוק געווען איינער פון די אָפּטסטע תפיסה־זיצערס. עפּיס אזוי ווי זיי וואָלטן אים כסדר סימבאָליש איינ־געזעצט אין תפיסה און דורך אים געוואָרנט אלע איבעריקע פּאַרטייען, ווארום אין זיין פאַרייניקטן פּראָגראַם זענען דאָך געווען שיס־פּולווער־מישונגען פון אלע. מיר האָבן אלעמאָל געזאָגט, אז ער געפינט זיך שטענדיק אויף א טרענ־קענדיקער שיף. און ווי דערשטוינט זענען מיר געווען ווען ער איז איינמאָל צוריקגעקומען פון לאָנדאָן און האָט אונז דערציילט, אז ער האָט טאקע מיט־געמאַכט א טרענקען פון א שיף אין א שטורעם אין לא־מאנש־קאנאל. ער האָט זיך געראַטעוועט אָבער א רייע פון זיינע מאנוסקריפּטן זענען דערטראָנקען געוואָרן.

ער איז א רעדנער מיט א פאַרנעם, דר. קרוק, ער רעדט אויף אן ענגלישן שטייגער, פון מענש צו מענש, פּערזענליך, ער דערציילט אן אנעקדאָט, ער היצט זיך נישט צופיל קעגן זיינע קעגנער, ער באַנוצט נישט קיין צו שאַרפע ווערטער, ער איז א דזשענטלמען, ער קען אויך צונעמען א שאַרף וואָרט. אלע מעלות — נאָר ער קען נישט ענדיקן זיינע רעדעס. איינמאָל האָט דר. קרוק גערעדט אין ליטעראַטן־פאַריין פאַר א געפּאַקטן זאַל וועגן זאַנג־ווילן, זיין פריינט, פאַרשטייט זיך. ער רעדט שוין דריי שעה און מען דאַרף האָבן דעם זאַל פאַר א דרינגענדער נאַכט־זיצונג. עס איז געווען פּרייטיק. דער אומגעדולדיקער נאָמבערג ווינקט, שיקט צעטעלעך, עס העלפט נישט. קרוק דרייט זיך אויף איין אָרט—ענדיקן קען ער נישט. ענפערט ער נאָמבערגן: איך קען נישט ענדיקן, העלפט מיר — — מיט א צעטעלע פון דער עסטראַדע. שיקט נאָמבערג דער חכם צוריק א צעטעלע: — און דערמיט ענדיק איך מיין אויספירלעכע לעקציע וועגן זאַנגווילן דעם מענש און זיין ווערק . . . קרוק נעמט אָן די עצה און קריגט א גרויסע אָוואַציע, ווייל דריי שעה איז אפילו אין וואַרשע געווען אביסל צופיל פאַר א רעפעראַט.

צי דערפאַר ווייל א קבצן האָט א גוט האַרץ, קרוק איז אלעמאָל גרייט גע־

װעזן אַרײַנצװואַרפֿן די גאַנצע װאָג פֿון זײַן פּאַרטײ — װי ער פֿלעגט עס פּאַטעטיש זאָגן — אין אַ געגרעכטן ענין. זענען טאַקע קאָלעגן אָפֿט געקומען צו אים מיט אַלערלײ טענות אויף דער װעלט און די מיטמענטשן. ער פֿלעגט אויס־הערן געדולדיק און צום סוף זיך צערעדן זײער הױך װעגן דעם אומרעכט.

אין אײנעם פֿון די טראַגישע ערשטע־מאַיען אין װאַרשע, די טראַגישע און צעריסן-צעשפּאָלטענע איז צום טראַגישסטן געװעזן די „פּאַרײניקטע״ פּאַרטײ מיט איר שײנער פֿאָן, מיט איר ערנסטן פֿירער. אָט זעט מען „דעמאָנסטרירן״ די גאַנצע פּאַרטײ און מען איבערצײגט זיך, אַז עס איז נישט אמת דער בילבול, אַז קרוק איז איר אײנציקער מיטגליד און ער זוכט נאָך אײן מיטגליד זיך ענדליך אויף אַן אמת צו פֿאַרײניקן . . . די פּאַרטײ האָט זיבן מיטגלידער, אַז זי װעט זיך אַנטװיקלען װעט זי האָבן אַ גאַנצן מנין. נאָר שטאָלץ האָט מאַרשירט קרוק, אַזױ שטאָלץ, אַז דער פּאָליצײ אָפֿיצער האָט זיך גע־פֿילט פּראָװאָצירט און האָט אים געמוזט אַרעסטירן. און װי גיך ער קומט צוריק פֿון תּפֿיסה איז װי קײנמאָל גאָרנישט. ער טרינקט זיך זײַן גלעזל טײ, רעדט זיך גוטמוטיק מיט זײַן אַקצענט פֿון אַ פּױערל, װאָס האָט זיך אױסגע-לערנט ײדיש און מיט אַ שמײכל דערקלערט ער מיט הונדערט אַרגומענטן און טויזנט ציטאַטן, אַז נאָר זײַן פּאַרטײ איז די גערעכטע און נאָר זי װעט סוף כּל סוף ראַטעװען די װעלט און ממילא דאָס ײדישע פֿאָלק. הלװאַי װאָלטן מיר אַסך אַזעלכע ערנסטמײנענדיקע פּאַרטײפֿירער געהאַט, אויך בײ די נישט „פֿאַרײניקטע״ פּאַרטײען.

1945

פראָפעסאָר משה שאָר

געבוירן 1874 אין פשעמישל — געשטאָרבן 8טן יולי 1941
אין קוּיבישעוו.

ווי קום איך אין מיין לעקסיקאָן פון יידישע שרייבער אָן טיטולן איינצו־שליסן דעם נאָמען פון הרב הכולל, דאָקטאָר, פּראָפעסאָר און סענאַטאָר משה שאָר? — עס איז א צופאַל, עס איז א גאַנץ מאָדנער צופאַל. ער איז געווען א קרוב פון מיין פאַמיליע, זיינער א ברודער, דער אדוואָקאַט שמואל שאָר, האָט חתונה געהאַט מיט מיינער אַן ערשטער קוזינע — רוזשיא. האָט זי געהייסן, מיין פעטער מאָטל היטנערס איינציקע טאָכטער איז זי געווען. און אמאָל, אמאָל, ווען רוזשיא היטנער האָט געשפּילט א ליבע מיט פּראָ־פעסאָר שאָרס ברודער און שפּעטער, ווען זי האָט חתונה געהאַט מיט אים איז דער יונגער משה שאָר עטלעכע מאָל געווען צו גאַסט ביי מיינע עלטערן אין שטוב. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַרום 1903 אָדער 1905, די סאַמע גאָלדענסטע יאָרן פון דעם גאַליצישן יידנטום. גאַנץ גאַליציע איז דעמאָלט געווען ווי א מין גרויסע פּראָווינץ פון דער רעזידענץ־שטאָט פון דער 56־מיליאָניקער עסטרייכישער אימפּעריע. דרייפערטל פון מיינע קרובים און פון קרובים פון אַלע איבעריקע גאַליציאַנער יידן האָבן געוווינט אין ווין און דאָס איבער־געבליבענע פערטל האָט זיך געגרייט סוף, סוף אויסצוּוואַנדערן אַהין.

איינעם פון די באַזוכן פון דעם דעמאָלטיקן יונגען געלערנטן שאָר אין אונזער שטוב אין דעם שטעטעלע רעדים ביים סאַן געדענק איך גוט. עס האָט געבלאָזן מיט יחוס פון אים. און געווען איז עס א יחוס־עצמו, ווייל ער האָט געשטאַמט פון אַן אָרימער משפּחה. פיר ברידער זענען זיי געווען און אַלע האָבן זיי געמאַכט טיפּישע גאַליציאַנער קאַריערעס. אַלע האָבן זיי דער־וואָרבן טיטולן. מען איז געזעסן אין דער גרויסער שטוב פון אונזער דירה אין גרעסטן געמויערטן הויז אין שטעטל. די שטוב האָט זיך גערופן „סאַלאָן". און כאָטש מען האָט צו דער גרויסער געלעגנהייט פון שאָרס באַזוך איינגעלאַדן נאָר יחידי סגולה פון דער משפּחה און פון פריינט — איז דאָך דער גאַנצער סאַלאָן געווען פול. גערעדט האָט מען דורכויס דייטש און אפילו א גוטן דייטש. שאָר האָט דעמאָלט אָדער געהאַט אליין פאַרעפנטלעכט א ווערק אונטערן נאָמען „ביבעל אונד באַבעל", וואָס דאָס הייסט תורה און בבל — א מין וואָרטשפּיל אַזאַ, אָדער ער האָט געהאַט פאַרעפנטלעכט א קריטיק איבער אַזאַ מין ווערק. א גאָלדענע ברילֿ, א הויכער שטערן, א בלאָנד שפּיץ־בערדל און זייער אַסך העפלעכקייט און חשיבות און געציילטע ווערטער אין דייטש אָדער אין פּויליש, אָט דאָס איז געווען דער יונגער שאָר. בכלל פלעגן

ביי אונז אין שטוב די מענער זיצן לרוב אין בלויזן קאָפּ און ביי דער גע־לעגנהייט פון אזא מין באזוך איז מען אוודאי און אוודאי געזעסן מיטן הוילן קאָפּ. און ווי דערשטוינט זענען אלע געבליבן ווען דער גאסט האָט, איידער ער האָט גענומען א ביסן אין מויל אריין, ארויסגעצויגן פון קעשענע א זיידן קאפל, געמאכט א ברכה און בשעתן עסן געבליבן זיצן אין קאפל. נאָכן עסן האָט ער פארפירט א וויכוח מיט איינעם פון מיינע פעטערס, וואָס האָט געהאט א ידיעה אין „ביבעל און באבעל” און — אזוי ווי גאליציע האָט ליב א וואָרט־שפיל האָט מען שוין יאָרן־לאנג נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן ביבל און באבעל . . .

יאָרן זענען אוועק. אין יאָר 1923 איז פּראָפעסאָר שאָר געוואָרן נאָמינירט צום רב הכולל אין ווארשע, א יאָר אָדער צוויי שפּעטער — אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָר. זיין סינאגאָגע איז געווען אויף טלאָמאצקיע 9 און אונזער ליטעראטן־פאריין אויף טלאָמאצקיע 13 — א טיר נעבן א טיר. נאָר אין אָט דער גאנצער צייט בין איך אין אָדער צווימאָל ארויפגעגאנגען צום פּראָ־פעסאָר צוליב געזעלשאפטלעכע ענינים. רב הכולל־שע, פּראָפעסאָרישע קעלט איז געווען ארום אים. ער האָט זיך נישט געקענט פארוואָרצלען אין ווארשע — פאר די מאָדערנע צו פרום, פאר די פרומע צו מאָדערן. האָט ער געבויט דעם יודאיסטישן אינסטיטוט—א דענקמאָל פאר זיך. קנאַפּ פארן אויסברוך פון דער צווייטער מלחמה איז די אינסטיטוציע געוואָרן אביסל פּאָפּולער אין ווארשע, געפונען קאָנטאקט מיטן לעבעדיקן לעבן. אזוי גיך שאָר איז גע־וואָרן רב הכולל אין ווארשע האָט מיר מיין טאטעלע געשריבן א בריוו און גע־הייסן זיך דערנענטערן צו אונזער חשובן קרוב. דער טאטעלע מיינער האָט נאָך אלץ געלעבט אין דעם נעפּל פון זיינע זיידענע גאליציאנער יידישע חלומות פון דער פארמלחמה־צייט, ווען . . . צוערשט איז געווען גאָט און שפּעטער פראנץ יאָזעף דער קייזער . . . אז נאָמבערג איז געשטאָרבן — אין יאָר 1928 — איז שאָר געקומען אין אונזער שרייבער־קלוב אנטיילצונעמען אויף דער לוויה. א שטאָט איז געווען אויפגערודערט, זיין שטאָט, זיין קהילה . . . פון דעם טויט פון דעם ייד, וואָס ער האָט אזוי וויניק געקענט, האָט ער פארשטאַנען אין זיין אייביקער לאָיאַליטעט אויף רעכטס און אויף לינקס, אז ער דארף גיין אויף דער לוויה. שפּעטער האָט מיר דערציילט א חבר, אז א שעה פארן גיין צו דער לוויה האָט ער אים גענוי אינפאָרמירט וועגן נאָמבערגס באדייטונג. וואָלט אָבער נאָמבערג געלעבט מיט א דריט־האלבן טויזנט יאָרן פריער, אין דער צייט פון בבל, וואָלט ער אים גוט געקענט . . .

עפּיס א טראגיק איז געווען ארום שאָרן, טראגעדיעס זענען אויך פאָר־געקומען אין זיין משפחה, און ער אליין, א פּראָטאָטיפּ פון א דייטשן

חכמת היהדות־יהודי איז אריינגעבוירן געוואָרן אין א וועלט, וואָס איז געוועזן מיט פונקט א האלב יאָרהונדערט פאָרויס. דאָס יאָך פון זיין לעבן איז אים טאָפּלט שווער געוועזן, אינערלעך און אויסערלעך.

אמאָל האָב איך באגעגנט שאָרן אין לאָנדאָן, ער איז אהין געקומען אין נאָמען פון דער קינדער־הילפסגעזעלשאפט „אָזע״, געלעזן דאָרט אויף א מיטינג א פארבלאָזן, ציפערן־פולן רעפעראט וועגן יידישער נויט אין פוילן, געלעזן מיט דער דייטשער „ל״ און קיינער האָט אים נישט פארשטאנען, דער זאל איז לײדיק געבליבן ביים סוף פון דער לעקציע. נאָך דער לעקציע האָב איך אים באגלייט אין זיין האָטעל, ווי א קינד איז ער אריבערגעלאָפן דערשראָקן די גאסן מיט דער שווערער לאָנדאָנער אויטאָבאוועגונג. ער האָט זיך גענומען פרעגן אויף מיר, איך האָב אים אויפגעקלערט, אז ראוויטש און אפרים בערגנערס זון איז די זעלבע פערזאָן און ער האָט זיך גענומען פונאנדערפרעגן אויף דער משפחה. דער לעצטער, גרעסטער, טראגישסטער פון די גאליצישע פראנץ יאָזעף־יידן.

1942

טעאַטער, מוזיק, מאָלעריי

אברהם אָסטשעגאַ

סקולפּטאָר. געוווינט אין וואַרשע. געבוירן אַרום 1890. גע־וועזן אַרטיסטיש טעטיק און אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

איבער יידישע שטעטלעך אין פּוילן, איבער אָרימע יידישע שטיבער, ווו קינדער וואַקסן אונטער אַסך און האָפנונגען ווייניק, אַזוי היינט און אַזוי אַלעמאָל געוועזן זינט די צייטן פון קאַזימיר דעם גרויסן, גייט אַרום אַ חלום פון שטוב צו שטוב, פון טאַטע־מאַמע צו טאַטע־מאַמע, פון איין קינדעריש קעפּל צום צווייטן — אַ חלום פון פּלוצלונגער גרויסקייט, אַ חלום וועגן אַ נס. מיידלעך חלומען וועגן חתנים, וואָס וועלן פּלוצלונג אַראָפּקומען, חתנים מיט פּרעמדע וואַלוטעס און מיט פרעמדע פּאַספּאָרטן. ייִנגלעך חלומען אָפּט פון מאָדנע קאַריערעס, קינסטלערישע קאַריערעס איבער דער גרויסער און ברייטער וועלט. ווו נאָר אַ קינד טוט אַ זונג מיט אַ ריינער שטימעלע מיינט מען, אַז דאָס איז קאַרוזאָ פון דער צוקונפט, ווו נאָר אַ קלעפּ אַ פּערדל פון ליים — וועט דאָס שוין זיין אַן אַנטאָקאָלסקי און ווו נאָר אַ שמיר אָן אַן אומגעשיקטביימל, אַז דאָס וועט שוין זיין אַ מאַקס ליבערמאַן.

גייען אַרום די מוזן פון שטוב צו שטוב, פון שטעטל צו שטעטל — אַלע גרעסטע קינסטלער קומען אַלעמאָל פון דערפער און פון קליינע שטעט — און זייען, זייען. זייען מיט קאַרגער האַנט, זיי מאַכן זיך נאָר ווי זיי וואָלטן געזייעט, אָבער אַן אמת קערנדל וואַרפן זיי זייער זעלטן; און עס גייען אַרום די געטינס פון די חלומות נאָך זיי און ווו נאָר זיי האָבן געמאַכט אַזוי מיט דער האַנט ווי זיי וואָלטן געזייעט — דאָרט וואַקסט אויס אַ גרויסער חלום און אָפּט אַ טראַגישער חלום. אָפּט וואַקסט דער חלום הויך אַריבער די מעגלעכקייטן, קיינמאָל נישט די מעגלעכקייטן דעם חלום.

און אַמאָל, מיט עטלעכע צענדלינג יאָרן צוריק איז אין אַזאַ שטעטל אין פּוילן געוועזן אַ חדר־ייִנגל מיטן נאָמען אברהם אָסטשעגאַ, וואָס האָט געמאָלן מענטשעלעך אויף די טאָוולען פון די ספרים און געקלעפּט פּערדעלעך פון ברויט און פון ליים און געחלומט גרויס, גאָר גרויס. אַ קליין ייִנגל מיט אַ פּלאַטשיק פּנימל, מיט אַביסל צעשיקלטע אויגן; און אַ צייט איז דעמאָלט

געווען אזא, אז די „גוישע" וועלט פלעגט אויפנעמען גערן א „קינד פון געטא", אויפהויבן עס אַפּט זייער הויך. עס איז געווען די צייט פון עליזא אזשעשקאָ און מאריא קאָנאָפּניצקאָ — די צייט פון פּרויענהאפּטיקן רחמנות צו די פּוילישע יידן. האָט זיך אָפּט געמאכט, אז יידישע וווּנדערקינדער פלעגן גלייך פון בית המדרש אריינפאלן אין דער באַהעמע אריין, אָפּט האָבן זיי יאָרן לאנג נאָך נישט געקענט גוט רעדן פּויליש.

אָט אַזוי איז געקומען דער סקולפּטאָר אברהם אָסטשעגאָ. אָבער דער חלום איז באלד צערונען געוואָרן, אויסגעביטן געוואָרן אויף ווירקלעכקייט.

פארגעסן געוואָרן זענען די נעמען פון אסך, אסך יידישע סקולפּטאָרן, וואָס זענען נאָמענלאָז אריין אין דער געשיכטעלאָזיקייט און האָבן איינגעגראָבן זייער גאנצע קונסט אין מצבות, מצבה־קריצערס זענען זיי געוואָרן. פארהאנען איבער גאָר דער יידישער וועלט אסך בית עולמס, וואָס ווייזן אויף אין געוויסע תקופות אן אייגענעם סטיל און א הויכע מדרגה פון שטיין־קריץ־קונסט. נאָמענלאָזע יידישע סקולפּטאָרן, וואָס האָבן זייער קאריערע פארבונדן מיט דעם טויט . . .

אברהם אָסטשעגאָ שאפט סטיל און תקופה אויף דעם גראנדיעזן וואר־שעווער יידישער בית עולם. ער האָט זיך אָבער געזיכערט קעגן דער נאָמענ־לאָזיקייט מיט דער שאפונג פון אפשר דער גרעסטער, יעדנפאלס דער וויכ־טיקסטער, יידישער מצבה פון דער לעצטער צייט. זיין ווערק איז די דורכויס אין יידישער סטיל געהאלטענע מצבה, וואָס האָט דעם נאָמען אוהל־פּרץ, און וואָס אונטער אירע שווערע שטיינער רוען די ביינער פון פּרץ, דינעזאָן און אנ־סקי. די מיליטאנטיש־אָרטאָדאָקסישע ווארשעווער קהילה היט דאָס פּנימ־לאָזע אויסזען פון דעם בית עולם און אָסטשעגאָ קעמפט מיט דעם העמערל און מיט דער דלוטע און העמערט אריין אלעמאָל מער און מער און נאָר מיט ליניעס אויסגעפּירטע געשטאלטן אויף די קברים פון דעם בית עולם. ער שאפט א נייעם סטיל, א סינטעזע פון אלט און ניי — געשטאלט און געשטאלט־לאָזיקייט. יידישע סקולפּטור.

אמאָל גיי איך מיט אָסטשעגאָן אויף זיין גרויסער שטענדיקער אויס־שטעלונג אויף דעם בית עולם אין ווארשע. אָט דאָרט איז זיינס א ווערק. א דייטלעכע געשטאלט פון א פרוי אין טרויער־פּאָזע. נאָר אָט קומסטו נענטער און נענטער און די געשטאלט פאסט זיך צו צו די געזעצן פון דער תורה און פון דער ווארשעווער גמינע און צערינט — ווערט ליניע בלויז און בלויז סימבאָל פון געשטאלט. עס איז עפּיס אזוי ווי מען פארקויפט דעם חמץ פאר פסח. אי יאָ פארקויפט און אי נישט פארקויפט — יידישער סטיל — —

מיר שפּרינגען איבער קברים און איבער מצבות, קרייצן דורך לוויות און אָט איז די הויפּט־אלעע און דאָס הויפּט־קבר פון דער הויפּט־אלעע, דאָס

קבר פֿון דעם גרעסטן װאַרשעװער ייִד פֿון דער לעצטער צײַט — דאָס אוהל־פּרץ און נעבן אוהל־פּרץ דער שאָפֿער און ער גײט צו מיט שטענדיקער פּיעטעט מיט זײַן אַביסל פֿלאַטשיקן פּנים און די אַביסל צעשיקלטע אױגן צו זײַן װערק און בײזערט זיך אױף דער פּיעטעטלאָזיקײט פֿון די באַזוכער פֿון דעם אוהל, װאָס באַשמירן מיט אונטערשריפֿטן דאָס פֿאַרהײליקטע קבר און . . . זײַן לעבנסװערק.

1937

יוליוס אָסקאַר

**געבוירן אין פוילן ארום 1850 א פויליש־דייטש־רוסיש־
יידישער אקטיאָר. געשטאָרבן אין ווארשע 1934.**

א הונדערט־פראָצענטיקער אקטיאָר איז ער געווען אָט דער מענש אָן א משפחה, אָן א געבורטשיין, אָן א פאָלק, אָן זיין אייגענער שפראך, אָן א עטיק, וואָלט איך אפילו געוואגט צו זאָגן, אָט דער יוליוס אָסקאַר. ער איז גרייט גע־ווען צו דינען צו אלע געטער, אבי מען זאָל אים געבן די מעגלעכקייט צו דינען צו זיין הויפט־גאָט — און זיין הויפט־גאָט איז געווען די בינע.

אז איך האָב אים געקענט איז ער שוין געווען איבער זיבעציק, און אפשר שוין דעמאָלט איבער אכציק, ווייל ער האָט מיט בייזקייט פון זיך געריסן די יאָרן און דאָ האָט ער זיך געמאכט מיט צוואנציק יאָרן יינגער און דאָ האָט ער געשפּילט א צוואנציק יאָר נאָך עלטערן. ער האָט איינעם אינגאנצן צעמישט מיט זיינע יאָרן. ער האָט אפשר אליין נישט געוווסט וויפיל ער איז אלט. ער איז אזויפיל אלט געווען וואָס פאר א ראָלן ער האָט געשפּילט. און ער איז צו זיינע זיבעציק גרייט געווען צו שפּילן ראָמעאָ — פונקט ווי ער איז, ווי מען האָט געזאָגט, צו זיינע צוואנציק גרייט געווען צו שפּילן די ראָל פון מתושלח, אבי א גוטע ראָלע.

א נידעריקער איז ער געווען, גרויסע אויגן, ברענענדיקע אפילו ווען זיי זענען שוין געווען אויסגעלאָשן, אויסגעשפּראָכענע פּנים־שטריכן, מיסתמא גוט־פאָטאָגענישע, ער וואָלט זיכער געמאכט א קאַריערע, ווען ער וואָלט אריינגעלעבט מיט זיין יוגנט אין די יאָרן פון קינאָ. ער האָט אויסגעזען ווי איינער, וואָס ציט זיין יחוס נאָך פון די צייטן פון דער גריכישער טראַגעדיע. נישט קיין פּנים האָט ער געהאט, אָט דער יוליוס אָסקאַר, נאָר א מאסקע, די מאסקע פון דעם אייביקן אקטיאָר.

זינט איך האָב אים געקענט — און דאָס זענען שוין געווען די לעצטע יאָרן זיינע — איז ער פול געווען מיט קריוודעס, וואָס אלע האָבן אים געטון. ער האָט די קריוודעס ארויפגעלייגט אויף מענשן, אָבער די גרעסטע קריוודע האָט אים געטון גאָט, וואָס האָט אים אלע יאָר עלטער געמאכט מיט א יאָר. כאָטש יאָרן האָט ער אים נישט געקארגט, עפּיס אזוי ווי ער וואָלט אים גע־וואָלט מאכן פאר זיין קאָלעגע אין אייביק־לעבן . . .

אמאָל האָב איך בייגעווווינט א סצענע, ווי עטלעכע הפקר־יונגען פּאָליציי־רעפּאָרטערן פון דער יידישער פּרעסע אין ווארשע האָבן זיך גערייצט מיט דעם דעמאָלט שוין איבער אכציק־יעריקן עלטסטן וועטעראן פון דעם יידישן טעאטער, אז ער קען שוין נישט מער זיין נאָענט מיט א פרוי. דער דאָן־זשואן

וועטעראַן פון דער צייט, ווען די באָבעס פון די הפקר־יונגען זענען נאָך מיידלעך געווען, האָט מיט טעאַטראַלישן פּאַטאָס פאַרזיכערט זיינע אָפּאָ־נענטן, אַז דאָס איז נישט אמת און עס איז אַ בילבול און נישט נאָר איינמאָל, נאָר דריימאָל קען ער נאָך נאָענט זיין מיט אַ פּרוי. נאָר ער האָט נישט קיין געלעגנהייט. האָט איינער פון די הפקר־יונגען געזאָגט, אַז זיי וועלן אים געבן די געלעגנהייט און זיי זענען מיט אים אוועק. אויף צו מאָרגנס האָבן זיי באַזיגטע דערקלערט, אַז דער אַלטער אָסקאַר האָט גערעדט אמת. כאָטש עס איז אַ דאַנטעישע גיהנום־סצענע געווען — האָב איך זי דאָ דערציילט, ווייל זי איז אַזוי טראַגי־קאָמיש טעאַטראַליש און פּאַסט זיך אַזוי צו דעם אַלטן אָסקאַר.

אַז ער האָט געהערט — דער אָסקאַר — אַז ערגעץ איז דאָ די מעגלעכ־קייט פון קריגן אַ ראָלע, פלעגט ער גיין פון מענש צו מענש און נוצן איינפלוסן און אָפּטמאָל איז עס אים געלונגען ווידער, מיט אַלע זיינע נאָענט צו הונדערט יאָר, אַרויפצוכאַפּן זיך אויף די ברעטער. דעמאָלט פלעגט ער די קלענסטע ראָלן שפּילן מיט אַזאַ פּאַטאָס, אַז פון הונדערט סטאַטיסטן פלעגט מען אים אַרויסזען. אויף דער בינע האָט ער נישט געציטערט, איז צווישמאָל העכער גע־וואָרן און האָט יעדעס וואָרט אַקצענטירט אַזוי ווי „זיין — אָדער נישט זיין?" — האָט עס אַפילו געמעגט זיין בלויז אַ פראַגע צי זאָל ער עפענען די טיר . . . און קלאָר איז געווען, אַז ער האָט טאַלענט, אַסך טאַלענט, אייביקן טאַלענט, צוויי טוץ יונגע צו באַטיילן מיט דעם. אַפילו אויף דער פּוילישער בינע, אין יידישע שטיק, האָט ער נאָך באַוויזן אַרויפצוגיין, אַפילו אויפן פילם האָט ער זיך נאָך אַרויפגעכאַפּט. אַמאָל — זאָגט מען — איז ער געווען דער, וואָס האָט דער ערשטער אַרויפגעפירט אסתר רחל קאַמינסקי אויף דער בינע, און זי איז דאָך געוואָרן דאָרט קעניגין. און אַ גאַנצע אַרמעע שפּילער האָט ער אויף דער בינע אַרויפגעפירט.

אַמאָל האָב איך אים צופעליק געזען אין אַ געשפּרעך מיט אַלעקסאַנדער מאָיסי, דעם גרעסטן דייטשן אַקטיאָר, בשעת זיין באַזוך אין וואַרשע. אַז ער האָט מאָסין דערציילט זיין פאַרגאַנגענהייט, און אַז ער האָט אַמאָל געשפּילט צוזאַמען מיט באַרנעי, און מען האָט געפילט, אַז דאָס איז אמת, און ביידע, אָסקאַר און מאָיסי, זענען געווען בגילופין, האָבן זיי זיך צעקושט און שיער נישט צעוויינט.

אין אַ ווינטערדיקן פאַרטאָג, נאָך אַ באַל אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַריין, עטליכע געסט נאָך אין זאַל, די בינע שטייט ליידיק. פּלוצלונג שטייט אויף איר אָסקאַר און דעקלאַמירט פאַר די לעצטע פּאָר געסט שטיקער פון זיין

רעפּערטואַר, אין דרײַ שפּראַכן, פֿון אָנהויב נײַנצענטן יאָרהונדערט. מען האָט אים נישט געשטערט. האָט ער זיך אַלעמאָל אין אַ העכערן פּאַטאָס אַרײַנגע־דעקלאַמירט. — אַז ער האָט פֿאַרענדיקט, האָט ער נאָך צום סוף צוגעגעבן אויף דײַטש: אונד זאָ אײַן זשעני געהט הערום אָהנע פּאָסטען. — שיללערס „פֿראַנץ מאָהר" איז געװעזן זײַן לעבנס גלאַנץ־ראָלע.

1939

משה אפעלבוים

1887 אמשינאָוו — מערערע אייראָפּעישע לענדער — 1920 וואַרשע, געשטאָרבן אין 1934.

א קליינגעוווקסיקער מיט א צעאַקערט פּנים און א רויער, אביסל הייזעריקלעכער שטים פון איינעם, וואָס האָט שוין געזאָגט דעם גרויסן „באַפלעוואַט" דער גאַנצער וועלט. א מאַלער, וואָס האָט ליידנשאַפטלעך געזוכט דעם מיטלאַלטערלעכן יידישן בית המדרש־סטיל אַריינצופירן אין דער מאָדערנער יידישער מאָלעריי־קונסט. אַזוי לאַנג געזוכט דעם עמוד־מזרח מאָטיוו, דעם ארון־קודש מאָטיוו אַרויסצופירן פון דער שול אַרויס אין דער קונסט אַריין ביז— ביז ער האָט זיין אייגענע קונסט צוריק אַריינגעפירט אין דער ריכטיקער שול אַריין. די דעקאָראַציע פון א גרויסער פּראָווינץ־שול איז געוועזן די לעצטע אַרבעט פון זיין לעבן.

אויף די ווענט פון די שטובן, וו איך וווין הענג איך קיינמאָל נישט אָן קיין בילדער. אויף א בילד, וואָס הענגט אויף א וואַנט, קוקט מען דאָך אַלע טאָג און אַלע טאָג זעגט זיך דאָס בילד טיפער און טיפער אין דיין נשמה אַריין. דו באַמערקסט עס נישט, אָבער דאָס בילד טאָטשעט דיין נשמה ווי א וואָרעם. עס שרויפט זיך אַריין. אַרויסרייסן אַזא בילד, וואָס איז א צענדלינק יאָרן געהאָנגען פאַר דיינע אויגן, פון דיין נשמה אַרויס, איז סיידן מיט א שטיק נשמה . . .

בילדער אויף די ווענט פון א ווינשטוב זענען א געפערלעכע זאַך. סיידן בילדער — מיט וועלכע מען האָט באַשלאָסן גייסטיק זיך אויף אייביק צו פאַרבינדן. אָבער זאָגט מיר — ווו זענען דאָ אַזעלכע בילדער? כדי עס זאָל לייכטער זיין, צו פאַרשטיין: שטעלט אייך פאָר, אַז עמיץ וועט אייך צווינגען יעדן טאָג דריימאָל צו לעזן עפּיס א ליד פון מלך ראַוויטש. ווידער דאָסזעלבע און אָבער דאָסזעלבע און דאָס ליד האָט גאָר אינגאַנצן געטויגט אויף פייער. איז אויב איר זענט א פּערזענלעכקייט וועט איר דעם ראַוויטשן ווערן מיט דער צייט א דם־שונא און אויב נישט וועט איר זיך שלאַבעריק אונטערגעבן אונטער דער שרעקלעכער ווירקונג פון א שלעכט ליד. און אפילו אויב עס וואָלט שוין יאָ עפּיס געטויגט — צו וואָס אַזש דריימאָל א טאָג עס לעזן?

דאָס איז אַלץ אַנטקעגן דעם מאָלער משה אפעלבוים, וואָס האָט צען יאָרן לאַנג טעראָריזירט די אויגן פון דער יידישער ליטעראַטור פון פּוילן מיט זיינע פּאַרצירונגען אויף די ווענט פון דעם פאַריין פון יידישע ליטעראַן און זשורנאַליסטן אויף טלאָמאַצקיע 13. אין יאָר 1920 האָט ער די אַרבעט אויסגעפירט און אין יאָר 1930 האָט מען די ווענט געענדערט. דעם טאַטן און די מאַמען האָט

ער אין יענע בילדער אריינגעלייגט. טאָג און נאַכט געארבעט איבער זיי — געקראָכן איבער די גזימסן מיט א פיעטעט ווי מיקעלאנדזשעלאָ ביים מאָלן פון זיין „לעצטן משפט". און ערשט נאָכדעם ווי מען האָט די ווענט געענדערט האָבן מיר אלע דערזען, אז אין יענע בילדער איז געווען סטיל. עכטער יידישער פרעסקן־סטיל. אפשר נישט קיין גרויסקייט — אָבער זיכער סטיל. א שאָד, וואָס עס איז קיין זכר פון דעם אלעמען נישט געבליבן.

אמאָל, ווען די לייוונטן זענען שוין געווען היפש פארשטויבט און אָפּ־געבליאקעוועט, האָב איך אין לײדיקן זאל באמערקט אפעלבוימען, וואָס האָט ליב געהאט דעם צינישן מאך מיט דער האנט, מיט ליבשאפט פארריכטן זיין ווערק. צווישן מענשן האָט ער עס פיינט געהאט — אין דער טיף פון דער נשמה איז ער געווען פארליבט אין דעם ווי יעדער קינסטלער.

אין פארצווייפלטע מינוטן, און ער האָט זיי געהאט אסך, אינערלעך און אויסערלעך, ווייל ער האָט נישט פיינט געהאט דאָס ביטערן טראָפּן, פלעגט ער חלומען פון א ווייטן ברודער אין עקזאָטישע לענדער. ער וועט אים עפּיס מיט אמאָל א שיק טון א טויזנטער פון עפּיס א גאָלדענער וואליוטע און אים ארויסראטעווען פון אלע צרות. און איך האָב דעם ברודער אמאָל געטראָפן אין אויסטראליע. ער האָט ביי מיר גענומען דעם קינסטלערס אדרעס, ביז ער האָט זיך אויסגעקליבן שרייבן האָט זיך דער קינסטלער־באָהעמיען פארצויגן אויפן הימל ארויף — און אין יענע קאָמפּליצירטע וועגן איז שוין שווער אונזער איינעם עמיצן צו געפינען. און איידער ער האָט זיך אהין פארצויגן האָט ער נאָך אויף דער ערד געפריוועט זיך אויפריכטן, חתונה געהאט מיט א יונגער, שיינער און ענטוזיאסטישער פרוי, א קינד אויף דער וועלט געבראכט, אָבער דער וואָס האלט דעם גרויסן סטעמפל אין דער האנט האָט דערווייל שוין אנדערש געהאט געחתמעט.

1937

מרים אָרלעסקאָ

לאַנגיאָריקע ערשטע־ראָליסטן פון דער „ווילנער טרופּע״. געבוירן וואַרשע, אַרום 1900, זינט 1919 אויף דער ייִדישער בינע. איראָפּעיִשע רייזעס מיט דער טרופּע. געבליבן און אומגעקומען איז געטאָ צוזאַמען מיט דירעקטאָר מרדכי מאַזע — איר מאַן.

וואָס דאָס איז אַ „וואַרשעווער ייִדישער פּאַניענקע״ קען נאָר וויסן דער, וואָס האָט אָט די פּאַניענקעס געזען אין וואַרשע גופא. אַרום 1910 איז דער טיפּ אויפגעקומען אין ייִדישן לעבן און אין יאָר 1939 האָט ער זיך גע־ענדיקט. אַרום דרײַסיק יאָר האָט געדויערט דאָס לעבן פון דעם מין. אַ וואַר־שעווער ייִדישער פּאַניענקע איז געווען שיין, קיין צווייפל נישט, אָבער זי האָט זיך אײַנגערעדט אַלעמאָל, אַז זי איז שענער. חוץ דעם פלעגט זי איר שיינקייט קאַליע מאַכן מיט פּריצייטיק באַנוצן אַלערליי קאָסמעטישע מיטלען און מיט כלערליי שמד־שטיקלעך און חנדלעך, וואָס זענען זייער אָפט זייער ווייט געווען פון חן, דערפאַר אָבער נענטער צו שמד־שטיק און אפילו צו שמד פּראָסט און פּשוט.

איבער דער נשמה פון אַ וואַרשעווער ייִדישער פּאַניענקע זענען פיר קולטורן אַריבער מיט די אַקער-אײַזנס — די פּוילישע, רוסישע, ייִדישע, דײַטשע בשעת דער אָקופּאַציע — און קיין אײנע האָט קיין לעבעדיקע זאַמען נישט איבערגעלאָזן, זאַמען, וואָס זאָלן בלומען ווערן מיט דער צייט. דערפאַר: דרייהונדערט ייִדישע שרײַבער-מענער האָבן מיר געהאַט אין וואַרשע און כמעט קיין איין שרײַבערין נישט, וואָס זאָל שטאַמען פון דעם דור פון די פּאַניענקעס. אפילו אַקטריסעס אויך זייער ווייניק.

מרים אָרלעסקאָ איז געווען די אויסנאַם, וואָס האָט די רעגל באַשטעטיקט.

אַן אמתע וואַרשעווער ייִדישע פּאַניענקע מיט אַלע פּיטשעווקעס און דאָך אַ פײַנע ייִדישע אַקטריסע פון בעסטן זשאַנר, כאָטש נישט פון שטאַרקסטן טאַלענט. און אַן אַקטריסע מיט אַסך ערנסט.

אַ מאָדנע טרופּע איז דאָס געווען, די ווילנער טרופּע אין וואַרשע, נאָך דעם ווי אַ גרויסער טייל האָט זיך פון איר אָפּגעריסן נאָך דעם גרויסן דוד הערמאַנישן „דיבוק״ דערפאָלג און אוועק קיין אַמעריקע. די טרופּע האָט זיך גערופן „ווילנער״, געשפּילט כסדר אין וואַרשע, די שוישפּילער האָבן אין פּריוואַטן לעבן גערעדט אַלערליי דיאַלעקטן, נאָר אויף דער בינע פלעגן זיי רעדן אַ קנאַקעדיקן ליטווישן ייִדיש חוץ די „סינען״.

אַלעמאָל אַביסל עקסטראַוואַגאַנט אָנגעטון, אַלעמאָל שווייגנדיק אין

געזעלשאַפט, אַן אינטערעסאַנט און מאַרקאַנט פּנים דערצו, גרויסע אויגן, טראַגישער זשעסט אין די ליפּן, בראָנז־בלאָנדע האָר, זייער דינע הענט און בכלל אַ צאַרטע פיגור — האָט זיך מרים אָרלעסקאָ עפּיס נישט אינגאַנצן אַריינגעפּאַסט אין דער עמך־דיקער סביבה פון יידישע אַקטיאָרן, אַפילו אַלס אַקטריסע פון דער ווילנער טרופּע.

מאָדנע, עפּיס אַזוי ווי אויף צונג־שטאָלצן האָט זי גערעדט אויף דער בינע. שרעקלעך אומנאַטירלעך. זי פלעגט אינגאַנצן עפּענען דאָס טראַגיש־געשניצטע מויל און אַרויסברענגען דערפון נישט קיין קיילעכדיקע ווערטער, ווי יעדער מענטש, נאָר שפּיציקע און פיר עקעכדיקע. קוואַדראַטנע ווערטער ערשטנס האָט איר גאַנצער יידיש געקלונגען ווי ערשט נעכטן אויסגעלערנט פון אויסנווייניק, און אַזוי איז עס טאַקע געווען, און צווייטנס איז נאָך דערצו דערדאָזיקער אומנאַטירלעכער יידיש געווען אומנאַטירלעך ליטוויש. ווייל אויב אַ וואַרשעווער יידישע פּאַניענקע האָט שוין פון דער נאַטור, פון הערן, געקענט אַביסל יידיש, איז עס זיכער געווען געשמאַקער פּאַסאַכדיק־אַלעפּדיקער בראַיטער וואַרשעווער יידיש. אָבער אָרלעסקאָס שטימע האָט דאָך געקלונגען ביז טיף אין דעם צוהערערס נשמה. זי האָט געהאַט אַ פיינעם טעמבר, וואָס מען האָט נישט געקענט פאַרגעסן. נישט ווילנדיק האָט מען איר געמוזט נאָכקרימען אָבער מיט ליבשאַפט.

האָט זי געשפּילט — איינע פון אירע גלאַנץ־ראָלן — לאהן אין „דיבוק" פון אַנ־סקי איז דאָס נישט געווען קיין יידישע כלה, וואָס אַ דיבוק איז אין איר אַריין, נאָר עפּיס אַ מיסטישע געשטאַלט, וואָס האָט איר לעבן אָפּגעלעבט צווישן מלאכים און פּלוצלונג אַ דיבוק אין אירע אינגעווייִדן . . .

די בעסטע ראָל אין וועלכער איך האָב וועו עס איז געזען מרים אָרלעסקאָ, איז געווען די ראָל פון דער יונגער פרוי פון דעם אַלטן בעל תאווה אין דער „תאווה אונטער די אולם־ביימער" פון יודזשין אָ'ניל. אָט די ראָל איז געווען ווי געשריבן פאַר אָרלעסקאָ. און ראָלן צוצופּאַסן פאַר איר איז געווען שווער. זי איז, ביי איר גאַנצער דינקייט, נישט געווען צו באַוועגלעך, און גייסטיק עפּיס אַן אינערלעכע איינגעשפּאַרטקייט, נישט צופּאַסעוודיקייט. איז איר אַ ראָל נישט געפעלן, און זעלטן איז איר אַ ראָל געפעלן, האָט זי באַלד דעם דיבוק אַריינגעשיקט אין דער ראָל און די גאַנצע ראָל צום דיבוק. האָט זי געשפּילט נאָר לאהן — האָט דאָס אַפילו געקענט זיין די ראָל פון אַ מאַרק־זיצערן, אָדער אַ טאַנץ־געדל.

אַמאָל האָב איך באַגעגנט מרים אָרלעסקאָ אין לאָנדאָן. די פּראָסטע יידן פון דער לאָנדאָנער איסט־סאַיד, וואָס זענען געקומען אין יידישן טעאַטער זיך אַביסל משמח זיין אויף אַ היימישן אופן, האָבן זיך געוואָרגן מיט די פירעקעכדיקע ווערטער פון מרים אָרלעסקאָ און זיך איבערגעקוקט: וואָס מיינט

דאָס? און די אינטעליגענטן, וואָס זענען געקומען צו זען די ייִדישע עקזאָטיק האָבן געמײנט, אַז אַלע מזרח-ייִדישקעס רעדן אַזוי ווי אָרלעסקאָ פֿון דער ווילנער טרופּע און האָבן ממש געלעקט די גײַסטיקע פֿינגער פֿון דעם מאָדנע-קלינגענדיקן לשון פֿון דער אַקטריסע. — די מאָדנע ווילנער טרופּע נאָך דער סעצעסיע, דאָס מאָדנע קאַמינסקי־טעאַטער אָן אַקוסטיק, דער מאָדנער אױפֿ־בליץ פֿון ייִדיש־קולטור אין וואַרשע 1920־1930, די מאָדנע פּירעקיקע ווערטער פֿון דער צאַרטער מרים אָרלעסקאָ — דאָס אַלץ קומט צוזאַמען אין מײַן זכרון, טראַכט איך נאָר וועגן די מאָדנע אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָרן מײַנע אין וואַרשע.

1939

העניק בערלעווי

1894 געבוירן אין ווארשע, געווויינט אין בערלין, פאריז און ווארשע, רייזעס אין אייראָפּע, יאָרן פארן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג געווויינט אין פאריז.

אין מיינע ווארשעווער יאָרן — 1921 ביז 1934 — פלעג איך, פונקט ווי דער רוב פון די יידישע שרייבער אין פוילן, זייער אסך ארומפאָרן מיט רעפעראטן איבער דער פוילישער פראָווינץ. פוילן האָט פארמאָגט אן ערך צווייטויזנט שטעטלעך און יעדעס פון די שטעטלעך איז געווען קולטור־הונגעריק. און די שרייבער זענען ווידער געווען הונגעריק נאָך א פּאָר גראָשן — זענען זיך די ביידע הונגערס צונויפגעקומען און עס איז דערפון ארויסגעקומען די גראָטעסקע פון א מין פּיקאַטנער ליטעראַרישער מגידות, וואָס האָט אפשר נישט אירס גלייכן אין דער קולטור־געשיכטע פון דער וועלט בכלל . . . די שרייבער פלעגן רעדן וועגן אלץ אין דער וועלט, אפילו וועגן זאכן וועלכע זיי האָבן די מינדסטע אנונג נישט געהאט, און דאָס וואונדערבארע קליינשטעטלדיקע פובליקום פלעגט שלינגען, נישט פארשטיין און נישט זאט ווערן און דאָס האָט געדויערט אזוי לאנג, אזוי ברייט ביז א טייל פון דער קליינשטעטלדיקער יוגנט איז זיך צעפאָרן אין אנדערע לענדער, א צווייטער טייל איז צעבאלעבעסלט געוואָרן און די רעפעראטן פון די קולטורניקעס זענען זיך ערגעץ־ווו צעקראָכן.

און יעדער פון די פאָרנדיקע שרייבערס האָט געהאט זיינע קאפּריזן און די שטעטלעך פלעגן זיך איבערגעבן, אזוי ווי די נעגערס אין דער דזשונגל מיט דער „טאם־טאמפּאָסט", די קאפּריזן שוין פאָרויס — — און מיין קאפּריז איז געווען צו גיין אויף בית עולם׳ס. און אז איך פלעג אָנקומען אין א שטעטל, ווו איך האָב געזאָלט פארוויילן נאָר א פּאָר שעה צוליב די באַן־פארבינדונגען, פלעגן מיך די קליינשטעטלדיקע פריינט באלד ביי דער באַן פרעגן וויאזוי איך בין מיך נוהג, צי גיי איך אויפן בית עולם פאר אָדער נאָך דער לעקציע? . . . עפּיס אזוי ווי איך וואָלט געגאנגען אויף די בית עולם׳ס צוליב עפּיס א געהיימען ריטואל.

אָבער וואָס פאר א שייכות האָט דאָס צו העניק בערלעווי? עס האָט א שייכות צו דער גאנצער צייט אין וועלכער העניק בערלעווי, דער יידישער צייכנער, מאלער, גראפיקער, שרייבער וועגן קונסט, האָט געווירקט אין ווארשע און דאָרט שטארק משפיע געווען דאָס גאנצע יידישע קונסט־לעבן.

און נאָך אמאָל צו די בית עולם׳ס. אָפט פלעג איך אויף די בית עולם׳ס אָבסערווירן סטילן פון מצבה־קריצן אין געוויסע תקופות. אויף איין בית

עולם, דאכט זיך אין גאמבין, זענען א רייע פון יאָרן די מצבות געווען אזוי צארט און דין ווי פיליגראַן־ארבעט. פּלוצלונג אָבער ווערן זיי גראָב און מגושם, ווי געטעסעט מיט א האַק, וואָס מען האַקט ביימער אין א וואַלד. איך האָב מיך אָפּט פאַראינטערעסירט מיט דעם פענאָמען. איז דאָס אן אויסדרוק פון סטיל אין געוויסע תקופות? ניין, דאָס איז בלויז אן אויסדרוק פון אינ־דיווידועלע מצבה־שלעגערס, וואָס האָבן גראַד געלעבט און געאַרבעט אין און ארום יענע שטעטלעך. אָבער ווען עמיץ וואָלט געוואָלט מיט דער דעדוקטיווער מעטאָדע אַרויסדרינגען פון די באַזונדערע סטילן פון די מצבות אין געוויסע תקופות דעם גייסט פון דער צייט, וואָלט ער פאַרפאַרן קיין בויבעריק . . .

אזוי וועט זיכער אמאָל פאַרפאָרן קיין בויבעריק יענער פאָרשער פון יידישן קולטור־לעבן, וואָס וועט זיך אין די, זייער פּרוכטבאַרע און זייער אימפּולסיווע און זייער האַפערדיקע, פּויליש־יידישע רענעסאַנס־יאָרן פון 1918 ביז 1930 אנשטויסן אויף די אומצאָליקע הילעס, אילוסטראַציעס, פּאָרטרעטן פון שרייבערס און דעקאָראַציעס צו טעאַטער־פאָרשטעלונגען פון דעם זייער פעיקן מאָלער און גראַפיקער הענריק בערלעווי. דער סטיל פון די אלע צייכנונגען איז נישט קיין אויסדרוק פון דער בענקשאַפט פון יענער צייט, ער איז דער אויסדרוק פון דער בענקשאַפט פון הענריק בערלעווי אליין. ער האָט געשטאַמט פון אן אסימילירטער יידיש־פּוילישער סביבה און האָט זיך פּלוצ־לונג פאַרבענקט נאָך עפּיס אזא מין יידישקייט, וואָס האָט אפשר קיינמאָל נישט געהאַט קיין שייכות צום לעבעדיקן לעבן, אפילו אין די אור־חסידישע צייטן נישט, סאַידן אפשר אין די חסידישע בענקשאַפטס־יאָרן פון יצחק לייבוש פּרץ, קיינמאָל אָבער נישט אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דאָס יידישע לעבן אין פּוילן האָט זיך לאַנגזאַם, ווי א באַשעפעניש, וואָס הייבט זיך אַרויס פון זומפּן, געדזשוויגעט שווער צום ליכט. עס איז א מגושמדיק לעבן געווען אין גרונט גענומען, מיסטיש זיכער נישט, עס איז אין וואָרט געקומען צום אויסדרוק ביי האַראַנטשיקן, ביי עוזר וואַרשאַווסקין, אָבער דווקא נישט אין די צאַרט־מיסטישע, אימאַזשיניסטיש־עקספּרעסיאָניסטישע צייכנונגען פון הענריק בערלעווי און דער גאַנצער פּלעיאַדע צייכנער ארום אים. — אָבער דער, וואָס וועט שטודירן אָט דעם בית עולם און די מצבות מיט א דעדוקטיווער מעטאָדע, וועט זיכער פאַרפאָרן קיין בויבעריק.

כאָטש שיין איז געווען און געבליבן אָט די גראַפיק.

אליין איז ער אויך, בערלעווי, אין יענער צייט געווען זייער צאַרט און זייער אידל־מאַניעריק, פלעגט רעדן לרוב פּויליש און אביסל מיט א פּרע־טענציעזן נאָכקלאַנג אין די דיפטאָנגען, א פּנים אן אידלס, אזא, וואָס איז נישט יידיש און נישט פּויליש, עפּיס אזוי אבסטראַקט אייראָפּעיש. מאַלן פלעגט ער מיט גרויס פאַראַנטוואָרטלעכקייט און זייער לאַנגזאַם. מאַלן און מעקן און

צערייסן און נאָך אמאָל מאלן. פאַזירן פאר בערלעווין איז געווען אן אָפּ־קומעניש.

אין יאָר 1920 בין איך דאָס ערשטע מאָל געווען אין ווארשע. בערלעווי האָט זיך פאראינטערעסירט מיט מיר. נישט אזוי מיט מיר וויפיל מער מיט מיין פנים. א באָרד האָב איך דעמאָלט געטראָגן. צוויי טעג און צוויי נעכט בין איך דעמאָלט אָפּגעזעסן אין זיין קאלטן אטעליע אין אן אלטערטימלעך הויז פון א ווארשעווער זאק־געסל. א פאָרטרעט איז ארויסגעקומען זייער אן ענלעכער, זייער אן איידעלער, זייער אין סטיל פון דער פראנצויזישער פאָרטרעטן־מאלעריי פון אכצעטן יאָרהונדערט (בערלעווי איז א גוטער קענער פון קונסטגעשיכטע און אירע סטילן און תקופות) — און דאָס וואָס איך האָב דעמאָלט געשריבן ברוטאלע „נאקעטע לידער", „געזאנגען צום מענשלעכן קערפער", „פרעהיסטאָרישע לאנדשאפטן" — פון דעם האָט בערלעווי אפילו נישט געוואָלט הערן; נישט זיך האָט ער געוואָלט ארייַנברענגען קינסטלעריש אין דער איצט־צייט, נאָר די איצט־צייט אין זיין פאנטאזיע אריין, און מיך האָט ער צוריקגעשיקט אין 18טן י.ה. אין פראנקרייך און די ברוטאלע נאָכ־מלחמה-תקופה צו פרץ'עס חסידישע חלום־יאָרן.

1944

יצחק ברוינער

מאלער. געב. 1890. אַ לאָדזשער, שטודירט אין מערב־אײַראָפּע. געװױנט אין פּױלן, אַמאָל אין װאַרשע, אַמאָל אין לאָדזש. געבליבן, קינסטלעריש געװען טעטיק אין לאָדזשער געטאָ. אומגעקומעז אין אױשװיץ, אין יאָר 1944.

אַ מאַרקאַנט פּנים. אַביסל דעמאָניש. אַ מאָגערער. מיטלגעװוקסיקער. אַ גלאַנציקער שאַרבן. אַז מען זעט אים אַזױ זיצן און שניצן און קריצן מיט אַ פּראָסטן קעשענע־מעסערל אַ שטיקל העלפאַנטבײן און פאַרװאַנדלען עס אין אַ באַרעליעף־מיניאַטור־פּאָרטרעטל, איז אַזױ װי ער װאָלט געשניצט עפּיס פון דעמזעלבן מאַטעריאַל פון װעלכן זײַן שאַרבן איז געמאַכט, אױך אַזױ גלאַנציק און האַרט װי העלפאַנטבײַן.

יצחק ברוינער, אַמאָל האָט ער זיך גערופן װינצענטי, װיצעק ברוינער, פּאַרצװיגן און אױף פּױליש, האָט פײַנט צו קלױבן זײַנע מאַטעריאַלן. ער מאָלט אױף אַלץ און קריצט און שניצט פון אַלץ. באַזונדערס האָט ער ליב צו מאַכן קלײנע פּאָרטרעטלעך אױף דינע טישסערװעטקעס פון פּליספּאַפּיר און אױף די אינעװײניקסטע זײַטן פון צעריסענע ציגאַרעטן־שאַכטלען. און אַזױ װי מען לאָזט איבער די סערװעטקעס נאָכן עסן און אַזױ װי מען װאַרפט אַװעק אָפּגערױכערטע ציגאַרעטן, אַזױ לאָזט יצחק ברוינער אױף הפקר זײַנע װערק, סײַ די, װאָס אױף סערװעטלעך און סײַ די, װאָס אױף לײַװנט.

יצחק ברוינער האָט ליב צו דערציילן גוזמאות, נאָר אַזױ װי אַלע אָרום פון זײַן סביבה האָבן שױן אַלע זײַנע גוזמאות אױסגעהערט, איז אים שװער צו געפינען אַ בעלן אױף אַ גוזמא. אָבער אַזױ װי גוזמאות דערציילן מוז ער, זעצט ער אָפּט אַזאַ אײנעם אַװעק צום פּאָזירן פאַר אַ פּאָרטרעט, אָדער אַ סקיץ, און אַזױ װי יענער מוז דאָך זיצן אומבאַװעגלעך — מוז ער שױן בלית ברירה אײַנכאַפּן אַ גוזמאלע. אַלס באַלױנונג באַקומט ער דאַן דעם פּאָרטרעט, װאָס איז תמיד גוט — װײַל ברוינער איז אײנער פון די פּעיקסטע יידישע מאַלערס אין פּױלן.

אַז ער דערזעט אַ מענטשלעך פּנים דערזעט ער תיכף די כאַראַקטעריסטישע שטריכן, אַ שמיר אַהין און אַ שמיר אַהער און אַ בלינדער װעט תיכף דערקענען װער עס איז געמײנט געװען.

דאָס איז געװען אין יאָר 1922. איך האָב דעמאָלט צו אַן אױסגאַבע פון מײַנע לידער געדאַרפט האָבן אַ פּאָרטרעט. געבעטן ברוינערן דאָס צו מאַכן. ער האָט צוגעזאָגט, נאָר געבעטן װאַרטן אױף אַ פּאַסיקער מינוט. אָפּט, זײַער אָפּט קומט צו אים זײַן קינסטלערישע אינספּיראַציע, אָבער דאָך איז זי נישטאָ אַלעמאָל און נישט אױף יעדן רוף. ער איז אַן עכטער קינסטלער. מיר זענען

זיך צעגאַנגען. נאָר אין איין מינוט שפּעטער זוכט מיך שוין ברוינער אַרום. ער זעצט מיך אַוועק. צוּיבערט עפּיס אַרום מיין פּנים מיט די קנאַכיקע קינסטלער־הענט, ווי ער וואָלט מיר אָפּגעשפּראָכן אַן עין הרע, זוכט צוזאַמען שטיקלעך קוילשטיפט פון די קעשענעס און צייכנט. אין אַ מינוט צוויי אַרום גיט ער אַ קלאַפּ מיט אַ שטיקל קויל אויף דעם פּאַפּיר ווי איינער, וואָס פאַרענדיקט אַ געשריפטס און שטעלט אַוועק אַ פּינטל. ער איז פאַרטיק מיט דער צייכנונג.

— אָט האָסטו דעם פּאָרטרעט. —

און ער איז שוין אויס די צייט. ער האָט מיך אפילו נישט געפרעגט צי עס געפעלט מיר אָדער נישט. אַ פּרעהיסטאָרישער, שווערער, בערדיקער קאָפּ מיט אַ פּויסט ווי אַ סענק אין פאָדערגרונט. מסתמא האָט ער אַמאָל אַריינגעשמעקט אין מיינע „פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן", אָדער „נאַקעטע לידער", ער האָט געטראָפן. אין אַ פּאָקראָקע האָט ער מיך פאַרוואַנדלט, געצייכנט אַ פּנים אָן אַ מענשלעכער צורה, אָבער די ענלעכקייט איז דאָך געווען פאַרכאַפּנדיק. אַז דאָס בילדל איז דערשינען האָב איך אַמאָל מיין מאַמען געוויזן אַ קאָפּיע. נישט אויסגעזאָגט וואָס דאָס איז, נאָר געזאָגט: זע מאַמע, ווי מען צייכנט היינטצוטאָג מענשלעכע קעפּ. אָט אַזוי האָט מען געצייכנט דעם און דעם, און איך האָב אָנגערופן עפּיס אַן אויסגעטראַכטן נאָמען. אָבער די מאַמע האָט באַלד דערקענט. — דאָס ביזטו, האָט זי געזאָגט, ווען ער וואָלט דיך כאָטש אַביסל שענער געמאַכט וואָלט דאָס געווען אַן אויסגעצייכנטער פּאָרטרעט. קיין שטאַרקערע אַרגומענטן פון ברוינערס מייסטערשאַפט דאַרף מען דאָך נישט.

און דאָך — וווּ איז ברוינערס ווערק אין דער יידישער מאַלעריי פון דער וועלט? פראַגמענטן.

די געטין פון דער קונסט איז אָן רחמנות. פאָלקאָמענקייט גיט זי אַוועק אין די הענט פון דעם קינסטלער און אַ פאָלקאָמענעם לעבנס־קרבן פאָדערט זי פון אים און אַרבעט, אַרבעט אָן אַ שיעור. און יצחק ברוינער האָט געבראַכט זיין לעבן ווי אַ קרבן דער דעמאַניש־באַהעמיאַנישער קונסט, געבראַכט עס אין וואָלקנס ציגאַרעטן־רויך, אָבער דערווייל האָט ער נישט געאַרבעט אַזוי ווי אַזאַ קינסטלער דאַרף אַרבעטן כדי צו שאַפן ווערק גרויסע, קאָמפּאָנירטע אין דער פאָרם און באַזעלטע מיט אינהאַלט און מיט אידעען.

1937

יוליוס גוטמאַן

לעמבערגער יידישער אַקטיאָר. געבוירן אין לעמבערג אַרום 1870. רייזעס אין איראָפּע.

צענדליקער יאָרן יידיש טעאַטער אין לעמבערג — און לעמבערג איז געוועזן אַן אָנזעעוודיקער צענטער פון יידישן טעאַטער — און יוליוס גוטמאַן איז איינס. מיר מיינען דאָ די ערשטע צוויי צענדליק יאָרן פון דעם יאָר־הונדערט.

בשעת יוליוס גוטמאַן האָט געפּראַוועט אויבער־אַקטיאָרישקייט אין לעמ־בערג האָט זיין ברודער דאָקטאָר סאַמועל גוטמאַן גלייכצייטיק געפּראַוועט אויבער־ראַבינערישקייט אין דערזעלבער שטאָט. דאָס איז געוועזן אַ מערק־ווירדיקער קאָנטראַסט אין אַ יידישער משפחה אין יענער צייט. אַז מען האָט זיך באַקענט מיט גוטמאַנען, דעם אַקטיאָר, און געוווּסט האָט מען דאָך, אַז דער אויבער-ראַבינער הייסט אויך גוטמאַן און מען האָט אים געפרעגט צי האָט ער אַ שייכות מיט דעם אויבער-ראַבינער, האָט ער געמאַכט זייער אַן ערנסטע מינע און האָט מיט זיין מעטאַלישער און באַסאָווער שטימע געזאָגט אַזיווי אוועקמאַכנדיק מיט דער האַנט: דאָס איז מיין ברודער. ער האָט זיך מכלומרשט גאָרנישט געמאַכט דערפון, אָבער מיט אַזאַ זיך גאָרנישט מאַכנדיקן זשעסט, אַז מען האָט דאָס שוין פאַרגעדענקט אויף אַ לעבן לאַנג. צי האָט דער אויבער־ראַבינער אויך מיט אַזאַ שטאָלץ געענפערט, אַז דער אַקטיאָר איז זיין ברודער, דאָס ווייס איך נישט. ווארום אין גאַליציע, וואָס איז פול געוועזן מיט קליינ־לעכע קאַריערע־אַמביציעס, איז דאָס אמת פון אויבער־ראַבינער געוועזן — איין קלייניקייט.

דאָס איז געוועזן אין יאָר 1910. דעמאָלט האָב איך געאַרבעט אין אַ באַנק אין לעמבערג און מיין פעדער האָט געשטעלט די ערשטע אומזיכערע טריט אויפן פּאַפּיר — ביי דער אומזיכערקייט איז זי געבליבן, אָבער דאָס געהערט נישט דאָ אהער צום ענין. לידער האָב איך שוין דעמאָלט געשריבן, אָבער דערווייל נאָך נישט געדרוקט און געדרוקט האָב איך יאָ רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער אין דער קראָקעווער טאָגצייטונג „טאָג", וואָס יונה קרעפּל האָט רעדאַגירט. און ערלעך בין איך דעמאָלט געוועזן צו דער קונסט ווי חנן פון דיבוק צו לאהן פון דיבוק . . . און פאַרשטאַנען פון דער טעאַטער־קונסט האָב איך אַזויפיל וויפיל איך פאַרשטיי היינט פון דער אַסטראָנאָמיע, נאָר איין זאַך האָב איך געוווּסט, מער ווי פאַרשטאַנען, אַז לאַטיינער איז שונד און גאָרדין איז אויף אַ דרך און שלום אש איז דאָס העכסטע אין יידישער דראַמאַטישער קונסט. דעמאָלט האָב איך נאָך, אגב, לחלוטין נישט געוווּסט,

אַז קונסט האָט װעלכן נישט איז שייכות צו פּרנסה. דאָס האָב איך אַבסאָלוט נישט פֿאַרשטאַנען.

די פּאָר דעמאָלטיקע ייִדישע שרײַבער פֿון לעמבערג, בראָש מיט גרשם באַדער, פֿלעגן זיך צוזאַמענקומען אין אַ קאַפֿע מיטן נאָמען „אַבאַציאַ" אויף דער דעמאָלטיקער קאַרל־לודוויק־גאַס, װאָס האָט אין די פּױלישע צײַטן געהייסן „לעגיאָנאָװ". די גאַס איז געװעזן נאָענט פֿון גרויסן פּױלישן טעאַטער און נישט װײַט פֿון ייִדישן טעאַטער. קיין סך צײַט צו זיצן אין דעם קאַפֿע האָב איך נישט געהאַט, אָבער אין די אָװנטן פֿלעגט מען מיך אָפֿט דאָרט זען און אין די זונטיקן אַװדאי. און אָט האָב איך ערשט פּאַעפּענטלעכט אַ לעמבערגער טעאַטער־קאָרעספּאָנדענץ אין קראָקעװער „טאָג" און האָב דאָרט געזידלט אויף װאָס די װעלט שטייט דאָס טעאַטער, דאָס שטיק און דעם רעזשיסער יוליוס גוטמאַן. און גאָט די נשמה שולדיק קום איך מיר אַרײַן אין קאַפֿע. לױפֿט צו מיר צו מײַן געשװױרענער פֿרײַנט, דער דעמאָלטיקער דאָס זעלבע װאָס איך און שפּעטערדיקער באַקאַנטער נאָװעליסט אַ. מ. פֿוקס און שטופּט מיך אַרויס פֿון קאַפֿע װײַל עס שמעקט מיט פּולװער און מיט אַ געשלעג. יוליוס גוטמאַן האָט אין דער אָנװעזנהייט פֿון אַלע אַקטיאָרן געשװוירן, אַז ער מוז מיר אויסהאַקן די פֿעדער פֿון דער האַנט און דערבײַ אונטערהאַקן די זײַטן אויך. מען װעט נישט דערלאָזן, אַז אַ זיבעצן־יאָריקער ייִנגל זאָל בײַ בכבודע ייִדן קאַליע מאַכן די פּרנסה. נאָך אַ פּאָר װאָכן האָט זיך גוטמאַן באַרויִקט, קיין גוט־פֿרײַנט זענען מיר קיינמאָל נישט געװאָרן.

אָבער ער האָט אויף מיר אַלעמאָל געמאַכט אַן אײַנדרוק. ער איז געװעזן דורכאויס אַן אַקטיאָר און אַן אַקטיאָר, װאָס פֿלעגט איבערלעבן זײַנע ראָלן, שפּילן מיט טעמפּעראַמענט. געהאַט האָט ער טיפֿע, פֿליישיקע אויגן, געדיכטע ברעמען, אַ צעאַקערטע, מוסקוליעזע פּנים, אַ שטימע, װאָס איז געגאַנגען פֿון טיפֿן האַרץ — אַ בלאָנדער איז ער געװעזן, די אויגן בלױלעך־געבלעך. ער איז געװעזן װי געשאַפֿן — יוליוס גוטמאַן (מען פֿלעגט אים אויך רופֿן ייִדל, װאָס דאָס איז זײַן היימישער פֿאַרנאָמען געװעזן) — פֿאַרן גאַרדין־רעפּערטואַר. זײַן ערשטע דובראָװנער אין גאָרדינס „גאָט, מענטש און טײַװל" שטייט מיר נאָך היינט לעבעדיק פֿאַר די אויגן, כאָטש דרײַסיק יאָר זענען שוין פֿון דעמאָלט פֿאַרבײַ. אומגערן פֿלעגט גוטמאַן שפּילן שונד, כאָטש ער האָט גערן געהאַט דאָס ביסל פּרנסה. ער האָט זיך געשעמט צו זײַן אַ קבצן, אַ קלייניקײַט — דעם אָבער־ראַבינערס ברודער זאָל נישט קענען מאַכן קיין פּרנסה — צו װאָס ער זאָל זיך נישט נעמען.

זינט מײַן אָפּפֿאָרן פֿון לעמבערג אויף שטענדיק (1913) האָב איך גוטמאַנען מער נישט געזען. און אָט מאַכט זיך עס אַמאָל, פֿאָרנדיק אין באַן אין פּױלן — דאָס האָט געמוזט זײַן אַרום 1932 — זיצט אַנטקעגן מיר אַן עלטער

מאַן, װאָס זעט אױס װי דער כאַראַקטער־שױשפּילער יוליוס גוטמאַן אין זײַנע קרעאַציעס פֿון אַלטע לײַט. איך קוק לאַנג אױף דעם אַלטן מאַן און גיב אים ענדלעך אַ פֿרעג. איך האָב קײן טעות נישט געהאַט, עס איז טאַקע געװען יוליוס גוטמאַן. אַ מינוט שפּעטער האָט מיך גוטמאַן אױך דערקענט. דאָס צום מײסטן חידושלעכע איז געװען, אַז ער האָט אפֿילו געקענט די ראשי־פּרקים פֿון מײַן ביסל ליטעראַרישער קאַריערע. אױף דעם האָב איך מיך גאָרנישט געריכט. פֿול מיט לעבן און אָפּטימיזם איז ער נאָך געװען, יוליוס גוטמאַן, כאָטש דאָס ייִדישע טעאַטער אין לעמבערג שױן אױפֿן בודדים . . . ער האָט אפֿילו ערשט נישט לאַנג געהאַט געפּילמט אין גוטע ראָלן און אין סאַמע בערלין.

1940

הערץ גראָסבאַרט

א לאָדזשער, געבוירן ארום 1895. אקטיאָר און רעציטא־טאָר. רייזעס אין מערב אייראָפּע, אין אפריקע, דרום־אמעריקע, זינט 1938 אין ארגענטינע, 1946 באזוך אין די פאראייניקטע שטאטן.

בערגעלסאָן האָט אמאָל אויף הערץ גראָסבאַרטן געזאָגט, אז ער דאווענט די יידישע ליטעראטור. א גרויס וואָרט. מען קען נישט געפינען קיין בעסערס. מוז מען עס אלעמאָל ציטירן — דאָס בעסטע. געטון מיין חוב — מעג איך שוין איצט זאָגן, וואָס מיר אליין ווילט זיך.

פאראהאנען אין דער יידישער ליטעראטור א טעקע מיט צייכנונגען פון א רומעניש יידישן מאלער ארטור קאָלניק, דאָס איז א טעקע מיט גראָסבארט־גע־שטאלטן פון דער יידישער ליטעראטור. דיכטער האָבן געשריבן (פרץ, משה לייב האלפערן, שטיינבארג), דער רעציטאטאָר האָט געדאווענט, ווי בערגעלסאָן זאָגט, און א האָלץ־שניצער האָט געשניצט. איז די אָ טעקע איינער פון די פיינסטע קינסטלערישע טערצעטן. עפּיס א מין קיילעכדיקער טאנץ פון דריי קינסטלע־רישע מוזן. אָפּט דאכט זיך, אז די זאך איז אזוי פארפלאָנטערט, אז מען ווייסט נישט ווער איז דאָ פריער געוועזן, צי האָט נישט אמאָל פריער קאָלניק גע־שניצט און שפּעטער גראָסבאַרט געשפּילט און צום סוף גאָר דער מחבר אויפ־געשריבן . . . אָט דאָס רוף איך קינסטלערישע שלימות אין דריי ריכטונגען — א מין קונסט־דרייעק, וואָס בעסער קען שוין נישט זיין.

גראָסבארט זוכט לאנג זיינע דיכטער. זיינע זיווגים (אויב זיווג קען בכלל זיין אין מערצאָל) זענען: לוצקי, שטיינבארג, נאדיר, משה לייב האל־פערן. און אז ער געפינט זיי — איז אויף אייביק. אין זיין רעציטאציע איז זשאנער און סטיל און פערזענלעכקייט. נישט צו יעדן מחבר קען ער זיך צופּאַסן. דאָס מוז זיין אזא מחבר, וואָס פערציק טעג איידער עס איז זיין ערשט ליד, אָדער דערציילונג געבוירן געוואָרן, האָט מען אין הימל (אומשטיינסגעזאָגט — אין הימל פון דער יידישער ליטעראטור) אויסגערופן מיטן באוווסטן בת קול: דו וועסט באקומען א תיקון ביי הערץ גראָסבארט . . . נאָר, אז ער פּאסט זיך צו צו א מחבר, קריכט ער אריין אין אים. (אמאָל טרייבט ער אפילו ביי אזא מין ארייַנקריכן דעם מחבר אינגאנצן ארויס . . .) עס דאכט זיך ווי די גאנצע צייט רעדט ער צום מחבר: גיי שוין, רוק דיך שוין אוועק, דו ווייסט נישט פון דיינע הענט און פיס, דו פארשטייסט נישט דיין אייגן ליד.

צו גראָסבארטן קומט מען צענמאָל צו הערן די זעלבע רעציטאציעס, ווי צו א זינגער. דעריבער איז טאקע גראָסבארט פויל געוואָרן און פארברייי־

טערט זײער לאַנגזאַם דעם האַריזאָנט פון זײַן רעפּערטואַר. און ער װאָלט גראָד געקענט, װײַל ער זאָגט זײַנע זאַכן נישט פון אױסנװײניק. ער „דאַװנט" פון אַ סידור אַרױס. און נישט נאָר זאָגט ער פון סידור אַרױס, נאָר ער זאָגט זײער װײניק און לרוב גאָרנישט אין סידור אַרײַן, װי דאָס איז די טבע פון דעם גרעסטן טײל פון רעציטאַטאָרן, װאָס האַקן זײערע חכמות אין מחבר אַרײַן װי אין קרױט אַרײַן. אַ דאגה האָבן זײ. גראָסבאַרט מײנט מיט רעכט, אַז אַ מחבר װעמען ער דאַרף פאַריכטן — שטײט אים בכלל דער מחבר נישט אָן. איז ער שױן נישט אױף זײַן מאָס.

גראָסבאַרט האָט זײער אַ שאַרף, כאָטש נישט שפּיציק פּנים, ער איז אַ שװאַרצער, זײַן פּנים איז אָדער װי פון עפּיס אַ מין הױט־מעטאַל געמאַכט, אָדער װײניקסטנס מיט מעטאַל געשליפן. אױך זײַן שטימע איז אַ מעטאַלישע, אַפילו אין פּריװאַטסטן געשפּרעך. זי רעציטירט כסדר. כאָטש אָן פּאַטאָס. גראָסבאַרט איז זײער אַ בײזער. דער עיקר איז ער בײז מיט שרײַבערס. גאָר פּלוצלונג האָט ער אַמאָל אַ שאָס אַרױס געטון אין געשפּרעך מיט מיר, אַז ער קען דאָך נישט אַלץ און אַלעמען רעציטירן — — דאָס האָט זיך אים, װײַזט אױס, געדאַכט, אַז איך קוק אים אָן אַזױ װי איך װאָלט געהאַט צו אים טענות, אַז ער רעציטירט נישט מײַנע זאַכן. אָבער דאָס האָט זיך אים נאָר אַזױ געדאַכט. איך פאַרשטײ צופיל זײַן זשאַנר און פאַרשטײ אױך נישט װײניקער מײַן אײגענעם זשאַנר און — אגב — געדענק איך גאַנץ גענױ, אַז פערציק טעג אײדער מײַן ערשט ליד איז געבױרן געװאָרן האָט דאָס בת קול גאָר דער־מאָנט אַ נאָמען פון אַן אַקטריסע און נישט אַן אַקטיאָר . . . אָבער גראָסבאַרטן דאַכט זיך, אַז אַלע האָבן צו אים טענות. און די מחברים, װאָס ער רעציטירט יאָ, דאַכט זיך אים, האָבן װידער צו אים טענות . . . און אפשר האָבן זײ. זײ מוזן מסתמא מײנען, אַז גראָסבאַרט זשױפּט װי אַ שענקער אױף אַ גוטן יאַריד. הקיצור גראָסבאַרט איז בײז אױף מחברים. אַזױ איז עס מיט זיװוג־שידוכים, זײ זענען פּרוכטבאַר אָבער האָבן נישט קײן שלום בית.

גראָסבאַרט איז שאַרף און װיציק אין געשפּרעך. אָן פּאָזע טראָגט ער דעם מאַנטל פון זײַן אַרטיזם, אָבער ער טראָגט אים צו אָפּט מיט דעם פוטער אַרױף.

אַמאָל איז ער אָנגעקומען מיט דער באַן אין אַ פּראָװינץ־שטעטל. דער גאַנצער קאָמיטעט פון דער ביבליאָטעק האָט אים אָפּגעװאַרט, דער פאַר־זיצער האָט אים באַלד דערקענט און צוגעלאָפן מיט אַ פרײד: איר זענט דער רעציטאַטאָר? — איר האָט ריכטיק געטראָפן, האָט געענפערט גראָסבאַרט, איך בין דאָס טאַקע דער רעציטאַמאָר . . .

אױב איך האָב נישט קײן טעות זענען גראָסבאַרטס רעציטאַציעס אױף

קײן פּלאַטן נישט אױפֿגעגנומען. די סיבה? װער װײסט. פֿרעגן קען איך נישט. גראָסבאַרט װאַנדערט און איך אױך. איך װײס אָפֿט נישט װוּ איך אַלײן בין — זאָל איך נאָך װיסן װוּ גראָסבאַרט איז. נאָר עס איז אַ שאָד, װאָס גראָסבאַרטס אײביקײטס־פֿולע אינטערפּרעטאַציעס װערן נישט פֿאַראײביקט אין װאַקס. דורך אָט די פּלאַטן װעלן די קומענדיקע דורות נישט נאָר געװאָר װערן, אַז עס איז געװעזן אַ הערלעכער רעציטאַטאָר גראָסבאַרט, נאָר אַז עס איז אױך געװעזן אַ הערלעכע יידישע ליטעראַטור.

1937

רחל האַלצער

גבוירן אין קראָקע. זינט 1927 אין װאַרשע. זינט 1938 אין אויסטראַליע.

אין אײנער פון זײַנע אומצאָליקע מעדיטאַציעס אין דער פאָרם פון קורצע אַרטיקלען (איך גלייב נישט, אַז ער איז װען עס איז, אָדער װעט װען עס איז אַרײַן אין זײַנע געזאַמלטע װערק) טראַכט זיך דר. חיים זשיטלאָװסקי אַרײַן אין דער סאַלאָנפֿעיִקייט פון דער יידישער ליטעראַטור. אויך װלאַדימיר מעדעם האָט אַ היפּש ביסל װעגן דעם געשריבן און געטראַכט. בעיקר האָבן זיך מיט דעם דאָזיקן פּראָבלעם פאַרנומען יענע יידישע דענקער און שרײַבער, װאָס זענען אַלײן געקומען פון סאַלאָנען אָדער סאַלאָנפֿעיִקע געזעלשאַפטן. אַז מען װיל זײַן בײַזװיליק קען מען זאָגן, אַז דאָס איז געװען זייער בענקשאַפט אויף צוריק . . . און היות װי זיי האָבן נישט געװאָלט און נישט געקענט אַלײן צוריקגיין צו די סאַלאָנען, האָבן זיי כאָטש געמאַכט אַ פּרוּװ די סאַלאָנען צו־ריקברענגען צו זיך. אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל פון זשיטלאָװסקין באַשרײַבט ער אַן אויסגעטראַכטן װיכּוח צװישן צװיי יונגע שײנע פרויען אין אַ שײנעם זומערדיקן נאָכמיטאָג, בײַ אַ גלעזל טיי פול מיט פיינסטן אַראָמאַט, אין אַ שײנעם סאַלאָן, באַהאַנגען מיט די בעסטע בילדער און איצט באַלויכטן מיט דער אומעטיקער נאָכמיטיק־זון. און די דאָזיקע צװיי פרויען זענען פאַרזונקען אין אַ שמועס װעגן דעם אונטערשיד פון דעם סטיל פון די לידער פון פּרץ מאַרקיש און פון משה בראָדערזאָן . . . אָט אַזוי האָט געחלומט זשיטלאָװסקי און ער האָט פאַרענדיקט, אַז אין מאָמענט װען דער דאָזיקער חלום װעט װערן װירקלעכקייט װעט שוין די יידישע ליטעראַטור זײַן פאַרפעסטיקט אויף אײביק. אין אָט דער בענקשאַפט נאָכן סאַלאָן איז נאַטירלעך נישט געקומען צום אויסדרוק אַ בענקשאַפט נאָך אַ בורזשואַז לעבן, נאָך רײַכטום, װאָרום די צװיי אויסגעטראַכטע פרויען האָבן גאַנץ גוט געקענט זײַן שנײַדערינס אָדער פּריזיערינס און נישט אין רײַכטום איז עס געגאַנגען נאָר אין דער שײנקייט, אין דער עסטעטיק. אַמאָל, אַמאָל, צװישן די צװיי גרויסע װעלט-מלחמות, װען מיר האָבן געטראַכט אַז אונזער יידישע ליטעראַטור האָט שוין די גרויסע עטישע אויפגאַבע אירע דערפילט און זי דאַרף זיך אַביסל מער פאַרקירעװען אויף עסטעטיק האָבן מיר טאַקע גענומען בענקען נאָך אַביסל מער שײנקייט, גע־טראַכט אויף דעם אופן אַרײַנציען אין אַ גרעסערער מאָס די פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ אויף אונזער זײַט, און פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ ציט נאָך זיך נאָך דעם סנאָבישן עמך און אַזוי אַרום װאָלטן זיך די רײען פון די געניסער

פון דער וועלטליכער יידישער קולטור פאַרמערט. אַט אזוי האָבן מיר געטראַכט און פונקט אין יענער יאָרן — —

יאָ פונקט אין יענע יאָרן, אזוי ארום 1925, האָט זיך אין דעם יידישן טעאַטער באַוויזן אַן אַקטריסע מיטן נאָמען רחל האָלצער, דאַכט זיך, אַז פון סאַלאָנען שטאַמט זי גראָד נישט, נייערט פון אַ פּשוטער יידישער שטוב אין קראָקע. אָבער יעדער קראָקעווער ייד האָט זיך לכתחילה שוין געהאַלטן פאַרן אויבערשטן פון שטויסל פון פּוילישן יידנטום. קראָקעווער יידן פלעגן נישט רעדן סתם, נאָר אונטערזינגען, זיי פלעגן נישט גיין סתם נאָר אונטערטענצלען. גאַנץ גאַליציע פלעגט זיי רופן די „קראָקעווער כויטקעס״, וואָס דאָס הייסט גרויסע שייטלען, מחמת זייערע שיינע פרויען פלעגן טראָגן גרויסע שייטלען. נאָר אונטער די שייטלען פלעגן זיי טראָגן די אייגענע האָר און דערצו פאַרקעמט לויט דער לעצטער מאָדע — און אין מויל דאָס פיינסטע פּשיבישעווסקי-פּויליש. רחל האָלצער איז געגאַנגען זייער פּשוט אָנגעטון, ממש ווי אַ רוסישע קורסיסטע, אָבער עלעגאַנט און מיט אַ שיק דירעקט פון פּאַריז. דערצו אַ שלאַנקע, אַזאַ שלאַנקע וואָס מען מיינט אַלעמאָל, אַז זי איז העכער ווי זי איז אין דער אמתן איידער מען שטייט נאָענט נעבן איר און זעט, אַז זי איז נישט מער ווי מיטלהויך. די גלאַטע, ברוינע האָר גלאַט פאַרקעמט מיט אַ גלאַטן שרינט, דאָס פּנים — אַן אָוואַל, אָבער כמעט אַ קיילעכדיקער. אַן אָפן פּנים מיט פרעגנאַנטע, כאָטש פלאַכליכע שטריכן. דאָס מויל ענערגיש, מיט דעם טראַגישן בויג אַראָפּ ביי די ווינקלען. אַ מויל פון אַן אַקטריסע. און די ברוינע אויגן שאַרף און דורכדרינגענדיק און אזוי שאַרף און דורכדרינגענדיק איז די שטימע. נישט הויך, נאָר שאַרף און דורכדרינגענדיק. פאַלט אָפּט אריין אין אַל-טאָ. זי רעדט זייער פאַרזיכטיק און זעלטן, זי ציט צו און זי האַלט דיסטאַנץ. זי האָט העכערע בילדונג, זי רעדט פונקט אזוי גוט יידיש ווי פּויליש. איר יידיש איז אויסגעלערנט, אָבער זייער קאָרעקט און פּערפעקט. דער דיאַלעקט נישט קיין פּוילישער, נישט קיין ליטווישער און אויך נישט קיין גאַליציאַנער. עס איז אַן אייראָפּעישער יידיש-דיאַלעקט, אַ סאַלאָן-דיאַלעקט . . . אַזאַ דיאַלעקט נאָך וועלכן מיר בענקען, מיר נאַיווע פון די יאָרן, ווען מיר האָבן געמיינט, אַז דער מלאך פּיוויש שפּילט זיך מיט אונז און יידן און יידישקייט פאַרוואָרצלען זיך אַלץ מער און מער אין מזרח פון אייראָפּע. זייער באַלד האָט זיך רחל האָלצער פאַרבונדן מיט חיים ראָזענשטיין, אַליין אַ שרייבער, און די דיסטאַנץ איז נאָך גרעסער געוואָרן פערזענליך, אָבער מיר האָבן נישט אויפגעהערט צו זען אין איר יענע יידישע אַקטריסע וואָס דאָס מאָדערנע יידישע טעאַטער האָט זי שטאַרק געזוכט. שוין פריער געוועזן אַ יונגע דאַמע ביים יידישן טעאַטער ווי זי. אָבער יענע איז געקומען מיטן כוח פון טראַדיציע —

אידא קאַמינסקאַ, אסתּר רחלס טאָכטער, די טאָכטער פֿון דער מאַמע פֿון ייִדישן טעאַטער.

רחל האָלצער רעציטירט און דעם רעפּערטואַר קלויבט זי אַליין און מיט אַ לאָגיק, מיט אַ סאָציאַלער און אויך שטאַרק קינסטלערישער לאָגיק. איראָ־פּעיש, דער עיקר איראָפּעיש. זי שטעלט צוזאַמען אַ פּאָציפּיסטישע פּאָפּורי פֿאַר אירע אָוונטן און זי פֿלעכט דורך ייִדישע און פּוילישע לידער אין דער פּוילישער שפּראַך ממש אין איין אָטעם. משיחס צײַטן . . . כאָטש משיח האָט זיך בלויז איבערגעבונדן נאָך איין וווּנד און זיך בלויז איבערגעקערט אויף דער אַנדערער זײַט בײַ די טויערן פֿון רוים . . . אָבער מיר האָבן געחלומט.

מיט אירע ראָלן נעמט זי זיך שטאַרק איבער, ביזן בײַן. און דאָס אימ־פּאָנירט. זי שפּילט יעדן טאָג און יעדן טאָג ציטערט זי פֿאַרן אויפֿטריט ווי בײַם ערשטן דעביוט. אין דער ראָל פֿון אַ משוגענער דאַרף זי חלשן בײַם אַקט־שלוס און מען מוז זי טאַקע אַראָפּטראָגן פֿון דער בינע ווײַל זי חלשט אויף אַן אמת, אַזוי נעמט זי זיך איבער. — — אַמאָל האָב איך רחל האָלצער געעצהט צו רעציטירן מײַן באַלאַדע „די מוטער פֿון נומער 1603". זי האָט ליב געהאַט ווי צו טון און האָט מיר געענפֿערט קורץ און שאַרף: שוין געלעזן, עס געפֿעלט מיר נישט און בכלל דאַרף איך נישט קיין עצות פֿון מחברים. אַז זי האָט שפּעטער די זאַך אויף אַן אמת געלעזן האָט זי זי פֿיל הונדערטער מאָל רעציטירט און געשפּילט. אָבער שטאָלצע גאַליציאַנער ווי מיר זײַנען בײדע — האָבן מיר דעם אינצידענט קיינמאָל נישט דערמאָנט אויג אין אויג . . .

1945

דוד הערמאַן

געבוירן אין ווארשע 1876, רעזשיסער און קעמפער פאר א בעסערן יידישן טעאטער. רייזעס אין איראָפּע. 1934 אויס־געוואנדערט קיין אמעריקע — 1937 געשטאָרבן.

דוד הערמאַן אין ווארשע — דאָס איז נישט געוועזן קיין פערזאָן. נישט קיין פערזענלעכקייט, נאָר א גאנצע אינסטיטוציע. געוווינט האָט ער אויף א הויכן שטאָק נישט ווייט פון צענטראלן פּאָקסאל און די פענסטער פון זיין דירה זענען ארויסגעגאנגען אויף א ברייטן באַן־טראַקט ווו צענדלינקער באנען און איינצלנע וואגאנעס און לאָקאָמאָטיוון זענען כסדר געגאנגען און געהאמערט אהין און צוריק. זיי זענען געוועזן אייביק פארשמאיעט, אייביק פאר־טון אין געשעפטן, אייביק ערנסט, אייביק שמייכלענדיק און גרייט צו טון גוטס א מענשן, דאָס אייביקע קינדערלאָזע פּאָר: — דוד און שרה הערמאַן — אָדער ווי זיי האָבן זיך קעגנזייטיק גערופן אויף ווארשעווריש: דאווטשיו און סאָל־טשיו.ביידע נישט קיין צו הויכע און ביידע נישט קיין צו מאָגערע . . .

דוד הערמאַן איז געוועזן דער באשעפער פון א נייעם סטיל אין יידישן טעאטער, א סטיל, וואָס האָט געצויגן א דירעקטע יחוס־ליניע פון יצחק לייבוש פרץ, מיט וועמען ער האָט יאָרן־לאנג מיטגעארבעט. איך וואָלט גע־זאָגט, אז הערמאַן האָט עקסטראקטירט דאָס טעאטראלישע פון חסידות און האָט עס קונציק און הויכקינסטלעריש ארייגעפלאָכטן אין זיינע רעזשיסערישע קאָנצעפּציעס. הערמאַן איז געוועזן דער, וואָס האָט געשאפן דעם וועלט־דערפאָלג פון „דיבוק״. אָט דער „דיבוק״ איז אזוי ווי ספּעציעל דורך אנ־סקין פאר הערמאַנען געשריבן געוואָרן. אָט די מישונג פון הויכדראמאטיש־טעאטראלישער און דערצו יידיש־מיסטישער אקציע, אָט די נשמה אין דעם לבוש איז געוועזן דאָס, וואָס הערמאַן האָט באוווסט — אָדער אומבאוווסטזיניק געחלומט. זיין דיבוק־קאָנצעפּציע איז טאקע באלד אויפגעכאפּט געוואָרן ממש פון דער גאנצער — יידישער און נישט־יידישער — וועלט, ווי עס ווערט אויפגעכאפּט א דערפינדונג, וואָס איז זייער פראקטיש און איז געוועזן פּונקט עפּיס אזוינס, וואָס האָט גראַד געפעלט. אין אלע זיינע פאר־דיבוק־אויפפי־רונגען האָט הערמאַן די דיבוק-אויפפירונגען ווי געזוכט, און אין אלע זיינע נאָך־דיבוק-אויפפירונגען האָט הערמאַן זיין אייגענעם דיבוק קאָפּירט . . . עס איז אמת, אז ווען מען פלעגט אים דאָס זאָגן איז ער זייער בייז געוואָרן, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט העלפן, עס איז אין אים אריין זיין אייגענער דיבוק. און עס איז נישט קיין בייז דערביי, ווייל זיין דיבוק־קאָנצעפּציע איז געוועזן א געניאלע דערפינדונג, וואָס וועט אייביק לעבן אין יידישן טעאטער.

א טעאַטראַל דורך און דורך איז דוד הערמאַן אייביק פול געווען מיט פּלענער און אייביק פאַרנומען מיט געהיימע קאָנטראַקטן און מיט סודות, וואָס קיינער טאָר נישט וויסן און יעדער האָט געוווּסט. אייביק האָט ער געהאַט א פולן בויך מיט גלענצענע פּיעסן אין מאַנוסקריפּט, וואָס וועלן איבערקערן וועלטן, ווערן אייראָפּעישע דערפאָלגן, ברענגען מיליאָניקע פּראָפיטן. דער עיקר איז, קיינער זאָל נישט אויסכאַפּן די סוזשעטן און קיינער נישט שליסן א קאָנטעראָפּמאַך מיטן מחבר. הערמאַן איז פול געווען מיט געהיימע קאָנטראַקטן מיט מחברים. זעלטן זענען די סודות ארויסגעקומען אויף די ברעטער פון טעאַטער — און אז זיי זענען שוין ארויסגעקומען האָבן זיי נישט געבראַכט די געווונשענע דערפאָלגן. שטענדיק איז הערמאַן ארומגערינגלט געווען מיט דראַמאַטישע אַקטיאָרן־אַספּיראַנטן און שיינע וואַרשעווער אַספּיראַנטקעס. טאַלענטפולע זענען זיי געווען, קאָפּירן האָט מען געקענט א מענטשן, איז אז נאָר הערמאַן האָט זיך אָפּגעקערט אויף א ווײַלע האָט מען אים שוין קאָפּירט, אים און זײַן סאַלטשע און זײַנע אייביקע געהיימנישן און זײַן טשודאַטשנעם אופן פון רעזשיסירן און זײַנע באַדינגונגען פאַר אויסלאַנד — און שטיל ווי די מײַזעלעך איז מען געוואָרן, קוים האָט זיך הערמאַן באַוויזן. נאָר זיי האָבן ליב געהאַט ווי דאָס לעבן, אָט די צענדלינקער יונגע־לײַט און מיידלעך און וואָלטן געגאַנגען פאַר אים אין פײַער און אין וואַסער. ער האָט זיי באַגײַסטערט מיט זײַן אויפריכטיקן ממש חסידישן גלויבן אין א בעסער יידיש טעאַטער און בכלל אין א בעסערער מערכה פון דער בעסערער יידישער קונסט.

הערמאַן איז אויך געווען א גלענצענדער רעציטאַטאָר, אָבער נאָר אויף איין געביט: פּרץ־פּראָזע. דאָ איז ער געווען אין דער היים. לאַנג בעטן האָט מען אים נישט געדאַרפט ביי אַן אָוונט. א דיק כאָטש שאַרף געשניטן פּנים האָט ער געהאַט, ארויסגעצעצטע אויגן, א דיקער בכלל און זײַן שטימע האָט נישט צו ווײַט געטראָגן, אָבער ער האָט געהאַט דעם כוח אזוי גיך ארײַנצופאַלן אין זײַן רעציטאַציע־ראָל אז ער האָט באַלד אַלעמען מיטגעריסן מיט זיך.

און אזוי גיך הערמאַן האָט אָפּגעדיבוקט האָבן אַנדערע ווינטן גענומען בלאָזן אין אייראָפּע און אַנדערע ווינטן אין יידישן לעבן און א שטורעם האָט זיך געגרייט און די וועלט האָט פאַרלוירן די געדולד צום ווונדערבאַרן דאָנקישאָט פון יידישן טעאַטער. אגב האָט אים דר. מיכל ווײַכערט, דער באַקאַנטער רעזשיסער, אביסל ארויסגעצויגן דעם ווינט פון די זעגלען, הערמאַנען. הערמאַן וואַרפט זיך אויף רעכטס און לינקס, רעזשיסירט אויף דער פּראָווינץ, רעזשיסירט אפילו אין קליינעם זאַל פון יידישן ליטעראַטן־פאַריין. ער איז אייביק גרייט געווען אָנצוהויבן צו בויען אויפסניי, אבי זײַן בנין, זײַן סטיל,

זיין טעאַטראַלישע פּינקטלעכקייט. ווי אַ מוראַשקע איז ער געווען אין דעם זינען, צעשטער און צעקאָפּיע איר נעסט און באַלד וועט זי ווידער אויף די פּולע רואינען שלעפּן איר שטרויעלע, אַזוי ווי גאָרנישט וואָלט געשען. אַט אַזוי ווי אַזאַ מין מוראַשקע האָב איך אַמאָל אָבסערווירט און געזען הער־מאַנען, שלעפּן אַלטע האָלצערנע רעמען און אַלערליי בראָכוואַרק כדי צו בויען אַ קליין בינעלע און זאַל פון ליטעראַטן־פּאַריין. אָבער די אויפפירונג איז פאָרט געווען אַ ציכטיקע, אַן עכט דוד הערמאַנישע.

צוליב פּאַס און וויזע־ענינים האָט הערמאַן אין יאָר 1936 געדאַרפט אַוועק אויף אַ צייט פון אַמעריקע. האָט ער געפּלאַנעוועט צו קומען קיין אויסטראַליע און בינו לבינו, בין פאַיעזד לפּאַיעזד שאַפן דערביי אַ פיין יידיש טעאַטער אויפן פינפטן קאָנטינענט. עס איז אים אָבער ניט באַשערט געווען — אונזערע בריוו האָבן קיין רעזולטאַטן נישט געבראַכט — יעקב וויסליץ, איינער פון הערמאַנס ערשטע תלמידים איז געוואָרן אַ מיט־פּיאָנער אויף דעם געביט דאָרט.

1941

דר. מיכאל ווייכערט

1890 אין א גאליצישן שטעטל, געווינט אין סטאַניסלאַוו. זינט 1917 אין וואַרשע. געווינט א צייטלאַנג אין ווין. רייזעס אין מערב־איראָפּע און ראַטן־פאַרבאַנד. געבליבן אונטער׳ן נאַצי־אָקופּאַנט אין פּוילן. וווינט איצט — 1946 — אין קראָקע.

מיכאל ווייכערט קען איך זינט 1908. דער ערשטער יידישער שרייבער, מיט וועלכן איך בין געווען באַפריינדעט. דער איינציקער פּאַטש, וואָס איך האָב פון מיין שטאַטן ווען עס איז באַקומען איז געווען צוליב מיכאל ווייכערט. דאָס איז געווען צוליב זיינס א בריוו אין יאָר 1910, וואָס איז אָנגעקומען אין מיין שטעטל, דער טאַטע האָט מיר אָפּגעגעבן דעם בריוו א פאַרמאַכטן — אָבער באַלד געפאָדערט, איך זאָל אים דעם בריוו איבערגעבן צום לעזן. איך האָב נישט געפאָלגט, באַקומען די שטראָף, אָבער געוואָרן זעלבשטענדיק, געוואָרן א יידישער שרייבער. אין יענעם בריוו האָט מיר ווייכערט מיטגעטיילט, אז פּאָעזיע קען איך זיכער נישט שרייבן און איך זאָל עס אויפגעבן, אַרטיקלען וועל איך אפשר, יאָ קענען שרייבן. נישט פאָלגנדיק דעם טאַטן, האָב איך שוין אין איין וועגס נישט געפאָלגט ווייכערטן.

אין 1908 איז ווייכערט געווען דער יידישער ליטעראַט פון סטאַניסלאַוו. א בלאָנדער, א הויכער, די לאַנגע טשופּרינע פלעגט אים אַראָפּפאַלן איבער א האַלב פּנים. די ליטעראַרישע פּעלערינע פלעגט זיך נאָכשלעפּן נאָכלעסיק, דער קראַוואַט ווי א שוואַרצער עראָפּלאַן, אן אַלטמאָדישער טאָפּל־דעקער און דער שטעקן מ׳ט א אייזערנעם שפּיץ. אַזוי איז דעמאָלט געווען די מאָדע. געווינט האָט ווייכערט אין א פּאַרק, אין זיין פּאָטערס ווילע, אין א באַזונ־דערער שטוב. דאָרט זענען געווען אַסך יידישע ביכער. דאָרט איז געווען שטימונג פון דער טשערנאָוויצער שפּראַכקאָנפערענץ, וואָס איז געווען א מעכטיקע דאַטע אין יידישן קולטור־לעבן. דער אכצניעריקער ווייכערט האָט אין גרויסן סטאַניסלאַווער טעאַטער איינגעלייטעט דעם ערשטן יידישן ליטע־ראַרישן אָוונט, וואָס איך האָב ווען עס איז בייגעווינט, ער איז געבליבן איינער פון די איינדרוקספולסטע פון מיין גאַנצן לעבן, אויף דער בינע זענען גע־ווען פּרץ, אַש, נאָמבערג און רייזען. ווייכערט איז שוין דעמאָלט געווען א פאַכמאַן פון יידישן טעאַטער, דריי יאָרן שפּעטער האָב איך אים באַגעגנט אין ווין, ער איז געווען א ריינהאַרדט־שילער און האָט געדרויכערט אן ענגלישע לולקע. ווייכערט פלעגט קיינמאָל נישט לאַכן, נאָר אַלעמאָל שמייכ־לען איראָניש און זייער חנעוודיק, גערעדט האָט ער דערצו אַלעמאָל מיט

זייער א קלאָרער דיקציע. איך האָב ליב זיין שמייכל, זיין דיקציע, די דערינערונג פון זיין שטוב אין סטאַניסלאַוו און אפילו די קאָנסעקוועניץ מיט וועלכער ער האָט ביז צום היינטיקן טאָג קיינמאָל נישט אנערקענט מיין מזל אין דער פּאָעזיע. ניין און ניין. ער האָט עס קיינמאָל נישט אויפגעשריבן אָבער קיינמאָל זיין מיינונג נישט געביטן.

מיט אסך יאָרן שפּעטער איז געקומען די שטורם און דראַנג־צייט אין וואַרשע און אפילו געמיינזאַמע ארבעט אין א זשורנאל „רינגען". אָבער די פּרינציפּיעלע איינשטעלונג האָט זיך קיינמאָל נישט געביטן. ווייכערט האָט געדרוקט מיינע לידער אָבער מיט א פּערזענלעכן ווטאָ.

ווייכערט איז א יוריסט און אין דער געזעלשאַפטלעכער ארבעט זייער פאָרמעל און אלעמאָל זייער גערעכט. ער איז זייער קאָרעקט, זייער דיסציפּלינירט און אויב ער דאַרף עפּיס אויספירן — קען ער וואַרטן אפילו צוואַנציק יאָר. ער איז אזוי ווי ענגלאַנד. דער צד שכנגד האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, אָבער ווייכערט געדענקט און גייט זיין וועג ביז ער דערגרייכט זיין ציל.

אינסצעניזאַציע פון יידישע ראָמאַנען זענען זיין אידעע־פיקס געווען. אויף דעם געביט איז ער א פּיאָנער אין יידישן טעאַטער — און דאָס יידישע טעאַטער איז זיין לעבן. זיין וואַרשעווער טעאַטער־סטודיע איז נישט געווען קיין איינציקע אויף דער יידישער וועלט, אָבער ער האָט זי פון קיינעם נישט קאָפּירט. אליין פּראָיעקטירט, אליין געפירט, אליין געווען א לערער, אליין יאָרן־לאַנג אָן שום מיטלען רעזשיסירט, אליין אין די אומצאָליקע פּראָגראַמען געזען מיט יאָרן פאָרויס די פּרעכטיקע גאַנצקייט, און אליין געבליבן — ווען דאָס לעבן זיינס איז געקרוינט געוואָרן מיט טעאַטראַלישע לעבנס־דערפאָלגן — דער עיקר פון דער „קידוש־השם"—אויפפירונג, וואָס איז אזוי לאַנג געגאַנגען אין טעאַטער ביז די גאַנצע טרופּע האָט באַקומען דעם נאָמען קידוש־השם־טרופּע. אליין געבליבן — — קיינמאָל זיך נישט גאַנץ אראָפּגעלאָזט פון די ריינהאַרדישע טעאַטער־הייכן, קיינמאָל קיין טעאַטער־קאָמפּראָמיס נישט געמאַכט. געגאַנגען דורך זיג און נידערלאַגע אלעמאָל מיט דעמזעלבן שטאָלץ. ווייכערט האָט קיינמאָל אויסער וואַרשע נישט רעזשיסירט, קיינמאָל נישט איינגענומען אמעריקע, הגם זיין טעאַטער־ארבעט האָט אָפּט אָנגעשפּאַרט ביז ניו יאָרק. איז עס אפשר אויך אזא מין רעזשיסערישער טריק?

אז ווייכערט רעדט, הערט מען דייטלעך די גענויע גראַמאַטיק און אלע שריפטצייכנס, אז ער רעדט פּויליש זעט מען גענוי די שווערע אויסלייגעכץ פון די פּוילישע ווערטער, ער רעדט ווי עמיץ וואָלט כסדר פּראָטאָקאָלירט, ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן וואָרט, דערפאַר האָט ער אסך קעגנער. און אפשר זענען זיינע קעגנער לויטער נישט צוגעלאָזענע דורך אים דראַמאַטורגן . . . ווייכערט גיט נישט אויס קיין סוד פון די הינטערקוליסן. און

אַזוי ווי איך האָב נישט קיין פּרעטענסיעס צום טעאַטער און ממילא נישט צו ווײַכערטן, געדענק איך מיט טיפן סענטימענט זײַן אָפּזאָגן מיר א ברעקל טאַלענט פון פאר דרײַסיק יאָרן. ווײַכערטס קאָנסעקווענץ אין דעם זינען וואַרפט מיך אַלעמאָל צוריק צו די הערלעכע אומפאַרגעסלעכע פאָר יאָר מײַנע אין סטאַניסלאַוו.

1938

פּ.ס.

די קאָנסעקווענץ פון מיכאל ווײַכערטס אומאָפּהענגיקן אופן לעבן, זײַן ווידערווילן אָנצוקומען צו געזעלשאַפטלעכער הילף, האָבן ווײַכערטן סוף כל סוף געבראַכט די גרעסטע מאַטערנישן: ער איז געבליבן אונטער די נאַציס און עס איז געוועזן נאַטירלעך, אַז ער איז געוואָרן אײנער פון די אונטערהענדלער מצד דעם ייִדישן יישוב אין פּוילן מיט די פון גאָט און דער מענשהייט פאַרשאָלטענע. זײַן סופער־אַרישע געשטאַלט, וואָס וואָלט געקענט דינען ממש ווי א מוסטער אין יעדן בוך וועגן די ראַסן־טעאָריעס, זײַן פּראַכטפולע דײַטש־דיקציע און בכלל באַהערשן נישט נאָר די דײַטשע שפּראַך, נאָר אויך די דײַטשע קולטור דורך און דורך, זײַן יורידישע אויסבילדונג האָבן אים פּרעדעסטינירט דערצו. ווײַכערט, דער טעאַטראַל, וואָס איז קײנמאָל אַלײן אויף דער בינע נישט אויפגעטראָטן, האָט איצט געדאַרפט שפּילן אײנע פון די שווערסטע ראָלעס, וואָס די ייִדישע געשיכטע הייסט אַמאָל שפּילן א ייִדן, שפּילן אַזוי, אַז די מערדער זאָלן מײנען, אַז ער איז לאָיאַל צו זײ, און די געמאָרדעטע זאָלן פאַרשטײן, אַז דאָס איז נישט מער ווי א שפּיל.

זענען דורך די דינענקע שפּאַרונעס פון דער מויער פון האַס, פון מאָרד און פון גרעסטן וועלט פאַרברעכן, צווישן אַנדערע ידיעות, אויך דורכגערונען ידיעות וועגן ווײַכערטן, אָנגעקומען אין ייִדישע יישובים אפילו בריוו פון דעם אַמט, וואָס ער האָט געפירט, מיט זײַן כאַראַקטעריסטישן סטיל און זײַן אײגנהאַנטיקער אונטערשריפט, אַז עס זאָלן געשיקט ווערן די און די מאַטעריאַלן, וואָס די ייִדישע הילפסשטעלע וועט קענען איבערבײַטן אויף עסנוואַרג. די ידיעות האָבן זיך ווידערשפּראָכן און זיך צעוואַקסן אין דער ווידערשפּרעכונג און זענען אין צו גיכע און פלינקע צײַטונגס־אַרטיקלען איבערגעקערט געוואָרן מיטן קאָפּ אַראָפּ.

אַז די באַפרײַאונג איז געקומען איז ווײַכערט געבליבן בײַם לעבן. און ווידער זענען געקומען ווידערשפּרעכנדיקע ידיעות, ווײַכערט האָט צען חדשים, א פאַרשפּאַרטער געוואַרט אויף זײַן פּראָצעס, וואָס האָט אָפּגעוואַשן זײַן גוטן נאָמען. זײַנע גוטע און געטרײַע פרײַנט — און צווישן זײ דער מחבר פון דעם

לעקסיקאָן — האָבן מיט א פארקלעמט הארץ און א פארכאפּטן אָטעם געוואַרט אויף דער רגע.

און אין יענעם טאָג, ווען די ווייסע טויב, די גוטע נײַעס, האָט א פלאטער געטון דורך די צײַטונגען, האָט מיך די פאנטאזיע ווידער א שלעפּ געטון קיין סטאניסלאַוו, צום יאָר 1909, צו ווײַכערטס שטיבל צווישן ביימער, צו אונזערע פאנטאסטישע שמועסן פון דעמאָלט. אָבער וואָס איז פאנטאזיע אנטקעגן ווירקלעכקייט . . . און וואָס איז טעאטער קעגן לעבן.

יולי, 1946

יעקב וויסליץ

געבוירן 1891 אין קאָנסק, פּוילן, זינט 1920 געווען אַקטיאָר פון דער ווילנער טרופּע אין פּוילן — רייזעס אין איראָפּע, לאַטיינאַמעריקע, אַפריקע און אויסטראַליע. דאָרט זינט 1938 געבליבן.

אויב עס איז פאַרהאַנען א קלאַסישער טיפּ פון א פּוילישן ייד איז יעקב וויסליץ א קלאַסישער טיפּ פון א פּוילישן ייד, אַט אַזוי ווי עס שטעלן זיך אים פאָר די מערב-איראָפּעער. אַן אַדלער־נאָז, שוואַרצע, גרויסע, פאַרחלומטע אויגן, שוואַרצע האָר און דערצו א שטימע, וואָס רעדט נישט פּראָסט, נאָר דאַוונט אַלעמאָל אַביסל אונטער.

אין די פּוילישע שטעט און שטעטלעך בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער ערשטער דייטשער אָקופּאַציע האָט מען אים פאַרגעטערט — וויסליצן. עס איז דעמאָלט געווען א צייט פון רעלאַטיווער קולטורעלער פריי־הייט, דער רוס איז אַוועק און דער אָקופּאַנט האָט נישט געוואָלט און אויך נישט באַוויזן ווי געהעריק צו פאַרציען דעם קולטורעלן פּאַסיק איבער דער פּוילישער און דער יידישער באַפעלקערונג פון קאָנגרעס־פּוילן. ער האָט זיך באַגנוגנט מיט וואָס ענגער צו פאַרציען דעם עקאָנאָמישן פּאַסיק איבער דער אָקופּירטער טעריטאָריע, האָט ארויסגענומען ווו א קרישקע ברויט און געפירט אין מוטערלאַנד. איז געקומען אַן אויפלעבונג א קולטורעלע איבער דער יידישער פּראָווינץ אין פּוילן. קינד און קייט האָט געשפּילט טעאַטער און מען האָט זיך געגויטיקט אין רעזשיסערן און נישט פון אַלטן שניט, נאָר יינגערע, מיט אידעאַלן. און יעקב וויסליץ איז פאַר דעם געווען איינציק צו־געפּאַסט. פלעגט ער קומען אין א שטעטל איז דער יום טוב געקומען מיט אים.

נישט איינמאָל פלעגט מען מיר אין די שטעט און שטעטלעך אין פּוילן וויזן „היסטאָרישע דאָקומענטן" פון דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, דאָס זענען געווען פּראָטאָקאָל־ביכער פון קליינשטעטלדיקע קולטור־פאַריינ־דלעך און מאַסקירטע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס. טשיקאַווע געווען צו בלעטערן אין זיי. עולם האָט זיך ארומגעשטעלט און וועגן יעדן נאָמען געמאַכט לאַנגע קאָמענטאַרן. אָט דער איז געשטאָרבן, און דער איז געהרגט און דער איז אין אַפריקע און דער איז אין אויסטראַליע און דער איז אין אַמעריקע און דער איז היינט א גרויסע „שישקע", און דער איז גאָר אַוועק דינען אין דער פּאָליציי און דער איז געוואָרן א בורזשויטשיקל און וועגן . . . יעקב וויסליצן ווייסט איר דאָך אַליין. אָט דער וויסליץ האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע אין

יענע פּראָטאָקאָלן. נעכטווייז פלעגט מען דיסקוטירן די ברייוו פון ווייסליצן, וואָס האָבן זיך אַלעמאָל געדרייט ארום אמאַטאָרישע טעאַטער־שפּילן.

מיט יאָרן שפּעטער, איבער דער גאָרער וועלט, פלעג איך באַגעגענען די אויסגעוואַקסענע און נישט איינמאָל שוין אַלט געוואָרענע חסידים פון ווייסליצן. דער געדענקט אים פון קינסק און יענער געדענקט אים פון פּלינסק און גאָר אַ דריטער פון מאַזאָוויעצק־מינסק און אפילו פון פינסק. און אזוי ווי עס טליעט נאָך אין דער נשמה אַ פונק פון דעם אַלטן סענטימענט און ווייסליץ פאַרט נאָך אַלץ ארום און מאַכט פאַרשטעלונגען און ביי אַביסל אָנשטרענגונג קען מען זיך עס פאַרגינען, נו באַציט מען אים קיין יאָהאַנעסבורג און קיין סידנעי און קיין ריאָ דע זשאַנעירא, פונקט ווי מען האָט אים אַמאָל באַצויגן קיין מינסק און פּלינסק און קינסק.

איז ער געוואָרן איינער פון די אינטענסיווסטע רייזע־אַקטיאָרן, און טאַקע אויף סאָלאָ, ווי אַמאָל אין די גוטע צייטן פון דער ערשטער מלחמה — יעקב ווייסליץ, אַלעמאָל אין אַן אַנדערן וועלט־טייל באַקום איך ברייוו פון אים פון אַלעמאָל אַן אַנדערן וועלט-טייל.

ער האָט ליב דאָס טעאַטער, יעקב ווייסליץ, און ער האָט ליב זיינע ראָלן און ער קען זיך מיט אַזויפיל ליבשאַפט ארייַנלעבן אפילו אין זייטיקע ראָלן און שפּילן זיי מיט אַזויפיל פּאַטאָס, אזוי ווי דאָס וואָלטן הויפּטראָלן געווען און טאַקע נישט ווינציקער ווי האַמלעט. היינט ווער שמועסט טאַקע הויפּט־ראָלן שפּילט ער דאָך גאַרנישט, ווייסליץ, נאָר ער צעדאַוונט זיך אין זיי, אזוי ווי דער עולם אַקטיאָרן וואָלט געווען אַ מנין און ער דער חזן. אז מען זעט אים אויף דער בינע זעט מען אז אָט אזוי אָ שפּילן די פוילישע יידן טעאַטער.

דאָס איז געווען מיט נאָענט אַ צוואַנציק יאָר צוריק. מיין ברודער, הערץ בערגנער, איז נאָך דעמאָלט אַ יונגער יינגל געווען, אָבסערווירט איך אים אַמאָל, ווי ער רעדט עפּיס כסדר צו זיך און שמייכלט אזוי מאָדנע. אז איך האָב אים געפרעגט אויפן טייטש פון זיין מאָדנער באַנעמונג, האָט ער מיר מיט גרויס פּאַטאָס דערקלערט, אז דאָס באַמת ער זיך צו קאָפּירן ווייסליצן. ער האָט אים ערשט נישט לאַנג געזען ביי אַ טישל מיט אַ חברה אַקטיאָרן אין ליטעראַטן־פאַריין,דערציילן עפּיס אַ מעשה, האָט אים דער אופן פון ווייסליצעס דערציילן און דער גאַנצער מענש אזוי פאַראינטערעסירט, אז ער קען זיך נישט העלפן און ער מוז אים קאָפּירן — און מיין ברודער קוקט שוין ווידער נישט אויף מיר, נאָר מאַכט שוין ווידער נאָך ווייסליצן, עפּיס אזוי ווי אַ ווייסליץ־דיבוק וואָלט אין אים אריין.

אָט אַזאַ דיבוק איז מסתמא אריין אין טויזנטער יונגע־לייט אין די קליינע שטעט און שטעטלעך אין פוילן, ווען ווייסליץ פלעגט דאָרט ארומפאָרן און רעזשיסירן פאַרשטעלונגען.

דאָס הייליקע שניידערל פון אשס „קידוש השם״ און דער וואסערטרעגער פון דימאָווס „זינגער פון זיין טרויער״ — דאָס זענען דאָך ראָלן, וואָס זענען ממש געשריבן געוואָרן פאר וויסליצן. און נאָך און נאָך ראָלן — ווער קען זיי אלע געדענקען. איך האָב אים דאָך גוטע עטלעכע צענדלינק מאָל געזען אויף דער בינע. אלעמאָל שפּילט ער ערנסטע ראָלן, אלעמאָל ערנסט טעאטער — זאָל עס קאָסטן וואָס עס וויל. ער האָט — אויב איך האָב נישט קיין טעות — קיינמאָל קיין קאָמפּראָמיסן אין דעם זינען נישט געמאכט. און ער איז גרייט צו יעדער צייט צו בויען ערנסט יידיש טעאטער, אפילו אויף דער לבנה. און אזוי ווי ער האָט שוין טאקע באזוכט די ווייטסטע ווינקעלעך פון דער וועלט, האלט ער שוין טאקע ביי דער לבנה — אָט דער בנימין השלישי פון וועלט־וואנדערנדיקן יידישן טעאטער.

1941

זלמן זילבערצווייג

געב. 1894 אין אָזאָרקאָוו. געלעבט לרוב אין לאָדזש. א צייטלאַנג אין ארץ ישראל. זעקסמאָל געווען אין אמעריקע איידער באזעצט זיך דאָרט ארום 1935. רעדאקטאָר פון לעקסיקאָן פון יידישן טעאטער.

אָזאָרקאָוו איז א שטעטל ביי לאָדזש און אלע אָזאָרקאָווער האָבן ווער מער און ווער ווייניקער געלעבט אין לאָדזש און געארבעט דאָרט.

און ווער עס איז אין לאָדזש נישט געווען קיינמאָל אין זיין לעבן, דער קען קיין לאָדזשער ייד קיינמאָל אין זיין לעבן נישט פארשטיין. פארהאנען אויף דער וועלט אלערליי ראסן און צו די אלע ראסן קומט צו נאָך איין ראסע דער „לאָדזשער־מענש״. אזוי האָבן זיי זיך טאקע אליין גערופן כדי זיך צו אונטערשיידן פון אלע איבעריקע מענשן פון דער וועלט.

— אז זי זענען נישט קיין לאָדזשער־מענש (פלעגט מיר אָפט זאָגן א לאָדזשער) ווי קענען זי דאָס פארשטיין?

א לאָדזשער, דאָס איז געווען א מישונג פון רוס, דייטש, פּאָלאַק און ייד. א לאָדזשער איז געווען א מישונג פון אן אינטעליגענט און ארבעטער, גבי־ר און קבצן,איידלמאַן און פלעבעיער, שונדיסט און קינסטלער, עטישן מענש און גנב, סוחר און באָהעמיען.

א לאָדזשער אי־ז אלעמאָל באוועגלעך און פול מ־יט רייד און מיט זשעסטן און אז ער רעדט, מעג ער זיין א פּאָלאַק, רוס, דייטש אָדער ייד — מישט ער אלע לשונות צוזאמען, און אז ער איז א ייד מישט ער אין זיין יידיש אלע דיאלעקטן — אָט איז ער א ליטוואק און אָט א גאליציאנער און אָט א פּאָנקע און ביי אלעמען דערקענסטו דעם ספּעציפישן ריין לאָדזשער יידיש.

אין לאָדזש פלעגט מען נישט גיין אויף די טראטוארן נאָר אויפן מ־יטן גאס, דערפאר זענען די דראָשקעס מער געפאָרן אויף די טראָטוארן ווי אויפן מיטן גאס. דאָס איז אָבער אלץ נאָר געווען אין די גוטע יאָרן פון דער פּראָספּע־ריטעט פון פאר און נאָך דער ערשטער מלחמה, שפּעטער זענען געקומען די טויזנטערליי אוקאַזן פון דער פּוילישער מאכט און אין 1939 איז לאָדזש גע־וואָרן „ליצמאנשטאַט״ אונטערן קנאפּל פון דייטש און — ווער ווייסט, וואָס ווייטער.

און זלמן זילבערצווייג איז א לאָדזשער מיט אלע פּידשעווקעס. ער האָט אן אגרעסיוו פּנים, א דורכדרינגענדיקע שטימע, טראָגט גרויסע אויגן־גלעזער, וואָס גלאַנצן און מיניען, איז א הויכער, איז אלעמאָל אביסל פארוויטלט אין פּנים, אזוי ווי ער וואָלט ערשט פארענדיקט עפּיס א שארפן דיספּוט, אָדער

וואַלט געוואָלט אזא מין אָנהויבן. ער איז דאָס וואָס אלע לאָדזשער זענען אלע־מאָל געווען — די פעיקייט אליין און גרייט זיך צו נעמען צו אלץ אין דער וועלט. צו די אלע אויסגערעכנטע כאראקטער-שטריכן פון א לאָדזשער וואַלט נאָך געפעלט אומפּינקטלעכקייט, לאָזט זיך אויס, אז א לאָדזשער איז דווקאָ פּינקטלעך לרוב און זילבערצווייג איז פּינקטלעך ביז משוגעת. אז מען רעדט מיט אים אָפּ זיך ערגעץ צו טרעפן, קומט ער צו דער רגע און אז מען באַ־שטעלט ביי אים אן ארבעט מאכט ער זי צו דער סעקונדע פּארטיק.

וואָס האָט ער דען נישט אלץ געשריבן און איבערזעצט און אויפגעפירט אין טעאטער און רעדאגירט, אָט דער זילבערצווייג, נאָר קיינס פון זיינע ווערק און אויפטוען האָבן זיך לאנג נישט געהאלטן. זיין לעבנס־ווערק, און דאָס איז געווען זיין באשערונג, איז דער לעקסיקאָן פון יידישן טעאטער. אין דער גע־שיכטע פון יידישן טעאטער וועט אמאָל מוזן זיין א ספּעציעל קאַפּיטל געשיכטע פון לעקסיקאָן פון יידישן טעאטער פון זלמן זילבערצווייג.

אין איין שיינעם טאָג איז אויסגעוואקסן אין די יידישע צייטונגען אן אנאָנס, אָדער א נאָטיץ אז זלמן זילבערצווייג גרייט זיך ארויסצוגעבן א לעק-סיקאָן פון יידישן טעאטער און אז מען קען זיך אבאָנירן און מען קען צאָלן פינף דאָלאר און אויך מער. נישט אלע האָבן דעמאָלט געוווסט, אז הינטער דער נאָטיץ שטייען שוין צענדלינקער יאָרן צוגרייטונגס־ארבעט, און געדאכט האָט זיך, אז דאָס וועט זיין א מין „הו איז הו״ (ווער איז ווער), וואָס אז מען צאָלט מער אלס אבאָנענט, באקומט מען מער שורות און שענערע בילדער אלס פּערזענלעכקייט . . . דער שרייבער פון די שורות האָט געמאכט וועגן דעם א נאָטיץ אין א צייטונג. זילבערצווייג, וואָס האָט בדעה געהאט אן ערלעכן און פּינקטלעכן לעקסיקאָן און נישט קיין געצאָלטן „הו איז הו״, האָט רעאגירט דערויף מיט דער גאנצער לאָדזשער אויפגעברויזטקייט און אזוי רעאגירט ער נאָך. ער קען עס מיר נאָך אלץ נישט פארגעסן. מיר זענען שוין זינט דעמאָלט גוטע ברידער געוואָרן, האָבן זיך שוין ווידער באגעגנט און איבערגעבעטן אין אלערליי לענדער, נאָר ער קען עס נישט פארגעסן. איך האָב שוין זיין לעקסיקאָן — וואָס איז א רעזולטאט פון צענדלינקער יאָרן בינען־פלייסיקער נערוון־צעשטערנדיקער ארבעט — גערימט ביז אין הימל אריין פאר בייטראגן דאָרט, וואָס זענען ממש קוואלן פאר קומענדיקע יידישע טעאטער־היסטאָריקער. זיינע גאָלדפאדען־ (וואָס פעלט אגב אינגאנצן אין רייזענס לעקסיקאָן) און גארדין־ארטיקלען זענען ממש קליינע לעקסיקאָנדלעך פאר זיך אליין. אָבער דאָס אלץ העלפט נישט — זילבערצווייג קען מיר נאָך אלץ יענע עוולה נישט פארגעסן. דאָס כבוד־געפיל פון א לאָדזשער־מענש האָט גאָר קיין גרעניצן נישט.

ווערק, וואָס ווערן ביי די לייטן ארויסגעגעבן פון גאנצע געזעלשאפטן און פון שטאבן פון מיטארבעטער מאכן ביי אונז יחידים, אזוי רייזענס און אזוי זילבערצווייגס לעקסיקאָנען. אז זילבערצווייג האָט נישט געהאט קיין מעגלעכ־קייט ארויסצוגעבן זיין צווייטן באנד — דער דריטער און לעצטער איז נאָך אלץ (1940) נישט ארויס — אין אמעריקע, האָט ער אים געזעצט אין א קליי־נער יידישער זעצעריי, וואָס איז געשטאַנען אין א וואלד . . . אין א טיפן און געדיכטן וואלד ווו מען האָט געמוזט ארבעטן 18 שעה א מעת־לעת, ווייל עס איז נישט געווען עפּיס בעסערס צו טון און מען האָט געמוזט לעבן פון מילך און ברויט ווייל מען האָט עפּיס אנדערש נישט געקראָגן און דערפאר איז דאָס זעצן דאָרט ביליק געוועזן — ווי מילך מיט ברויט. צו דעם צוועק איז זילבערצווייג געקומען פון אמעריקע קיין פוילן און האָט זיך באזעצט אין דעם וואלד אויף חדשים. אפשר דער וווּנדער־לעכסטער עפּיזאָד פון די וווּנדערלעכע עפּיזאָדן פון דער יידישער טעאטער־געשיכטע.

1940

די פיר ברידער טורקאָוו

אַלע פיר געבוירן אין וואַרשע — זיגמונט, יאָנאַס, מאַרק, יצחק — איינער פון אַנדערן מיט צוויי יאָר ייִנגער. זיג־מונט — דער עלטסטער, געבוירן אין יאָר 1896, יצחק אין יאָר 1906.

די גאַנצע וויטאַליטעט פון וואַרשעווער יידנטום איז געווען פאַרקערפּערט אין די דאָזיקע פיר ברידער. אַלע האָבן זיי — יעדער אויף זיין אופן — גע־מאַכט קאַריערעס. אַלע האָבן געוואָלט זיין אי שרייבער און אי אַקטיאָרן, אָבער נישט אַלע זענען געוואָרן אי שרייבער און אי אַקטיאָרן. אַלע זענען זיי געווען שלאַנקע און שוואַרץ אויגיקע, מיט קרא־שוואַרצע , גלאַנציקע, גלאַטע האָר און אויגן אויך גלאַנציקע, אַלע האָבן זיי געהאַט יידישע אדלער־נעז, ענער־גישע, שטרעבנדיקע, אביסל חוצפהדיקע אפילו. אז מען פלעגט זיי זען אין דער געזעלשאַפט פון זייער פאָטער איז מען אַלעמאָל פאַרוווּנדערט געווען וואָס ער איז אזא יונגער.

שוין אין די צוואַנציקער פון דעם יאָרהונדערט איז שטאַרק באַרימט געוואָרן זיגמונט, דער עלטסטער. ער איז געוואָרן דער איידעם פון אסתר רחל קאַמינסקאַ, דער מאַן פון איר טאָכטער אידא. ער פלעגט רעזשיסירן און שפּילן אין א קליינעם אָבער זייער גוט סיטואירטן טעאַטער, דאָס צווייטע הויז ממש פון טלאָמאַצקיע 13 — לעשנאַ 2. דאָס טעאַטער איז געווען גוט צוגע־פּאַסט פאַר זיין נישט צו הויכער שטימע, פאַר זיין אופן שפּילן אָן דעם טראַ־דיציאָנעלן יידישן קוליסן־רייסערײַ. צוזאַמען מיט זיין ווייב אידאַ — האָט ער שטאַרק איראָפּעאיזירט דאָס יידישע טעאַטער אין וואַרשע. ער איז געווען א גוטער קענער פון דער פּוילישער שפּראַך, ליטעראַטור און אַן אבסאָל־ווענט פון א פּוילישער דראַמאַטישער שולע.

זיי האָבן אַלע געקענט גוט פּויליש, די ברידער טורקאָוו, אָבער קיין איינער פון זיי האָט אפילו קיינמאָל נישט געפּרוּווט צו מאַכן א קאַריערע אויף דער פּוילישער גאַס. זאָל עס זיין צוליב דעם שטאַרק יידישן אויסזען? ניין זיי זענען געווען און געבליבן נישט נאָר יידן, נאָר אידעאישע יידן. די וויטאַ־ליטעט האָט זיי אַלע פיר דערהאַלטן ביים לעבן ביז נאָך דער גרויסער בראַך. מאַרק איז קנאַפּ פאַר דער מלחמה געוואָרן א תושב אין אַרגענטינע, זיגמונט האָט זיך ביים אָנהויב פון דער מלחמה געראַטעוועט און סוף כל סוף זיך דער־שלאָגן ביז בראַזיליע, יצחק האָט אַרומגעוואַנדערט איבערן ראַטן־פאַרבאַנד אלס פּליט, יאָנאַס איז געבליבן אונטער די נאַציס און איז א צייט לאַנג געווען איינער פון די ערשטע באַרימטע געראַטעוועטע דורך דער אַריינמאַר־

שירנדיקער רויטער ארמיי. די געשיכטע פון זיין רעטונג, צוזאמען מיט זיין פרוי, דער אקטריסע דיאנא בלומענפעלד, איז אָפט איבערדערציילט געוואָרן אין דער יידישער פּרעסע. אין א בונקער זענען זיי געווען וואָכנלאנג באהאלטן, נאָך צענדליקער מאָל אנטרינען דירעקט פון אונטער די נעגל פון טויט, האָבן דערהערט שטימען און צו זייער שטוינונג דערקענט רוסיש לשון.

צוזאמען מיט דעם סעקולאריזירונגס־פּראָצעס, וואָס דאָס גאנצע יידישע לעבן אין פּוילן האָט דורכגעמאכט, האָט זיך — ווי אלעמאָל אין אזעלכע פאלן — אָנגעהויבן א שטארקער דראנג צו פאראייביקן דאָס טראדיציאָנעלע, שטאַרקער זיך באהעפטן מיט דעם, באוווסטזיניק עס אונטערבויען אלס באזיס פון דער איצטיקייט. דער יידישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט אין ווילנע איז אין דער אמתן געווען א קינד פון דעם דאָזיקן געדאנק, פון דעם גייסט פון באהעפטן זיך שטארקער מיט דער טראדיציע. אויך דאָס טעאַטער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן ארומצוקוקן אויף די טראדיציאָנעלע גאָלפאַדען־זאכן און מען איז אפילו געגאנגען נאָך ווייטער צוריק, מען האָט געגנישטערט און געפונען שלמה עטינגערן. זיין „סערקעלע — אָדער די יאָרצייט נאָך א ברודער", וואָס זיגמונט טורקאָוו האָט אויפגעפירט אין זיין „וויקט", ווארשעווער יידישן קונסט טעאַטער, איז געווען א גרויסע דאטע אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. איך געדענק דעם יום טוב, ווען עס האָט זיך לאנגזאם פונאנדערגעעפנט דאָס בוך, גרויס ווי א הויכער גרויסער טויער, אזוי גרויס ווי די גאנצע בינע אויף לעשנע 2, דאָס זענען געווען די קאָפּירטע שער־בלעטער פון דעם צענזור־עקזעמפלאר פון דעם ווערק פון דעם עלטער זיידן פון דער יידישער ליטעראטור, וואָס זענען אזוי פאר־גרעסערט געוואָרן. דער אויפטו האָט געזאָלט סימבאָליזירן א נייע ווענדונג אין יידישן טעאטער, א ניי בלאט — מאָדערניזירטע טראדיציע. די, און נאָך צענ־דלינקער פּרעמיערעס, דער עיקר פון פסיכאָלאָגישן אייראָפּעישן רעפּערטואר זענען געווען אויפטועך פון דעם קינסטלער־פּאָר טורקאָוו און קאמינסקא. יאָנאָס און זיגמונט האָבן ביידע געהאט א נייגונג צו פּערזאָניפיצירן פאטאָ־לאָגישע טיפּן, דער עיקר יאָנאָס. זיין פישקע דער קרומער איז ממש דורך דעם זיידן פון אונזער ליטעראטור פאר אים געשריבן געוואָרן. און נישט נאָר אין ווארשע, נייערט אויך אין די פּראָווינץ־שטעט, דער עיקר אין לעמבערג און אין קראָקע האָבן די ברידער טורקאָוו געבויט און יאָרן־לאנג רעזשיסירט שטענדיקע יידישע טעאטערס. זיי האָבן זייער טעאַטראלישע שלי־חות גענומען זייער ערנסט, זענען געווען שטרענגע רעזשיסערן, שארף און באפעלעריש פלעגן קלינגען זייערע שטימען ביי די פּראָבן. באזונדערס שארף איז געווען יאָנאָס.

אַלע פיר האָבן אויך געשריבן אָבער נאָר שרייבן האָט באַשלאָסן מאַרק. דער פרײַלעכסטער פון זײַנע ברידער, דער גרעסטער לאַבוז ייִנגערהייט. אין דער ערשטער צײַט פון זײַן זשורנאַליסטישער קאַריערע פלעגט ער שרייבן וועגן ספּאָרט. ביים טישל פון ספּאָרט־רעפּאָרטערן איז ער געווען דער רבי. איינמאָל האָט ער אָפילו אָרגאַניזירט אין אַ נאָכמיטיק אַ ריכטיקן צירק אין גרויסן זאַל פון ליטעראַטן־פאַריין. אַ באָקס־מעטש מיט זײַנע קאָלעגן ספּאָרט־רעפּאָרטערן. זיי האָבן אויסגעטון די רעקלעך, אויף די הענט אַרומגעוויקלט סערוועטקעס שטאָט די הענטשקעס און עס איז אַוועק אַ גאַנג. עולם האָט זיך אויסגעזעצט אַרום, אַמפּיטעאַטראַליש, די גאַלעריע איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אויף די טישלעך און עס איז אַוועק אַ רונדע נאָך אַ רונדע. אַ רגע אײדער מאַרק טורקאָוו האָט געגעבן דעם נאָק־אויט זײַן קעגנער האָט ער אַליין באַקומען אַ נאָק־אויט מיט ווערטער דורך נאַמבערגן, וואָס איז גראַד אַרײַנגעקומען . . . פון דער ספּאָרט־אַרענע איז מאַרק זייער גיך געוואָרן דער באַריכט־אָפּגעבער פון דער פּאָליטישער אַרענע, דעם סעים, אַפילו וועלט־רייזעס האָט ער גאָר גיך גענומען מאַכן. מען האָט אים ליב געהאַט פאַר זײַן קיינעם נישט פּיינט האָבן פאַר זײַן אַלעמען הבריש דינען, פאַר זײַן גיכן אָריענטירן זיך אין אַלע סיטואַציעס.

יצחק, דער ייִנגסטער, איז כסדר געגאַנגען אויף ביידע וועגן, אי פון שרייבן, אי פון שפּילן, ער האָט זיך אַפילו געגעבן אַן אייגענעם נאָמען, פלעגט זיך רופן יצחק גרודבערג. ער האָט אויך פיל איבערגעזעצט, אויך פּאָעזיע.

1946

אברהם מאָרעווסקי

1886 אין ווילנע. וואנדערונגען אין רוסלאנד אלס רוסישער שוישפילער. גאסטשפילן אין אמעריקע. הערבסט 1939 געווען אין ווילנע. שפּעטער טיפרוסלאנד, געבליבן אין ראטנפארבאנד.

א גרויסער א בערישער, א ריז, א שווערער, א באוואקסענער, א ווילדער, מיט ארויסגעזעצטע, טונקעלע אויגן, מיט אן ארויסגערוקטער אונטערשטער ליפּ, מיט א ליסינע דערצו און כל ימיו א הייזעריקער, וואָס טראכט אייביק, כאָטש ער רעדט נישט קיינמאָל וועגן זיין הייזעריקייט ווייל ער איז אן אקטיאָר און אן אקטיאָר טאָר נישט רעדן וועגן זיינע יאָרן און וועגן זיינע פּיזישע חסרונות —אָט אזא איז אברהם מאָרעווסקי. דערצו שרייבט ער און ער שרייבט פּונקט אזוי ווי ער איז אינגאנצן—ווילד, באוואקסן, האָר ביז צו די נעגל אויף די פינ־גער, הייזעריק און מיטן גאנצן הארץ, מיט דער גאנצער נשמה—אָט אזוי שרייבט אברהם מאָרעווסקי. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז א שוישפּילער און נישט קיין שרייבער און נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען אמאָל שטארק רוסיפיצירט — האָט ער אָבער א סטיל א יידישן, וואָס איז רייך און הייס און בריענדיק און פולע שיסלדיק און זעטיק אזוי ווי א באָרשט וואָס מען האָט אין אים אלץ אריינגעלייגט. וואָס עס הויבט זיך נאָר אָן מיטן אַלף איז דאָ אין דעם באָרשט. אָט אזוי שרייבט ער זיינע שרייבענישן, וואָס פארנעמען זיך לרוב מיט טעאטער און וואָס זענען נישט קיין ארטיקלען און נישט קיין פּאָ־לעמיקעס און נישט קיין נאָטיצן און נישט קיין אימפּרעסיעס און נישט קיין עקספּרעסיעס און פּאָרט אלץ צוזאמען. און אז מען זאָגט אים, אז וועדליג זיין סטיל און זיין אייביקן הייס־הונגער צום שרייבן וואָלט ער גאָר געדאַרפט זיין א שרייבער, איז ער באליידיקט ביז טויט און טאקע געקרענקט. און אז מען זאָגט אים, אז ער זאָל זיך בעסער אינגאנצן אָפּגעבן מיט זיין שוישפּילעריי איז אזוי ווי מען וואָלט אים געוואָרפן א שווערן שטיין אין קאָפּ אריין. ממש בלוט גיטט זיך פון אים.

איך האָב מאָרעווסקיס טאטן, דעם ווילנער גביר, קיינמאָל נישט געזען, קיינמאָל נישט געהערט פון קיינעם וויאזוי ער האָט אויסגעזען, נאָר איך שטעל מיר פאָר, אז ער האָט געמוזט האָבן א באָרד ווי א ברייטער בעזעם וואָס מען פארקערט מיט אים א מארק. און אויב נישט א טאטן אזא האָט ער כאָטש א זיידן אָדער א פעטער אזא געהאט. א ייד א קולאק און אפשר גאָר א ייד א פּורן, א ברייטהאנטיקער, וואָס האָט אלץ פארשווענדט, נאָר אנדערש ווי אלע אנדערע יידן איז ער זיכער געווען, כאָטש אלצדינג האָט ער נישט פארטיילט ווייל

מאַרעווסקי האָט אונז געפלעגט צו דערציילן, אַז ער האָט א „מויער אין ווילנע" א ירושה-הויז.

מאָדנע פלעגט ער זיך פירן — אברהם מאַרעווסקי, עפּיס אזוי ווי ער וואָלט מיט א כוונה געשאפן אנעקדאָטן ארום זיך. קיין פרומער איז ער דאָך נישט געווען, נאָר פאר א פרעמיערע פלעגט ער גיין אויף קבר אבות, פלעגט באזוכן קברים פון אקטיאָרן און פון שרייבער. אין ווארשע איז ער געגאנגען אויפן פעלד צום אוהל־פרץ און כאָטש ער איז אָפּט געוואָרן זייער הייזעריק און ער האָט זיך געדארפט היטן די כלי פלעגט ער אפילו אין נאס־קאלטע טעג פאר א פרעמיערע אָפּשטיין האלבע שעהן ביים אָפּריכטן זיינע קבר־אבותן אויפן בית-עולם. און אמאָל פלעגט אזא פרעמיערע נישט געראָטן פשוט צוליב דעם נאסן דרויסן, צוליב א פרישער פארקילונג כאָטש אין די הימלען האָט ער זיכער געמוזט פועלן . . .

אין די טעג ווען מאַרעווסקי פלעגט שפּילן — און ווען האָט ער דען נישט געשפילט, אויב עס איז נאָר געווען די מינדעסטע מעגלעכקייטן דערצו — פלעגט ער נישט עסן און עסן האָט ער דווקא געקענט. מען האָט נאָר גע־דארפט א קוק טון אויף אים, האָט מען שוין פארשטאנען, אז ער קען עסן. נאָר דערפאר, נאָכן שפּילן, אז ער האָט פון זיך אויסגעטון די אקטיאָרישע טראנטעס און פלעגט שטיין א האלב־נאקעטער און ווילדבאוואקסענער אין דער גארדעראבע, האָבן די אקטיאָרן ממש מורא געהאט צו אים ארייַנצוקומען, אז ער זאָל זיי פשוט נישט אויפעסן. אין די דערפאָלגרייכע צייטן האָט מען אים שוין אין דער גארדעראבע געמוזט ברענגען האלבע גענז אויף איבערצובייסן באלד נאָכן שפּילן. א ליידנשאפטלעכער און א גאנצער שווישפּילער. יונגע שרייבער פלעגן צו מאַרעווסקין אָפּט ברענגען דראמעס צום לעזן, ער אָבער איז צופיל אלעמאָל געווען פארנומען מיט זיך און דאָס ארייַנטון זיך אין פרעמדע געדאנקען פלעגט אים מיד מאכן, פלעגט ער דרימלען, האָט ער דערי־בער די יונגע שרייבער אלעמאָל אָנגעזאָגט צו לעזן פאר אים בשעת ער עסט ווייל בשעת ער עסט איז ער זייער וואכעדיק און קען נישט אנדרימלט ווערן. דאָס האָט ער אונז אלעמאָל אליין דערציילט. ער האָט זיך גוט געקענט. און חוץ זיין טראגישע הייזעריקייט און די איינגעשפארט פאַרויסגייענדיקע יאָרן האָט ער ליב געהאט צו לעבן אויפן רוסישן שטייגער און גאָרנישט צו באהאלטן, לעבן מיטן אמת.

זיבן קרוינראָלן האָט ער געהאט און איין . . . קייזער־ראָלע. ער האָט אמאָל געשפּילט פאר ניקאָליי דעם צווייטן און ער האָט עס געהאט שווארץ אויף ווייס און האָט עס ליב געהאט צו וויסן צו טון. און די קרוין פון זיינע קרוין־ראָלן איז געווען דער מיראָפּאָליער צדיק פון דיבוק. און יש אומרים, אז זיין מיראָפּאָליער צדיק האָט דאָס באוויזן דעם נס מיטן גאנצן דיבוק, וואָס

איז געוואָרן דאָס וועלט־פּאָפּולערסטע ייִדישע טעאַטער־שטיק. זײַן קרוין־ראָל, זײַן וויצע־קרוין־ראָל איז געווען דער דוכוס פֿון אַלטער קאַציזנע. ווי צוויי רוסישע סוחרים פֿון דער ערשטער גילדע, ביידע האָבן ליב געהאַט פּאַראַדעס, האָבן זיי זיך אַלעמאָל אין דער הויך געחברט, קאַציזנע און מאָרעוווסקי. אַלעמאָל זיך געקושט הויך אויף אַ קול אויף דער בינע און זיך באַוואָרפֿן מיט לאָפּעטעס מיט קאָמפּלימענטן אויף באַנקעטן, וואָס זיי האָבן ביידע נישט פֿיינט געהאַט.

אָבער די הייזעריקייט — ווי טיטוסעס פֿליג — האָט געטון אירס און נישט אַלעמאָל האָט מאָרעווסקי געקענט באַקומען די ראָלן, וואָס ער האָט גע־וואָלט און זײַן רעזשי איז געווען צופֿיל „ביט פּאַ סיעמו״ און די אַקטיאָרן האָבן עס נישט ליב געהאַט. איינמאָל איז מאָרעוווסקי אַרײַנגעקומען צו מיר, אַנידערגעלייגט ווי אַ פֿאַרוווּנדעטער לייב זײַן ווילדן קאָפּ אויף מײַן טיש און האָט זיך פֿונאַנדערגעוויינט און אויסגעהייזעריקט: מאָרעוווסקי איז פֿאַר־משפּט צום שווײַגן, וועט שוין מוזן שווײַגן ביז צום סאַמע קבֿר . . . נאָר כאָטש אויף דער מינוט איז עס געווען בלויטיק אמת — זענען עס פּאָרט אַקטיאָרישע שטיק געווען. כאָטש איינער פֿון די סאַמע אינטעליגענטסטע ייִדישע שוישפּי־לער איז ער פּאָרט דורכאויס שוישפּילער, ביז צום לעצטן פֿון די רמ״ח אבֿרים.

1942

מאַוריצי מינקאָווסקי

1881 אין װאַרשע, צו 5 יאָר — טויבשטום, שטודירט אין קראָקע, געװוינט אין אַלערלײ קונסט-צענטערן אין אײראָפּע, 1930 אַרגענטינע, נאָװועמבער 1930 דערהרגעט פון אַן אויטאָ, סעפּטעמבער 1941 אויף דעם בית עולם „ליניערס" מצבה דורכן פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן בוענאָס איירעס.

ער האָט געשטאַמט פון אַ משפּחה פון גאונים, גרויסע סוחרים, אַסימילאַטאָרן, משומדים, אַ ברייט-פאַרצווייגטע פּויליש ייִדישע משפּחה — דער טיף-ייִדישער מאָלער מאַוריצי מינקאָווסקי. נישט קיין הויכער, אָבער אַ פעסט־געפּאַקטער, גרויסע מאָלער מוזן זײַן פיזיש שטאַרק, אַ פּויעריש קיילעכדיק, גרויס פּנים, טונקל בלאָנד, אַלץ אין פּנים זעצט מיט ענערגיע און אַגרעסיע, די קורצע נאָז ווי אַ קורצער האָרן פון אַ שטויסנדיקער קו, די האָר צעשויבערט, לאַנג, פעסט, שטייף און גייען צוערשט אַרויף ווי אַ פאָנטאַנע און פאַלן דאַן אַראָפּ ברייט, ווי אַ פאָנטאַנע צעשפּריצט זיך, רעכטס און לינקס פון זײַן שטערן, אַלץ אין אים רעדט כסדר, נאָר דאָס מויל שווײַגט מיט דעם אייביקן שווײַגן און די אויערן הערן נאָר אָפּגעריסענע קלאַנגען און אַמאָל, אַמאָל וואַרפט אויך דאָס מויל אַרויס אָפּגעריסענע קלאַנגען ווי ווידערקלאַנגען פון דונערן פון אַן אָפּגעגאַנגענעם שטורעם.

געפאַנגען אין זײַן שטומקייט און דערצו נאָך געפּענטעט דורך זײַן דיבוק, זײַן מאָל-טאַלענט, מיינט ער, אַז די וועלט עקזיסטירט נאָר צוליב דעם, אַז ער זאָל זי פאַראייביקן דורך מאָלן זי, די ייִדישע וועלט אוודאי און אוודאי. ער זעט נאָר שיינע ייִדן און דער עיקר שיינע ייִדישע פרויען און ער מאָלט נאָר ייִדן און נאָר שיינע, טיפּישע, איידלע, צאַרטהויטיקע, ליידנדיקע, איינזאַמע, מיט טיפע ייִדישע אויגן, צאַרטע נעזלעך ווי שנאָבלעך פון קליינע אָדלערלעך, ער מאָלט זיי אַלע אין ייִדישע אַלטפרענקישע מלבושים. אין דער פאַרביקייט פון די פאַלבן פון די מלבושים לעבט ער זיך אויס אַלס פאַרבן־מייסטער און אין די פּנימער אַלס ייִד. זײַן לעבן לאַנג מאָלט ער גרויסע לײַוונטן מיט אַסך געשטאַלטן, אָפט לעבנס-גרויס און ער מאָלט זיך אַרײַן אין אַ גוואַלטיקן ייִדישן שאָוויניזם ממש. אַז מען קוקט לאַנג, לאַנג און שטום אין זײַנע בילדער, זײַנע געשטאַלטן-גאַלעריעס ווערט אײַנעם פּלוצלונג זייער אומההיימלעך אויף דער נשמה — מען באַמערקט, אַז די גאַנצע זייער באַוועגטע וועלט מינקאָווסקיס איז שטום . . . אַלע ליפּן פאַרשלאָסן און טאָמער רעדט דאָרט אַ געשטאַלט, אָדער האַלט אָפן דאָס מויל, קומט קיין קלאַנג

נישט ארויס, עפּיס איז דאָ טויב. און אָט די טויבע שטומקייט שטייגערט נאָך דעם יידישן ווי פון זיינע בילדער. מאַכט זיי נאָך יידישער.

ער האָט א ברודער — פעליקס — א פּארוויכטע קאריקאַטור פון אים אליין, מיט אן אייביקער ווייסער בלום אין לאַץ און ראָזיקע בעקלעך און אן אייביקן שמייכל, צוזאַמען מיט א פוילישן „צאַלויען ראַנטשקי״ — און אָט דער ברודער ווערט זיין אימפּרעסאַריאָ, זיין קאָמערציעלער אגענט, ער איז עס אויך נאָך זיין טויט געוועזן ביז זיין אייגענעם טויט אין בוענאָס איירעס.

ווי זי וואָלט פון מינקאָווסקיס בילדער ארויסגעקומען און לעבעדיק געוואָרן איז צו אים אמאָל געקומען א ווילנער יידישע שיינקייט בשעת ער האָט דאָרט געוויילט מיט זיינער אן אויסשטעלונג—אגב, אסך א יינגערע פון אים—און האָט אים געזאָגט: איך וויל זיין דיין ווייב. זי האָט עס אים אויפגעשריבן — וויל ווען זי האָט זיך פארליבט אין מינקאָווסקין האָט זי נאָך נאַטירלעך קיין שטום־לשון נישט געקענט. זי האָט געוואָלט ווערן א העלדין און זי איז עס געוואָרן. נישט נאָר האָט מען זי געערט ווי די פרוי פון א באַרימטן מאָלער, וואָס זיינע גרויסע לייוונטן הענגען אין די גרויסע גאַלעריעס פון די אייראָפּעישע קונסט־צענטערס, וואָס זיין נאָמען איז פאַרשריבן מיט גאָלדענע אותיות אין דער יידישער קונסט-געשיכטע, ווי דער יורש וואָס איז ממשיך דאָס ווערק פון דעם געניאַלן מאַוריצי גאָטליב, וואָס איז צו 22 געשטאָרבן, נאָר מען האָט זי, די שיינע און יונגע, טאַקע נאָר אַזוי שיין ווי מינקאָווסקיס א בילדשאַנקייט נאָך דערצו געערט ווי א פרוי פון גרויסן מוט. און זי האָט עס גערן געהאַט באַוואונדערט צו ווערן און דער עיקר צו ווייזן ווי גיך זי האָט זיך אויסגעלערנט שטום־לשון. נאָך דעם גרויסן אומגליק אין בוענאָס איירעס איז די יונגע פרוי, וואָס איז פון איר יוגנטלעכער אידיליע באַלד ביי די ערשטע שריט אין איר רייפן לעבן אריינגעצויגן געוואָרן אין א קרייז פון ממש א שעקספּירישער טראַגעדיע, פאַרזונקען אויף יאָרן אין גייסטיקער נאַכט אין א פרעמדער שטאָט.

איך געדענק א סצענע. דאָס האָט געמוזט זיין אין יאָר 1923. מינקאָווסקי האָט אסך געוווינט אין וואַרשע, אין אנדערע שטעט אין פוילן אויך, אָבער דער עיקר אין וואַרשע. געהאַט דאָ א סטודיע און פון צייט צו צייט פאַרבעטן צו זיך שיינע פרויען, די שענסטע; די יידישסטע, שפּעטער האָט מען זייערע פּנימלעך געזען ארויסלייכטן פון זיינע בילדער. אין אסך בילדער איז גאָר ארויסגעקומען דאָס פּנים פון דער שיינער טאָכטער פון דעם בופעט־אייגנטימער פון ליטעראַטן־פאַריין. יאָ, די סצענע איז פאָרגעקומען אין זאַל פון ליטעראַטן-פאַריין. עס איז פאָרגעקומען א פאַרזאַמלונג און מען האָט זיך עפּיס געאַמפּערט וועגן העברעיש און יידיש. אין זאַל א מאַסע שרייבער, און

די גאַנצע מזרח־וואַנט פון דער כאַליאַסטרע. י. י. זינגער זיצט מיט מינ־קאָווסקין און נאָר ער האָט עפּיס געקענט מיט אים רעדן. אָבער ער האָט עפּיס געהאַט אַ תאווה איביק צו רייצן מינקאָווסקין, איבערגעבן אים שטאַרק איבערגעטריבן וואָס מען רעדט דאָרט. און אפשר איז עס געשען ווייל ער האָט צו ווייניק געקענט שטום-לשון. אויף דער עסטראַדע איז געשטאַנען שאול סטופּניצקי מיט די שוואַרצע, דיקע וואָנסעס און האָט זיך עפּיס געקאָכט און געקלאַפּט אין טיש. מינקאָווסקי פרעגט אַלץ זינגערן וואָס דאָרט קומט פאָר און זינגער ענטפערט און ער רעדט איין מינקאָווסקין, אַז סטופּניצקי רעדט אַזעלכע זאַכן, אַז מען דאַרף אים ממש דערפאַר דורס זיין . . . אין מינקאָוו־סקין שטייגט אַ מוראַדיקער כעס. . . אַ שטורעם, אַ סאַמום, אַ מדבר־זאַווערוכע. פון צייט צו צייט הערט זיך אַ ברומען פון דעם ווינקל ווו ער זיצט . . . און זינגער קען זיך שוין מער נישט איינהאַלטן און קען שוין בכלל מער די סי־טואַציע נישט איינהאַלטן און העצט ווייטער. און פּלוצלונג גיט מינקאָווסקי אַ אַ מוראַדיקן ברום אַרויס און אַ לויף צו דער עסטראַדע מיט צווי אויפגע־הויבענע פויסטן און אַ זעץ מיט ביידע פויסטן אין טיש. קיין וואָרט טאָר מער סטופּניצקי נישט אַרויסרעדן, קיין וואָרט נישט. אַזויפיל האָט מען פאַר־שטאַנען. און כדי צו אויסמיידן עפּיס אַ קאַטאַסטראָפע האָט דער גוטמוטיקער סטופּניצקי טאַקע אויפגעהערט צו רעדן. דעם קנויל פון דער סצענע אין מען קיינמאָל ניט דערגאַנגען.

די טויבקייט האָט מינקאָווסקין סוף כל סוף אומגעבראַכט. ער האָט נישט דערהערט אַ האָרן-סיגנאַל פון אַן אויטאָ און איז אומגעקומען מאָמענטאַן.

1945

א. סאַמבערג

1889 אין וואַרשע, 1907 דעביוטירט, רייזעס אין אַלע יידישע קולטור־צענטערן אין איראָפּע חוץ רוסלאַנד, אויפ־געטרעטן אין צפון און דרום אַמעריקע, געבליבן און אומ־געקומען אין וואַרשעווער געטאָ, וואַרשיינלעך אין יאָר 1943.

זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען אייזיק סאַמבאַרעק, זיכער האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פאַרפיינערט דעם דאָזיקן נאָמען דורך רופן זיך „סאַמבערג״. ער האָט בכלל זיך אַביסל געשראָקן פאַר דעם צו רויען און ברוטאַלן אין אים, אָבער גראַד דאָס איז געווען זיין גרויסער כּוח אַלס קינסטלער און זיין ספּעציאַליטעט אַלס אַקטיאָר. פּראָסטע ראָלן, פלעגט ער שפּילן מיט די גרעסטע קינסטלערישע פיינקייטן. מיט דעם צאַרטסטן געפיל — אַזויצוזאָגן. אין איין כּהרף עין פלעגט ער זיך אויף דער בינע פאַרוואַנדלען אין אַ ריז ממש, זיין שטימע ווי דאָס געבריל פון אַ לייב, אָבער טאַקע ווי דאָס געבריל פון אַ לייב. אין פּריוואַטן לעבן — בינע איז געווען זיין היכער אמת, זיין באַרופונג — איז ער געווען נישט הויך, מאָגערלעך, געהאַט טיפע שניטן פון דורכגעקומענע אָפּעראַציעס אויפן האַלז און גערעדט שטיל, כאָטש עס איז שווער געווען צו רעדן שטיל מיט אַזאַ שטאַרקער שטימע, וואָס האָט נאָך דער־צו אַביסל געזעגט, אַזוי רוי איז זי געווען פון דער נאַטור. הויך ווי אויף דער בינע פלעגט ער רעדן מיט חברים־אַקטיאָרן. אַ נישט רעגולער פּנים, אַלץ נישט רעגולער, אַלץ ווי אַביסל גרימירט, אַקצענטירט, צוגעגרייט פאַרן שפּיל. אויך די פאַרב פון די האָר — צווישן טונקל־בלאָנד און שוואַרץ. אַרויס־שטאַרצנדיקע אויגן. אַלץ וויל דערגיין צו די לעצטע בענק, צום לעצטן צושויער אויף דער העכסטער גאַליאַרקע. ער פלעגט טאַקע שפּילן פאַר דער גאַליאַרקע, אָבער אין בעסטן זינען פון דעם וואָרט. ער פלעגט שפּילן מיטן גאַנצן האַרץ פאַרן פּראָלעטאַריאַט, וואָס פלעגט די גאַליאַרקעס אָנפילן יעדע נאַכט אין די יידישע טעאַטערס אין וואַרשע.

סאַמבערג איז געווען אַ קרוב פון דער קאַמינסקי־משפּחה, אָבער גראַד דאָס האָט אים נישט געבראַכט צום טעאַטער, ער איז געווען פּונקט אַזוי באַרופן צו דעם ווי די דערמאָנטע משפּחה. אָנגעהויבן האָט ער דווקא מיט שונד און קיינמאָל זיך צום שונד מער נישט צוגערירט, אַזוי גיך ער האָט מיטן גאַנצן ווזן באַנומען די באַדייטונג פון קונסט. שטאָל און אייזן פלעגט ער קעמפן פאַר בעסערן יידישן טעאַטער. אַנדערע הויבן אָן מיט קונסט און ענדיקן מיט שונד — סאַמבערג פאַרקערט. אויך זיין פרוי — העלענע גאָטליב — איז

געװעזן אַן אַקטריסע און אױך זי האָט דורכגעמאַכט אַן ענליכן װעג אַלס קינסט־לערין װי איר מאַן. פֿאַרלײגן סאַמבערגן צו שפּילן אין אַ שונד־טעאַטער װאָלט געװעזן װי פֿאַרלײגן אַ רױבער, װאָס האָט זיך אױסגעמענטשלט נאָך דער שטראָף און געװאָרן אַ פֿײַנער מאַן — װידער אַ רױב . . . מען איז פּשוט נישט זיכער געװעזן מיט דעם לעבן, אַזױ ערנסט פֿלעגט דאָס — אונטער פּרץ׳ס השפּעה, דערהױבענע ייִדישע פֿאָלקס־װאַרשע נעמען די הײליקײט פֿון דער קונסט.

איך געדענק עטליכע מאָמענטן: דאָס איז געװעזן זיכער אין יאָר 1922, סאַמבערג — 33 איז אים דעמאָלט געװעזן — שטײט אױף דער בינע פֿון צענטראַל־טעאַטער, אױף לעשנאָ, עס איז אין דער פֿרי און ער גרײט צו אַ פּראָבע. אין נאָמען פֿון דער צענטראַלער ייִדישער שולאָרגאַניזאַציע, װוּ איך בין דעמאָלט געװעזן באַשעפֿטיקט, דאַרף איך אים אײַנלאַדן אַנטײלצונעמען אױף אַ שול־פֿײערונג. איך האָב נאָך דעמאָלט געטראָגן אַ באָרד, אפֿשר האָב איך אין סאַמבערגס אױגן אױסגעזען װי אַ יונגער פּראָפֿעסאָר, גערעדט האָב איך נאָך זײער דײַטשמעריש און בין געװעזן מוראדיק העפֿליך װײַל איך בין נאָר װאָס געקומען פֿון װין, װוּ איך האָב אַ יאָרצענדלינג געװױנט. נאַטירלעך האַלט איך דעם הוט אין דער האַנט בשעת איך רעד מיט אַזאַ אַרטיסט װי סאַמבערג. אָבער סאַמבערג, פּאַרטון מיט דער פּראָבע, האָט דעם הוט אױפֿן קאָפּ דערצו נאָך װױלעריש פֿאַרוקט אױפֿן שפּיץ קאָפּ, דער פֿאַרשװיצטער שטערן אױסגעּ־שטערנט. אַסך װעגן מיר האָט ער װײַזט אױס נישט געװוּסט, נאָר אין מיטן פֿון מײַנע סופּער־העפֿליכקײטן האָט אים דער הוט גענומען בריען אױפֿן קאָפּ. עד האָט מורא באַקומען, אַז ער האַנדלט נישט קולטורעל גענוג. ער האָט כּסדר פֿאַר דעם מורא געהאַט, געליטן ממש פֿון אַן אינפֿעריאָריטעט־קאָמפּלעקס. און איך באַמערק װי ער נעמט רוקן מיט דער באַװעגלעכער הױט אױף זײַן קאָפּ דעם קאַפּעלוש אױף צוריק ביז ער האָט אונטערגעשטעלט די האַנט אױפֿן רוקן און דער קאַפּעלוש איז דאָרט אַראָפּגעפֿאַלן און ער איז שױן אױך געװעזן אין בלױזן קאָפּ. ער האָט דאָס קונציק אָפּגעשפּילט און װי אָפֿט איך האָב עס אים דערמאָנט פֿלעגט ער לאַכן מיט זײַן הײזעריקלעך געלעכטער.

נישט נאָר אײַנקריצן, נאָר ממש אײַנזעגן אין זכרון פֿלעגן זיך זײַנע קרױן־ראָלן. זײַן מאָטקע גנבֿ, זײַן קאָרגער, זײַן קרעטשמער פֿון אַש׳ס קידוש השם, זײַן גאָראָדניטשי פֿון גאָגאָלס רעװיזאָר, זײַנע גאָרדין־געשטאַלטן. מאָטקע גנבֿ איז אים גאַנץ באַזונדערס געװעזן צום האַרצן, דאָס שטיק האָט — דאַכט זיך — אױסגעהאַלטן אױף דער בינע פֿון װאַרשעװער ייִדישן טעאַטער צום לענגסטן, געשלאָגן יעדן רעקאָרד פֿון אַלע צײַטן, נישט חדשים, נאָר יאָרן איז דאָס שטיק געגאַנגען. עס האָט אים אַזש װי געטון, טיף װײ געטון, סאַמ־בערגן, ער האָט מורא באַקומען, אַז עפּיס שונדישס איז פֿאַרהאַנען אין דעם

דאָזיקן דערפֿאָלג, כאָטש ער האָט די ראָלע געשפּילט מיט אַלע צאַרטקייטן מיט װעלכע ער, און נאָר ער, האָט געקענט שפּילן אַזעלכע גראָב־רויע ראָלן.

בײַ אַ גרױסן טעאַטער־פֿעסטיװאַל, די געלעגנהייט געדענק איך נישט, אין װאַרשעװער צירק, פֿאַר נאָענט צו פֿינף טויזנט מענטשן, האָט סאַמבערג געשפּילט אַ סצענע פֿון מאָליערס קאַרגן. צופֿעליק בין איך געזעסן אַזוי נאָענט נעבן דער עסטראַדע, אַז איך האָב אים געזען אַזוי דײַטלעך װי מען זעט אײנעם, װאָס מען זיצט בײַ אײן טיש מיט אים. אַלץ האָב איך דאָ געזען אין אַ רויעם צושטאַנד, דעם גרים, די הלבשה, די מימיק און אַלץ געהערט פֿון דער נאָענט. מיר איז דעמאָלט אױסגעקומען, אַז איך קוק אַרײַן אין דעם רעדערװאַרק פֿון אַ טורעם־זייגער . . . און עס האָט געמאַכט אַ גרױסן רושם. דאָס ריזיקע פּובליקום האָט ממש געשטורעמט מיט באַגײַסטערונג נאָך דעם אויפֿטריט און סאַמבערג איז געװען אַזוי אױסגעשעפּט נאָך די צען מינוט שפּילן, אַז אָט און ער ענדיקט זיך. אַלץ איז אַזוי נאַס געװען אויף אים אַזוי װי ער װאָלט ערשט אַרױסגעצויגן געװאָרן פֿון װאַסער, און אַזוי פֿאַרחלשט װי אַ טרענקענדיקער אין ער געװען. אָט אַזוי ערנסט, אַזוי טויט־ערנסט האָט ער גענומען דאָס טעאַטער. און געשפּילט האָט ער טאַקע ממש נאָך אונטער די סאַמע פֿליגל פֿון טויט אין װאַרשעװער געטאָ, און אין אָט דער גרויסער דראַמע האָט ער אױסגעהויכט זײַן נשמה אויף אַן אמת.

1945

קלאַראַ סעגאַלאָוויטש

1896 אין קיעוו, 1913 טאָמאשאָוו, 1922 ווארשע, רייזעס אין דרום־מזרח און מערב־איראָפּע, 1942 געזען געוואָרן צום לעצטן מאָל אין ווארשעווער געטאָ.

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל אין פרילינג פון יאָר 1921 געווען אין ווארשע האָב איך אין זאל פון ליטעראטן־פאריין פאָרגעלעזן מיינע לידער פאר א קליינעם עולם. קיין שיינע מיידלעך האָבן אין יידישן ווארשע נישט גע־פעלט און אויך נישט אויף די ליטערארישע פאָרלעזונגען. און דאָך שיין און אויפפאלנדיק שיין איז עפּיס אנדערש. אינמיטן פון מיין פאָרלעזונג איז אריינגעקומען נאָך איין מיידל און כאָטש איך בין פארזונקען געווען אין מיין כתב יד האָב איך זי באמערקט. זי איז געווען אויפפאלנדיק שיין. זי האָט געטראָגן א ווייסן, געפּאסטן סוועטער, געווען מיטל־הויך, א שווארץ קלייד, די אביסל צעפּאטלטע האָר פּעכשווארץ, דאָס פּנים טונקל מיט א גרינליכן שימער, די אויגן האָבן א גרינעם און גאָלדיקן גלאנץ געטון; דאָס טראגישע, ביי די ווינקלען אביסל אראָפּגעלאָזענע מויל האָט א שמייכל געטון און באוויזן א שורה ווייסע ציין; די שארפע, לאנגע נאָז, מיט די דייטלעכע קיילעכ־דיקע גריבלעך ביי די פליגלען, אזעלכע דייטליכע וואָס מען זעט געוויינטלעך אין פּנימער פון געטשעקס, האָב איך אויך באלד באמערקט. אזעלכע נעז מאכן מענער העסליך און שיינע פרויען נאָך שענער ווייל עס פּאָכעט פון זיי מיט היץ און ליידנשאפט. אזעלכע מיידלעך, אז זיי גיבן א קוק אויף איינעם — פילן זיי באלד אנדערע מענער אָן מיט אייפערזוכט, דעם אָנגעקוקטן — מיט א ראָ־מאנטישן הפקר. כאָטש אינמיטן לעזן האָב איך ביים איבערמישן א בלעטל צווישן איין ליד און א צווייטן דאָס אלץ באמערקט. איבעריק צוצוגעבן, אז די צווייטע העלפט פון מיין פאָרלעזונג האָט געהאט א גרעסערן דערפאָלג. אָבער איין מינוט איידער די רעציטאציע האָט זיך געענדיקט איז דאָס אויפ־פאלנדיק שיינע מיידל אוועק פון זאל. זי האָט געהאט א באגעגעניש מיט דעם דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש. זי איז געווען די מאכט הינטער דעם טרוין פון זיינע לידער, די טעמע פון כמעט אלע זיינע דערפאָלגרייכע ראָמאנען, די שלעכטע אָדער גוטע שטימונג הינטער די אומצאָליקע קליינע, שטימונגספולע דערציי־לונגען זיינע פון עטליכע יאָרצענדלינקער. און אפילו אין יאָר 1945 האָט ער איר נאָך געווידמעט א סעריע פון יזכור־לידער און געשריבן: מיר האָבן זיך געגעט ביים רב . . . דאָך שפּעטער/ האָב איך פארשטאנען אלץ און נישט גערעדט./ און יאָרן, יאָרן האָבן עס באשטעטיקט,/ אז אונזער גט איז נישט געווען קיין גט.

זי האָט נישט געהאַט קײן גענוג גוטע שטימע אויף אויסצוװאַקסן אויף דער בינע אַזױ גרױס װי די גרױסע ייִדישע אַקטריסעס מיט די װעלטנעמען — די אַקטריסע קלאַרא סעגאַלאָװיטש, לאַנגע יאָרן דעם דיכטערס פֿרױ. סעגאַלאָװיטש האָט מיט אײביקער ליבשאַפֿט צו קלאַרען זיך געפּילט שטאַרק געשמײכלט, װאָס זי האָט נאָך דעם פֿאַרבינדן זיך מיט דעם באַװוסטן שול־טוער שלמה מענדעלסאָן, און אַפֿילו נאָך אַ צװײטער פֿאַרבינדונג מיט אַ באַ־װוסטן געזעלשאַפֿטלעכן טוער, אויף דער בינע זיך באַנוצט מיט דעם נאָמען פֿון איר ערשטן מאַן. אָט דער נאָמען איז געװען די אײביקע, פֿאַר אַלעמען זיכטבאַרע און דאָך אַזאַ אַבסטראַקטע און אײביקע בריק צװישן זײ. אַ בריק איבער װעלכער מען גײט קײנמאָל נישט און דאָך איז גוט װאָס זי איז דאָ.

כאָטש זי אַלײן האָט זיך צוליב איר נישט צו שטאַרקער שטימע — און אין ייִדישן טעאַטער איז שטימע זײער אַסך, װײַל אין ייִדישן טעאַטער רעדט מען העכער װי אױף װעלכער נישט איז אַנדערער בינע, סײַדן נאָך אויף דער כינעזישער — נישט גענוג אַרױסגעהערט בײַם שפּילן, האָט זי זיך אָבער שטאַרק אַרױסגעװיזן צוליב איר קלאַסישער פּאַטאָגענישקײט ממש, עס איז גע־װען אַ געבוירן בינע־פּנים, אַ געבוירענע בינע־געשטאַלט. און אױב זי האָט נישט באַהערשט אַלעמאָל דאָס שפּיל — כאָטש זי האָט לרובֿ געשפּילט הױפּט־דאָלן אין באַדײַטיקע װערק פֿון גרױסע דראַמאַטורגן — האָט זי אָבער אַלעמאָל באַהערשט פּערזענליך די גאַנצע שפּיל. די מענער אויף דער בינע האָבן גע־שפּילט מיט מער קוראַזש און די פֿרויען מיט מער פֿײַער צוליב אײפֿערזוכט. דאָס טעאַטער האָט אויף יעדן פֿאַל אַסך געװוּנען. און די שטאַרק געלע־זענע און דורך די יונגע לעזער, נײַן, דורך אַלע לעזער באַליבטע װערק סע־גאַלאָװיטשעס האָבן אויך געװוּנען אין אינערלעכער קראַפֿט און אויסערלעכער פּאָפּולאַריטעט. און אַז עס זענען געקומען די אומרויִקע טעג, און זײ זענען באַלד געקומען בײַ אַזאַ אַליאַנס צװישן אַן אײנזאַמען דיכטער און אַן אויפֿ־פֿאַלנדיק שײנער פֿרױ, װאָס איז אַן אַקטריסע, האָט גאַנץ ייִדיש פּױלן מיטגע־זיפֿצט מיט דעם דיכטערס לײדן װי אַמאָל דײַטשלאַנד מיט װערטערס לײדן און מען האָט געלעזן און געלעזן און סעגאַלאָװיטש האָט זײַנע סודות נישט צו שװער געמאַכט מיט צו קאָמפּליצירטע רמזים. יאָ, אויך דאָס הײליקע, צניעותדיקע ייִדישע לעבן אין פּױלן צװישן די צװײ מלחמות האָט געהאַט זײַנע פּאַריזער סקאַנדאַלן װי אַמאָל פֿראַנקרײַך אין דער צײַט פֿון באַלזאַקן — נאָר פֿון אונ־זערע סקאַנדאַלן האָט געשמעקט מיט בשׂמים און מיט קידוש־װײַן און הבֿדלה־ליכט האָבן צוגעלױכטן צו די אָרגיעס אונזערע, די ייִדיש־גזלנישע — און קײן שאָסן האָבן נישט געקראַכט, קײן פּעטש אַפֿילו נישט געקלונגען און אַפֿילו שױן נאָך דעם געמײנזאַמען װיזיט בײַם רבֿ זענען אָפּט קלאַרא און דער

דיכטער געזעסן בשעת אָוונטן אין צוויי באזונדערע ווינקלען פון ליטעראטן־זאל און פארהוילן א קוק געטון איינער אויפן אנדערן.

זי איז געבליבן אין ווארשע.

עמיץ וואָס האָט געהאט אן אמעריקאנישן פאס און איז אמאָל געשטאַנען אין ווארשעווער געטאָ אין יאָר 1942 אין א לאנגער רייע אויף דער גאס און געוואַרט אויף אריינצוגיין אין אן אמט, צוזאמען מיט נאָך אזעלכע גליקלעכע ווי ער — איז סוף כל סוף אָנגעקומען קיין אמעריקע און צווישן אנדערע זאכן האָט ער דערציילט. (און דאָס וואָס ער האָט דערציילט איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן פון דער דריטער אָדער פערטער האנט — אָבער אזוי מוראדיק אמת, אז עס איז קיין צווייפל נישטאָ אין דער אויטענטישקייט). אָט דאָס האָט ער דערציילט: אנטקעגן איבער פון אונזער רייע, וואָס איז נישט געווען קליין, איז געשטאנען אויפן מיטן גאס אן אנדערע רייע, אן ענדלאָזע און גרויע רייע פון מענער, פרויען און קינדער וואָס האָט אויך אויף עפיס געוואַרט — אפשר אויף דער דעפאָרטאציע, ווייל עס איז שוין געווען אין יענע צייטן. קיין אינדיווידועל פנים האָט זיך פון יענער מאסע נישט ארויסגעזען. פלוצלונג האָט זיך פון דאָרט א ריס אָפ געטון א פרוי אין שמאטעס אָנגעטון דאָס פנים גרוי ווי אש, די האָר צעפאטלט מיט ווייסע פאסמעס, די אויגן טיף ווי שארבן־לעכער. גיך האָט זי א זאָג געטון: איך בין קלארא סעגאַלאָוויטש, גיט איבער דער וועלט, אז איר האָט מיך געזען . . . און איז גיך צוריק אריין אין דער גרויער מאסע.

1946

אסתר רחל קאַמינסקאַ

1870 אין א שטעטל אין דער אמאָליקער גראָדנער גובער־ניע, געוווינט לרוב אין ווארשע, רייזעס איבער צפון־אמעריקע, געשטאָרבן אין ווארשע דעם 27טן דעצעמבער 1925.

דאָס יידישע טעאטער איז אלט, זייער אלט, עס איז גאָרנישט אויסגע־שלאָסן, אז עס איז עלטער פון דער יידישער ליטעראטור. א ליטעראטור איז דאָך א געשריבענע זאך און א טעאטער איז א גערעדטע זאך און דאָס גע־רעדטע וואָרט איז דאָך אומעטום עלטער ווי דאָס געשריבענע וואָרט. און כאָטש דאָס יידישע טעאטער איז אזוי אלט האָט דאָך די שוישפּילערין אסתר רחל קאַמינסקאַ, וואָס איז געשטאָרבן אינגאנצן צו 55 יאָר, געטראָגן דעם טיטל „די מאמע פון יידישן טעאטער״. ווייל מאָדנע, זייער מאָדנע זענען די וועגן פון אלץ, וואָס ווערט געשאפן אין און ארום יידיש. רופן רופט זיך דאָס גאנצע לשון זייער פאמיליאר „מאמע־לשון״, אָבער ס׳מזל פון אלץ, וואָס האָט א שייכות צו דעם „מאמע לשון״ איז דאָס מזל פון א . . ממזר.

אין דער אמתן האָט אָבער קאַמינסקאַ געדארפט זיך רופן — די ערשטע דאמע פון יידישן טעאטער. ביז איר איז אין יידישן טעאטער געווען אָדער א סוברעטין, אָדער א קעניגין מיט אַ פּאפּירענער פּורים־קרוין אָדער מענער האָבן געשפּילט די ראָלן פון פרויען פּונקט ווי אין כינעזישן טעאטער.

די קאַמינסקאַ איז אויך געווען די ערשטע וואָס האָט אריינגעבראכט חשיבות אין יידישן טעאטער. חשיבות — בירגערלעך, סאָליד, באלעבאטיש חשיבות.

נישט נאָר האָט זי אריינגעפירט אין טריומף איינע פון די שם דבר־געשטאלטן פון יידישן טעאטער — מירעלע אפרת — נור זי אליין איז טאקע געווען מירעלע אפרת לויט איר גאנצער מענטאליטעט און לויט איר גאנצער פירונג.

זעלטן ווען קומט פּאָר א גליקלעכער זיווג צווישן מאן און פרוי און אָט דער זיווג מירעלע אפרת — די קלאסיש־בירגערלעכע יידישע פרויען־געשטאלט פון די באלעבאטישע יאָרן פאר דער ערשטער, דער 1905־רעוואָלוציע אין רוסלאנד — און אסתר רחל קאַמינסקאַ איז געווען דער סאמע גליקלעכסטער זיווג צווישן פרוי און פרוי.

צוערשט האָט קאַמינסקאַ משפּיע געווען איר ראָלע און האָט זי געשפּילט לויט דער געשטאלט, וואָס האָט שוין פריער אין איר געלעבט און שפּעטער

האָט שוין די ראָלע משפּיע געווען אַלץ, וואָס קאַמינסקאַ האָט געשפּילט און געטון אין לעבן.

געווען איז עס אין יאָר 1920, אָנהויב זומער. געקומען בין איך דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל קיין וואַרשע און אַזוי ווי י. מ. ניימאַן, מיין פריינט, האָט געוווינט ווי א סובלאָקאַטאָר ביי דער פאַמיליע קאַמינסקי, און אַזוי ווי איך בין געווען ניימאַנס גאַסט און אַזוי ווי עס איז דעמאָלט ממש נישט מעגלעך געווען צו באַקומען א דאַך איבערן קאָפּ אין וואַרשע — האָבן מיר שוין עובר געווען אויף דעם לאָוו פון אין אורח מכניס אורח און איך האָב אָנגעשפּאַרט מיין קאָפּ אויף א פּאָר וואַכן אויף א בעט פון צוזאַמענגעשטעלטע בענקלעך, לויטן וואַרשעווער מוסטער, ביי י. מ. ניימאַן, דעם סובלאָקאַטאָר פון אסתר רחל קאַמינסקאַ, אָדער ריכטיקער: מירעלע אפרת.

אַלץ איז דאָ געווען באַלעבאַטיש און זייער סאָליד, אַלץ האָט אויסגעזען ווי א שטוב פון וועלכער מען טרייבט אפילו דעם ריח פון קונסט און שוין אוודאי דעם ריח פון פאַרשייטער און זינדיקער קונסט פון טעאַטער.

אָבער דאָס געניטע אויג האָט באַלד דערזען דווקא דאָס טעאַטער אַרויס־קוקן דאָ בוכשטעבלעך פון יעדן ווינקעלע. אויף די ווענט זענען געהאָנגען און הינטער גלאָז פון שענקלעך זענען געווען אויסגעשטעלט און גלאַט אַזוי אויף טיש און טישלעך זענען געווען פונאַנדערגעלייגט די אומצאָליקע טראָפּעיען פון דער אין דער יידישער וועלט וועלט־באַרימטער שוישפּילערין. אָבער אַזוי ווי אויף די אַלע בילדער זענען לרוב געווען צוויי געשטאַלטן, די געשטאַלט פון דער זייער סאָליד אויסזעענדיקער אסתר רחל און דעם נאָך מער סאָליד אויסזעענדיקן יעקב גאָרדין, וואָס די קאַמיניסקאַ האָט געשאַפן די בעסטע קרעאַציעס פון זיינע געשטאַלטן — האָט דאָס שוין ווידער אויסגעזען זייער בירגערלעך. נאָך סאָלידער אויסזען ווי יעקב גאָרדין מיט דעם שיינעם חדרת פּנים, האָט מען שוין נישט געקענט.

די קאַמינסקאַ איז אין יענער צייט, אין 1920 נישט געווען גראַד באַשעפ־טיקט אין א טעאַטער. איז אין דער שטוב געווען אייביק סאָליד אויפגערוימט דורך דינסטן און אייביק פריש אָנגעוואָרפן דורך די באַלעבאַטים און די קינ־דער. און די קינדער האָבן אין דער שטוב באַקומען א סאָלידע דער־ציאונג, די טאָכטער איז געווען א שוישפּילערין און דער זון א פידל־ווירטואָז. און אָט איז אסתר רחל קאַמינסקאַ — אַן איבערמיטלהויכע, גרינ־לעכע אויגן, דאָס פּנים צעאַקערט פון שמינקע, א מישונג פון אַן אָפּענעם פּאָנקע־פּנים מיט א יידישן חן, אָבער די פּנים־שטריכן זייער אויסגעאיידלט און זייער אויסגעפיינט, אויסגעשליפט און אַלעמאָל טראַגיש ערנסט. און אַז זי גיט שוין א שמייכל אַמאָל איז מיט איראָניע, אַזוי ווי אויף דער בינע און אַז זי לאַכט איז מיט ווייטיק . . . זי האַלט זיך אינגאַנצן אָן פּאָזע, אָבער זי

באוועגט זיך אזוי, אזוי ווי די גאנצע וועלט וואָלט סאַי ווי געווען איין טעאַטער און דערפאר דארף מען גאָרנישט פאָזירן, עס פאָזירט זיך אליין. איינמאָל האָב איך אומבאמערקט אָבסערווירט א היפשע צייט די בארימטע שוישפּילערין. זי האָט זיך ארומגעדרייט איבער דער סאָלע, ווו עס זענען געהנגען די מייסטע ביי־נע־טראָפּעיען, זי איז געגאנגען פון טישל צו טישל, אומעטום עפּיס פאריכט, אומעטום געשטאנען א פּאָר רגעס און געברומט א ניגון מיט איר אביסל מע־נעריש־הייזעריקער שטימע. עס האָט נאָר געפעלט דער שטעקן פון מירעלע אפרת. און אָט דערזעט זי מיך, עס איז גראַד געווען ביי א בילד פון יעקב גאָרדין: — איי איז דאָס געווען א מענש, אָט דאָס איז א מענש, אָט דאָס איז א דיכטער געווען, נישטאָ קיין צווייטער אזעלכער און ס'וועט שוין נישט זיין — — און פאר דער קינסטלערין קאַמינסקאַ איז טאקע נישט געווען א צווייטער אזעלכער, וואָס זאָל איר צושטעלן א צווייטע קרוין־ראָלע. כאָטש נאָך יונג — האָט זי ביים סוף פון איר לעבן פארלוירן איר אינטערעס אין טעאַטער און איר גאנצע ליבע האָט זיך אריבערגעטראָגן אויף איר אייניקל, דעם טעכטערל פון אידא קאַמינסקאַ און זיגמונט טורקאָוו. אויך דאָס איז אזוי מירעלע אפרת'יש . . .

1941

הענעך קאָן

1890 אין לאָדזש. שטודירט אין דײַטשלאַנד. געװױנט און געאַרבעט אין לאָדזש און אין װאַרשע· דער עיקר אין לאָדזש. מערב אײראָפּעישע רײזעס. זינט 1940 אין אַמעריקע.

מיר האָבן זיך פאַרמאָסטן צו בױען אונזער ײדישע קולטור אין פּױלן צװישן די צװײ גרױסע װעלט־מלחמות אױף סאָלידע יסודות. מיר האָבן נישט געבױט בלױז אַ ליטעראַטור אַזױ װי דאָס איז געטון געװאָרן מיט אַ דור פריער. מיר האָבן געבױט אױף לדורות, אױף אײביקײטן. מיר האָבן געװוסט. אַז אַ קולטור באַשטײט פון אַסך דיסציפּלינען און מיר האָבן אַרײנגעבױט אין דעם דאָזיקן קאַפּיטאַל אונזערן זײלן אַסך און זאָלן נישט װײניקער. און כאָטש מיר האָבן געבױט מיט דעם באַװוסטזײן, אַז מיר בױען אַ הײליקן טעמפּל, האָבן מיר אָבער אױך קײנמאָל נישט פאַרגעסן, אַז מיר בױען אַ װעלט־ליכע קולטור. דאָס ערשטע מאָל אפשר זינט אַלע ײדישע אײביקײטן איז באַ־װוסטזיניק געבױט געװאָרן אַ קאָמפּלעטער בנין פון גײסטיקער ײדישער װעלטלעכקײט.

אָבער בױענדיק, האָבן מיר נישט פאַרגעסן קײנמאָל, אַז מיר בױען טאַקע אַ טעמפּל, אָבער מיר בױען אים אױף אונזערע פונדאַמענטן אָט אַזעלכע װי מיר האָבן זײ געפונען. און אונזערע פונדאַמענטן זענען געװען רעליגיעזע לרוב. זענען דעריבער די מיטבױער אונזערע געװען לרוב מענשן מיט אַ סאָלידער צוגרײטונג אין אונזערע אַמאָלן.

מיר האָבן געבױט אַ װעלטליכע שול, אַ װעלטליך טעאַטער, אַ פּרעסע, אַ ליטעראַטור אַלס זײער װיכטיקער זײל, אָבער נישט דער אײנציקער, אַ ײדישע מאַלערײ, אַ סקולפּטור, גאָר גיך װאָלטן מיר זיך פאַרמאָסטן אױף אַן אײגענער אַרכיטעקטאָניק, מיר האָבן געבױט אַן אײגענע װיסנשאַפט, צװערשט די סעקציעס אירע, װאָס זענען צום נאָענסטן צו די שפּראַכװיסנשאַפטן און מיר האָבן זיך אױך פאַרמאָסטן אױפן געביט פון דער װעלטליכער ײדישער מוזיק.

און צו דעם איז ממש װי געשאַפן געװעזן אונזער הענעך קאָן.

שױן דער נאָמען אַלײן. פאָלקסטימלעך און ײדישלעך. װאָלט עס נישט צופעליק געװעזן זײן אײגענער נאָמען װאָלט ער זיך — דער ײדישער מוזיקער פאַר עקסעלאַנס — געדאַרפט צוטראַכטן אַזאַ מין פּסעודאָנים. דערצו איז דער נאָמען קלאַנגיק· כאָטש נעם און שפּיל אים אױס אױף אַ פידל. הע־נעך־קאָן. ען־אָן. און צװײטנס איז ער מלא כרימון דער הענעך קאָן מיט אַלע מוזי־קאַלישע מעלות. ערשטנס איז ער טאַקע מוזיקאַליש. דאָס האָט אים שױן

גאָט אַליין געגעבן. צווייטנס איז ער געלערנט אין די קליינע אותיות און ער האָט זיך אויפגעכאָוועט אין דער סאַמע מיט פון פאַרביקסטן און קלאַנגיקסטן פוילן, אין און אַרום קוטנע — פון וואַנעט דאָס פאַרביקסטע און קלאַנגיקסטע שטיק יידישע ליטעראַטור, וואָס רופט זיך שלום אַש, וואַקסט. דריטנס האָט עס אים געצויגן אין דער ברייטער וועלט אַריין און ער האָט באַקומען די מעגליכסט פאַכמענישע מוזיקאַלישע אויסבילדונג. געענדיקט די קעניגליכע מוזיק־הויכשול און בערלין גופא. און פערטנס — און דאָס איז די וויכטיקסטע מעלה — עס האָט אים געצויגן צוריק צו דער היימישער פאָדווירע פון די אַלע הויכע און קאַלטע פענסטער.

און אַזוי גיך עס האָט זיך באַוויזן יונג־יידיש אין לאָדזש און שפּעטער די כאַליאַסטרע אין וואַרשע און אַלע די איבעריקע זיילן און זאַלן פון אונזער קאַפּיטאַל און מען האָט אומעטום אויף אַזאַ, אָדער אויף אַן אַנדערן אופן געדאַרפט קאָמפּאָזיטאָרן און קלעזמאָרים — האָט הענעך קאָן די ראָלע גענומען באַהבה אויף זיך. אויף דעם געביט איז ער געוועזן כמעט אָן קאָנקורענץ, און אפשר טאַקע אָן קאָנקורענץ.

א מאָגערער, נישט קיין הויכער, אַזאַ יידיש פּנים, וואָס איז נישט ראַסיש יידיש, בשום אופן נישט, נאָר מען דערקענט באַלד, אַז דאָס איז אַ ייד. טונקל־ברוין. צו דעם מאָגערן און נישט הויכן גוף איז דער קאָפּ — גרויס. טאָמער רעדט מען מיט אים וועגן וואָס נישט איז — מאַרשטשעט ער זיין מאָגערן שטערן און עס דערמאָנען זיך אים ניגונים . . . כסדר דערמאָנען זיך אים ניגונים. און כאָטש ער רעדט כמעט נאָר וועגן מוזיק איז עס קיינמאָל נישט נודנע ווייל ער איז נישט קיין חזן קיינמאָל געוועזן און קיינמאָל נישט געוואָלט זיין און ער איז פול מיט הומאָר. ער אָבסערווירט אַזוי הערליך און דערציילט אַזוי אינטערעסאַנט, אַז צומאָל דאַכט זיך, אַז ער וואָלט גאָר געדאַרפט שרייבן. און טאָמער שרייבט ער טאַקע עפּיס אויף, האָט עס הענט און פיס און מען מאַכט אים קאָמפּלימענטן אַזוי שטאַרק, אַז ער איז שיר נישט חושד, אַז מען שטעכלט אים, אַז צווישן די מוזיקער איז ער דער בעסטער שרייבער און צווישן די שרייבער — און ער האַלט זיך כסדר אויף צווישן שרייבער — איז ער דער בעסטער מוזיקער. אַ מענש מיט אַ חסידישן, עכטן טעמפּעראַמענט.

און ווייל הענעך קאָן האָט יידישן יסוד און פונדאַמענט האָט ער אויך יידישן סטיל. און עס ציט אים צו משה בראָדערזאָנען, דעם מוזיקאַלישן פּאָעט, און יענעם ציט עס צו הענעך קאָנען, דעם ליטעראַרישן מוזיקער. און אַמאָל, אַזוי אַרום *1925*, קאָנספּירירן הענעך קאָן און משה בראָדערזאָן, און דוד הערמאַן, דער רעזשיסער פון „דיבוק" און משה רודינאָוו, דער באַריטאָן און רות לעוויאַש, זיין פרוי, די זינגערן, און מען זאָגט אַ לאַנגע צייט קיינעם נישט אויס, אַז זיי גרייטן זיך נישט מער און נישט ווייניקער ווי אויפצופירן אַ — איר

װעט נישט טרעפֿן — יידישע אָפּערע. און די אָפּערע הייסט — דאָס װעט איר שוין גראַד יאָ טרעפֿן — דוד און בת שבע. און אין קאַמינסקי־טעאַטער אין איין שיינעם אָװנט איז עס טאַקע געשען. לאַנג האָט זיך עס נישט געהאַלטן. מען האָט עס נישט דערװאַרט. אָבער דער עקספּערימענט איז געמאַכט געװאָרן. און אַזױ װי זינגער מיט שולע האָבן מיר אין װאַרשע געהאַט װייניק, האָט זיך דער קאָמפּאָזיטאָר אַליין אונטערגענומען צו שפּילן אויך איינע פֿון די ראָלן און מיר זענען גאָר געװאָר געװאָרן, אַז ער האָט אַ גאַנץ שטאַרקן און נאָך מער געשולטן באַס.

האָט די ערשטע יידישע אָפּערע נישט געהאַט אַזאַ מין דערפֿאָלג, האָט אָבער אַ גאָר גרויסן דערפֿאָלג געהאַט דאָס ערשטע יידישע קליין־קונסט־טעאַטער. פֿאָלג מיך אַ גאַנג אויף צוריק פֿון אָפּערע ביז קליין־קונסט, אָבער אַז מען בויעט אַ בנין פֿרעגט מען נישט קיין שאלות. און הענעך קאָן האָט נישט געפֿרעגט. װי אַ הערליכער טיף־יידישער שפּילקאַסטן, אַ זיסע קאַטערינקע האָט יענער „אַזאַזעל‟ אָפּגעקלונגען און אָפּגעזונגען מיט הענעך קאָן־מוזיק.

1946

יעקב ראָטבאַום

1900 אין וואַרשע. רייזעס אין מזרח און מערב אייראָפּע. זינט 1939 אין צפון־אמעריקע. 1946 רייזע קיין אַרגענטינע. געוווינט א צייטלאנג אין פּאריז.

אמאָל, אמאָל, פלעגט טעאטער באשטיין פון איין מאן. ער איז געוועזן דער דראמאטורג, רעזשיסער, שוישפּילער, רעקוויזיטן־טרעגער, דעקאָראטאָר, דירעקטאָר, בילעטער און—עיקר שכחתי—אויך דער אקטיאָר. ביי גוים איז דאָס געוועזן אמאָל־אמאָל, איך וויס נישט ביז ווען. ביי יידן האָט זיך די טראדיציע פון איין־מאן־טעאטער דערהאלטן ביזן היינטיקן טאָג. מיט אברהם גאָלדפאַדען האָט זיך עס אָנגעהויבן און מיט מאָריס שווארץ האָט זיך עס נאָך נישט גע־ענדיקט . . . אָבער מיט דעם אָנהויב פון דער סטאביליזאציע אין אלערליי צווייגן פון יידישן קולטור־וועזן, דער עיקר אין פּוילן פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט עס אָנגעהויבן אנדערש צו ווערן. דר. מיכאל וויכערט האָט געמאכט דעם אָנהויב. ער האָט געהאט די אמביציע און איז אויך געוואָרן אן עקסקלוזיווער רעזשיסער ביי יידן. דאכט זיך, אז דער ערשטער. פאר־קוקט אויף מאקס ריינהארד, דעם געניוס פון אייראָפּעישן טעאטער אלס נאָר־רעזשיסער וועמעס תלמיד ער איז געוועזן, האָט ער זיך פארנומען אָנצומעסטן ריינהארדס עקסקלוזיווע מעטאָדן אין יידיש־פּוילן. און כאָטש די גרויסע פּאָטענטאטן פון יידישן טעאטער אין אמעריקע האָבן געלאכט פון די דיי־לעטאנטן און אמאטאָרן פון וואַרשע — נאָכגעמאכט האָבן זיי זייערע אויפ־פירונגען. וויכערט האָט געהאט נאָך פאכן, אן אדוואָקאט, א לערער אין א גימנאזיע, א שריפטשטעלער און רעדאקטאָר פון צייטשריפטן, אָבער אין טעאטער איז ער געוועזן נאָר־רעזשיסער.

איז דעמאָלט די יידישע טעאטער־קונסט אין וואַרשע געגאנגען נאָך א שריט ווייטער, האָט זיך פלוצלונג פּאַיאוועט א יונגער מאן, וואָס האָט געהאט די אמביציע צו זיין נאָך עקסקלוזיווער, נאָר רעזשיסער און טאקע גאָרנישט מער. זיין נאָמען איז יעקב ראָטבאום. זיין רעזשיסערישע טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן באלד מיט זיין נאָמען. מיט אלע זיינע באקאנטע האָט ער כסדר געדארפט איינשטודירן די גענויע דיקציע פון ארויסברענגען זיין נאָמען — נישט ראָטבוים, נאָר ראָטבאַום, אנדערע האָבן גאָר געזאָגט רויטבוים. מער האָט נישט געפעלט. אָבער ווי א גוטער רעזשיסער האָט ראָטבאום אלץ גע־זאָגט מיט א שמייכל. און א שמייכל האָט ער זייער אן אויסדריקלעכן, א פּאָטאָגענישן , אויף א מייל צו דערקענען, אז דאָס איז טאקע א שמייכל. נישט צו פארביטן מיט א מאָנא־ליזא־שמייכל, וואָס דארף געדויערן יאָרהונדערטער.

א טעאַטער־שמייכל מוז זיין אויסדריקלעך ווייל ער מוז באמערקט ווערן שוין היינט און דערצו ביי קינסטלעך ליכט.

אַן אויסגעשפּראָכענער שוישפּילער לויט זיין דערשיינונג און לויט זיין שטימע און דאָך וויל ער זיין בלויז רעזשיסער. די יידישע שוישפּילער פלעגן אים באַדויערן און טענהן, אַז זאָל ער זיך צוערשט אויסשפּילן א פּאָר צענ־דליגק יאָר. ער וועט האָבן צייט צו זיין א רעזשיסער ווען ער וועט פאַרלירן די ציין, די האָר, די שטימע, די באַוועגליכקייט. ער איז מיטלהויך, יעקב ראָטבאַום, דאָך איז ער גרויס, אַלץ אין אים איז גרויס און אויסדריקלעך. א גרויס פּנים, גרויסע אויגן און דערצו האַלט ער זיי כסדר אָנגעשפּאַנט, גרויסע, ברוינע ברעמען, קוסטעס גאַנצע, אַזוי זוי צוויי געדיכט־געוואַקסענע טויערלעך צום וואַלד־האָר אויפן קאָפּ. א גרויס מויל, א גרויסע נאָז, א צע־פליגלטע און דאָס גאַנצע פּנים רעדט און רעדט הויך אויף א קול צו איין מענש ווי צו טויזנט מענשן און אַלעמאָל גלייך צום פּובליקום, אַזוי ווי עס באַ־פעלט רעזשיסערישע קונסט.

ראָטבאַום איז פּונקט אַזא גוטער מאַלער ווי א רעזשיסער, דער עיקר א פּאָרטרעטן־מאַלער, דאָס מאַלן העלפט אים אַרויס אַמאָל אין א טעאַטראַלישן „פּשעדנאָוועק", ווען דאָס פאַריעריקע קאָרן איז שוין אויסגעזייעט אין דער ערד און דאָס נייע קאָרן איז נאָך נישט אויפגעגאַנגען . . . אָבער אין טעאַטער באַנוצט ער עס נישט, זיין מאַלן, ער איז נאָר רעזשיסעד און א דעקאָראַטאָר דאַרף זיין עמיץ אַנדערש. ער רעציטירט, ער שפּילט גאַנצע דראַמעס, אין איין פּערזאָן אַלע ראָלן, אָבער דאָס אויך נאָר אין א טעאַטראַלישן איידער־שניט־סעזאָן — שפּילן אַליין אויף דער בינע שפּילט ער נישט. ער שפּילט גוט זיינע איין־שוישפּילער אויפפירונגען, ער געסטיקולירט, ער קומט און גייט, ער בייט די שטימען, ער נעמט זיך אַזוי איבער מיט אַלע ראָלן, אַז אָפט פאַר־פלאָנטערן זיי זיך און ביי א ליבעס־דיאַלאָג קען ער אַמאָל זאָגן מיט א דינעם סאָפּראַן „איך האָב דיך ליב, געליבטע" . . . און ענפערן מיט א שאַליאַפּין באַס „און איך דיך אויך געליבטער" . . . ראָטבאַום שפּילט געוויינטלעך די דאָ־זיקע איין־מאַן־אויפפירונגען דעמאָלט ווען ער האָט נישט קיין מעגלעכקייט אויפצופירן די פּיעסע אין טעאַטער. חלומט ער זי כאָטש דורך אָט אַזוי אין איין פּערזאָן. בשעת אַזא מין אויפפירונג זעט ער פאַר זיך גאָרנישט דאָס פּו־בליקום. ער חלומט דעמאָלט ממש ווי א קינד וואָס זעצט זיך אויף א שטעקן און רייט גאַלאָפּ אויף א . . . פערד איבער ערד און איבער וואָלקנס אפילו . . . אַמאָל געדויערן די דאָזיקע אויפפירונגען, קעגן אַלע געזעצן פון רעזשי, זעקס שעה, ביז 2 פאַרטאָג.

אַז ראָטבאַום האָט זיך באַוויזן אויפן וואַרשעווער פּאַרנאַס יונג און פייער־דיק, העגט־קישנדיק און שמייכלענדיק, גוט־מאַנירירט און געבילדעט אין

שפּראַכן, מיט אַ פּליסיקן פּויליש, יידיש, העברעיש, דערצו אומאָפּהענגיק, ווייל אַ לערער פון צייכענען אין יידישע גימנאַזיעס, זענען אַלע מענער אומרויק געוואָרן און געוואָרן זאַרגעוודיקער צו זייערע יונגע ווייבער, אַנדערע, וואָס האָבן שוין נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן, זענען אייפערזיכטיקער געוואָרן לגבי זייערע געליבטע. און ווער שמועסט, אַז ראָטבאַום האָט אַמאָל אויף אַ טאַנץ־אָוונט געבעטן פאַרטונקלען דאָס ליכט און האָט גענומען אויספּייפן גאַנצע אַריעס, ווייל ער איז אויך געווען אַ פּייפער־קינסטלער, איז שוין גאָר די אומרו געשטויגן. אָבער נישט אין אים, ווייל אים איז אָנגעגאַנגען נאָר דאָס טעאַטראַלישע אין אַלץ און ער האָט אין זינען געהאַט רעזשי און נישט די ווירקלעכקייט.

גאָר באַלד האָט אים ווייכערט אַנטדעקט און צוגעלאָזן צום פּסוק און באַלד האָבן זיך גאַנצע קאָנסטרוקציעס באַוויזן אין אָרעם־הייליקן יידישן טעאַטער אויף דזשיעלנע. איינע אַזאַ אויפפירונג האָט זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון, „שריי כינע" — אַ גאַנצע שיף־געביידע. ער האָט בכלל געהאַט אַ שוואַכקייט צו בויען אויף דער בינע. ווער האָט דען דעמאָלט געוווּסט, אַז דאָס זענען בנינים אויף אַ טאָפּלטן שיכט פון זאַמד, איינמאָל אויפן זאַמד פון יידישן טעאַטער, אַ צווייט מאָל אויפן זאַמד פון גאַנצן יידישן לעבן אין פּוילן.

ראָטבאַומס גרעסט־בעסטע אויפפירונג האָב איך גראַד געזען שוין אין אַמעריקע: גאָלדפאַדענס חלום . . . ס'איז טאַקע אַ גאָלדפאַדען חלום דאָס יידישע טעאַטער און ראָטבאַום איינער פון די ענערגישסטע . . . בעלי חלומות.

1945

מ. שניאור

געב. ארום 1885 אין א שטעטל נעבן קיעוו. געלעבט און געארבעט כמעט אלע זיינע יאָרן אין ווארשע. 1939 אנט־לאָפן קיין ביאַליסטאָק, יולי 1941 אוועק קיין מיטלאַזיע, הערבסט 1942 געשטאָרבן אין אַנדידזשאַן — געבראכט צו קבר ישראל דורך יידן־פּליטים פון ווארשע.

ער האָט נאטירלעך נישט געשפּונען ארום זיך קיין לעגענדעס, אָט דער דיריגענט און מוזיקער פון גאָטס גנאָד מ. שניאור, אָבער עפּיס האָבן פון זיך אליין זיך דערציילט וועגן אים משונהדיקע מעשיות. קיינער האָט נישט געוווסט געניי ווי אלט ער איז, און אויך נישט אויף זיכער ווי ער הייסט מיטן ערשטן נאָמען — ווארשיינלעך האָט ער געהייסן מענדל. קיין פאמיליע האָט ער נישט געהאט, יעדנפאלס נישט געלעבט מיט קיין פאמיליע.

א מיטלהויכער, גוטגעבויטער און גלייכער איז ער געווען, א גרויס, טונקל פּנים, וואָס דערמאָנט א פּנים פון אן אמעריקאנישן אינדיאנער, אפשר צוליב דעם ווייל די האָר זיינע זענען לאנגע און גלאט־גלאנציקע־שווארצע, און אפשר צוליב דעם ווייל אין ווינקל פון זיינע ליפּן מיט א שווארצן ווידער־שיין גליט שטענדיק א ציגארעטל און ווארפט א רויטן אָפּשיין אויפן גאנצן פּנים און גיט דער טונקלקייט א רויטלעכן אויסדרוק. א הויכער, גלייכער שטערן און עפּיס אזוי ווי אריבערגעבויגן אויף פאָרנט, עפּיס אזוי ווי א דעכל. ער רעדט אָפּגעהאקט און הייזעריקלעך און שטיל און פארגלייזט אביסל די אויגן — מ. שניאור — לשון איז דאָך נישט וויכטיק — דער עיקר איז דאָך די שפּראך פון דער מוזיק. ווערטער, זאצן, בכלל דאָס וואָס מען רופט לשון איז דאָך נאָר א הילפס־מיטל פארן טעגליכן געברויך. דאָס אמתע לשון פון דעם מין מענש איז מוזיק. און ער רעדט טאקע זעלטן ווען וועגן עפּיס אנדערש — נייערט וועגן מוזיק און אין בעסטן פאל שוין וועגן מוזיקער. מען הערט אים אזוי זעלטן רעדן, אז ווען מען הערט אים אמאָל מאכן פּראָבעס מיט זיין באַרימטן שניאור־כאָר ווערט מען טאָפּלט איבערראשט, ערשטנס וואָס ער קען בכלל רעדן הויך און צווייטנס וואָס ער האָט גאָר כמעט א העלדן־טענאָר־שטימע, ווען ער הויבט זי אויף. באס וואָלט אים בעסער געפּאסט. אלץ אויף אים איז שווארץ. אפילו זיין וואָכנטלעכע הלבשה. ער טראָגט לרוב צווישן איין קאָנצערט און א צווייטן די פייערלעכע קאָנצערט־רעק פון אמאָליקע יאָרן. אמאָל אביסל איבערגעארבעט און אמאָל — אָט אזוי ווי זיי זענען מיט די זיידענע לאצן. ער ווייסט, אז דאָס דאַרף מען נישט טון, אָבער ער האָט נישט קיין געדולד צו פארנעמען זיך מיט די נארישקייטן. דערצו

פלאָנטערן זיך די ווייסע מאנקעטן פון די שטייפע העמדער און קריכן אויף די הענט ארויף ווען מען דארף נישט. ער איז א באָהעמיען. זיין טאָג הויבט זיך אָן פונקט דעמאָלט ווען ער ענדיקט זיך ביי אנדערע. עס וואָלט אים געקענט גיין גוט, גאָר גוט ווייל ער האָט א גרויסן נאָמען אין ווארשע און מען וואָלט אים געצאָלט גוט פאר מוזיק־לעקציעס. זעלטן האָט ער אָבער א דירה און פון פינקטלעכקייט ווייסט ער לחלוטין נישט, און ווער וויל דאָס עפּיס נעמען מוזיק־לעקציעס צווישן דעם צווייטן און דריטן קריי פון די הענער פארטאָג? און נאָר דעמאָלט איז פאר שניאורן די ריכטיקע צייט אויף לעקציעס. זיין נאָכמיטאָג . . . קוים דאכט זיך אים, אז איינע פון די אומ־צאָליקע מיידלעך פון זיין כאָר האָט גאָר א גרויסן זינגער־טאלענט הויבט ער זיך שטארק אָן צו אינטערעסירן מיט איר, און דעם מיידל און אונז אלעמען הויבט זיך אָן צו דאכטן, אז שניאור איז פארליבט. קוים אָבער איבערצייגט ער זיך, אז קיין מעלבאַ, אָדער סעלמאַ קורץ וועט פון דעם מיידל נישט אויס־וואקסן, איז אויס מיט זיין ליבע און אז מען פרעגט אים שמייכלט ער און דער אייביקער פּאפּיראָס אין זיין ווינקל מויל צעגליט־צעשמייכלט זיך אויך און דאָס פּנים קריגט אויף א ווײַלע נאָך א שטארקערן רויט־שווארצן ווידער־שיין און מיט דעם ענדיקט זיך עס. ער איז שטרעבליך פארליכט אין דער מוזיק גופא.

מען פלעגט זאָגן, און עס איז טאקע אן אמת געוועזן, כאָטש דאָס איז געוועזן אומגלויבלעך, אז אלע גרויסע דיריגענטן פון די מיליטער־אָרקעסטרעס אין ווארשע, נאָך פון די צארישע צייטן אָן, זענען שניאורס תלמידים. זיי האָבן אין אים געגלויבט מיט אן איבערגלויבן ממש.

ערב א קאָנצערט פלעגט זיך פארלעשן דער רויטער ווידערשיין אין שניאורס פּנים, ער איז געוועזן אזוי פארנומען מיט דעם קאָנצערט, אזוי יום טובדיק, אז ער האָט אפילו פארגעסן אָנצוצינדן דעם אייביקן פּאפּיראָס און דאָס פּנים זיינס האָט דעמאָלט באקומען א ווייסליכן אָפּגלאנץ, אפשר צוליב דעם גלאנציקן, שטייפן העמד אין דער טיף־אויסגעשניטענער וועסט. כאָטש זיין כאָר איז נישט געוועזן קיין פּראָפעסיאָנעלער, לרוב פארהאָרעוועטע ארבעטס־מענשן, האָט ער פון זיי די גרעסטע מוזיקאלישע פּערפעקטקייט ארויסגע־צויבערט, געזונגען מיט זיי די שווערסטע סימפאָניעס מיט דער באגלייטונג פון פּראָפעסיאָנעלע בארימטע אָרקעסטערס. ווי אין א גאָט פלעגן זיך די ארבעטס־מענשן איינהערן אין שניאורן, יעדע באליידיקונג ארויסגעצישט צווישן די ציינער, אויך דער ציגארעט פלעגט דעמאָלט א גלי טון מיט כעס, איז געוועזן זיס, אבי צו בלייבן אין כאָר, אבי ער זאָל נישט ווייזן די טיר, צו דער גאס, צו דער וואָך; ארום אים איז געטליכער, אייביקער מוזיק־יום־טוב.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער ערשטער װעלט־מלחמה. א גרויסער, גאָר גרויסער שרייבער־גאַסט געפינט זיך אין װאַרשע. שניאור לאַדט אים איין צו הערן זיינס א פּראָבע. זי קומט פאָר אין א קלאַס־צימער פון א יידישער שולע. דער כאָר איז גרויס, אין קלאַס איז ענג און דושנע און הייס. דער גאַסט זיצט אויפן פּאָדיום, שניאור שטייט פאַר אים און דיריגירט. אז אזא גרויסער שרייבער מוז אויך זיין א גרויסער מוזיק־פריינט איז דאָך זעלב־פארשטענדליך. ער איז אין שטימונג. עס איז אים גרינג און גוט און לייכט, װי אין הימל. און אזוי דעם כאָר פון די האָרעפּאַשניקעס, שיינע װאַרשעװער מיידלעך און יונגען. מען זינגט א ליד און נאָך א ליד. און מען זינגט א װיג־ליד, א פאָלקסליד. מען זינגט פּיאַניסימאָ. מען ציט אויס ממש הימליש די קמץ אין דעם װאָרט: שלאָאָף — מלאכים זינגען, נישט קיין װאַרשעװער ארבעטס־מענשן. שניאור פילט זיך ממש געטליך. ער איז זיכער, אז אויך דער גרויסער גאַסט פילט זיך אזוי. פּלוצלונג דערהערט זיך א האַרציקער שנאָרך, ארויף און אראָפּ און נאָך אמאָל, װי די טבע פון א שנאָרך. דער גרויסער גאַסט איז ביים גרויסן, הימלישן װיגנליד — שלאָאָף — — טאַקע איינגע־שלאָאָפן . . . דאָס ליד האָט זיך גיך געענדיקט, א שטורם־ליד האָט נאָכ־געפאָלגט, דער גאַסט האָט זיך אויפגעכאַפּט, קיינער האָט נישט קיין שמייכל געטון. דיסציפּלין. שניאור האָט קיינמאָל װעגן דעם אינצידענט נישט גע־רעדט, נאָר אין זיין מוזיקאַלישער נשמה איז געבליבן א װונד, אזוי טיף און בלוטיק װי א . . . פאַלשער טאָן.

1946

אין דער סביבה

ד ר. ג ר ש ו ן ל ע װ י ן

1868 אין לובלין. זינט פריער יוגנט אין װאַרשע, אַלערלײ װאַנדערונגען איבערן גרױסן רוסלאַנד אַלס מיליטער־דאָקטאָר. געשטאָרבן אַ קורצע צײַט נאָכן אַרײַנמאַרש פֿון פֿון די דײַטשן אין װאַרשע אין יאָר 1939.

לױט זײַערע טעמפּעראַמענטן זענען דר. גרשון לעװין און יצחק לײבוש פּרץ געװען װי פֿײַער און װאַסער. געװײנטלעך פֿאַרשטײט איר שױן אַלײן װער עס איז דאָ פֿײַער און װער עס איז דאָ װאַסער און עס איז נישט נײטיק אָנצורופֿן מיטן נאָמען. און — איך האָב נישט געזאָגט פֿײַער מיט װאַסער, נאָר פֿײַער און װאַסער. װײַל פֿײַער מיט װאַסער איז אַ צוזאַמענשטױס און אַ קאַ־טאַסטראָפֿע און פֿײַער און װאַסער זענען צװײ באַזונדערע זאַכן. אַבי װאַסער װאַרפֿט זיך נישט אױף פֿײַער — קענען זײ שױן לעבן בשלום אױך. אַזױ האָבן געלעבט בשלום יצחק לײבוש פּרץ און דר. גרשון לעװין. דער לעצטער איז מיט זעכצן יאָרן ייִנגער געװען װי פּרץ. זײַן ליטעראַרישע קאַריערע האָט ער אָנגעהױבן אין פּרץ׳ס זאַמלביכער „ייִדישע ביבליאָטעק״ — אין דעם סאַמע ערשטן פֿון די דאָזיקע זאַמלונגען, צו זײַנע 23 יאָר. און זינט דעמאָלט האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער װײסט נישט צי זאָל ער װערן אַ שרײַבער, אַ בעלעטריסט און שטרעבן נאָך די גרױסע לאָורען, װאָס די ייִדישע ליטע־ראַטור האָט אַ טבע אַרױפֿצולײגן אױף די קעפּ פֿון אירע געבענטשטע מיט טאַלענט — אָדער זאָל ער גאָר זיך װידמען זײַן מעדיצינישן פֿאַך אין גאַנצן, ברענגען אַ קרבן — אַזױ־צו־זאָגן. שטאָט ראַטעװען דעם גײַסט פֿון זײַן פֿאָלק אין אַלע צײַטן — ראַטעװען דעם גוף פֿון זײַן פֿאָלק שױן הײַנט. אין זעלבסט־זיכערן, כאָטש נאַיװ־גוטמוטיקן שמײכל פֿון דר. לעװין בײַם באַגעגעניש מיט אַ ליטעראַט האָט ער עס געלאָזט װיסן, אַז ער װײסט נאָך אַלץ נישט אױף װעלכן װעג צו גײן . . . אָבער די װאַרשעװער ייִדישע ליטעראַטנשאַפֿט, װאָס איז געװען באַקאַנט מיט די שריפֿטן פֿון דעם צװײפֿלער — האָט נישט געצװײפֿלט און גאַנץ גענױ געװוּסט אַז דר. גרשון לעװין האָט אױסגעקליבן דעם ריכטיקן װעג.

אױף דעם ספּעציעלן געביט פֿון זײַן דאָקטאָריע, ער איז געװען אַ לונגען־ספּעציאַליסט, איז ער געװען אַ װירטואָז ממש. דאָס האָט געהאַט אַ סיבה — אין

נאָך איין קינסטלערישער אמביציע. און אפשר האָט ער שטילערהייט געטראַכט, אז דאָס איז גאָר געווען זיין באשטימונג. ער איז געווען א פידל-שפּילער. און אָט דאָס מוזיקאַלישע געפיל, דאָס אבסאָלוטע געהער האָט אים געמאכט פאר איינעם פון די בעסטע לונגען־דיאגנאָסטיקער אין וואַרשע. פאר אים האָבן מענשליכע לונגען דורך הויט און ריפּן ממש אויסגעשפּילט זייער ליד פון צער און דערציילט געגוי דאָס גאנצע אומגליק זייערס ווי פון אן אָפן בוך.

וויפיל צופרידנקייט עס האָט געשטראַלט פון דעם דאָזיקן דר. לעווינען. א קליגיטשקער, אביסל אונטער־מיטל אין וווקס, אָנגעטון פיין און נעט, א צופרידענער שמייכל אין די קלוג־יידישע אויגן. און דער שמייכל שטראַלט איבערן גאנצן פּנים. גלאַנצט אַרויף ביז דעם אומענדליכן גרויסן, למדנישן שטערן, אומענדליך — ווייל דאָרט ווו דער שטערן האָט זיך געענדיקט האָט זיך אָנגעהויבן די ליסיניע, גלאַנצט אראָפּ ביז די סאַמע שפּיצן פון דער שיין־צעקעמטער, נישט צו לאַנגער, צופרידענער ווייסער באָרד פון א געווענעם ברונעט.

ערגעץ זענען געווען דאָרט שאַרפע צוזאַמענשטויסן מיט פּרץ'ן, אָבער דר. לעווין האָט זיי פארשמייכלט און פארגלעט און האָט אָנגעשריבן א זייער אויטענטיש און דערפאר זייער ווערטפול ביכל פון זיינע פּרץ-זכרונות. ער האָט אים ליב געהאט, ער האָט אים שטאַרק ליב געהאט.

אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאריין האָט געהאָנגען א ריזן-פּאָרטרעט פון פּרץ. דער פּאָרטרעט האָט געהאָנגען אין שאָטן און האָט עפּיס ווי געוואָרפן א שאָטן. האָט מען זיך געזעצט ביי א טישל אונטער דעם פּאָרטרעט איז ווי מען וואָלט געזעסן אין שאָטן פון א גרויסן בוים. טאָמער פלעגט דר. לעווין אריינקומען אין פאריין — אָט דאָס שאָטנדיקע ווינקעלע איז געווען זיין פּלאַץ. פון אָט דעם ווינקל איז אים לייכטער געווען צו איראָניזירן די ליטעראַרישע ווייסע חברה, וואָס האָט א וועלט פּאַרודערט מיט אירע לידער און דערציילונגען, וואָס האָבן מיט גאַרנישט מער דערמאָנט די גוטע אלטע צייטן פון דער יידישער ביבליאָטעק, פון „יוד" און „פריינד".

יעדן זונטיק נאָכמיטאָג פלעגט זיך ביי לעווינען אין שטוב צונויפקומען א קוואַרטעט (צ.א. אויך די ברידער פינקעלשטיין, די אַרויסגעבער פון „היינט") און מען האָט געשפּילט קלאַסישע מוזיק אַזוי געטרונקען דאָס אמת־דיקע גלעזל טיי מיט וואַרעניע און מיט זכרונות פון אמאָליקן וואַרשע פון די סאָלידע — כאָטש צאַרישע — צייטן. אלץ איז דאָ געווען סאָליד אין אָט דער שטוב, די שווערע מעבל, די עטאַזשערקעס פול מיט אלטע, גוט־געבונדענע ספרים און קלאַסישע ביכער, די פּאָרטרעטן אויף די ווענט, וואָס האָבן דערמאָנט אָן סאָלידע דורות פון אמאָל און דערצו א היפּשער פּרץ־

פּאָרטרעט, וואָס האָט דערמאָנט אָן דער סאָלידקייט פון אַמאָל פון דער איצט אַזוי צעבראָסטעטער ייִדישער ליטעראַטור. און אַ סאָליד אײַזערן קאַסע־קעסטעלע איז געשטאַנען אין ווינקל. די וועלט איז נישט הפקר. ייִדן פון גאַנץ וואַרשע האָבן געשטופּט מיט אַלע כּוחות זייערע רײַכע און אויך אָרימע גילדנס אין אָט דעם קאַסע־קעסטעלע ביז עס האָט שיִר נישט געפּלאַצט. וואַרשע איז געווען אַ שטאָט אָן ענגע פול מיט דעכאָוויטשנע ייִדן און דר. גרשון לעווין האָט די מוזיק פון די אָרימע לונגען פאַרוואַנדלט אין אַן אַנדערע מוזיק... פון קיין פריי־בילעטן אויף אָט די פּאַסיווע קאָנצערטן, וווּ דער שפּילער צאָלט און דער צוהערער נעמט האָנאָראַר האָט ער נישט געוווּסט. עטליכע מאָל האָבן מיר געשיקט צום דר. לעווין פּאַציענטן, וואָס האָבן געוואָלט פאַרהערן בײַ אים די לונגען, פּלעגן מיר מיטגעבן האָנאָראַר און געהאָפט, אַז ער וועט קומען מיט אַ דאַנק צוריק, אָבער מיר האָבן אַלעמאָל געוואַרט אומזיסט. אַ פּראָפעסיע איז אַ פּראָפעסיע.

אויב מען וועט אַמאָל וועלן רעקאָנסטרויִרן דאָס אַלט־ייִדישע באַלע־באַטיש־אינטעליגענטע וואַרשע וועט מען דאַרפן רעקאָנסטרויִרן דר. לעווינס שטוב.

פון צײַט צו צײַט פּלעגט זיך דער אַמאָליקער, לאַנגיאָריקער פּרעזידענט פון באַרימטן „הזמיר" פאַרבענקען נאָכן עמוד; האָט ער געלאָזט וויסן, אַז ער וואָלט וועלן האַלטן אַ לעקציע, האָט מען גערן אײַנגעאָרדנט. אָט אָ רעדט ער וועגן ייִדישע מעדיצינישע זאַבאַבאָנעס, רעדט מיטן גאַנצן האַרץ פון אַ משכיל פון פּרץ'ס שניט פון די צײַטן פון די „יום טוב בלעטלעך". און אין דער אױדיטאָריע זיצער אַסך יונגע שרײַבער, ווײַל אַז דר. גרשון לעווין זאָל אַפילו רעדן וועגן דער לבנה און נישט נאָר וועגן זאַבאַבאָנעס, מוז ער אַרײַנפלעכטן אַ פּאָר אויטענטישע און נײַע זכרונות וועגן יצחק לייבוש פּרץ. נישט קיין חידוש, אַז ער איז געשטאָרבן צוזאַמען מיט דעם לעצטן שטראַל פון אַ שיינער, וואַרשעווער ייִדישער תּקופה.

1944

דר. לייב לאַנדוי

געב. ארום 1880 אין פשעמישל, זינט ארום 1930 אין לעמבערג, נאָך 22טן יוני 1941 דאָרט געבליבן. פעברואר 1944 — טראגישע ידיעות וועגן אים.

אורחים אויף שבת זענען אין אמאָליקן יידישן לעבן געוועזן א וויכטיקע אינסטיטוציע, די לעבעדיקע יידישע גאזעטן זענען זיי געוועזן. קיין אָרגאַניזאציע האָבן זיי נישט געהאט, און פונדעסטוועגן האָט זיך עס קיינמאָל נישט געמאכט, אז אין איין שטעטל זאָלן אין איין שבת זיין מער ווי א צען אורחים. און אזוי ווי איך רעד דאָ וועגן די אורחים אויף שבת פון גאליציע, און אזוי ווי גאליציע האָט געהאט אביסל די פאָרם פון אן עליפּסע, און אזוי ווי די אורחים אויף שבת פלעגן אויסוואנדערן אין פארלויף פון זייער באַשטימטער צייט, גאליציע אין איר עליפּטאָידער לענג — אזוי ווי די קאָמעטן, אין זייערע עליפּסן־אָרביטן — קען מען די גאליצישע אורחים פארגלייכן צו מיני קאָמעטן. מען האָט אלעמאָל פריער געוווסט, אז ארום אזא און אזא שבת דארף זיך באווייזן אזא און אזא ארוח. זיי זענען געוועזן די ריכטיקע פלאַטקע־פּאָליטיקער (אגב מערקט ה״ר דאָך, אז פלאַטקע און פּאָליטיקע איז איין וואָרט), זיי האָבן געוווסט וואָס עס טוט זיך אין די טעפּלעך פון קיסר ירום הודו אליין, פראַנץ־יאָסל מיט די באקן־בערד, פראנץ יאָזעף דער ערשטער בלע״ז, און אוודאי האָבן זיי געוווסט וואָס עס קאָכט זיך אין די טעפּלעך פון יעדן גביר פון יעדן יידישן שטעטל אין גאליציע אויפן וועג פון זייער עליפּס־אָרביט. און אין איין שיינעם שבת האָבן זיך אין לעמבערגער „טאָגבלאט״ אָנגעהויבן צו דרוקן פעליעטאָנען אונטערן נאָמען „אן אורח אויף שבת״ פון א געוויסן מענדל לאַנדוי. דאָס איז שוין געוועזן א ייד אין די יאָרן, אָבער א גרויסער חכם. אז איך בין נאָך גאָר א קינד געוועזן איז אמאָל צו אונז געקומען א הויכער, שיינער ייד, וואָס האָט געקענט דעם טאַטן מיינעם פון מסחרים און האָט אים געבעטן אן אָרט אויף צולעגן זיך אויף א פּאָר שעה — מחמת ער פאָרט דאָ פארביי און ער דארף צוווארטן פון איין באַן צו דער אנדערער. עס איז באלד פריי געמאכט געוואָרן א שטוב, זומער איז געוועזן, האָט דער טאַטע געהייסן, אז אלע זאָלן אוועק פון הויז כדי דער ייד זאָל האָבן פולשטענדיקע רו. מיר זענען אלע אראָפּ פון שטוב — געַוווינט אויפן ערשטן שטאָק—און דער טאַטע האָט אין מארק דערציילט, אז ביי אונז געפינט זיך דער אמתער „אורח אויף שבת״ אליין. אזוי ארום ניין א זייגער האָט זיך באוויזן אין פענסטער א ייד, אראָפּגעקוקט און געזען, אז עס שטייט אונטן א היפּש רעדל יידן, האָט ער א זאָג געטון אראָפּ: — איך פאַר־

שטיי דאָך יידן, אז איר זענט בני רחמנים איז פארדינטזשע א מצווה מתיר אסורים און נעמט מיך ארויס פון רב פראַימ׳ס תפיסה, וואָרום איך בין פארשפּארט . . . (מען האָט די טיר געהאַט פארשלאָסן אויף א שליסל — אוועקגייענדיק). די מעשה האָט יאָרן לאַנג צירקולירט אין שטעטל. דער געפאַנגענער איז געווען דער פאָטער פון דעמאָלטיקן סטודענט, אַן עילוי אין אַסך געביטן, לייב לאַנדוי. ער איז א מענש מיט אלע מעלות, אָט דער לייב לאַנדוי. דער סאַמע אידעאַל פון א שטאָלצן גלות־ייד.

א הויכער, א טיפּיטשנע יידיש פּנים, גאַרנישט פעלט, א פּערפעקטער, סעמיטישער טיפּ, און אפילו דער נאָמען פּערפעקט: לייב לאַנדוי. און ער בייט קיינמאָל נישט דעם ערשטן נאָמען זיינעם „לייב״. אפילו פּרץ האָט גע־ביטן אין זיינע יונגע יאָרן זיין לייב אויף לעאָן, לאַנדוי, דער — אין איין צייט אפילו וועלט־באַרימטער — אדוואָקאַט, קיינמאָל נישט. אין דער צייט פון דעם פּוילישן דרייפוס־ביילים־פּראָצעס, וואָס האָט זיך דאָ געררופן סטאַ־ניסלאוו שטייגער־פּראָצעס — לעמבערג, 1925 — איז לייב לאַנדוי געווען דער פירנדיקער אדוואָקאַט. אַנדערע אדוואָקאַטן האָבן געבעטן, זיך געשווירן, ער האָט געפּאָדערט און געקלאַפּט אין טיש און אויך אדוואָקאַטיש ארויסגעוויזן די גרעסטע קונץ־שטיק. וואָלטן יידן אין יענער צייט געדאַרפט אין פּוילן קלויבן א יידישן קעניג—לייב לאַנדוי וואָלט עס געוואָרן. אז דער פּראָצעס האָט זיך געענדיקט מיט א יידישן זיג האָט דער ליטעראַטן־פאַריין איינגעלאַדן דר. לאַנדוי אויף א פאַרלעזונג. ער האָט מסכים געווען אויף א באַשיידענער לעקציע פאַר א הונדערט־צוויי־הונדערט מענשן. ווי איבעראַשט איז ער גע־ווען אז מען האָט אים אריינגעפירט אין גרעסטן זאַל אין וואַרשע, דעם צירק, און פיר טויזנט מענשן קאָפּ אויף קאָפּ. די בילעטן זענען אלע אין איין שעה געוואָרן אויסגעקויפט, נאָך מיט א וואָך פריער. ער האָט גערעדט וועגן יידן, די אייביקע וועלט־קעמפער פאַר וועלט־רעכט. דאָס איז געווען די טריומף־שעה פון זיין לעבן. ער האָט אלע קוואַליפיקאַציעס צו ווערן די צענטראַלע, פירנ־דיקע יידישע פּערזענליכקייט אין פּוילן. ציוניסטישע קהילות האָבן אים, דעם סימפּאַטיקער מיטן בונד, שפּעטער סתם יידישן ראַדיקאַלן ליבעראַל, איבער־געגעבן די פירערשאַפט, פאַרלאָזנדיק זיך אויף זיין אַבסאָלוטן גע־רעכטיקייט געפיל (פּשעמישל), אָבער ער האָט נאָר צייטווייליק אָנגענומען געזעלשאַפטליכע פּאָסטנס און אַלעמען געזאָגט, אז ער איז אַן אדוואָקאַט און גאָרנישט מער. און דאָס איז גענוג. אין אַזאַ וועלט מיט אַזוי פיל אומרעכט — דער עיקר אַנטקעגן יידן — איז דאָס גענוג. צוערשט אין פּשעמישל, שפּעטער אין לעמבערג — פלעגט ער קומען אויף יעדן אַרויסטריט פון א יידישן שרייבער, יידישע טרופּע, פלעגט קויפן יעדעס נייע יידישע בוך און א היפּשן טייל פון זיי פלעגט ער לעזן. דער עיקר — לידער. פון די לידער —

פלעגט ער זאָגן — שעפּט ער אינספּיראַציע צו די קאָמפּליצירטסטע יורידישע רעדעס. ער האָט בכלל ליב געהאַט ליטעראַטור און טעאַטער. אין זײַן שטאָט, פּשעמישל, האָט ער שוין זײַענדיק א פּראַקטיקירנדיקער אַדוואָקאַט, אָרגאַניזירט אַן אַמאַטאָרן־טרופּע, וואָס האָט געשפּילט ייִדיש טעאַטער. ער איז געווען א מוסטער פון א מאָדערנעם ייִדישן ייִד.

א פלאַמענדיקע פּען — ער האָט זי געלאָשן אין סטיל פון געריכטס־אַקטן, א געניאַלער ממש רעדנער — און אויך דעם טאַלענט האָט ער טעגליך געשטומפּיקט אין געריכטס־זאַלן.

איינמאָל האָב איך אים אין פּשעמישל געטראָפן שפּעט בײַנאַכט אין א קאַפע, איינעם אַליין בײַ א טיש און פאַרפּירט א לאַנגען שמועס און אויפגעוויזן אים ווי ער פעלט אין וואַרשע, דווקא ער. דעמאָלט האָב איך נאָך אַליין געגלויבט, אַז וואַרשע וועט אויסלייזן די שכינה פון גלות ... אין גלות — ער האָט מיך געלאָזט אויסרעדן און אפילו קיין וואָרט נישט געענפערט. שטאָט מיר צו ענפערן האָט ער א וואָרף געטון א זלאָטע צום שלעפעריק־געוואָרענעם דיריגענט פון קליינעם אָרקעסטער און א וואָרט: — שיט קוילן, ברידער, שיט, אַז די וועלט זאָל ברענען . . . דער אָרקעסטער האָט זיך צעגרילצט און מיר האָבן בײדע באַלד דעם קאַפע געמוזט פאַרלאָזן. עס האָבן ממש געגומען ברענען די פויקן־טאַצן. אין דרויסן האָט ער מיך אַרומגענומען: — איי, נאַיווער ייִנגל, וואָס איר זענט. . .

עפּיס אַן אײבּיקער צער האָט אים אינערליך געגעסן און פאַראַליזירט. לרוב פלעגט מען עס אויסטײַטשן מיט דער שווערער קראַנקהייט פון זײַן געראָטענעם זון, וואָס האָט געליטן אויף בײנער־טובערקולאָז. א פּערזענלעכקייט מיט טויזנט מעלות און נור איין חסרון — חסר אַמביציע . . .

1945

דר. יוסף מיזעס

געבוירן ארום 1880 אין פשעמישל, געווינט אין פשע־מישל, טארנאָוו, ווין, ווארשע, געבליבן ערגעץ־ווו אין פוילן און אומגעקומען.

דר. יוסף מיזעס — אָדער ווי די משפחה לייגט אויס טראַדיציאָנעל דעם נאָמען „מיזיש" — איז אַן עלטערער ברודער פון דעם באַרימטן פילאָלאָג, פאָרשער פון דער יידישער געשיכטע און רעליגיע מתתיהו מיזיש. קיין גרויסע שרייבערישע אמביציע האָט ער, ווייזט אויס, נישט געהאַט. די תאווה צו דרוקן גרויסע ביכער, אָנגעפּיקעוועט מיט דריימאָל אַזויפיל ציטאַטן ווי טעקסט, האָט אין דער מיזיש-משפחה אינגאנצן אוזורפּירט מתתיהו. אָבער ווען דר. יוסף מיזיש וואָלט נאָר געוואָלט, וואָלט ער שוין נישט צוריקגעשטאַנען הינטער זיין ברודער אין דעם זינען. אויסערלעך איז ער זייער ענלעך צו זיין ברודער, נאָר אביסל מגושמדיקער. העכער, פּיזיש שטאַרקער, אָבער אויך אַזאַ מין יידיש אָדלעריש פּנים נאָר נישט ברונעט. אַזוי ווי דר. מיזעס איז געוועזן אַ מיליטערמאַן און אַ רב דערצו, פלעגט ער נידעריק שערן די האָר פון קאָפּ און דערצו טראָגן אַ לייטישע באָרד. און אַ מאָדנע באָרד איז דאָס געוועזן — שוין היפּשלעך גרוי — אַ באָרד וואָס זאָגט גאָרנישט. זי איז נישט שפּיציק און נישט צעשויבערט און נישט שיטער און נישט געדיכט און נישט קורץ און נישט לאַנג, נישט יידיש און נישט גויש — סתם אַ באָרד, אַ פליכט-באָרד וואָלט איך געזאָגט, די באָרד פון דעם שעף־ראַבינער פון דער פּוילישער אַרמעע.

כאָטש דר. יוסף מיזיש האָט געהאַט אַ רעכט צו טראָגן ציווילע קליידער ווען ער איז נישט געוועזן אין דינסט, האָט ער דאָס רעכט זיינס זייער ווייניק אויסגענוצט. ער האָט ליב געהאַט דאָס שווערע פּירעקיקע היטל מיטן גרויסן לעדערנעם דאַשעק ארומגעזוימט מיט מעטאַל, ער האָט ליב געהאַט דעם שינעל זיינעם, דעם שווערן, גרינעם שינעל און ער האָט ליב געהאַט די אוניפאָרם פון אַ פּוילישן פּולקאָווניק אָדער אָבערסט, אָדער קאָלאָנעל, ווי דאָס רופט זיך אין אנדערע שפּראַכן, און ער האָט ליב געהאַט דאָס ציק־צאַקישע זילבערנע בענדדל ארום זיין קראַגן, אָט דאָס בענדל, וואָס האָט פאַר יעדן, וואָס האָט די שפּראַך פון די מיליטערישע צאַצקעס פאַרשטאַנען געררופן הויך אויף אַ קול: איך בין אַ פּולקאָווניק . . . און ער האָט ליב געהאַט אין דער געזעלשאַפט פון יידישע פריינט צו באַציען זיך צו דער מאַנדור זיינער ווי אַ ייד אַ חסיד באַציט זיך צו זיין בעקעשע אָדער זיין ראַזשיוואָלקע אָדער

זיינע פלודערן. איז נישטאָ אונטער דער האנט א האנטוך ווישט מען זיך אָפּ אין א פאלע פון שינעל.

צוליב זיין הויכן אמט אין דער פוילישער ארמעע פלעגט דר. מיזעס ווינען אין ווארשע. זיין אויפגאבע איז געווען צו זאָרגן, אז מען זאָל אָפּלאָזן די יידישע סאָלדאַטן צו די סדרים און צו די ימים נוראים. צו אים פלעגן באזאָרגטע יידישע מאמעס קומען נאָך הילף, אז מען זאָל זייערע זין באפרייען — אָבער מיזעס פלעגט אויסהערן די מאמעס זייער געדולדיק און צום סוף זיי האלטן א לעקציע וועגן פאטריאָטיזם און ביי אַט די סצענעס איז פלוצלונג דאָס שעפעלע פארוואנדלט געוואָרן אין א לייב. און א מוטיקער מענש איז ער געווען. דווקא זייער מוטיק. טאָמער איז די זעלבע מאמע געקומען נישט מיט א ביטע, אז ער זאָל איר זון באפרייען פון מיליטער, נאָר מיט א טענה, אז מען באהאנדלט שלעכט איר זון, וואָס איז א גוטער סאָלדאַט, מחמת יידישקייט — נו, נו מער האָט שוין נישט געפעלט. נישט איין אונטער־אָפיצער אין דער פוילישער ארמעע איז דעגראַדירט געוואָרן צוליב דער איינגעשפּארטקייט פון דעם רב-אָפיציר. כאָטש אמאָל א פאמיליע־מענש האָט אָבער מיזעס כסדר געלעבט איינזאם און אליין, די אָפיצערן זענען זיין געזעלשאפט נישט געווען, די ווארשעווער גבירים האָבן אים נישט אינטערעסירט, נישט געווען מיט זיי וואָס צו רעדן — איז ער גאָר צוגעשטאנען צו אונזער ליטעראַטן פאריין. דאָ איז אים גוט געווען. דאָ פלעגט ער אָפט ארויפקומען מיט זיין „דיענשטשיק״, וואָס פלעגט שעהן־לאנג זיצן אין ווארט-צימער און ווארטן אויף די באפעלן פון זיין שעף. נאטירלעך פלעגט דער יונגערמאן דרימלען. נאָר טאָמער האָט ער דערהערט פון ווייטן די שריט פון זיין שעף, האָט עס אים א ריס געטון ווי מען וואָלט אים אָפּגעבריט און שוין איז ער געשטאנען „נא באטשנאָשטש״ ווי א סטרונע. — „דו שטייסט נישט ריכטיק אויף גיב אכטונג״, האָט אים א מוסר געטון דער פולקאָווניק און דער יונג האָט זיך נאָך שארפער א צי געטון. די איינציקע ארמעע אין דער וועלט, וו די מיליטערישע קאָמאנדע איז געווען אויף מאמע־לשון איז געווען די ארמעע פון פולקאָווניק מיזעס און זיין דיענשטשיק... צו די מיליטער־פליכטן פון דעם יונג האָט אויך געהערט יעדן אין דער פרי צו דאווענען אין תפילין. —

גרעניצלאָז איז געווען די ערודיציע פון דר. מיזעס. נאָר ארויסברענגען די ערודיציע האָט ער נישט געקענט, נישט אין שריפט און נישט אין וואָרט. טאָמער האָט מען זיך שוין דערבעטן ביי אים ער זאָל האלטן א לעקציע, נו האָט ער אָנגעגעבן אזעלכע טעמעס, ווי למשל: ווער איז שולדיק אין די דרוק־גרייזן פון דעם נוסח ספרד סידורל פון יאָר 1530? . . . און אז מען האָט אים געזאָגט, אז א לעקציע אויף אזא טעמע וועט ער דארפן האלטן פאר לידיקע בענקלאך, האָט ער אייך אָנגעקוקט ווי איר וואָלט משוגע געוואָרן:

—וואָס הייסט — פּראָשען פּאנאַ — עך זאג אך, אז עץ האט נאך קיינמאל נישט געהאט אזויפיל מענשן וויפיל עץ וועט האבן אויף מאן רעפעראט. עך האב נישט קיין וויכטיקערע טעמעס . . . האָט ער גערעדט אויף זיין טיף-גאליצישן דיאלעקט.

עפּיס האָט א פּאַרלעגער קוים מיט צרות פון זיינע קאסטנס מיט מאנו־סקריפּטן, וואָס איין גאָט ווייסט וואָס דאָרט איז געווען, אמאָל ארויסגעריסן א חומש-איבערזעצונג אין פּויליש. אז דאָס בוך איז דערשינען האָבן מבינים געזאָגט, אז אין אזא פּראכטפולן פּויליש און אזוי עקזאקט איז די ביבל נאָך קיינמאָל נישט איבערגעזעצט געוואָרן . . .

נאָך א שמועס אין גוטן מוט גייט מען אמאָל אראָפּ מיט דר. מיזעסן אויף דער גאס. און אָט גיט ער זיך א צי ווי א ווירע, קאָפּ ארויף, די לאָפּעטקע פון דער באָרד גיט ער א גלעט און ער האלט אין איין סאלוטירן און ענפערן אויף די סאלוטן פון די סאָלדאטן און אָפיצערן, מיט וועלכע די גאסן אין ווארשע זענען אלעמאָל פול געוועזן. — — נאָר אין איין שיינעם טאָג —ויקם מלך חדש — מיזעס דארף ווערן צוריק א ציוויליסט, אויף זיין אָרט וועט זיצן א יינגערער, וואָס מיזעס האָט אים געהאָלפן מיט אלע מיטלען און וואָס האָט פון זיין זייט מיט אלע מיטלען געגראָבן אונטער זיין ווילטוער. „סיק טראנזיט גלאָריא מונדי‟, האָט זיך מיזעס געטרייסט מיט א לאטיינישן פּסוק און צוריק אוועק קיין פּשעמישל.

1942

זעליג מלמד

1886 אין א ליטוויש שטעטל, 1915 צום ערשטן מאָל, זינט 1935 דעפיניטיוו אין אמעריקע. רײזעס איבער דער וועלט, איבער אײראָפּע און שטאָט צו שטאָט־רײזעס איבער רוסלאנד. געשטאָרבן 8טן אוגוסט 1946.

זעליג מלמד איז נישט קיין שרײבער, עפּיס אמאָל האָט ער דאָרט געשריבן א פּאָר ארטיקלען און א פּאָר בעלעטריסטישע זאכן, עס איז אָבער שווער זיך פאָרצושטעלן דעם גאנצן רענעסאנס פון דער יידישער ליטעראטור זינט דער פּרץ־תקופה ארום 1910 ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה אָן מלמדן... איז ער ווארשײנלעך געווען א פארלעגער? ניין, זעליג מלמד איז קיין פארלעגער אויך נישט געווען. ער איז בלויז געווען די פּרוזשינע פון דרײ דעצידירנדיק גרויסע יידישע פארלאגן. ואלו הם: ב. א. קלעצקין, קולטור־ליגע אין קיעוו, קולטור־ליגע אין ווארשע און צום סוף ווידער דער פארלאג און צענטראלער ביכער־לאגער פון ב. קלעצקין.

זעליג מלמד איז א סאנגוויניקער לויט זײן כאראקטער. ער רעדט מיט אזא טומל און רעגט זיך אזוי אויף ביי יעדער קלייניקייט, אז דאָס שרעקט שוין מער קיינעם נישט איבער. אז מלמד האָט אין ווארשע, ארום 1923, נאָך געארבעט אין פארלאג קולטור־ליגע, האָט ער באטראכט יעדן מענש פאר א שונא, וואָס האָט נאָר דערמאָנט דאָס וואָרט „קלעצקין" כאָטש ער אליין איז מיט א צען יאָר צוריק ערשט געווען דער הויפּט־קאָלפּאָרטער פון דעם זעלבן קלעצקין. מלמד איז געווען אין א צושטאנד פון אן אייביקן הייליקן קריג פאר דער פארשפרייטונג פון יידישע ביכער. איז עס געווען אזא הייליקער גלויבן אין אָט די ביכער? איז עס בלויז געווען א קוואל פון ענערגיע אין אים, וואָס האָט געהאלטן אין אײן עקספּלאָדירן ווי א הייסער גייזער־קוואל? איז עס געווען ביידע זאכן צוזאמען? אז מלמד איז אין דעם זעלבן דערמאָנטן יאָר אריבער צו קלעצקינען איז ער ווידער א שונא געוואָרן יעדן מענש, וואָס האָט נור דערמאָנט דאָס וואָרט קולטור־ליגע. אז ער האָט נאָר אויף עמיצנס ליפּן באמערקט די פאָרמירונג פון דעם וואָרט קולטור האָט ער שוין געטומלט אויף זײן מלמעדישן, ספּעציעלן שטייגער, כאָטש ארויסגעוויזן האָט זיך אין א רגע, אז יענער האָט גאָרנישט געוואָלט ארויסזאָגן דאָס וואָרט קולטור־ליגע, נאָר גאָר גלאט א וואָרט קולטור־באַציאונגען, אָדער קולטור־באדערפעניש. אָבער מלמד האָט שוין אין דער צײט פון דעם בינד־פּאסיקל באוויזן אויסצושיסן א גאנצע מאשין־געווער־לענטע מיט וואָס איר ווילט אויף דעם קעגנערישן פארלאג. און אין דער אמתן איז ער געווען זײער א חברישער

און א גוט־ברודערישער מענש און פונקט אזוי חבריש מיט זיינע „שונאים״. אָבער אנדערש האָט עס נישט געקענט זיין, אנדערש האָט מען נישט געקענט שאפן יידישן ביכער מארק. האלטן שווימענדיק א זאך, וואָס האָט זיך געהאלטן אין איין טרענקען . . .

מלמד האָט זיך בארימט, און מיט רעכט, אז ער קען פארזענלעך אלע קויפער און אויך לעזער פון יידישע ביכער, און דאָס נישט נאָר אין איין לאנד, נאָר איבער דער גאנצער וועלט. און אין דעם איז געווען א שטיק און שיר נישט דער גאנצער אמת.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך באגעגנט מלמדן אין יאָר 1912 אין ווין, געחלומט דעמאָלט פון אָפדרוקן א פּאָר לידער אין דער ווילנער „יידישער וועלט״, דעם שענסטן זשורנאל פון דער יידישער ליטעראטור, געפרעגט ביי מלמדן אן עצה וויאזוי דאָס צו טון און צו וועמען דירעקט צו שיקן די מאנו־סקריפּטן; עצה יאק עצה, נאָר דערווייל האָב איך אויסגעגעבן די לעצטע פּאָר גראָשן מיינע און געמוזט אבאָנירן די זעלבע צייטשריפט און ווערן איינער פון די זיבן טויזנט „פרענומעראנטן״, וואָס זעליג מלמד האָט זיי אלע פער־זענלעך געבראכט.

פון מיטעלן וווקס איז ער און א „זשגוטשי ברונעט״ אמאָל געווען, היינט דערפאר ווייס ווי שניי אין א לבנה־נאכט, און אויגן וואָס שפּרינגען אויף דיר ארויף, און שארפע שטריכן פון פּנים, און א אָריענטאליש־טונקלע הויט און אז ער דערזעט דיך איז אזוי ווי ער זוכט דיך שוין פון א וואָך ארום — כאָטש ער האָט גאָרנישט געטראכט וועגן דיר א מינוט איידער ער האָט דיך געזען. — שוין אן עלטערער בחור, האָט זיך מלמד גאָר מיישב געווען אינמיטן דער „קולטור ליגע״ ארבעט אין ווארשע און חתונה געהאט. און באלד האָט ער מיט דעם זעלבן פייער ווי וועגן יידישע ביכער גערעדט וועגן די צוויי געראָטענע ייִנגלעך זיינע,ביידע טונקלע און שיינע ווי די אינדישע פרינצן. — פון צופיל ענערגיע אין זיין רעדן, וואָס האָט נאָך אלע זאכן איבערצייגט צענדלינקער טויזנטער מענשן צום קויפן יידישע ביכער, וואָס לרוב ווערן זיי נישט צו שטארק געלעזן, האָט מלמד גערעדט מיט דער „ריש״. זיין אייגענעם נאָמען האָט ער ארויסגעזאָגט „זעריג מאראמעד״ און דאָס מזל האָט אים געדינט, אז ער האָט געארבעט ביי דער „קורטור־ריגע״ און ביים „פאררעג קרעצקין״. זוו ער האָט זיך א ריר געטון זענען אים אנטקעגן־געקומען די למדן. אומענדלעך זענען די אנעקדאָטן וויאזוי מלמד האָט גע־שאפן קרעדיט פאר די פארלאגן (דער עיקר דעם קאפּיטאל־לאָזן פארלאג קולטור־ליגע). איינמאָל דערוויסט זיך מלמד, אז עמיץ, א פריינט, א גביר האָט ליגן פינפהונדערט דאָלאר. מיט אלע קונצן באָרגט ער ביי אים דאָס געלט זייגער 12 ביינאכט ביז מאָרגן זייגער 7 אין דער פרי. ער האָט דאָס געלט

גראד נישט געדארפט און סאי ווי גאָרנישט געקענט מיט דעם מאכן אין פארלויף פון דעם נאכט. אָבער ער האָט עס ארייגעלייגט אין קאסע און צו דער סעקונדע זייגער 7 אין דער פרי עס אָפּגעבערענגט דעם חבר־גביר . . . יענער איז ממש דערשטוינט געוואָרן פון מלמדס פּינקטלעכקייט און האָט אים פון איצט אָן געגעבן א פרייעם קרעדיט. אזוי ווי א קראָ שלעפּט גלאנציקע חפצים אין איר נעסט אריין, אזוי האָט מלמד געשלעפּט יעדן חברס גראָשן אין דער קולטור־ליגע אריין. פריוואט האָט ער קיינמאָל פון די אלע זאכן קיין נוצן נישט געהאט, אָבער די געלטער האָט סוף כל סוף זעלטן ווער צוריק־געזען. האָט יעדער געהאט טענות צו אים, אָבער ער האָט די אלע קרבנות נאָר מקריב געווען צום קאפּיטאל־שלינגענדיקן מולך פון דער לעזערלאָזער יידי־שער ליטעראטור. מלמד איז אזוי פארטון געווען אין שאפן לעזער פאר ראָמאניסטן, דראמאטורגן און דיכטער, אז ער האָט זיי קיינמאָל נישט געהאט קיין צייט צו לעזן, קיינמאָל נישט הנאה געהאט פון זיי און האָט זיי אָפּט אזש פיינט געהאט דערפאר. וואָס האָבן זיי זיך אָנגעזעצט אויף אים? . . . לייכט ווי א שרעטעלע האָט זיך מלמד אויסגעדרייט פון אלע סיטואציעס, אפילו לעבנס־געפערלעכע, געגאנגען דורך אלע גרעניצן, געטון אלע טעכניש־אדמיניס־טראטיוו פארבאָטענע זאכן פאר זיינע פארלאגן און זיינע פריינט. — מלמד — פלעגן מיר פרעגן — וויאזוי? — מען דארף נישט פינטרען מ׳ט די אויגן . . . מען דארף גיין גרייך. און ער איז טאקע צענדלינקער יאָרן געגאנגען און נאָך אים טויזנטער יידישע ביכער.

1942

חיים בזשאָזאַ

א יידישער פארלעגער. א לאָמזשער. מערערע אמעריקע־רייזעס. געוווינט אין ווארשע. נאָך 1939 אומגעקומען.

מען דארף זיך נעמען צו די יידישע פארלעגערס אויך. און מען דארף טאקע ניין אויף דער ליניע פון לייכטסטן ווידערשטאנד — אלע אויף בזשאָזאַן — איז נאָך איינער . . . באַריס ארקאדיעוויטש קלעצקין (זאָל אים זיין גע־ליבטע ווילנער ערד גרינג זיין) דער פּרינץ צווישן די יידישע פארלעגערס פון אלע צייטן, פלעגט אלעמאָל זאָגן, אז ער האָט גרייט אין ווילנע אויף דעם יידישן בית עולם א מצבה פאר זיך און אויף דער מצבה שטייט געשריבן „דאָ ליגט באגראָבן א יידישער פארלעגער״ — און מער גאָר נישט. איך ווייס נישט צי האָט ער זיין געדאנק אויסגעפירט. טשודאק געווען דערויף איז ער געוועזן. איך בין אויף דעם ווילנער יידישן בית עולם זינט קלעצקינס טויט נישט געווען. דער קלוגער קלעצקין האָט געוווּסט, אז פארלעגעריי ביי יידן — און דער עיקר אין דער לעצטער צייט — איז אן עניו, וואָס איז פארבונדן מיטן בית עולם . . . אָדער די פּאָר גראָשן גייען אין דער ערד אריין, אָדער דער פארלעגער פאר דער צייט, אָדער די מחברים לייגן צו דער באָבעס ירושה. עס איז אן עניו, וואָס דרייט זיך ארום דעם בית עולם. אין אנדערע לענדער גייט גאָר די גאנצע יידישע ליטעראטור מיטן קאָפּ צו דער ערד געבויגן . . .

און דאָך געפינען זיך יידן, וואָס לייגן אריין זייער גאנצע צייט און געלט און דאָס גאנצע לעבן אין יידיש פארלעגעריי. אמאָל האָט מען אפילו גע־פלעגט זאָגן, אז מען ווערט דערביי רייך אויך, און אפשר איז מען געוואָרן, היינט זאָגט מען שוין דאָס נישט מער.

אין איין שיינעם טאָג מיט א יאָר צוואַנציק צוריק איז אין ווארשע אויף דער יידיש־ליטעראַרישער בירזשע אויסגעוואקסן א בזשאָזע . . .

ווי זינגט דאָס משה לייב האלפּערן אין איינעם פון זיינע אומשטערבלעכע לידער „אונזער גאָרטן״:

זיבן בלעטלעך האָט דער בוים —
זאָל דאָס אונזער ביימל זיין?
אוודאי אונזער ביימל, וואָס דען — נישט אונזער ביימל?

אין עטלעכע וואָכן ארום זענען שוין אויף דער פלוצלונג אויסגעוואקסע־נער בזשאָזע געזעסן א טוץ פּאָעטן און נעטרילערט. די אנדערע זענען געזעסן אויף אלע אנדערע ביימלעך און האָבן אויך געטרילערט פון קנאה. בזשאָזע איז געוואָרן איינער פון די רירעוודיקסטע פארלעגער ביי יידן. צווישן אנ־

דערע האָט ער ארויסגעגעבן א פילבענדיקע פולע ביכער־רייע פון דעם פּאָ־פולערן און באַליבטן דיכטער ז. סעגאלאָוויטש.

בזשאָזאַ איז א מאָדנער ייִד, ער האָט זייער א רירעוודיקע פאַרגאַנגענהייט און אַן אידעאַליסטישע, און זייער א אומבאַוועגלעך פּנים און עס דאַכט זיך אַלעמאָל זיינע מחברים, אז ער איז אַן עקספּלואַטאַטאָר. אָבער בזשאָזאַ איז אַן אָרימאַן. זיין פאַרלאַג איז ווערט א פאַרמעגן, אָבער ער איז אַן אָרימאַן. בזשאָזאַ האַנדלט ביז היינטצוטאָג ווי אין טיפסטן אַלטערטום נאָר פאַרזענלעך. ער שרייבט נישט קיין בריוו און ענפערט נישט אויף קיין בריוו. ער איז אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן מיט אַמעריקאַנער שרייבער, ער באַשווינדלט זיי חלילה נישט, ער טוט וואָס ער קען, אָבער ער ענפערט נישט אויף זייערע בריוו, אַז אַלץ איינס קומט ער אַלע דריי פיר יאָרן קיין אַמע־ריקע, וואָס דאַרף ער ענפערן אויף בריוו? . . . אַז מען וויל ארויסקריגן פון בזשאָזאַן א בריוו דאַרף מען אים שיקן עפּנטלעכע בריוו מיט דעם באַוווּסטן נוסח „הערר בזשאָזאַ”. נאָך צען אזעלכע בריוו, און אַז ער קען שוין מער נישט דורכגיין די גאַס פון וואַרשע — באַווייזט ער זיך, קיין בריוו שרייבט ער אַלץ נישט, און עס ווייזט זיך ארויס זייער אָפט, אַז ער איז אומשולדיק.

אַז די ביכער־געשעפטן האָבן אָנגעהויבן צו גיין זייער שלעכט און עס איז שוין נישט געווען פון וואַנעט צוצולייגן, האָט זיך בזשאָזאַ גענומען צו הייזער־בויערײַ. דאָס איז געווען ביי אים א ירושה־פּראָפעסיע.גענומען זיך מיט ברען צו מאַכן גיך, גיך די פּאָר גראָשן און ווידער זיך קענען נעמען צו פאַר־לעגערײַ. אין יענע טעג אָדער חדשים איז געווען גאָר געפערליך מיט אים צו האַנדלען.

אַז א מחבר האָט אים אין יענע טעג געוואָלט אויפזוכן מכוח א האָנאָראַר, אָדער א בוכהענדלער האָט ביי אים געוואָלט קויפן א פּאָר ביכער, האָט ער געמוזט קריכן אויף הויכע, לעבנסגעפערליכע רושטאַוואַניעס און דאָרט — אָפּגרונט אונטער די פיס און בעלקעס איבערן קאָפּ — איז דאָס געשעפט געשלאָסן געוואָרן. פון אזא טראַנזאַקציע פלעגט א שרייבער, אָדער א בוכ־הענדלער אראָפּקומען אויף גאָטס ערד אַן אויסגעווייסטער מיט וואַפּנע און דאָס פּנים ווייס ווי קרייד פון שרעק.

אין אַנדערש מאָל האָט זיך אין יענע צייטן, ווען בזשאָזאַ האָט געבויט הייזער כדי צו קענען בויען זיין פאַרלאַג, געמאַכט, אַז א מענש האָט אים געזוכט צוליב טאַקע די הייזערבויאונגען. אָבער פּונקט איז דעמאָלט בזשאָזאַ געווען פאַר־נומען א פּאָר שעה מיט זיין פאַרלאַג. דעמאָלט האָט שוין דער, וואָס האָט גע־וואָלט אָפּקויפן אזא הויז אָדער א דירה אין הויז געמוזט קריכן טיף אונטער דער ערד, אין איינעם פון די קאַטאַקאָמבען־קעלערס, וווּ בזשאָזאַ האָט געהאַלטן זיינע ביכער. דאָרט איז דער פאַרלעגער ארומגעגאַנגען מיט א ליכטל אין

האנט, זיין פּנים האָט געוואָרפן ווילדע שאָטנס אויף די שטויסן מיט סעגאַ־לאָוויטשעס לידער אָדער דר. זשיטלאָווסקיס טראַקטאַטן, און דאָרט איז דער הייזער־ אָדער דירה קויף געשלאָסן געוואָרן.

דאָ נישט לאנג האָב איך אים געטראָפן אין ניו יאָרק. באהאָנגען און באקלאָנגען מיט פּעק ביכער, אונטער איין אָרעם א ראָמאן פון איינעם פון זיינע מחברים. אונטערן צווייטן א ראָמאן פון א צווייטן—בזשאָזאָ לעזט זיינע מחברים. איך האָב אים געזאָגט: שוין צייט איר זאָלט מאכן דאָס גרויסע געווינס און אויפגעבן אייער פארלאג. בזשאָזאָ האָט מסכים געווען צו געווינען א גרויס געווינס, אָבער ער האָט מיר הייליק צוגעזאָגט, אז ער וועט נישט טראכטן קיין איין רגע און ער וועט דאָס גאנצע געוווּנענע געלט דעמזעלבן טאָג ווידער אינוועסטירן אין זיין פארלאג און זיך ערשט פריש נעמען צו דער ארבעט. ער קען מער נישט לעבן אָן דעם. איך גלויב אים.

ער איז א פארלעגער פון בארוף — האָט ער מיר געזאָגט.

אפשר דערפאר, וואָס מען האלט אים אין אין איין רופן אין אָפענע בריוו: צום יידישן פזארלעגער הערר בזשאָזאָ . . .

הונדערטער יידישע ביכער האָבן א דאנק אים דערבליקט די ליכטיקע שיין. לאָמיר אים נעמען ווי ער איז.

1939

באָריס אַרקאַדיעוויטש קלעצקין

1875 אין האָראָדישטש — שפּעטער ווילנע, ערשטע וועלט־מלחמה פאַרבראַכט אין צענטראַל־רוסלאַנד, זינט 1919 ווידער אין ווילנע, געשטאָרבן סעפּטעמבער 1937.

ערגעצוואו דערציילט פּרץ וויאַזוי ער האָט פאַנטאַזירט וועגן די פּאַר־לעגער פון יידישע ספרים, וואָס זייערע נעמען געפינען זיך אויף גרויסע גמרות, וויאַזוי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט זייערע דרוקן און זיי אַליין. אַזוי האָבן מיר אַלע — לעזער און ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור אין די יאָרן פון 1912 ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה — פאַנטאַזירט וועגן ב. א. קלעצקין — דעם ערשטן אמתן פאַרלעגער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. זיי האָבן געמאַכט א טיפן רושם, די ערשטע קלעצקין־ביכער און־זשורנאַלן. אַזעלכע אויסגאַבן האָט מען ביז דעמאָלט אין יידיש נישט געזען. נישט אַזאַ פּאַפּיר און נישט אַזאַ דרוק. און אויך נישט אַזאַ דורכאויסיקע קוואַלי־טעט פון ביכער. אש, פּרץ, בערגעלסאָן, בעל מחשבות, אײנהאָרן — אַלע אויף איין אָרט און דערצו דער זשורנאַל די „יידישע וועלט", רעדאַגירט פון ניגער. יעדער נומער האָט געעפנט אַן אַנדער פענסטער צו אייראָפּע אין דעם הויז פון אונזער יידישער ליטעראַטור.

און אַזוי גיך דער גרויסער פלאַנטער פון דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט זיך ווי נישט איז אויסגעפּלאָנטערט האָט זיך באָריס קלעצקין — דאַסמאָל שוין אָן דעם „אָטשעסטוואָ" — באַוויזן אויפן יידישן ביכער־מאַרק. זיין גרויסן פאַרלאַג האָט ער אַריבערגעטראָגן פון ווילנע קיין וואַרשע. קלעצקין איז געווען א גרויסער ראָמאַנטיקער אָבער נאָך א גרעסערער רעאַליסט, א גרויסער רעאַליסט, אָבער נאָך א גרעסערער ראָמאַנטיקער . . . און כאָטש זיין נשמה איז געוועזן אין ווילנע, האָט ער אָבער געוווּסט, אַז מען מוז זיך רעכענען מיט דער צייט און בויען א יידישן פאַרלאַג דאָרט, ווו עס איז דער צענטער פון דער מלוכה און ממילא דער צענטער פון דעם יידישן מאַסן־לעבן.

קלעצקין האָט געהאַט די נשמה פון א „רוסקי קופּיעץ" פון דער ערשטער גילדע און גלייכצייטיק די נשמה פון א רוסישן רעוואָלוציאָנערן קאָנספּיראַטאָר. ער האָט ליב געהאַט פאַרנעם, ליב געהאַט צו שטעלן אַלץ אויף איין קאַרט, ער האָט באַלאַנגט צו די מענער וואָס זענען געבוירן אין אומשטאַנדן צו זיין עקספּלואַטאַטאָרן, אָבער מיט נשמות, וואָס האַלטן מיט די עקספּלואַטירטע און זיי מאַכן א גרויסצוגיקע פשרה, זיי בלייבן ביי זייערע פאַרמעגנס, אָבער נאָר אַזוי לאַנג ביז זיי געבן זיי אויס אויף צו פינאַנסירן ריכטיק רעוואָלוציאָנע־

רע באוועגונגען, וואָס דארפן ביזן וואָרצל אויסרייסן די עקספּלואַטאַציע. תמות נפשי . . . זיי גייען אונטער ווי גרויסע העלדן.

קלעצקין האָט מיט א ברייטער האנט פינאנסירט יידישע ארבעטער־באוועגונגען, ער האָט אָבער געהאט נאָך א שוואכקייט, די יידישע ליטעראטור, האָט ער אויך די יידישע ליטעראטור פינאנסירט — און צייטנווייז מיט אזא רחבות, אז עס האָט זיך געדאכט, אז ער האלט זי ממש אינגאנצן אליין אויס.

ער איז נישט געווען קיין בארימער, קלעצקין, זיכער נישט קיין קליינ־לעכער בארימער, ער איז צו קלוג געווען, צו קלוג און צו שטאָלץ. אָבער פון צייט צו צייט, אז שרייבעריש ייִנגווארג איז אים צופיל געקראָכן אויפן קאָפּ האָט ער מיט זיין קלוגן שמייכל א זאָג געטון: אז אייך וועט די יידישע ליטעראטור האָבן געקאָסט טויזנטער מאַרגעס וואלד, דריי טאַרטאַקעס, איין גרויסע גלאָז־פאבריק און פאר א צולאג א מיליאָן צארסקע רובל — וועל איך דעמאָלט אייער עצה פאָלגן, דערווייל דארפט איר פאָלגן מיין עצה.

א ייד א קראסאוויעץ, א הדרת פנים ווי אין פסוק שטייט, פעך-שווארצע אויגן, א פעך־שווארצע קעניגלעכע באָרד, א שיין געפּאָרמט פּנים, א רעפּרע־זענטאטיווע ליסינע, א ייד מיט א שטעל, אלעמאָל זייער זויבער און זייער פיין אָנגעטון און אלעמאָל פארבעט ער אייך אויף א מיטאָג, אויף אן אָוונט־ברויט, אויף א שפּאציר, און טאָמער האָט איר נאָר ווערק, וואָס באלאנגען צום ערשטן סאָרט, מיט קיין אנדערע פארנעמט זיך נישט קלעצקין, טאָמער האָט איר אפילו בלויז פּלענער — וועט אייך שוין קלעצקין אָפּגילטן און געבן אוואנסן. איר דארפט נאָר זיך איינקויפן ביי אים אין סימפּאטיע וועט ער אייך שוין אָפּקויפן אינגאנצן — אין בעסטן זינען פון דעם וואָרט, ווייל קלעצקין האָט פיינט חניפה, זי טוט אים ווי, שטארק ווי, ווייל ער איז אויפ־ריכטיק, א „דושא נאַ ראספּאשקו״. כאָטש ער איז קלוג, ער רעדט שיין און אלע־מאָל פול מיט פיינע חכמות — נישט וויצן, דאָס איז נישט ווירדיק — היט ער זיך אָבער אפילו פון א חשש, אז ער אליין שרייבט. ער ווערט אָבער אָפּט באַ־שריבן אין בעלעטריסטישער פאָרם אין די ראָמאנען און דערציילונגען פון די בעסטע שרייבער—אַש, בערגעלסאָן, זינגער—ער ווייסט דערפון, עס טוט אים הנאה ווייל מען שילדערט אים פונקט ווי ער איז און האָט ליב צו זיין, אָבער ער רעדט קיינמאָל נישט וועגן דעם. עס וואָלט נישט קלוג געווען. און פאר א נארישקייט היט זיך קלעצקין ערגער ווי פאר פארפלייצן זיין פארלאג מיט לידער ביכער . . .

אריבער א צענדלינג יאָרן קרענקט קלעצקין, אויך זיין פארלאג קרענקט, אויך דאָס גאנצע יידישע קולטור־לעבן קרענקט. ער גיט זיך נישט אונטער, ער נעמט אונטער האַפנונגסלאָזע שריט צו ראטעווען זיין געזונט, האָפנונגסלאָזע שריט צו ראטעווען זיין פארלאג, גיט ארויס ביכער מיט דער מיטהילף פון

די מחברים . . . און זײַן הדרת-פּנים ראַטעווועט ער אויך האָפּנונגסלאָז, מיר באַמערקן, אַז די אייביקע פּעכשוואַרצע באָרד זײַנע איז שוין נישט מער שוואַרץ מיט איר נאַטירלעכער שוואַרצקייט. אין איין שײנעם טאָג איז זי אַפּילו פּלוצ־לונג זילבערווײַס געוואָרן. אין דעם זעלבן טאָג האָט קלעצקין דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן נישט געצאָלט אַ וועקסל . . . נישט לאַנג האָט עס געדויערט און ער איז געשטאָרבן.

הונדערטער פון די סאַמע בעסטע יידישע ביכער פון דער סאַמע בליצייט פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור טראָגן דעם נאָמען ב. א. קלעצקין און דער נאָמען אַליין צווישן ענטוזיאַסטן פון יידישער ליטעראַטור דעם קלאַנג ווי „האלמנה והאחים ראם" ביי רעליגיעזע יידן . . .

קלעצקין האָט ליב געהאַט טראַדיציע, געזאָרגט זיך פאַר איר, און ליב געהאַט זײַן ווילנע, זײַן ראָמאַנטיש ווילנע פון פאַר דער ערשטער מלחמה. דאָרט אויפן בית עולם זענען זײַנע בעסטע פרײַנט געלעגן, אויף זייערע קברים האָט ער פאַר זײַן געלט די אײַנדרוקספולסטע מצבות געשטעלט און דאָרט האָט ער זיך אַליין אויך באַצייטנס צוגעגרייט אַן אָרט מיט אַ שטיין, און אויפן שטיין איז באַצייטנס געוועזן אויסגעקריצט אַ פּראָסטע, יידישע אויפ־שריפט: דאָ ליגט באַגראָבן אַ יידישער פאַרלעגער.

1942

לילי פרישמאַן

די אלמנה נאָך דוד פרישמאַן. שטאַמט פון לאָדזש. גרויסע וועלט־רייזעס איבער אייראָפּע, אפריקע, אמעריקע. זינט 1937 שטענדיק אין אמעריקע. ביז 1931 געוווינט אין לאָדזש, בערלין, וואַרשע.

דוד פרישמאַן, דער בארימטער העברעיִשער און יידישער שריפטשטעלער איז געשטאָרבן אין בערלין אין יאָר 1922, אין זיין 62־טן לעבנס־יאָר און כאָטש עס איז ארום פרישמאַנען אלעמאָל זייער טומלדיק געווען, שוין זינט דעם יאָר 1883, ווען ער האָט, צו זיינע 23, פאַרעפנטליכט זיין דעמאָלטיקע אַטאָמישע באָמבע אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, זיין „תוהו ובוהו", איז עס אָבער באַלד זייער שטיל געוואָרן ארום זיין נאָמען און געדעכעניש. אזוי איז עס אָפּט דער פאַל מיט קריטיקער. די 1001 באַוואוּלטע — און ווער פילט זיך דען נישט באַוואוּלט דורך א קריטיקער — ווערן נאָך'ן טויט זיינעם זייער טאַק־טיש — מחמת אחרי מות קדושים אמור — און נעמען ביי דער געלעגנהייט די גרעסטע נקמה. זיי טרעטן צו מיט א פוס וואָס דער מלאך המות האָט דער־וואָרגן מיט די הענט. נאַטירלעך איז נישטאָ אזא כוח וואָס זאָל קענען דוד פרישמאַנען ארויסרייסן פון דער העברעיִשער אָדער יידישער ליטעראַטור אפילו, אָבער חיי געלעבט, עטליכע יאָר קען מען דאָך נעמען שווייגנדיקע נקמה.

דוד פרישמאַן — וועלכן איך האָב פערזענלעך נישט געקענט, איז דווקא געווען א פריינט פון אנדערשדיקע דיכטער, געשטאַנען נאָענט צו דער בראָדערזאָנישער גרופּע פון „יונג יידיש" אין לאָדזש. ער האָט עס אָפּט געטון כדי מיט דעם צו רייצן די קלאַסיקער, נישט לאָזן זיי רויק דרימלען אויף די לאָרבער־בלעטער. און אז ער איז געווען זייער פריינט — זענען זיי געווען זיינע פריינט. אָבער פיל האָט דאָס נישט געקענט העלפן. דער לייען־קרייז פון די אנדערשדיקע דיכטער איז געווען זייער באַגרעניצט.

און פּלוצלונג — א גרויסע סענסאַציע. א זאַך, וואָס איז קיינמאָל נאָך ביז דעמאָלט נישט פאָרגעקומען אין דער יידישער אָדער העברעיִשער ליטע־ראַטור. די אלמנה נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם שרייבער דוד פרישמאַן וועט האַלטן א לעקציע וועגן דעם בארימטן מאַן אירן. געווען איז עס — דאַכט זיך — אין יאָר 1928. די ערשטע לעקציע איז פאָרגעקומען אין זאַל פון ליטעראַטן־פאַריין — די וויטערדיקע איבער גאָר דער וועלט.

מענטשן, וואָס זענען היימיש מיט די הינטער־קוליסן, האָבן געוווּסט, אז פרישמאַנס פרוי — לילי — איז א רייע יאָרן יינגער געווען פון אים. זיי

האָבן אפילו געוווּסט, אז זי האָט געשטאַמט פון לאָדזשער יידישער פלוטאָ־קראַציע און אז הונדערט טויזנט רובל איז געווען איר נדן. ווי די זאַך זאָל נישט האָבן געווען — נאָך פרישמאַנס טויט זענען אפילו קיין הונדערט קערענקעס נישט געבליבן אין דער ירושה. און צוויי קינדער זענען געבליבן, צוגעוווינטע צו כל טוב און נישט אין בעסטן געזונט. אָבער דאָס לעזנדיקע פובליקום, ביי וועלכן פרישמאַן איז געווען זייער פּאָפּולער צוליב זיינע קלאַסישע פעלעטאָנען, וואָס געהערן צו די בעסטע אין דער יידישער פובליציסטיק, האָט אנדערש קאָמבינירט: פרישמאַן איז געשטאָרבן צו 62, און עס איז שוין עטליכע יאָר נאָך זיין טויט — דאַרף אויך די פרוי זיין א זקנה פון ארום די זיבעציק. ווי איבעראַשט איז מען געווען, אז עס איז פאַרן פול־געפּאַקטן זאַל דערשינען אן עלעגאַנטע דאַמע אָנגעטון מיט דעם פיינסטן שיק, אויסזען צווישן פערציק און פינף און פערציק, און האָט, אין ערשטן מאָמענט, מיט אביסל אימתא דציבורא, און שפּעטער מיט אסך דרייסטקייט איבערגעלעזן א גלענצענדע כאַראַקטעריסטיק פון דער פּערזענלעכקייט פון איר מאַן. א שאַרף, מאַרקאַנט פּנים פון א הערשערישער נאַטור. די קורצזיכטיקייט שטייגערט נאָך דעם איינדרוק, עס דאַכט זיך, אז זי קוקט אויף אלעמען פון אויבן אראָפּ. און אפשר איז זי טאַקע צוגעוווינט געוואָרן צו דעם סופּעריאָריטעטס־קאָמפּלעקס דורך איר מאַן, דעם שאַרפן קריטיקער. זי האָט זיך דאָך זיכער א לעבן לאַנג אָנגעהערט מיט זיינע שאַרפע באַמערקונגען וועגן מענטשן, דער עיקר שרייבער ביי יידן. איר פּנים — א יידיש פּנים — מער גריכיש ווי סעמיטיש.

מען האָט געזאָגט, אז דער גאַנצער איינפאַל איז געווען פון דעם דיכטער און פעלעטאָניסט פון „היינט״, י. מ. ניימאַן, מען האָט אויך געזאָגט, אז ער האָט סטיליזירט דעם רעפעראַט, אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. זינט דעם ערשטן אויפטריט איז לילי פרישמאַן געוואָרן איינע פון די דערפּאָלגרייכסטע צווישן די ליטעראַרישע לעקטאָרן ביי יידן. שפּעטער האָט זי די פּאָרלעזונג געזאָגט פון אויסנווייניק. באַלד האָט זי אויך איבערגענומען די הויפּט־אַגענטור פון ארויסגעבן און פאַרשפּרייטן די צענדלינקער בענדער פון די ווערק פון דוד פרישמאַן אין העברעיש און אין יידיש.

פרוי פרישמאַן האָט געקענט די ווערק און דאָס לעבן פון איר מאַן, אָבער דאָס לעבן איז צו פאַרביק געווען צו געדענקען יעדן פּרט אין אים. און איינמאָל, אין יאָר 1931, איז לילי פרישמאַן געקומען קיין יאָהאַנעסבורג און דאָרט איז דעמאָלט געווען הויפּט־ראַבינער דר. י. ל. לאַנדוי, וואָס האָט אמאָל, אמאָל געשריבן ביבלישע דראַמעס. איך בין גראָד דעמאָלט אויך אין אפריקע געווען. איינמאָל רופט מיך פרוי פרישמאַן צו זיך און באַלד נאָך

מײן טראַדיציאָנעלן פּױלישן קוש־אין־האַנט ברעכט זי אױס אין אַ ספּאַזמאַטיש געװײן. זי איז געװעזן מיט אַ באַזוך בײַם רבֿ און ער האָט זי אױפֿגענומען קיל און פֿרעמד און האָט קײן שום הילף נישט צוגעזאָגט און אין דעם דאָזיקן גאָלד־לאַנד אָן דער ברכה פֿון רבֿ איז מען פֿאַרלױרן. און — פֿאַרװאָס, פֿאַר־װאָס? אױב ניט דר. לאַנדױ, טאָ װער דען װעט דאָ װיסן װער פֿרישמאַן איז געװעזן . . . די זאַך האָט זיך שפּעטער אױפֿגעקלערט און אַפֿילו אױסגעקלאָ־רעװעט און — ענדע גוט, אַלץ גוט. דאָס איז נאָר געװעזן אַ רעאַקציע פֿון דעם חשובֿן ראַבינער, אַ טראַומאַטישע האַנדלונג, פּסיכאָאַנאַליטיש לײכט צו דערקלערן: נאָך טיף, טיף אין 19־טן יאָרהונדערט האָט דוד פֿרישמאַן אַמאָל אַזױ אָראָפּגעריסן לאַנדױס דראַמעס, אַז די װוּנד האָט זיך פּופּציק יאָר נישט געקענט פֿאַרהײלן. כאָטש אין אַ גילגול איז אָבער די פֿליג דאָך ענדליך אַרײַנגעפֿאַלן אין דער נעץ . . .

פֿרױ פֿרישמאַן האָט מיר אַמאָל אין אַמעריקע דערצײלט, אַז דער פֿאַל איז נישט געװעזן קײן פֿאַראײנצלטער, פֿון אײן זײַט האָט זי איבער דער װעלט געמאַכט צו גאָלד פֿרישמאַנס גרױסן שם, פֿון דער אַנדערער זײַט האָט זי אָבער אומעטום געמוזט צאָלן זײַנע, מיט יאָרן און יאָרן צוריק, אױסגעשטעלטע שאַרף־קריטישע װעקסלען.

אײנע פֿון די סאַמע, סאַמע אינטערעסאַנטסטע צװישן ײדישע שרײַפּט־שטעלער־פֿרױען.

1945

די משפחה שטאַבזיב

אין סאמע הארץ פון יידישן געגנט אין ווארשע, א פּאָר שריט פון קראשינ־סקיס גאָרטן מיט די זיבעטהאלבןביימער און זיבעטהאלבן בלעטלעך אויף יעדן בוים, אנטקעגן דעם פּשעיאזר מיט דער גרויסער קאזארמע, ביים סאמע אָנ־הויב פון דער נאוואליפּקי־גאס איז געשטאנען א ריזיק הויז, א זעקס־שטאָ־קיקס מיט צענדלינגער פענסטער צו צוויי פראָנטן — דער צווייטער צו דער דזשיקע־גאס — דאָס איז געווען נאוואליפּקי 6. דאָס גאנצע הויז האָט באלאנגט צום יידישן גביר שטאבזיב. זיינע געשעפטן האָט ער געהאט אויף גענשע־גאס, ווו עס זענען געזעסן מיט זייערע קראָמען אלע איבעריקע יידישע טוך־און לייוונט־הורטאווניקעס. א ייד ווי אלע יידן און דעם סוד פון מאכן א גראָשן האָט ער גוט געקענט, א נידעריקער און א דיקלעכער, „דאטש" געקליידט, מיט א געשוירן בערדל און אָן א שווארץ־זיידן קאפּל אויפן קאָפּ זעט מען אים נישט און אז ער פלעגט אמאָל אריינקומען אין די צימערן פון זיינע זין און טעכטער, צימערן אָנגעפּאקטע מיט ביכער און באהאָנגענע מיט בילדער און אנדערע שיינע זאכן, האָט עס אים לאנג אין די צימערן נישט געהאלטן — א מינוט, צי צוויי. און אויך אין דער מינוט איז זעלטן געווען וואָס צו רעדן. צוויי וועלטן מיט א שארפער גרעניץ. דער איינציקער ארטיסטישער אָפּנויג וואָס דער ייד פון א גאנץ סוחריש יאָר האָט געהאט איז געווען א ליבע צו שטימונגספולע וואנטזייגערס . . . אין יעדער שטוב זיינער פון דעם טוץ שטובן, וואָס ער האָט באוווינט אין זיין אייגן הויז אויפן צווייטן שטאָק, האָט געמוזט זיין אן אנדער מאָדע וואנט־זייגער און זיין גרעסטע פרייד איז געווען צו רעגולירן און אליין אָנציען די זייגערס. שווארץ־חנעוודיק און גאנץ אנדערש איז געווען זיין פרוי און כאָטש אינערליך מער צוזאמענגעבונדן מיט די זין און טעכטער — אויך זי פלעגט זעלטן אריינקומען אין זייערע צימערן ווען געסט זענען געווען. און געסט זענען געווען כמעט שטענדיק, יעדע שעה אין טאָג און אין אָוונט, און אלע טעג פון יאָר, סאידן אין די טעג ווען קיין איינע פון די טעכטער אָדער זין איז נישט געווען אין שטאָט, נייערט אויף די אומאויפהערליכע יאזדעס איבער די הויפּט־שטעט פון מערב-אייראָפּע. אין פּאריז און אין בערלין האָבן זיי געהאט אייגענע קליינע דירות. נישט מיט אלע קינדער פון דער פּאַמיליע האָט זיך די ווארשעווער יידישע קינסטלער־משפחה געחברט. לרוב בלויז מיט עסטושען און פּעסקען, מיט יאָסלען, משהן, דודן און יאָסלס פרוי רחל׳עך.

אנטקעגן נאוואָליפּקי 6 איז געווען נאוואָליפּקי 5 און אין פּארטער פון דעם הויז איז געווען אין א שאָטנדיק ווינקל אין קאָרידאָר א פּריוואטע אויסליי־ביב־ליאָטעק „ברעסלערס טשיטעלניע". ברעסלער אליין האָט זיין אייגענעם פּלאץ

אין דעם „לעקסיקאָן". אין זיין טשיטלעניע איז אייביק געשטאַנען דער כאַראַק־טעריסטישער זיסלעך־זוירער דומפּיקער ריח פון ספרים און אין ביתהמדרש־דיקן האַלב־טונקל זענען כסדר געשטאַנען אַ פּאָר יונגע־לייט, וואָס האָבן געקליבן ביכער. און אַלע ביכער דאָ זענען געווען צעלעזן ווי אַלטע סידורים, די ראָמאַנען זענען געווען טרערן־באַפּיכטט אויף די ריכטיקע שטעלעס, ווי מחזורים ביי די יזכּר־בלעטער, און די ליטעראַרישע ביכלעך זענען געווען פאַרזען מיט אויסרוף־צייכנס ביי די מער רעוואָלוציאָנערע ערטער. דאָ האָט זיך געכאָוועט ברעסלערס הערליכע, טיף־אויגיקע שאַטינקע רחל און דאָ האָט זיך יאָסל שטאַבזיב נאָך קינדווייז אין איר פאַרליבט — אַן אמתער ראָמאַן פון אַ מעשה־ביכל, אַ ליבע פון אַ פּרינץ צו אַן אָרים מיידל. און די זעקס שטאָק פון נאָוואַליפּקי 6 האָבן זיך משדך געווען מיט דעם גייסטרייכן ביכער־ווינקעלע פון נאַוואָליפּקי 5.

אין דעם אינטעלעקטועלן טייל פון דער שטאַבזיב־דירה האָט מאַרקיש יאָרן־לאַנג פאַרבראַכט און מען האָט קיינמאָל נישט געוווסט צי געפעלט אים מער די עלטערע עסטושיע, די העל־בלאָנדע מיט אַ פּנים, וואָס האָט אביסל דערמאָנט אַ בעטהאָווען־בילד אין באַגייסטערטן מאָמענט, צי די העכערע און זייער צאַרטע שאַטינקע פעסקע. זיי זיינען דאָס געווען די אַרטיסטישע נשמה פון דעם הויז שטאַבזיב. דאָ פלעגט מען פאַרענדיקן ביז אַ שפּראָץ אויף טאָג די צעווילדעוועטע כאַלאַסטרע־טעג. דאָ אויף די סאָפקעס און די־וואַנען אויף דער ערד פלעגט מען לעזן כתב ידן פאַרוקט אין אַ ווינקל, אין שיין פון איינעם פון די דיסקרעטע אַבאַזשורן. דאָ האָט מען גערעדט יידיש און נאָר יידיש, דאָ האָט מען געחלומט פון אַ יידיש־יידישער אינטעליגענץ און דאָ האָט מען געזען באַשיינפּערלעך, אַז עס איז מעגליך. אַרום און אַרום, אויף די טראָטואַרן אַרום דעם ריזיקן הויז האָט אייביק געשטראָמט דער שטראָם פון דער געדיכטער חסידישער און פּראָלעטאַרישער וואַרשעווער יידישקייט און די יונגע פּאַניענקעס און גאָלדענע יונגע לייט, וואָס האָבן שוין קיין יידיש וואָרט אין מויל נישט גענומען. אָבער אויפן צווייטן שטאָק איז אייביק געשטאַנען די האַלבטונקלקייט פון חלום פון דיכטער, פּראָזאיקער און קינסטלער יידישע. דאָ פלעגט מען מיט דרך ארץ אויפנעמען די גרויסע געסט פון ניו יאָרק — אַפּאַטאָשו; לייוויק; הירשביין און ווער דען נישט. דער עיקר איז אַפּאַטאָשו מיט דעם הויז באַפריינדעט געוואָרן. דורך דעם פענסטערל פון אָט דער שטוב האָט ער אַריינגעקוקט אין דער געדיכטעניש פון יידישן וואַרשע. דאָ האָט זינגער פאַרבראַכט כמעט יעדן אָוונט. דאָ פלעגט ער הונדערטער מאָל אימיטירן חלל צייטלינען, סטופּניצקין און דעם שטומען מינקאָווסקי, ווי נאָר ער אַליין האָט עס געקענט, און אייביק איז עס געווען אַ „שלאַגער". דאָ זענען געשטאַנען אין פיינע פּאָליצעס, איינגעמויערט דיסקרעט אין אַלע ווענט,

אַלע בעסטע נײַע ייִדישע ביכער און געחלומט פֿון דער גרויסער רענעסאַנס פֿון אַלע ייִדישע קונסט־צווײַגן. דאָ האָט מען שטיל געזונגען די שענסטע ייִדישע פֿאָלקס־לידער און זיך געבראָכן די צונג איבער די אומפֿאַרשטענד־ליכסטע כאַלאַסטרע־פּאָעמעס. דאָ האָט מען דערציילט פֿון דער ערשטער האַנט פֿון די נאָר וואָס פֿאַרקלונגענע גאָלדענע יאָרן פֿון דער פּרץ-תקופֿה. כמעט אַלע האָבן דאָ נאָך געדענקט זײַנע פּרימאָרגן שפּאַצירן מיט דער פֿעלערינע אין סאַקסישן גאָרטן.

מיט מאַרקישעס אָפּפֿאָרן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אין יאָר 1928 האָט זיך אַסך געענדערט אין הויז פֿון די שטאַבזיבס. די אויסלאַנדס־רײַזעס פֿון די זין און די טעכטער זענען געדיכטער געוואָרן, די באַזוכן אין זייער שטוב אין וואַרשע מצד די שרײַבער און מאַלער — שיטערער.

און דער סך הכּל אין די יאָרן 1939־1945 — אַש אין טרעבלינקע, בערגען־בעלזען. געבליבן זענען עסטושיע און פּעסקע, וואָס האָבן געוווינט אין פֿראַנק־רײַך, שפּעטער אין ענגלאַנד און דוד אין דער שווייץ, שפּעטער אין פֿראַנקרײַך. אַלע איבעריקע מיט קינד און קייט — ווײַל אַ נײַער דור איז שוין אונטערגע־וואַקסן — מיט דער שיינער רחלען, מיט די אויגן פֿון אַ פֿאַרוווּנדערטער און פֿאַרוווּנדעטער הערשין, זענען געגאַנגען אויף נאָמענלאָזע בערגלעך אַש.

1945

העניעך איש

ארום 1890 אין א פוילישׁ שטעטל, נישט ווייט פון ווארשע,
אלע זיינע יאָרן געלעבט אין ווארשע, געבליבן אין געטאָ.
אומגעקומען.

ביים סאמע אָנהייב פון די נאַלעווקעס אין ווארשע, דער באַרימטסטער יידישער האנדלס-גאַס פון אלע לענדער, שטעט און צייטן, כמעט אנטקעגן־איבער דעם קראשינסקי־גאָרטן, ראָג נאָוואָליפּקי איז געשטאַנען א צוויי־שטאָקיק הויז אָנגעפּאַקט פון דאך ביזן קעלער — פּונקט ווי אלע הייזער פון די נאַלעווקעס — מיט אלערליי קראַמען. נאָר אלע הייזער אויף די נאַלעווקעס האָבן גלאַט געהאַט נומערן און יעדעס אויך צונעמעניש און דאָס הויז האָט אָפיציעל געהייסן: די נאַלעווקער קראַמען. אין אָט דעם הויז איז צענדלינקער יאָרן לאַנג געווען א פּראָנטגעשעפט פון גומי־זאַכן און איבערן געשעפט א גרויסע שילד „העניריק איש"; און געווען איז עס דער האיש הידוע, וואָס אָן אים האָט זיך דער ווארשעווער פארריין פון יידישע ליטעראַטן און זשור־נאַליסטן אין פארלויף פון אסך יאָרן נישט קיין ריר געטון נישט רעכטס און נישט לינקס.

ווען ער וואָלט געוואָלט — העניעך איש — וואָלט ער געווען איינער פון די פעיקסטע זשורנאַליסטן־רעפּאָרטערן און א צייט־לאַנג איז ער עס טאַקע געווען און געאַרבעט אין מאָמענט און אין היינט, אָבער זייער באַלד האָט זיך אים דער פאַך אָפּגעגלוסט. נישט אָפּגעגלוסט האָט זיך אים זיין אומענד־ליכע ליבשאַפט צו די יידישע שרייבער ווי זיי שטייען און גייען.

א ייד א מיטלוווקסיקער, א טונקלהאָריקער, מיט נישט קיין כאַראַקטעריס־טישע, אביסל גרויסליכע פּנים־שטריכן, מיט א שטימע געווינט צו רעדן כסדר אביסל העכער ווי מען מוז און זייער דירעקט און אביסל חוצפּהדיק אפילו און מיט אן אויסדרוק „מיר פארשטיין זיך — ברודערקע" . . . א פּנים אין וועלכן גאָרנישט איז סעמיטיש אין פּרט נאָר אין כלל איז דאָס גאַנצע פּנים דורכאויס יידיש. אלעמאָל לייטיש אָנגעטון, אלעמאָל פארנומען אין הונדערט געשעפטן גלייכצייטיק, און אלעמאָל מיט אן אָפן אויער צו די אייביקע טענות פון חברים־שרייבער צון אים.

פון זשורנאַליסטישן פאַך איז ער שוין לאַנג אוועק, קיין בעלעטריסטישע זאַכן האָט ער נישט געשריבן, אויף קיין אָוונטן פלעגט ער נישט ארויס־טרעטן און זיין משפּחה איז געווען א היפּשלעכע — זעקס קינדער — און זיין פרוי, א קיילעכדיקע פון כסדר זיצן און לעזן, א שטאַרק קורצזיכטיקע און מיט א גרויסן ביטול צו די פּערזענליכקייטן, הגם נישט צו די טאַלענטן

פון די יידישע שרייבער, ווייל זי איז געווען א גרויסע פארשטייערין פון ליטעראטור — און דאָס אלץ זענען דאָך סיבות וויטצוהאלטן אזא הענעך איש פון דער שרייבערישער וועלט. זיינע קינדער גראָטענע איינס אין איינס — לרוב מיידלעך. איינס איז אים אין די גאנץ יונגע יאָרן געשטאָרבן, און דאָס הויז מיט די פיל דינסטן און באָנעס האָט אָפּגעקאָסט א ים מיט געלט און אז ער פלעגט אהיימקומען פלעגן אים די קינדער ארומנעמען אזוי ווי אייזן־שטויב נעמט ארום א מאגנעס און ער האָט זיי און זיי האָבן אים ליב געהאט און דאָך פלעגט ער געפינען צייט צו קומען אויף אלע פארוואלטונג־זיצונגען פון זיין פאריין, צו וועלכן ער האָט פּראָפעסיאָנעל שוין יאָרצענדלינקער קיין שייכות נישט געהאט, אפילו שוין קיין איינרעדעניש נישט מער און קיין אמביציע נישט. אייביק איז ער דאָרט אין דעם פאריין געווען דער ערן־סעקרעטאר און אלע קאָמפּליצירטע חשבונות און אלע קאָמפּליצירטע סכסוכים צווישן די דיכ־טער און די פארלעגער, די זשורנאליסטן און די ארויסגעבער און רעדאקטאָרן פלעגט מען אים צוווארפן אָט אזוי ווי מען וואָלט אים דאָרט ספּעציעל דער־פאר געהאלטן פאר א גרויסן יערליכן געצאָלט, אָדער כאָטש פאר בערג מיט כבוד. פון געצאָלט איז שוין אליין פון זיך קלאָר, אז נישט מען האָט אים גע־צאָלט און נישט ער האָט עס געדארפט, נאָר כבוד פלעגט מען אים אויך צו־טיילן אין דער פאָרם פון „וואָס וויל ער פון אונז, אָט דער נאָלעווקער סוחר?" אזוי פלעגן, געוויינטלעך, טענהן די באעוולטע זייטן פון די אייביקע סכסוכים. אָבער דאָך האָט עס נישט פּאסירט, אז א שרייבער זאָל מאכן א קאָנטראקט מיט א פּאָרלעגער און זאָל אים פריער נישט ווייזן אישן. אויף די אלגעמיינע פארזאמלונגען פלעגט ער אלעמאָל פארנעמען כאָטש א העלפט פון דער צייט מיט אלערליי פּראקטישע זאכן, דאָס סקרוטיניום פון שטימען־ציילן — אין זיינע הענט. און רעדן פלעגט ער זאכלעך ווי צוויי־מאָל־צוויי, און עס פלעגט אלעמאָל שטיל זיין ביי זיין רעדן ווייל ער האָט אלעמאָל געוווּסט וואָס ער וויל. אָפט — דער איינציקער צווישן דער חברה, דרייפערטל באָהעמען. און נאמבערג פלעגט שעפּן גרויס נחת פון אים און איש האָט נאמבערגן רעס־פּעקטירט ווי א גאָט. נאמבערגס א וואָרט איז אים געווען געזעץ.

אז נאמבערג איז געשטאָרבן און מען האָט געוווּסט, אז עס וועט זיין א גרויסע לוויה און מען דארף אן אָרגאניזאטאָר, איז אויף דער גרויסער טרויער־זיצונג פון דער פארוואלטונג נעבן דעם נאָמען פון דעם פארשטאָרבענעם ארויסגעשווומען נאָר נאָך איין נאָמען: איש . . . קיין דיסקוסיע איז נישט נויטיק געווען, עס איז אויך נישט נויטיק געווען צו פרעגן ביי אישן זיין הסכמה צו נעמען אויף זיך אזא שווערן עול. צוויי טעג שפּעטער, נאָך 48 שעה ארבעט אָן אן איבערייס, איז ער שטיל, אָן א דאנק פון קיינעם, הייזעריק ווי די וואנט, אליין האלב־טויט צוריקגעגאנגען צו די נאָלעווקער קראמען צו

זיינע געשעפטן כדי דאָרט אין פרישע 48 שעה אָן אן איבעררייס צו דעריאָגן די פּארזוימטע צוויי טעג.

און געלט פלעגן ביי אים די פּאָעטן נעמען אין מזומנים, אין וועקסלען און אין נאטור אין דער פאָרם פון רעגן־מאנטלען, קאלאָשן, די באוויבטע פלעגן אויך נעמען קינדער־שערצעלעך און קיך־פארטוכער פאר די פרויען. און א חכם איז ער געווען, און דורכקוקן פלעגט ער א מענשן דורך און דורך ווי א רענטגען־שפּאקטיוו, און אז יענער האָט אָנגעהויבן מיטן הימל האָט איש שוין געוווי געטראָפן וויפיל יענער וועט דארפן, אז ער וועט אראָפּקומען אויף דער ערד אין א פערטל שעה ארום, און האָט שוין ביי דער קאסע פון זיין קראם געהאלטן גרייט דאָס געלט . . . און עס האָט אים נישט געארט זוען מען פלעגט אים האלטן פאר א נאר צוליב דעם געבן אָן א סוף און אָן א דאנק ווייל אין זיין חכמה האָט ער טאקע געוווסט, אז דאָס איז דער וועג פון יעדער ליטעראטור און ער האָט די יידישע ליטעראטור ליב געהאט ווי מען האָט ליב א פארשייטע געליבטע, אי מיט ליבע און אי מיט אומענדליכער זאָרג, ווי א געליבטער און ווי א פאָטער . . . עס האָט אים אפילו נישט געארט ווען מען פלעגט אים צוביסלאך פארגעסן אין קריזיס־צייטן ווען זיין קאסע איז גע־ווען ליידיק, ער האָט געוווסט, אז זיין געליבטע וועט ווידערקומען . . . אין געטאָ, זאָגט מען, האָט ער געארבעט אין א „רזשאינט"־קיך. דאָס איז דער לעצטער גרוס.

1944

אברהם זײנפעלד

1886 אין סטאַניסלאַוואָו, זינט פריער יוגנט אין װין, רײזע קײן ארגענטינע, רײזעס אין מערב אײראָפּע, געװױנט אין װין, קראָקע, װארשע, לעמבערג — דאָרט געבליבן אין 1941 און אומגעקומען.

פיל צענדלינקער יידישע שרײבער אין פױלן קענען דעם נאָמען אברהם זײנפעלד און בענשן אים. עפנטליך פלעגט דער נאָמען נישט דערשײנען אין ערגעץ, סײדן אין דער רשימה פון דער צענטראלער פארװאלטונג פון יידישן װיסנשאפטלעכן אינסטיטוט אין װילנע.

זײנפעלד איז אײנער פון די טיפסטע ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראטור, ליבהאָבער איז װײניק, איך חסיד װאָלט געװעזן װײניק, װײל זײנפעלד האָט אין דער ליטעראטור נישט געגלױבט װי א חסיד אין זײן רבין, נאָר װי אן אמתער, פרומער רבי גלױבט אין גאָט . . . ער האָט געשטאמט פון בירגערליכער, רײכער פאמיליע פון מזרח־גאליציע. זײנע ברידער זענען געװעזן שטרענגע מענשן און שארפע סוחרים, לעדער־סוחרים מיט אן אײראָפּעישן נאָמען און נאָר ער און זײן יינגערער ברודער, א דאָקטאָר, זענען געװעזן אידעאליסטן אָן א גרעניץ. זײנפעלד איז אלײן אױך געװעזן א סוחר, אָבער אלע גרױסע פארדינסטן פלעגט ער אױסגעבן אױף ליטעראטן און ליטעראטור. ליטעראטור האָט ער פארשטאנען ביז אין אלע טיפענישן און געקענט און געלעזן אָן א שיעור בעלעטריסטיק, אָבער אַ״ם אלײן האָט גאָט אױף דער צונג ארױפגעלײגט א קױל און זי שטאמלענדיק געמאכט — נישט אין פיזישן זינען. ער האָט בשום אופן נישט געקענט ארױסברענגען קלאָר און דײטלעך װאָס ער האָט אזױ קלאָר און דײטלעך געפילט און פארשטאנען. אָפט פלעגט ער זיך פרוװן אױסרעדן, ארױסברענגען אלץ, װאָס ער דענקט, פילט און פארשטײט, מען האָט אים שטארק ליב געהאט און מען האָט אים אױסגעהערט זײער געדולדיק — נאָר ער האָט געװוסט, אז ער ברענגט נישט ארױס א צענט־חלק פון דעם, װאָס ער װײסט, האָט ער זיך פלוצלונג פארטראכט אין מיטן רעדן, אנטשװיגן אין גאנצן, און נאָך א פּאָר מינוט א זאָג געטון אױף גאליציאניש „עבן״ — און דאָס איז לרוב געװעזן דאָס לעצטע װאָרט פון זײנע רײד מיט חברים.

איך האָב אים געקענט נאָך פון מײנע װינער יאָרן אָן, פון 1913, װען נור געװױנט אין אײן שטאָט מיט אים — טעגליך זיך מיט אים געטראָפן װען נאָר אין א צרה געװעזן אין פארלױף פון א יאָר 15 — זײנפעלד האָט געהאָלפן. און נישט נאָר מיר — נאָר אלעמען, אלעמען. ער פלעגט געבן און

מאָמענטאַן פאַרגעסן און עס פלעגט זיך אים אָלעמאָל דאַכטן, אַז נישט אים איז מען שולדיק, נאָר ער איז שולדיק ווייל ער האָט געדאַרפט געבן מער. איז ער אייביק שולדיק דעם חילוק . . . מען וואָלט ממש געקענט פאַראַפראַזירן דאָס גרויסער וואָרט: — ווער עס איז פון אונז אָן א שולד . . . צו זיינפעלדן . . . זאָל אַראָפּנעמען פון זיין האַרץ דער ערשטער דעם שטיין פון געוויסנס־ווייַ.

זויאַזוי זיינפעלד איז געקומען צו דער ליטעראַטור? ער האָט אמאָל, אמאָל געחלומט אליין צו ווערן א שרייבער — אזוי פלעגט ער דערציילן. געשריבן, געשריבן אָבער כסדר געשטאַנען אויף איין אָרט, ווי איינער וואָס גייט אין א חלום אויף א באַרג אַרויף . . . און א שאַרפער זעלבסט־ריכטער איז ער געוועזן, האָט ער איינמאָל באַשלאָסן א סוף צו מאַכן מיט דעם. דעמאָלט האָט ער א גאַנצע נאַכט געוויינט ווי נאָך געזעגענען זיך אויף אייביק מיט א טיף־געליבטער. נאָר אויף צו מאַרגנס איז ביי אים אויפגעקומען א געדאַנק פון טרייסט: חתונה האָבן מיט דער ליטעראַטור ווען ער טאָקע נישט, אָבער ער וועט דאָך מעגן וווינען אין דער נאָענט נעבן איר. נאָענט צו יענער צייט האָט ער זיך באַקענט מיט שמואל יעקב אימבערן. זיי זענען ווי ברידער געוואָרן. מיט איינער פון די דריי וואונדערליכע אימבער־שוועסטערן — דער וואונדערבאַרסטער הנה׳ן — האָט זיינפעלד אין יאָר 1919 חתונה געהאַט. און אויך קיין קינדער זענען אים נישט באַשערט געוועזן. נישט גייסטיקע, נישט פיזישע קינדער.

נאָך אָפּדינען א פּאָר יאָר אין עסטרייכישן מיליטער, נאָך יאָרן אויפן פראָנט איז זיינפעלד געוואָרן א שותף צו געשעפטן פון זיינע ברידער, געוווינט אין וואַרשע, קראָקע, לעמבערג. יעדע פרייע מינוט פאַרברענגט ער אין זיין היים אין דער געזעלשאַפט פון טויזנטער פון די בעסטע ביכער און צענ־דלינקער שרייבער, וואָס פלעגן טעג און נעכט פאַרברענגען אין זיין היים. אָט קומט ער אריין, זיין נישט שיין, קייַלעכדיק פּנים ווערט פול מיט גוטסקייט און שמייכל ווי ער דערזעט נאָר זיינע אייגענע און זיינע געליבטע פריינט, און זיין גייסט פליט שוין ערגעץ, דאָ האָט ער א ליד נישט ריכטיק פאַרשטאַנען און וויל עס איצט באַנעמען, דאָרט האָט ער א דערציילונג ניט דערלייענט, און עס דאַכט זיך אים, אז ער האָט נעכטן אין געדאַנק געקריוודעט זינגערן ווייל ער האָט נישט גענוג גוט געטראַכט וועגן זיין לעצטן ראָמאַן.

צענדלינקער ביכער זענען א דאַנק זיין באַזאָרגן די שרייבער מיט כל טוב אין פאַרלויף פון האַלבע יאָרן געשריבן געוואָרן, צענדלינקער ביכער — געדרוקט א דאַנק זיינע סובסידיעס, נאָר יעדער האָט געוווסט, אז א זויד־מונג — חלילה. זיינפעלד וואָלט עס באַטראַכט פאַר א חילול השם, ער וואָלט געוועזן טיף דערשלאָגן.

ווי אָפט שרייבער האָבן אים אָפּגענאַרט, באַליידיקט, אים באַהאַנדלט פון

אויבן אראָפּ ווי א סוחרל, וואָס גיט געלט, כאָטש ער האָט זיי אין ארבל גע־קענט פארשטעקן מיט זיין ליטעראַרישן וויסן און פילן, האָט ער זיי אזוי לאנג גענומען פארטיידיקן און ריין־וואשן פאר זיך אליין ביז ער האָט זיי טאקע ריין־געוואשן. ער האָט פשוט נישט געקענט לעבן אָן דעם גלויבן אין יידישע שרייבער. ער האָט אויך בשום אופן נישט געקענט לעבן אָן דעם גלויבן, אז דיכטער און דיכטונג דארפן זיין איינס און זענען טאקע איינס. אזוי איינס ווי עס איז געווען זיין חלום פון דיכטונג און זיין ריין, דיכטעריש לעבן. ביי זיינ־פעלדן רעדן און פארטיפן זיך אין ליטעראַטור דרייסיק קיילעכדיקע שעה אָן איבעררייס אין א פרייעם סוף-וואָך־טאָג איז געווען א גאנץ נאַטירלעכע זאך. און ער האָט געקענט הערן זיין חבר שעהן נאָכאנאנד, נישט א ריר טון זיך אפילו, נאָר אנשטעלן די קליינע, אביסל טאַטארישע — כאָטש גרינלעכע — אויגן דורך די דיקע ברילן אויף איין ווייטן פונקט ערגעץ און איינטיפן זיך אין זיינע רייד. און ביי דער גאנצער טויבנמילדקייט איז ער געווען ברוטאל אויפריכטיק און שטרענג. א גוט וואָרט פון זיינפעלדן איז געווען א מדרגה. זיין חנה׳ן פלעגט ער אלץ נאָכגעבן ווי א געהארכזאם קינד, נאָר ביים משפט פון א ליד, אָדער דערציילונג, א ראָמאן פלעגט ער אפילו גאָט אליין נישט הערן, אפילו נישט חנה׳ן . . .

1945

א. ברעסלער

1867 אין א שטעטל אין רוסלאנד, געשטאָרבן אין 1932 אין ווארשע.

ער איז נישט געוועזן קיין בעלעטריסט א. ברעסלער, און כמעט בכלל קיין שרייבער. אין לעקסיקאָלע ווערק דערמאָנט מען אים און מען דערמאָנט אים אין זכרונות, איז ער דעריבער מער ווי בארעכטיקט אויך אין צוזאמענהאנג מיט אונזער לעקסיקאָן דאָ צו דערשיינען.

אויף זיין שרייבערישן קרעדיט זענען פארצייכנט עטליכע פאָפולער־וויסנשאפטליכע בראָשורן און עטליכע עטיש־פילאָזאָפישע אָפּהאנדלונגען, וואָס זענען 98 פראָצענט ווילן און בלויז 2 פראָצענט דערגרייכונג.

א שווערער, הויכער ייד, א ביבליאָטעקער לויט זיין פראָפעסיע, אָבער אזא, וואָס איז מסוגל א דור צו דערציען, וואָס גיט נישט ארויס א ביכל פון האנט א לייענער, איידער ער האָט עס אליין נישט איבערגעלעזן — מעג בעסער דאָס גאנצע געשעפט פון דער ביבליאָטעק גיין אין דער ערד אריין.

נישט אין צוזאמענהאנג מיט ליטערארישע באקאנטשאפטן, נור צוליב פערזענליכער פריינטשאפט מיט זיינע קרובים, האָב איך אים יאָרן־לאנג געקענט. ער האָט זיך אליין נישט געהאלטן פאר א שרייבער — כאָטש ער האָט אייגנטליך כסדר געשריבן. אמאָל, אמאָל נאָך אין 19טן יאָרהונדערט האָט אים פרץ ליטערארישע אראָפּגעריסן און דאָס האָט באשאפן אין אים א מין ליטערארישע טראומא . . .

א שווערער, הויכער ייד, אזא וואָס קוקט אָן א מענשן מיט דער ביטע: זאָג מיר וואָס דו ווילסט, רעד דיר אראָפּ פון הארצן, איך קען אלץ פארשטיין און דער עיקר: איך קען אין אלץ גלויבן — ווייל איך בין א גלויבנדיקער מענש. צופעליק האָבן זיך דורך זיין שטוב, צוליב פריינטשאפט מיט זיינע קינדער, אויך דורכגעגאָסן די כוואַליעס פון דעם שטורם־און דראנג, די כוואליעס פון דער יידישער ליטעראַרישער „כאַליאַסטרע״. ער האָט עס אבסאָלוט נישט פארשטאנען. אָבער אין אלץ געגלויבט. ער האָט געוווּסט, אז ער קען נישט פארשטיין, ווייל ער לעבט נאָך אין די צייטן פון דער פראָלעטארישער השכלה, אָדער די אזויגערופענע „זשארגאָנישע קאָמיטעטן״, וואָס ער האָט מיטגעמאכט אין זיין יוגנט אָבער ווייל ער האָט געוווּסט, אז ער קען עס נישט פארשטיין האָט ער נאָך מער געוווּסט, אז ער דארף אין דעם אלעמען גלויבן.

נור איינמאָל האָט ער נישט געגלויבט — קיינעם נישט געגלויבט און נישט געוואָלט גלויבן, ווען דער דאָקטאָר און אלע זיינע קרובים און פריינט האָבן אים פארזיכערט, אז ער האָט נישט קיין ראַק אין מאָגן. אין א מאָמענט,

ווען אַלע אומגלויביקע ווערן גלויביק איז ער, דער אַלעמען גלויבנדיקער, אומ־גלויביק געוואָרן.

אַזוי פֿלעגט ער זיצן אומבאַוועגליך, שווער, די לעבעדיקע פֿאַרבן פֿון פּנים זענען שוין אָפּגעטרעטן פֿאַר דער געלקייט פֿון טויט, אַ מאָנומענט פֿון גלויביקייט, וואָס איז אומגלויביק געוואָרן דאָס ערשטע מאָל און טעהנט: נו וואָס איז, אַז איך האָב אַ ראַק, איינמאָל מוז מען דאָך שטאַרבן. — און ער שמייכלט פֿון דער נאַרישקייט פֿון מענשן אים עפּיס איינצורעדן . . .

מאָדנע פֿירט זיך די דאָזיקע וועלט. איר קענט דאָך דאָס פֿאָלקסוואָרט: איינער באַקומט די קעלט און דער אַנדערער באַקומט די קליידער —

אויף איינעם פֿאַלט אויס אַזאַ שטיק מענשליכע דערהויבנקייט און גרויס־קייט און אויף אַ צווייטן אַזאַ שטיק דערהויבענעם און גרויסן טאַלענט.

ווען טאַלענט און גרויסקייט וואָלטן נישט אַזוי שלעכט, אָדער גוט, פֿאַר־טיילט געווען, וואָלטן דאָך גרויסע דיכטער — האַלבע געטער געווען.

1937

מ. ד. ווידרעוויטש

1876 אין וויטעבסק — געוווינט אין ווארשע און אין געטאָ אומגעקומען.

משה דוד ווידרעוויטש איז נישט געווען קיין שרייבער. ער איז געווען א מענש מיט א טאַטאלער ליסינע, מיט בכבודיקע וואָנסעס, מיט זייער אַן ערנסט פּנים און מיט אויגן, וואָס האָבן אלעמאָל געקוקט ווי א בראָנזענע סטאַטוע אין וועלכער מען האָט אריינגעמאכט לעבעדיקע, שווארצע אויגן און זיי מוזן אייביק האלטן שטאַט, מחמת זיי זענען אויגן פון א בכבודיקער סטאַ־טוע, וואָס מוז האלטן שטאַט. אויך די שטימע פון מ. ד. ווידרעוויטש איז געווען אזא מין שטימע, וואָס הערט זיך ווי א שטימע פון א מענש, וואָס מען האָט אריינגעפּאסט אין א בראָנזענער סטאַטוע און זי — די שטימע — מוז האלטן שטאַט, מחמת עס פּאסט נישט אנדערש. אויף דערויף איז מען דאָך עפּיס א סטאַטוע.

ווידרעוויטש האָט קיינמאָל נישט געשמייכלט, העכסטנס האָט זיין פּנים ארויסגעברענגט אַן איראָנישן שמייכל פון צייט צו צייט, געלאכט האָט ער לחלוטין נישט. סיבות צו דעם נישט־שמייכלען און נישט־לאכן האָט ווידרע־וויטש געהאט זייער אסך, אויף קיין יידן שום קיין נישט געדאכט. ער האָט געהאט א שטוב מיט צרות און מיט א גייסטיק קראנקער טאָכטער פאר א צולאג. דערצו האָט ער די טאָכטער ליב געהאט און האָט זי געהאלטן אין שטוב. חוץ דעם האָט ער נאָך געהאט סיבות צום נישט שמייכלען און נישט לאכן. עס האָט אים פּשוט נישט געפּאסט צו שמייכלען און צו לאכן, ער איז צו שטאָלץ געווען, ער האָט געשטאמט פון א גרויסן ייחוס, פון א גאנצן יובעליר־געשעפט מיט גאָלדענע ייחוס־קייטן און חוץ דעם אלעמען האָט ער פּשוט נישט געהאט קיין הומאָר. געשריבן האָט ווידרעוויטש דווקא יאָ — כאָטש איך האָב דאָ אויבן געזאָגט, אז ער איז נישט געווען קיין שרייבער. און נישט נאָר געשריבן האָט ער, נאָר געדרוקט אויך אין די סאמע גוטע צייטשריפטן פון די אמאָליקע יאָרן, אפילו אין המליץ, ווייל געשריבן האָט ער פונקט אזוי העברעיש ווי יידיש. ווידרעוויטש האָט נישט געשריבן גלאט קיין דער־ציילונגען — נאָר הומאָרעסקן און נישט גלאט קיין טעאטער־שטיק, נאָר קאָמעדיעס. און קיין הומאָר האָט ער נישט געהאט, לחלוטין נישט. דערמיט דערקלערט זיך מסתמא זיין אבסאָלוטע דערפאָלגלאָזיקייט. אנדערש קען איך מיר דאָס גאָרנישט דערקלערן. איך שטעל מיך פאָר, אז הומאָרעסקעס אָן הומאָר האָבן דיזעלבע שאנסן אויף דערפאָלג ווי לידער אָן פּאָעזיע.

ווידרעוויטש האָט געהאט א וועלט מיט טענות צו דער וועלט, נאָר ער

איז נישט געקומען מיט זיינע טענות צום ערשטן בעסטן. כדי צו דערהויבן א מענטשן צו זיינעם א פּאַרטרויענסמאַן האָט ווידרעוויטש געקענט איינעם באַזוכן טאָג ביי טאָג א יאָר צייט, גלאַט אַזוי — גוט מאָרגן, גוט־יאָר — ביז ער האָט דערפילט, אַז דער מענטש איז שוין ראוי, אַז ער, ווידרעוויטש, דער יחסן, דער מיטאַרבעטער פון „המליץ", דער מענטש מיטן שטייפן ברוסט־העמד, מיטן פּאַטערמערדער־קראַגן זאָל זיך פאַר אים אויסרעדן דאָס האַרץ.

איינמאָל האָט זיך ווידרעוויטש צוזאַמענגענומען און האָט ארויסגעגעבן א פולע אויסגאַבע פון אַלע זיינע ווערק. געווען איז דאָס סך הכל א בענדל פון א זייטן אַנטדערטהאַלבן־הונדערט. דאָ זענען שוין אַריינגעגאַנגען די פעלע־טאָנען, די הומאָרעסקעס, די איינאַקטערס־קאָמעדיעס, די וויצן און דער עיקר די פילאָזאָפישע שמועסן מיט עפּיס אַן אומבאַקאַנטן קאָנטער־פילאָזאָף, וואָס איז געווען א שטיקל ציניקער. אָט אין דעם קאָנטער־פילאָזאָף האָט ווידרע־וויטש פּערזאָניפיצירט דאָס רשעות פון דער וועלט און ער — דער פילאָ־זאָף — איז נאַטירלעך געווען דער סימבאָל פון גוטס פון דער וועלט. דאָס ווערק האָט געהייסן: „געזוכט און נישט געפונען".

די קריסטין, וואָס פלעגט אויפצורוימען די זאַלן פון וואַרשעווער ליטע־ראַטן־פאַריין האָט מיך אַמאָל געפרעגט ווער אָט דער פּאַן איז (ווידרעוויטש), זי איז געווען זיכער, אַז ער איז דער סאַמע גלאַוונער שרייבער, דער סאַמע גלאַוונער מענטש צווישן אונז. די קריסטין האָט נישט געקענט קיין פּרק און האָט אונז נישט געשאַצט לויט אונזער ווייך, נאָר לויט אונזערע געקראָכמאַלעטע העמדער.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם טיף־טראַגישן מאָמענט, ווען ווידרעוויטש איז צו מיר אַריינגעקומען און האָט מיר דערציילט, אַז זיין גייסטיק־קראַנקע טאָכטער, וואָס איז געווען א הויקער, האָט זיך מיט א שעה צוריק אַראָפּגעוואָרפן פון פערטן שטאָק און דאָס הויפּעלע ביינער אירס ליגט אויף די שטיינער פון הויף. דאָס איז דאָס איינציקע מאָל געווען, וואָס ער האָט פאַרלוירן זיין האַלטונג, איז צוזאַמענגעפאַלן און האָט זיך צעיאָמערט.

1939

יאַנקעלע דאַנציגער

געבוירן ארום 1890 — אלע זיינע יאָרן אָפּגעלעבט אין וואַרשע. געשטאָרבן אין געטאָ 1942.

יאַנקעלע דאַנציגער איז נישט קיין נאָמען פון אן ארטיסט און נישט קיין נאָמען פון א שרייבער, ער לאָזט נאָך זיך גאָרנישט נישט איבער, אפילו נישט קיין קינד, אפילו נישט קיין ווייב, ווייל ער איז בישט געווען קיין פאמיליען־מענש, ער לאָזט איבער נאָך זיך נאָר דאָס געדענקען פון די מענשן, וואָס האָבן אים געקענט — כל זמן זיי לעבן, און אז זיי וועלן אוועק פון דער וועלט, וועט אויך דאָס געדענקען וועגן יאַנקעלע דאנציגער מיט זיי אוועק. נאָר טאָמער וועט ערגעץ בלייבן א קאָלעקציע פון פלאקאטן פון יידישן טעאטער אין פוילן אין פארלויף פון דריי צענדליק יאָרן פארן אויס־ברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — איינשליסנדיק, נאטירליך, אויך די צייט פארן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — דער וועט אין די ווינקלען פון אסך פון די פלאקאטן געפינען דעם נאָמען י. דאַנציגער אין דעם טיטל זיינעם „אימפּרעסאריאָ". אימפּרעסאריאָ איז זייער אן איינדרוקס־פול וואָרט, עס איז די אימפּרעסיע אליין. עס דערמאָנט די ווערטער „צענ־טוריאָן" אָדער „העגעמאָן". אָבער די באדייטונג פון דעם וואָרט איז בלויז: אונטערנעמער. און נישט אונטערנעמער פון ווייסט גאָט, נאָר אונטערנעמער פון אימפּרעזעס, טעאטראלישע, אָדער ארטיסטישע אימפּרעזעס און יאַנקעלע דאנציגער איז געווען אן אונטערנעמער פון יידישע קינסטלערישע און טע־אטראלישע אימפּרעזעס. א פארלעגער איז אן אימפּרעסאריאָ פון אייביקע, בלייבנדיקע ביכער און אן אימפּרעסאריאָ איז א פארלעגער פון פארגענגלעכע טעאטער־פאָרשטעלונגען אָדער קאָנצערטן — און וואָס קען שוין זיין פאר־גענגלעכער ווי יידישע קאָנצערטן און יידישע טעאטער־אונטערנעמונגען. און אָט דאָס איז עס געווען מיט וואָס יאַנקעלע דאַנציגער האָט זיך כמעט ס'גאנצע לעבן זיינס פארנומען. און פארנומען זיך נאָר אין פוילן און דער עיקר אין וואַרשע.

אמאָל איז יאַנקעלע דאַנציגער, וואָס איז אזוי בלאָנד און גראָב און קליין און קיילעכדיק פון אלע זייטן געווען ווי א „וואנקא־ווסטאנקא"־שפּילעכל, געווען א רעוואָלוציאָנער. ער איז אסך מאָל געזעסן אין תפיסה און אסך קאָנספּיראטיווע ליטעראטור געשמוגלט, נאָר זינט ארום דעם ערשטן וועלט־קריג האָט ער דאָס אויפגעגעבן און האָט זיך פארנומען נאָר מיט דעם ענין פון אימפּרעסאריאָ.

ער האָט געהאט אין זיך די דינאמיק פון א שראפּנעל מיט א פּערפּעטואום־

מאָבילע צוזאמען . . . איר שטעלט זיך פאָר אזא מין זאך? אָבער דאָס איז פאָרט ווי אָנגעמאָסטן אויף יאַנקעלע דאַנציגער. ער איז קלענער פון אלע מענשן ארום אים — חוץ אפשר פון גאנץ קליינע קינדער. און ער איז דיקער פון אלע מענשן ארום אים. און עס דאכט זיך, אז ער איז א טיפּיטשנער בורזשוי, אָבער אין אים איז די נשמה פון א באָהעמיען. שלאָפן גייט ער פארטאָג און אויפשטיין שטייט ער אויף נאָך האלבן טאָג און ער זיצט טעג און נעכט אין לאָקאל פון ליטעראטן־פאריין און ער וויל זיך בשום אופן מיט גאָרנישט מער פארנעמען ווי נאָר מיט זיין אן אימפּרעסאריאָ. ארום אים רוישן די נאלעווקעס, יידן האנדלען און וואנדלען און ער איז פול מ͏ִיט סוחרישן טאלענט, נאָר ער וויל דעם טאלענט אויף גאָרנישט מער אויסגעבן ווי נאָר אויף יידישע קאָנצערטן און טעאטער־אונטערנעמונגען. צו גלאַט סוחרים האָט ער א פאראכטונג, עס גייט זיך נישט צוזאמען מיט זיין רעוואָ־לוציאָנערער פארגאנגענהייט. און ער האָט ליב צו כאפּן א שמועס מיט אלטע גוטע פריינט און רעוואָלוציאָנערע קאָנטראבאנדיסטן. טאָמער האָט עמיץ נישט געוווסט וועגן אָט דער פארגאנגענהייט דאנציגערס — ווערט ער ממש נשתומם, אז דאָס איז דער זעלבער דאנציגער. און יאַנקעלע לאכט דעמאָלט און עס טוט אים הנאה און ער רייכערט שטאָלצער זיין גרויסן ציגאר מיט די דיקע, קורצע הענט און פינגער. אָן דאנציגערס ציגארן קען מען דערקענען דעם גאנג פון דער יידישער קולטור־באוועגונג אין פוילן. אז ער רויכערט ציגארן איז גוט, ציגארעטן — איז קריזיס, אז ער בעט ביי יענעם א ציגא־רעטל איז ביטערע צייטן און אז ער זיצט אין ווינקל א פאראומערטער און וויל אפילו קיין ציגארעט נישט בעטן זוייל ווער ווייסט ווען ער וועט קענען אָנביטן צוריק — איז חושך.

נאָר אז יאַנקעלע לעבט איבער זיין ציגארן־צייט דעמאָלט איז גוט אלעמען. עס איז גוט די ארטיסטן, וואָס ער פירט ארום איבער פוילן, עס איז גוט די צייטונגען, ער באשטעלט די גרעסטע אנאָנסן. זיין פּרינציפּ און לעבנס־דעוויז איז, אז גוטע זאכן לוינט גוט צו רעקלאמירן. עס איז גוט די דרוקערס, וואָס דרוקן די גרעסטע פּלאקאטן, אָפט דריימאָל אזוי גרויס ווי דער אימפּרע־סאריאָ אליין און עס איז גוט די יונגע שרייבערס ווייל זיי פירן פאר דאנציגערן די גאנצע קאָנצעלאריע. ער איז נישט שטארק שווה בשווה מיט די אלערליי שווארצע פּינטעלעך און — אגב — פאסט עס נישט, אז ער זאָל זיין זיין אייגענער סעקרעטאַר, נו שרייבט מען פאר אים אויף רעכטס און לינקס. אלע־מאָל ציט ער ארויס פון די אָנגעפּראָפּטע קעשענעס זיינע די בריוו־פּאפּירן מיט דער פּאטעטישער אויפשריפט „אימפּרעסאריאָ י. דאנציגער" און חברה שרייבט. פּארטיק מיטן בריוו צעציקט דאנציגער זיין חתימה און נעמט ארויס פון דער אנדערער קעשענע א קאָנווערט מיט דעם זעלבן פּאטעטישן

„קעפּל״. נאָר אַן אדרעס איז דערויף נישטאָ ווייל דער אימפּרעסאַריאָ בייט זיינע וווינונגען צו אָפט.

קומט די צייט פון אַ קאָנצערט וועקט זיך יאַנקעלע איבער ווי אַ טייכל אין פרילינג. קיין זאַך קען אים נישט איינהאַלטן. ער אַרבעט אויף אַלע כלים, ער הערט אויף צו שלאָפן, צו עסן. ער רעדט נאָר וועגן קאָנצערט. ער שטעקט אָן מיט זיין דינאַמיק די גאַנצע וועלט און אַלעמען אין זיין סביבה דאַכט זיך טאַקע, אַז אָט דער קאָנצערט, אָדער לעקציע איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין דער וועלט. יאַנקעלע אונטערנעמט נאָר קינסטלערישע אימפּרעזעס — די בעסטע אַקטיאָרן, קינסטלער, די בעסטע שרייבער, די בעסטע זינגער, לעקטאָרן און נאָר יידישע — און עולם מוז קומען. איז אַ זאַל אויף 4000 מוזן זיין אַזויפיל, איז אַ זאַל אויף 1000 — מוזן טויזנט קומען. ער כישופט אַריין די מענטשן אין זיינע זאַלן. פּאַרטיק געוואָרן מיט דער קאַסע קומט ער אַריין אין זאַל און קוועלט פון קינסטלער און נאָך מער פון דער מאַסע עולם, דאָס אין זיין קונסט, זיין טאַלענט, צו דעם איז ער מקריב זיין לעבן, ממש מקריב. מען זאָגט, אַז אין געטאָ איז יאַנקעלע געוואָרן דער פּאַרוואַלטער פון אַ פּאָלקסקיך, דאַסמאָל האָט ער קיין רעקלאַמע נישט געדאַרפט, דער הונגער האָט פאַר אים רעקלאַמירט און געצויגן די גרעסטע „סבאָרן״, אָבער דאַסמאָל האָט יאַנקעלע דער גייסטיקער שפּייזער, געהאַט אַזוי ווייניק פיזישע שפּייז צו ביטן. איז ער אויסגעגאַנגען.

1943

אַרנאָלד

גבוירן ארום 1900 אין א שטעטל לעבן ווארשע, זינט זיין קינדהייט אין ווארשע. קיין ידיעות וועגן אים.

צענדליקער יאָרן זענען ארנאָלד און דאָס יידישע טעאטער אין ווארשע געווען איינס, אזוי זינט דעם יאָר 1920 ביזן סוף. אין דער טיף פון זיין נשמה האָט ער געהאט א שטילן חלום צו ווערן אן אקטיאָר און אין סטאטיסטן-ראָלן איז ער עס טאקע פון צייט צו צייט געווען. ער האָט גאַנץ גענוי פאַר־שטאנען דעם ווערט פון אן אקטיאָר, דעם ווערט פון א פיעסע אָבער נאָך גענויער ווי דאָס ציפערבלאט פון דער טעאטער־פראַפעסיע האָט ער פאַר־שטאנען אירע קליינע און קאָמפּליצירטע שרייפּעלעך. אויף דעם געביט איז ער געווען ממש נישט איבערצוטרעפן. אין דער שטיל האָט ער גענוי פאָרויסגעזען דעם דערפאָלג אָדער דורכפאַל פון א נייעם שטערן אין יידישן טעאטער-הימל אין ווארשע, פון א נייער פיעסע, פון א באנייטער אלטער פיעסע, אָבער ער האָט עס נישט אלעמאָל ארויסגעזאָגט בקול רם מחמת נישט אלעמאָל האָט עס געטויגט. אָבער מיט דעם אלעמען און מיט די אלע פעיקייטן האָט ער אויף זיך גענומען גאָר די ראָל פון דעם הויפּנאר פון דעם לץ פון דעם ווארשעווער יידישן טעאטער־קעניגרייך. אין דער ראָלע פון דעם הויפּ־נאר האָט ער זיך געקענט אויסלעבן, ארייַנזאָגן, ארויסזאָגן יענע אמתן, וואָס אין א ראָל פון א סטאטעטשנעם סטאטיסט אָדער בילעטער וואָלט ער דאָס קיינמאָל נישט געטאָרט.

פארוואָס איז אָרנאָלד טאקע נישט געוואָרן קיין אקטיאָר האָב איך קיינ־מאָל נישט פארשטאנען און ווי איך האָב אים געפרעגט וועגן דעם האָט ער עפּיס נישט געקענט גענוי אויפקלערן — אזויפיל דרעגנגער אויף דער יידישער בינע וואָלט זיך אין ערגסטן פאַל געדרייט נאָך א דראנג. אלץ בעסער ווי צו זיין א בילעטער און צו שטיין ביי דער טיר. ער האָט געהאט א גוטע פיגור הויך און שלאנק, א לייטיש פנים וואָס לאָזט זיך גרימירן ווי מען וויל. געווען זייער באוועגליך, האָט זיך נישט פארלוירן אין סיטואציעס, פּראָזע אין מויל וואָלט אים נישט אויסגעפעלט און מיט א „בולבע" וואָלט ער זיך נישט אָפּ־געבריט. און דאָך האָט אים עפּיס גיכער געצויגן צו דער טיר, אפילו נישט צום קאסעפענצטערל, נאָר צו דער טיר. צו אלץ אין לעבן דאַרף מען האָבן טאלענט און ארנאָלד האָט געהאט טאלענט צו שטיין ביי דער אריינגאַנג־טיר אין יידישן טעאטער אין ווארשע. ער האָט אויך נאטירלעך געהאט א צווייטן נאָמען, א פאמיליען־נאָמען. אָבער ווען מען האָט אים געפרעגט אויף דעם דאָזיקן נאָמען פלעגט ער רויט ווערן. און דער נאָמען איז דווקא געווען זייער

א סטאַטעטשנער — גינסבערג. מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט געשטאַמט פון זייער א באַלעבאַטישער משפחה. אַז ער איז א מין פאַרהוליעטער זון, אַז מען האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון שטוב, דעם אמת האָט עפּיס קיינער נישט גע-ווּוסט. צו זיין פּראָפעסיע האָט געפּאַסט דער נאָמען אַרנאָלד און ביי דעם איז ער געבליבן.

אַז גרויסע שוישפּילער פלעגן קומען פון אַמעריקע, שוישפּילער וואָס האָבן וועגן אים געוווּסט אָדער שוין געקענט פון פריער איז זייער ערשטע פראַגע געווען: אַרנאָלד, ווּ איז אַרנאָלד? מיט אים איז געווען היימלעכער אין דער אומהיימלעכער אַקטיאָרישער פּראָפעסיע, וואָס איז אין א געוויסן זין א גליק־שפּיל, א לאָטעריע. און אַקטיאָרן זענען איבערגלויביש. אַרנאָלד האָט וועגן אַלץ געוווּסט דעם אמת און האָט אויך געגוי געוווּסט ווען מען דאַרף זאָגן ליגנט און ווי ווייט מען קען גיין מיט א ליגנט. אין וואַרשע זענען דער־שינען אַכט יידישע און יידיש־פּוילישע טאָגצייטונגען און א ים מיט אַלערליי זשורנאַלן און אַז אַן אַקטיאָר איז געקומען אָדער אַז א פּרעמיערע האָט זיך געגרייט האָט מען יעדע פון די צייטונגען געדאַרפט באַדינען מיט אַלערליי מאַטעריאַלן אויף אַן אַנדערן אופן. און אַרנאָלד האָט געהאַט זיינע וועגן און אופנים. נישט נאָר האָט מען געדאַרפט ליפערן די מעשיות, נאָר אויך זאָרגן, אַז זיי זאָלן טאַקע אַריין און אַריין פּראָמינענט און צו דעם האָט זיך שוין געפאָדערט א קאָמפּליצירטע באַקאַנטשאַפט מיט נאַכט־רעדאַקטאָרן און קאָרעקטאָרן און זעצערס אפילו. אַרנאָלד האָט קיינעם נישט פאַרנאַכלעסיקט. ביי איינעם זענען געווען גענוג צוויי פריי־בילעטן, ביי אַן אַנדערן איז אַמאָל אפילו נויטיק געווען א גלעט פון א שיינער שוישפּילערין, ביי א דריטן א שמועס מיטן ווייב און ביי א פערטן האָט מען גאָר געדאַרפט ווירקן אויף דער געליבטער צווערשט. אַרנאָלד האָט אַלץ געוווּסט און באַזאָרגט. נאָך דער פּרעמיערע האָט מען ערשט געדאַרפט זאָרגן וועגן רעצענזיעס. אַז א שטיק איז געגאַנגען גוט און איז אַלגעמיין געפעלן געוואָרן איז די אַרבייט געווען א לייכטע און מען האָט געדאַרפט רעדן בלויז מיט די רעצענזענטן גופא, אַז זיי זאָלן וואָס גיכער און מער שרייבן. אָבער אַז א שטיק איז געגאַנגען שלעכט האָט מען געדאַרפט זוכן הינטער־טירן. ביי א שלעכטן שטיק פלעגט זיך אַרנאָלד צוזעצן צו די פרויען פון די רעצענזענטן און זיי באַווירקן און איינ־רעדן די מעלות פון דער פּרעמיערע. עמיץ האָט אים אַמאָל דערציילט וועגן פּרווידס טעאָריע און אַרנאָלד איז צו דער טעאָריע געוואָרן ממש צוגעקאָכט. ער האָט מיט זיין אינסטינקט די טעאָריע שוין לאַנג אַנטדעקט, אָבער ער האָט איר נאָמען נישט געקענט.

קיין גרויסער לאַטייניש־קענער איז אַרנאָלד נאַטירלעך נישט געווען, אָבער אָן דעם ווערטל: וואָקס פּאָפּולי — וואָקס דעי — — האָט ער זיך נישט

געריכט. ער האָט עס אַרײַנגעוואָרפֿן אומעטום און פּאַרטײַטשט מיט אַלע טײַטשן ווי טוביה דער מילכיקער די פּסוקים.

עפּיס אַ צופֿאַל פֿון ראַסן־מישונגען האָט אַרנאָלדן געמאַכט ענליך צום „שײנעם אַדאָלף“, צו היטלערן אַלײן . . . די זעלבע גלאַטע פֿריזור, דער געבוי פֿון שאַרבן, די פֿאַרב פֿון די האָר, פֿון די אויגן, די געשטאַלט, אַלץ און טאָמער האָט ער זיך צוגעקלעבט די וואָנציקלעך האָט מען ממש אויפֿגעשוידערט פֿון דער ענליכקייט. אַמאָל האָט דער זשורנאַליסט מאַרק טורקאָוו געשיקט אַרנאָלדן פֿון בערלין אַ היטלער־בילד האָט ער עס אַרומגעוויזן ווי זײַנע אַ פֿאָטאָגראַפֿיע אין אַ היטלער־פּאָזע און אַלע האָבן געגלויבט. ער וואָלט אין האָליוווד זיכער געמאַכט קאַריערע מיט אָט דער ענליכקייט.

בײַ פּשוטע פּרויען פֿון וואַרשעווער יידישן פֿאָלק איז אַרנאָלד געווען אַ מאַן פֿון מאַכט, דער מעכטיקסטער אין יידישן טעאַטער. לויט זײַן ווונק האָט מען געקענט אַרײַנגײן אינגאַנצן אומזיסט אויף אַ שפּיל. אײן קלײניקייט. און אַרנאָלד, וואָס האָט קײנמאָל נישט חתונה געהאַט, און אַלעמאָל געהאַט צײַט בײַטאָג. ווען די מענער זענען פֿאַרהאָרעוועט בײַ דער אַרבעט, איז טאַקע געווען אַ דאָן זשואַן ערשטקלאַסיק. אַ יידישער דאָן זשואַן, געוויינטלעך, אַ יידישער גזלן . . .

1945

מיכל ריבייזן

1897 אין כעלם, 1919 געקומען קיין װאַרשע. װאָס עס איז מיט אים געשען נאָך 1939 איז מיר נישט באַקאַנט.

אין דער טיפעניש פון זיין נשמה איז ער גאָר געװעזן אַ דיכטער, אַ לירי־שער דיכטער, מיכל ריבייזן, אָדער מעכעלע ריבאַייזען, װי מען האָט אים גערופן. עטליכע פון זיינע לידער זענען דערשינען אין װייכערטס ערשטע זאַמל־ביכער „רינגען", ער האָט אויך געשריבן און געדרוקט לידער און פּראָזע און װען נאָר זלמן רייזען איז געקומען קיין װאַרשע האָט ער ביי אים גע־פּאַרשט די מעגליכקייט אַריינגענומען צו װערן אין לעקסיקאָן. דער גוטער און טאָלעראַנטער זלמן רייזען האָט אָבער בשום אופן נישט געקענט געפינען קיין סמיכת הפרשה, איך אָבער געפין יאָ און נעם אים אַריין אין „מיין לעקסיקאָן". ריבייזן האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז װען ער איז אין יאָר 1919 דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין װאַרשע און אַריין אויף טלאַמאַצקיע 13 האָט ער באַלד באַשלאָסן, אַז דאָ װעט ער שוין בלייבן זיין לעבן לאַנג, אַפילו מיט דער צייט פאַרנעמען נאַמבערגס פּלאַץ . . . נאַמבערגס פּלאַץ האָט ער נישט פאַרנומען, אָבער כמעט זיין לעבן לאַנג איז ער געבליבן אין ליטעראַטן־פאַריין. ער איז געװעזן אַ מלחמה יתום נאָך פון דער ערשטער מלחמה, דריי ברידער און אויך שװעסטערן, ראַכט זיך. זיין יינגסטער ברודער האָט זיך געכאַװעט אין װעלט־באַרימטן יתומים-הויז פון יאַנוש קאָרטשאַק אין װאַרשע און מיכל ריבייזן האָט פאַר אים געזאָרגט מיט אומענדליכער צאַרטקייט. אין טאָג־טעגליכן לעבן איז ער געװעזן רוי און האַרב און רייסיק כשמו . . . ער האָט בפירוש געגלויבט, אַז דער מענש איז שלעכט . . . זייער שלעכט.

אַביסל אונטערמיטל געװאַקסן, אַ קיילעכדיק, קליין פּנים און אַלץ אין דעם פּנים האָט זיך כסדר באַװעגט אַזוי װי דאָס רעדערװאַרק פון אַ װעקזייגער בשעת ער קלינגט מיט רעש . . . אַז ער האָט באַגעגנט אַ מענשן — און באַגעגנט האָט ער כסדר, װייל ער איז כמעט כסדר געזעסן אין ליטעראַטן־פאַריין — האָט ער אים טויזנט און איינס זאַכעכישן געהאַט צו דערציילן און כאָטש טויזנט דערפון בלויז אים אויפן אויער. און גערעדט האָט ער זייער גיך, געשלונגען די װערטער און כסדר האָבן זיך געפּלאָנטערט אין זיינע רייד די װערטער יאָ־ניין, ניין־יאָ, יאָ־ניין. אַלע שרייבער זענען אויף אים כסדר בייז געװעזן און נישט געװאָלט אים פּאַרטרעטירן אין זייערע װערק, אָבער שטריכן פון זיין כאַראַקטער האָבן זיך נישט װילנדיק אַריינגעגנבעט אין אַסך יידישע דערציילונגען און ראָמאַנען. דעפיניטיװע שטריכן פון זיין כאַראַקטער, און גאָר אַסך אַפילו, געפינען זיך אין איינער פון די גרעסטע

מייסטערגעשטאַלטן אין דער יידישער ליטעראַטור — דער געשטאַלט פון מאַקס פון י. י. זינגערס „ברידער אשכנזי״. זיין געשטאַלט און זיין כאַראַקטער פלעגן זיך ממש איינעסן אין א מענשן.

אַלע יאָרן פון מיין אַרבעט אין ליטעראַטן־פאַריין איז ריבייזן געווען מיין געהילף, אָבער זיין געמיט איז געווען פונקט דער היפך פון מיינעם. אַלע הונדערט פּראָצענט. און כאָטש איך האָב אים אין גרונט ליב געהאַט און ער מיך — פלעג איך אים אויסמיידן. אַזוי ווייט אויסמיידן, אַז אין דער אמתן בין איך גאָר געווען זיין טעכנישער געהילף און פלעג פאַר אים טון אַלע זיינע קאָנצעלאַרישע אַרבעטן. אין איין כהרף עין האָט ער געקענט פאַר־פלאָנטערן און צעוואַרפן די מיזאַמסטע סטאַטיסטישע, אָדער בוכהאַלטערישע געביידע מיט זיין שנעל־שנעל, שנעל־שנעל און צום סאַמע פּראַקטישסטן פּינטל. נאַמבערג פלעג זאָגן, אַז ריבייזן איז דער פינאַנץ־געניוס פון פאַריין, ווייל ווו ריבייזן באַווייזט זיך הויבט זיך אָן צו מאַכן געלט. און עס איז אמת געווען, דערפאַר איז ער געוואָרן דער אָרגאַניזאַטאָר פון די גרויסע יערליכע ליטעראַטן־בעלער. 364 טעג אין יאָר פלעגט אָט דער באַל טאַנצן אין זיין קאָפּ און 1 טאָג אין יאָר פלעגן עטליכע טויזנט מיידלעך און בחורים אין וואַרשע אויף אַן אמת טאַנצן אויף דעם ליטעראַטן־באַל אויף וועלכע מען פלעגט לסוף קיין ליטעראַט אויף א רפואה מער נישט זען.

ריבייזנס גרויסע קראַפט איז באַשטאַנען אין דעם טאָטאַלן נישט אויס־פּאַלגן דעם לעבנס־דעוויז פון דעם גאון און צדיק, דעם חפץ חיים . . . ווי א האָניק־בין פלעגט ער אַרומפליען ביי די טישלעך פון פאַריין, דעם זיסן רכילות־האָניג פלעגט ער אָבער נישט טראָגן אין קיין שום פלאַסטער־קאַמער, נייערט אים באַלד צוריקגעבן ביי דעם נאָענטסטן טישל, אָננעמען פרישן האָניג און אַזוי כסדר און כסדר. אפשר איז ער געווען א פילאָזאָף און א מיזאַנטראָפּ. ער האָט דאָך כסדר געזען ווי גערן מען פאַרזוכט זיין האָניג . . . און כאָטש אָט דער האָניג האָט א טבע צו ווערן גאָר באַלד סם ווייל מען כסדר נאָך און נאָך . . . און ריבייזן האָט געפונען כסדר נאָך און נאָך, ווארום זיין טעכנישע אַרבעט האָב איך דאָך פאַר אים געטון און ער האָט געהאַט אַסך צייט. אָפט פלעג איך מיט אים רעדן וועגן דער ביטערער טבע זיינער קעגן וועל־כער דער ראַדינער צדיק האָט אַזוי געוואָרנט און איך בין דערשטוינט גע־ווען צו הערן פון אים פילאָזאָפישע באַגרינדונג פון דער טבע. ער האָט נישט געהאַט קיין גרויסן דרך ארץ פאַר מענשן. ער האָט צופיל געליטן, צופיל זיך געמוזט דורכשלאָגן א וועג אין לעבן מיט הוילע, אָרימע עלנבויגנס פון א יתום. עפּיס א צויבער האָט געמוזט זיין אין אים. נאָך איין שיינעם באַל איז ער גאָר געוואָרן גוטפריינט מיט דער קעניגין פון דעם באַל, א וואַרשעווער סטודענטין און יאָרן־לאַנג געבליבן פריינט מיט איר.

געדענקט איר אַנדרעיעווס „דער וואָס מען שלאָגט איבערן פּנים"? איר געדענקט. די יאָרן זענען ערגער געוואָרן, די שטימונג האָפנונגס־לאָזער און ריבייזן דערזעלבער — האָט עס אָפּט פּאַסירט, אַז צעווייטיקטע פּאָעטן אָדער פּראָזאַיקער, וואָס האָבן געזוכט אַ קרבן פאַר זייערע שלעכטע שטימונגען האָבן אָט דעם קרבן געפונען אין ריבייזענען. ביי דער ערשטער־בעסטער געלעגנהייט האָבן זיי געטון מיט אים דאָס וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אַנדרעיעווס העלד. דעמאָלט פלעגט ער אויסברעכן אין אַ היסטעריש געוויין, אַריינלויפן צו מיר און ממש טוליען זיך צו מיר. וואָס האָב איך דען געקענט זאָגן אַלס שטראָף דעם אַגרעסאָר, אַז ווען איך בין אַרויס צו אים האָב איך אויך אין זיינע אויגן געפונען גלאַנציקע טרערן . . . נאָך אַזאַ סצענע פלעגט ריבייזן אויף עטליכע טעג פאַרשווינדן, אָבער דער דיבוק אין אים איז קיינמאָל נישט פאַר־שוונדן, אדרבא דעם דיבוקס פילאָזאָפיע, אַז מענשן זענען שלעכט, האָט נאָך איין אַרגומענט צוגעקראָגן. — — אָט קלינגט מיר אין די אויערן זיין שטימע, גיך ווי אַ ווינטמיל, וואָס דרייט זיך גלייכצייטיק אין צוויי זייטן, אויב דאָס איז מעגליך; חבר ראַוויטש, חבר ראַוויטש, יאָ, ניין, יאָ, יאָ, ניין, ניין. אַ טראַגישע געשטאַלט, אַ דיכטער-נשמה, וואָס איר הויפּטשטאָם האָט זיך אויסגעבויגן באַלד ביים וואָרצל . . .

1945

פון זעלבן מחבר:

אויף דער שוועל — (יוגנט לידער) — — — — — — — לעמבערג — — 1912
רויזנגראַז — (לידער) — — — — — — — — — — — ווין — — — — 1917
שפּינאָזא — (פּאָעמע אין פיר סעריעס לידער) ערשטע
אויסגאבע — — — — — — — — — — — — — — ווין — — — — 1918
שפּינאָזא — (פארגרעסערטע און געענדערטע אויס־
גאבע) — — — — — — — — — — — — — — ווין — — — — 1921
נאַקעטע לידער (לידער און באלאדן) — — — — — — ווין — — — — 1921
דער קרן פון אלע מיינע לידער — (מחברס אַנטאָלאָגיע
פון 6 לידער־זאמלונגען) — — — — — — — — ווארשע — — 1922
פּרעהיסטאָרישע לאנדשאפטן (פּאָעמעס און באלאדן) ווארשע — — — 1924
צו דער יידישער יוגנט (עסיי) — — — — — — — — ווארשע — — — 1924
בלוט אויף דער פאָן (דראמאטישע פּאָעמע) — — — — ווילנע — — — 1929
די פיר זייטן פון מיין וועלט (פיר פּאָעמעס) — — — ווילנע — — — 1929
ווייב און מאן (דריי דראמעס) — — — — — — — — — ווילנע — — — 1931
איבער אויסטראליע (רייזע בילדער—יוגנט־אויסגאבע) ווארשע — — — 1937
קאָנטינענטן און אָקעאנען (לידער, פּאָעמעס און באַ־
לאדן) — — — — — — — — — — — — — — — ווארשע — — — 1937
לידער און באלאדן פון די לעצטע דריי־פיר יאָר — — מעקסיקע — — 1940
מיין לעקסיקאָן — יידישע דיכטער, דערציילער און
דראמאטורגן אין פוילן צווישן צוויי וועלט־
מלחמות — — — — — — — — — — — — — מאָנטרעאל — — 1945
67 לירישע, סאטירישע, נאציאָנאלע, סאָציאלע און
פילאָזאָפישע לידער פון די לעצטע פינף־זעקס
יאָר — — — — — — — — — — — — — — בוענאָס איירעס 1946

* * *

בקרוב דערשיינט:

(אין פארלאג פון דוד לערמאן אין בוענאָס איירעס)

מחשבות אויף דער טעמע: פארוואָס זאָל נישט צוזאמענגעשטעלט און קאַנאָניזירט ווערן פאר יידן און פאר דער וועלט א צווייט ספר אזא ווי עס איז דער תנ״ך.

* * *

פון דעם מחברס מאמען:

הינדע בערגנער — אין די לאנגע ווינטער נעכט . . . משפּחה־זכרונות פון א שטעטל אין גאליציע, 1870—1900. ארויסגעגעבן פון די זין: הערץ בערגנער און דעם אויטאָר פון דעם בוך — — — — מאָנטרעאל — — 1946